STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01680

DER SHTILER DON

Mikhail Aleksandrovich Sholokhov

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Julie Dollinger
in honor of Lillian Bennon:
mame, tante, bubbi & mensch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער שטילער דאָן

מיכאיל שאָלאָכאָוו

דער שטילער דאָן

ראָמאַן

פון רוסיש: שלמה שיינבערג

ייִדישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

ווארשע 1936

מיכאיל שאלאכאוו

דער שטילער דאָן

דאס דריטע בוך

פון רוסיש: שלמה שיינבערג

יידישע אוניווערסאל-ביבליאטעק
ווארשע 1936

Printed in Poland

Odbito w drukarni „Grafia". Warszawa

MAY 5 1933

XIX

סטיעפּאַן איז צוגעגאַנגען צו גריגאָריען, זיך אָנגענומען ביים רייט-אייזן און נאָענט צוגעדריקט צו דער שוויסיקער זייט פון זשרעבאָק.

— נו, וואָס מאַכסטו, גריגאָרי?

— גאָט צו דאַנקען.

— וואָס-זשע מיינסטו דיר? האַ?

— וואָס האָב איך צו מיינען?

— האָסט פאַרנאַרט אַ פרעמד ווייב און... באַנוצט דיך מיט איר?

— לאָז אָפּ דאָס רייט-אייזן.

— האָב נישט קיין מורא... איך וועל דיך נישט שלאָגן.

— איך האָב נישט קיין מורא, אָבער לאָז אָפּ! — האָט גרי-גאָרי געזאָגט מיט אַ העכער קול און זיינע באַקנביינער האָבן זיך פאַררייטלט.

— היינט וועל איך מיך מיט דיר נישט שלאָגן, איך וויל נישט... נאָר דו, גרישקאַ, געדענק מיין וואָרט: פריער צי שפּע-טער — איך וועל דיך דערהרגענען.

— „מיר וועלן זען, האָט געזאָגט דער בלינדער".

— געדענק דאָס גוט. דו האָסט מיך באַליידיקט!... דו האָסט קאַסטרירט מיין לעבן, ווי מען טוט דאָס מיט אַ חזיר... דו זעסט, — סטיעפּאַן האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט מיט די שוואַר-צע דלאָניעס אַרויף — איך אַקער, און ווייס אַליין נישט נאָכוואָס. איך אַליין דאַרף דען אַ סך? איך וואָלט גאָרנישט טוענדיק אויך דורכגעווינטערט. אָבער די לאַנגווייליקייט דערהרגעט מיך... האָסט מיך שטאַרק באַליידיקט, גריגאָרי!...

— דו קלאָג דיך נישט פֿאַר מיר. דער זאַטער גלייבט נישט דעם הונגעריקן.

— אַזוי איז דאָס טאַקע, — האָט סטיעפּאַן מסכּים געווען, קוקנדיק פֿון אונטן אַרויף אין גריגאָריעס פּנים אַרײַן, און פֿלוצלינג אַ שמייכל געטון מיט אַ פּשוטן קינדערישן שמייכל. צעדריוולענדיק זײַנע אויגן־ווינקלען אין אַ סך דינינקע קנייטשעלעך. — איך באַדויער בלויז איין זאַך, בחורעץ מײַנער... זייער, זייער באַדויער איך עס... געדענקסט ווי מיר האָבן פֿאַראיאָרן אין דער לעצטער וואָך פֿון קאַרנאַוואַל זיך געשלאָגן?

— ווען איז דאָס געווען?

— דעמאָלט, ווען מען האָט דעם וואָלף דערהרגעט. בחורים מיט באַווייבטע האָבן זיך געשלאָגן. געדענקסט, ווי איך האָב דיך נאָכגעיאָגט? שלאָבעריק ביסטו געווען, אַ גרין זומפּ־שטעקעלע קעגן מיר. איך האָב אויף דיר רחמנות געקריגן, וואָרים ווען איך וואָלט דיר דערלאַנגט דעמאָלט אין ריפּן, וואָלט איך דיך אויף צווייען צעשפּאָלטן? דו ביסט געלאָפֿן שנעל, אָנגעשטרענגט אײַנגעאַנצן: ווען איך וואָלט דיר דעמאָלט דערלאַנגט מיטן רימען איבער דער זייט, — וואָלסטו שוין אַצינד נישט געלעבט אויף דער וועלט.

— האָב נישט קיין עגמת־נפֿש, מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל צו־נויפּטרעפֿן.

סטיעפּאַן האָט זיך אַ רייב געטון מיט דער האַנט איבערן שטערן, ווי אָן עפּעס זיך דערמאַנט.

דער פּריץ, וואָס האָט געפֿירט קרעפּישן ביי דער צוים, האָט אַ געשריי געטון צו גריגאָריען:

— רייר!

סטיעפּאַן האָט זיך נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן מיט דער לינקער האַנט בײַם הייט־אײַזן און געגאַנגען לעבן זשרעבאַק. גריגאָרי האָט געהיטן יעדע באַוועגונג זײַנע. ער האָט פֿונדערהײך געזען סטיע־פּאַנס העלע אַראָפּגעהאָנגענע וואָנסעס, די געדיכטע שטעכעדיקע

האָר פון זיין לאַנג נישט געגאָלטער באָרד. איבער סטיעפּאַנס גאָמ־
בע איז געהאָנגען דאָס לאַקירטע רעמעטל פון זיין היטל, וואָס איז
אין אַ סך ערטער געפּלאַצט געווען. זיין פּנים, גרוי פון שטויב,
מיט קרומע שטרייפן — שפּורן פון אַראָפּגערונענעם שווייס, — האָט
אויסגעזען אומעטיק און אומבאַקאַנט. גריגאָרי האָט געקוקט אויף
אים ווי פון אַ באַרג אַראָפּ אויף אַ ווייטן, פאַרנעפּלטן סטעפּ. אַ
גרויע פאַרמאַטערטקייט און שווערע פּוסטקייט האָבן צוגעגעבן
סטיעפּאַנס פּנים אַן אַש־קאָליר. ער האָט זיך נישט געזעגנט און
איז הינטערשטעליק געבליבן. גריגאָרי איז געריטן פּאַמעלעך.

— וואַרט נאָר, און וואָס מאַכט זי... וואָס מאַכט אַקסיניאַ?

גריגאָרי האָט זיך אָפּגעקלאַפּט מיטן בייטשל אַ שטיקל צו־
געקלעבטע בלאָטע פון שטיוול און געענטפערט:

— גאָרנישט.

ער האָט פאַרהאַלטן דעם זשרעבאַק, זיך אומגעקוקט. סטיע־
פּאַן איז געשטאַנען מיט ברייט־פונאַנדערגעשטעלטע פיס, בייסנדיק
אַ ריטל צווישן די אויסגעשטשירעטע ציין. גריגאָרי האָט איבער
עפּעס דערפילט אַ רחמנות צו אים, נאָר דאָס געפיל פון אייפער־
זוכט האָט דאָס רחמנות־געפיל אַרויסגעשטויסן: ער האָט זיך אויס־
געדרייט אויפן סקריפּענדיקן זאָטל און אויסגעשריגן:

— זי דאַרט נישט צוליב דיר, האָב קיין זאָרג נישט!

— טאַקע?

גריגאָרי האָט אַ שמיץ געטון מיטן בייטשל דעם זשרעבאַק
צווישן די אויערן און אַוועקגעריטן אָן אַן ענטפער.

XX

אויפן זעקסטן חודש, ווען ס'איז שוין נישט מעגלעך געווען
צו פאַרבאָרגן די שוואַנגערשאַפט, האָט אַקסיניאַ זיך מודה געווען
פאַר גריגאָריען. זי האָט פאַרבאָרגן, מורא האָבנדיק, אַז גריגאָרי
וועט נישט גלייבן, אַז זיין קינד טראָגט זי אונטערן האַרץ, איז

געל געוואָרן פון די זאָרגן, וואָס פלעגן זי פון צייט־צו־צייט באַ־פאַלן, האָט מורא געהאַט און אַזוי ווי געוואָרט אויף עפּעס.

שוין אין די ערשטע חדשים האָט זי געאיבלט פון פליישיקע מאכלים, נאָר גריגאָרי האָט דאָס נישט באַמערקט, און ווען ער האָט אפילו יאָ באַמערקט, האָט ער זיך נישט משער געווען און דער זאַך נישט צוגעגעבן קיין שום באַדייטונג.

דער שמועס איז פאָרגעקומען אין אָוונט. אַקסיניאַ האָט אַן אויפגערעגטע אים געזאָגט און גיריק געזוכט אויף גריגאָריעס פּנים אַן ענדערונג, נאָר ער האָט זיך אַוועקגעדרייט צום פענסטער און פאַרדראָסיק אַ הוסט געטון.

— פאַרוואָס־זשע האָסטו ביז אַצינד געשוויגן?

— איך האָב מורא געהאַט, גרישאַ... געמיינט, דו וועסט מיך אַוועקוואַרפן...

פּויקנדיק מיט די פינגער איבערן קאָפּשטיק פון בעט, האָט גריגאָרי געפרעגט:

— אויף ווען ריכסטו דיך?

— אויפן יום־טוב פון דערלייזער, דאַכט זיך...

— פון סטיעפּאַנען?

— פון דיר.

— ווער ווייסט?

— באַרעכן אַליין... דאָס איז פון דעמאָלט, ווען מען איז געפאָרן די קוסטעס אויסהאַקן.

— זאָג נישט קיין ליגנט, קסיושקאַ! ווען עס זאָל אפילו זיין פון סטיעפּאַנען, וואו וועסטו דיך אַצינד אַהינטון? איך פרעג דיך געוויסנהאַפט.

פון אַקסיניעס אויגן זענען גערינען בייזע טרערן. זי איז געזעסן אויף דער באַנק און זיך געשטיקט מיט איר הייס שעפּטשען:

— מיט אים האָב איך געלעבט אַזוי פיל יאָרן — און גאָר־נישט!... גיב אַליין אַ טראַכט!... איך בין דאָך נישט קיין קראַנ־קע געווען... בין איך דאָך מעוברת געוואָרן פון דיר, און דו...

גריגאָרי האָט וועגן דעם שוין מער נישט גערעדט. אין זיין באַציִונג צו אַקסיניען האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אַ נייער פאָדעם פון וואַכזאַמער פרעמדקייט און לייכטן שפּאָטישן מיטגעפיל. אַקסיניאַ האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיך, נישט געבעטן קיין צערטלעכקייט. זי איז אין משך פון זומער מיאוסער געוואָרן, אָבער די שוואַנגערשאַפט האָט כמעט נישט געענדערט איר שלאַנקע פיגור: די אַלגעמיינע פולקייט האָט פאַרשלונגען די קיילעכיקייט פון בויך, און דאָס אָפּגעמאָגערטע פּנים איז אויף אַ נייעם שטייגער באַשיינט געוווען פון די וואַרעם-צעשטראַלטע אויגן. זי האָט לייכט זיך אַן עצה געגעבן מיט דער אַרבעט אין קיך. אין דעם יאָר איז געווען ווינציקער אַרבעטער, איז אויך געווען ווינציקער צו קאָכן.

מיט אַ קאַפּריזער זקנישער ליבשאַפט האָט זיך צוגעבונדן צו אַקסיניען דער זיידע סאַשקאַ. אפשר דערפאַר, וואָס זי האָט זיך באַצויגן צו אים מיט דער זאָרגעוודיקייט פון אַ טאָכטער: געוואַשן זיין וועש, געלאַטעט די העמדער, אונטערגערוקט אַ באַטעמטן ביסן, און דער זיידע סאַשקאַ, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די פערד, האָט איר אַריינגעבראַכט וואַסער אין קיך, צעריבן די קאַרטאָפליעס, וואָס האָבן זיך געקאָכט פאַר די חזירים, מיטגעהאָלפן אין אַלעם און, אונטערטאַנצנדיק, מיט צעשפּרייטע הענט, זיינע נאַקעטע יאַסלעס אַנטפּלעקט.

— דו האָסט אויף מיר רחמנות געהאַט, און איך וועל דיר נישט שולדיק בלייבן! איך בין דיר, אַקסיניושקאַ, גרייט אפילו די נשמה אָוועקצוגעבן. איך בין דאָך אַן ווייבערישער אויפזיכט אומגעקומען! די לייז האָבן דאָך מיך אויפגעפרעסן! דו זאָג מיר, אויב דו דאַרפסט עפּעס.

גריגאָרי, וואָס האָט זיך באַפרייט פון לאַגער דורך דער שתדלנות פון יעוועני ניקאָלאַיעוויטשן, האָט געאַרבעט ביים הייִשניט, געפאָרן מיטן אַלטן פּריץ אין דער סטאַניצע אַריין און די איבעריקע צייט געגאַנגען מיט אים אויף יאַגד נאָך דרויב אָדער געפאָרן מיט די אָנטרייבערס אויף דוזדאַקעס. דאָס לייכטע, זאַטע

לעבן האָט אים קאַליע געמאַכט. ער איז געוואָרן פויל, דיק און אויס־געזעסן עלטער פון זיינע יאָרן. איין זאַך האָט אים באַאומרויקט — די פּאַרשטייענדיקע דינסט. ער האָט נישט געהאַט קיין פערד, קיין אויסשטאַטונג, און אויפן פּאַטער געקאָנט ווייניק אויסשטעלן. דאָס געהאַלט, וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיך און אַקסיניען, האָט גריגאָרי געקאַרגט, זיך אָפּגעזאָגט אפילו פון טיטון, האָפנדיק פאַרן אָנגעזאַמלטן געלט צו קויפן אַ פערד און נישט דאַרפן אָנקומען צום פּאַטער. דער פריץ האָט אים אויך צוגעזאָגט צו העלפן. גרי־גאָריעס השערות, אַז דער פּאַטער וועט גאָרנישט געבן, האָבן זיך בקרוב באַשטעטיקט. סוף יוני איז פּיעטראָ געקומען באַזוכן דעם ברודער און שמועסנדיק דערמאַנט, אַז דער פּאַטער איז נאָך אַלץ בייז ווי פריער און זיך אויסגעדריקט, אַז ער וועט אים נישט קויפן קיין פערד צום מיליטער: זאָל ער, זאָגט ער, גיין אין דער אַרטיקער קאָמאַנדע אַריין.

— נו, דאָס זאָל ער זיך נישט איינרעדן. איך וועל גיין די־נען מיט אַן אייגן — (גריגאָרי האָט אונטערגעשטראָכן דאָסדאָזיקע וואָרט) — פערד.

— וואו וועסטו נעמען? וועסט אויסטאַנצן? — האָט פּיעטראָ, קייענדיק די וואָנסע, אַ שמייכל געטון.

— כ׳וועל נישט אויסטאַנצן, וועל איך אויסבעטן, און אפשר גאָר צוגנבענען.

— ביסט אַ כוואַט!

— פאַרן געהאַלט קויפן, — האָט גריגאָרי שוין ערנסט אויפ־געקלערט.

פּיעטראָ איז געזעסן אַ ביסל אויפן גאַנעק, זיך אויסגעפרעגט וועגן דער אַרבעט, וועגן עסן, וועגן שכירות; אויף אַלעם צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ, געקייעט דאָס אָפּגעביסענע בעזעמל פון דער וואָנסע און, נאָכדעם ווי ער איז אַלץ געוואויר געוואָרן, געזאָגט גריגאָריען צום געזעגענען:

— וואָלסט בעסער אַהיימגעקומען, אויפגעהערט די נאָז צו פאַררייסן. מיינסט וועסט דאָ אַ סך געלט אָנזאַמלען?

— איך יאָג מיך נישט נאָך קיין געלט.

— רעכנסט צו לעבן מיט דיינער ? — האָט פיעטראָ אַריבער־געפירט דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש.

— מיט וועלכער מיינער ?

— מיט דערדאָזיקער ?

— דערווייל יאָ, וואָס איז דען ?

— סתם אַזוי, איך בין נייגיריק צו וויסן.

גריגאָרי איז אים געגאַנגען באַגלייטן. צום סוף געפרעגט :

— וואָס הערט זיך עפּעס אינדערהיים ?

פיעטראָ האָט אָפּגעבונדן דאָס פערד פון גאַנעק און אַ שמייכל געטון :

— דו האָסט אַזוי פיל היימען, ווי אַ האָז פּאַלאַצן. נישקשה, מען לעבט צו ביסלעך. די מאַמע — בענקט נאָך דיר. און היי האָט מען דאָס יאָר אַ סך צונויפגענומען, דריי סטויגן אויפגע־שטעלט.

גריגאָרי האָט אַן אויפגערעגטער באַטראַכט די אַלטע ביי־כיקע קאָבילע, אויף וועלכער פיעטראָ איז געקומען .

— זי האָט זיך נישט געזשרעביעט ?

— ניין, ברודער, זי איז געבליבן אומפרוכטבאַר. די קאָש־טאַנעוואַטע, אויף וועלכער מיר האָבן זיך מיט כריסטאָניען גע־ביטן, האָט זיך געזשרעביעט.

— וואָס האָט זי געהאַט ?

— אַ זשרעבאָק, ברודער. שוין איינמאָל אַ זשרעבאָק — נישט צו באַצאָלן ! הויכע פיס, רעגולערע קאָפּיטעס און ברייט אין דער ברוסט. אַן אויסגעצייכנט פערד וועט דאָס זיין.

גריגאָרי האָט אַ זיפץ געטון.

— איך בענק נאָכן כוטאָר, פיעטראָ. נאָכן דאָן זיך פאַר־בענקט, דאָ ווענסטו קיין שטראָמיק וואַסער נישט זען. אַן איבלדיק אָרט !

— קום אַ ביסל צו פאָרן, — האָט פיעטראָ אַ קרעכץ גע־

טון, זיך אַרויפלייגנדיק מיטן בויך אויפן שאַרפן רוקן פון פערד און פאַרהייבנדיק דעם רעכטן פוס.

— ביי אַ געלעגנהייט.

— נו, זיי געזונט!

— פאָר געזונט!

פיעטראָ איז שוין געהאַט אַרויסגעריטן פון הויף, ווען ער האָט זיך דערמאַנט און אַ געשריי געטון צו גריגאָריען, וואָס איז געשטאַנען אויפן גאַנעק:

— מיט נאַטאַליען... כ'האָב גאָר פאַרגעסן... אַזאַ אומגליק געשען...

דער ווינט האָט זיך געדרייט ווי אַ רויב־פויגל איבערן הויף און נישט דערטראָגן צו גריגאָריען דעם סוף פון דער פראַזע; דער זיידענער שטויב האָט פאַרהילט פיאָטערן מיטן פערד, און גריגאָרי, וואָס האָט נישט דערהערט, האָט אַ פאָכע געטון מיט דער האַנט און אַריינגעגאַנגען אין שטאַל.

דער זומער איז געווען אַ טרוקענער. זעלטן זענען געפאַלן רעגנס, און די תבואה איז פרי צייטיק געוואָרן. מען איז קוים פאַרטיק געוואָרן מיטן קאָרן — איז אונטערגעקומען דער גערשטן, זיך קיילעכיק געגעלט, אַראָפּגעהאָנגען די באַטשופּרינטע זאַנגען־קעפּ. פיר געקומענע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אָנגעדונגען אויפן טאָג, זענען אַרויסגעפאָרן שניידן מיט גריגאָריען.

אַקסיניאַ האָט זיך פרי אָפּגעפּאַרטיקט מיטן קאָכן און גע־בעטן גריגאָריען, ער זאָל זי מיטנעמען.

— וואָלסט בעסער געזעסן אינדערהיים, דאַרפסט עס נייטיק האָבן? — האָט גריגאָרי זי אָפּגערעדט, אָבער אַקסיניאַ האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס איריקע, שנעל אַ כאַפּ געטון אויף זיך עפּעס און אַרויסגעלאָפן פון טויער, נאָכיאָגנדיק דעם וואָגן מיט די אַרבעטער.

דאָס, אויף וועלכן אַקסיניאַ האָט געוואַרט מיט אומרו און פריידיקן אומגעדולד, דאָס, פאַר וועלכן גריגאָרי האָט אינסטינקטיוו

מורא געהאַט — איז געשען ביים שניט. בשעת אַקסיניאַ האָט צונויפגעשאַרט די תּבֿואה, האָט זי דערפילט געוויסע סימנים, אַוועקגעוואָרפן די היי־קאָם און זיך געלייגט אונטער אַ סטויג. די ווייען האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן. מיט דער שוואַרץ־געוואָרענער צונג פאַרביסן צווישן די ציין, איז אַקסיניאַ געלעגן אויפן רוקן. אַרומפאַרנדיק פאַרביי איר אין אַ קרייז, האָבן די אַרבעטער אָנגעטריבן די פערד פון דער שנייד־מאַשין. איינער אַ יונגער, מיט אַן אונטערגעפוילטער נאָז און אַ סך קנייטשן אויפן געלן, ווי פון האָלץ אויסגעשניצטן פנים, האָט פאַרבייפאָרנדיק אַ געשריי געטון צו אַקסיניען:

— העי, דו, ס'איז דיר אפשר צו הייס געוואָרן אין אַ נישט פּאַסיק אָרט? שטיי אויף, וועסט נאָך צעגיין!

גריגאָרי האָט זיך געטוישט ביי דער שנייד־מאַשין און צוגעגאַנגען צו איר:

— וואָס איז דיר?...

אַקסיניאַ האָט אַ קרום געטון די נישט געהאָרכזאַמע ליפּן און הייזעריק געזאָגט:

— ס'האָט מיך אָנגעכאַפּט.

— איך האָב דיר געזאָגט — פאָר נישט, טייוולאָנישע זרע! נו, וואָס וועלן מיר אַצינד טון?

— זי־י־דל נישט, גרישאַ... אָך!... אָך!... גרי־י־שאַ, שפּאַן איין! מען דאַרף אַהיימפאָרן... נו, ווי אַזוי וועל איך דאָ? דאָ זענען דאָך די קאָזאַקן... — האָט אַקסיניאַ אַרויסגעקרעכצט, און די ווייען האָבן זי ווי מיט אַן אייזערנער רייף אַרומגענומען.

גריגאָרי איז אַוועקגעלאָפן נאָכן פערד, וואָס האָט זיך געפּאַשעט אויף דער לאָנקע. איידער ער האָט איינגעשפּאַנט און צוגעפאָרן — איז אַקסיניאַ אַוועקגעקראָכן אין אַ זייט אַריין, זיך געשטעלט אויף אַלע פיר, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין אַ בערגל שטויביקן גערשטן, אויסשפּייענדיק די שטעכיקע זאַנגען, וואָס זי האָט געגריזשעט פון ווייטיק. זי האָט מיט אָנגעשוואָלענע פרעמדע אויגן

פאַרווירט געקוקט אויפן צוליופנדיקן גריגאָריען און מיט אַ קרעכץ זיך איינגעגעסן מיט די ציין אין צונויפגעקנאָדערטן פאַרטוך, די אַרבעטער זאָלן נישט הערן איר אומגעלומפּערט חיהש שרייען.

גריגאָרי האָט זי אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן און אַ טרייב געטון דאָס פערד אין דער ריכטונג פון הויף.

— אוי, טרייב נישט אַזוי!... אוי, דער טויט!... עס טרייַ־ייַסלט! — האָט אַקסיניאַ געשריגן מיט אַ גראָב געוואָרן קול, קייקלענדיק איבערן ברעט פון וואָגן דעם צעשויבערטן קאָפּ.

גריגאָרי האָט שווייגנדיק געשמיסן דאָס פערד מיט דער בייטש, קיילעכיק באַוועגט מיט די לייצן איבערן קאָפּ, זיך נישט אומקוקנדיק צוריק, פונוואַנען עס האָט ווי אַ כוואַליע זיך געטראָגן אַ הייזעריק צעריסן וואָיען.

אַקסיניאַ האָט זיך צונויפגעדריקט די באַקן מיט די הענט, ווילד געבלאָנזשעט מיט די ברייט־צעעפנטע זינלאָזע אויגן, אונטערגעשפרונגען אין וואָגן, וואָס האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער איבערן געבערגלטן נישט אויסגעפאָרענעם וועג. דאָס פערד איז געגאַנגען אין גאַלאָפּ, פאַר גריגאָריעס אויגן איז ריטמיש אונטערגעשפרונגען די דוגע, פאַרשטעלנדיק מיט איר עק דעם בלענדנדיק־ווייסן, ווי קרישטאָל־ריינעם, וואָלקן, וואָס איז געהאָנגען אין הימל. אַקסיניאַ האָט אויף אַ מינוט איבערגעריסן איר הויך וואָיען, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין אַ קוויטש. די רעדער האָבן געקנאַקט, אין הינטערשטן טייל פון וואָגן האָט אָן ברעט טויב זיך געקלאַפּט אַקסיניעס מאַכטלאָזער קאָפּ. גריגאָרי האָט נישט באַלד אויפגענומען די שטילקייט, וואָס איז אַריינגעטרעטן; ווען ער האָט זיך משער געווען, האָט ער זיך אומגעקוקט: אַקסיניאַ איז געלעגן מיט אַ צעקרימט, פאַרשענדט פנים, פעסט צוגעדריקט מיט דער באַק צום זייטיקן ברעט פון וואָגן און געגענעצט ווי אַ פיש, וואָס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויפן ברעג. אַ שווייס איז געדיכט געריגען פון איר שטערן אין די טיפע אויגנלעכער אַריין.

גריגאָרי האָט איר אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און אונטערגעלייגט זיין צעקנייטשט היטל. קוקנדיק זייטיק מיט די אויגן, האָט אַקסיניאַ אַנטשלאָסן געזאָגט:

— איך שטאַרב, גרישאַ. נו... און אַ סוף צו אַלעם.

גריגאָרי האָט אַ ציטער געטון. אַ קעלט האָט אים פּלוצלינג דורכגענומען ביז די פינגער פון זיינע פאַרשוויצטע פיס. ער האָט, אַ דערשיטערטער, געזוכט ווערטער פון אויפהייטערונג, צערטלעכקייט, און נישט געפונען; פון זיינע קראַמפּהאַפט צעקרימטע ליפּן האָט זיך אָפּגעריסן:

— זאָגסט ליגנט, בהמה!... — ער האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ, זיך אָנגעבויגן, ווי איבערגעבראָכן אין צווייען, און צונויפגעדריקט אַקסיניעס אומגעלומפּערט פאַרבויגענעם פיס. — אַקסיוטקאַ, טייבעלע מיינס!...

די ווייען, וואָס האָבן אויף אַ מינוט נאָכגעלאָזט אַקסיניען, האָבן אַ נעם געטון מיט צענפאַכיקער שטאַרקייט. פילנדיק, ווי אין נידעריק אַראָפּגעלאָזטן בויך רייסט זיך עפּעס, האָט אַקסיניאַ זיך אויסגעבויגן ווי אַ דוגע און דורכגעדרונגען גריגאָריען מיט אַן אומגעהייער שרעקלעך אָנוואַקסנדיק שרייען. גריגאָרי האָט ווי אַ משוגענער געטריבן דאָס פערד.

אין געקלאַפּעריי פון די רעדער האָט ער קוים דערהערט דאָס אויסגעצויגן־דינע רופן:

— גרי־י־שאַ!

ער האָט פאַרצויגן די לייצן און אויסגעדרייט דעם קאָפּ: אַקסיניאַ איז געלעגן מיט צעוואָרפענע הענט, אָפּגייענדיק אין בלוט; צווישן אירע פיס, אונטערן קלייד, האָט אין אַ רויט־ווייסער ראָשטשינע זיך באַוועגט עפּעס לעבעדיקס, פּישטשענדיקס... דער צעטומלטער גריגאָרי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און מיט וואַקלענדיקע טריט, ווי אַ געפּענטעטער, צוגעלאָפן צו זיין הינטערשטן טייל. זיך איינקוקנדיק אין אַקסיניעס הייס־פּישטשענדיק מויל, האָט ער גיכער זיך משער געווען, ווי פאַרשטאַנען.

— דאָס נע־פע־לע בייס אי־בער... פאַר־בינד מיט אַ פאָ־דעם... פון העמד...

גריגראָדי האָט מיט טרייסלענדיקע פינגער אַרויסגעריסן פון אַרבל פון זיין ביינוולנעם העמד עטלעכע פעדעם, פאַרזשמורעט די אויגן ביז ווייטיק, איבערגעביסן דאָס נעפּעלע און פלייסיק אַרומגעבונדן דעם בלוטנדיקן אויסוואוקס מיט די פעדעם.

XXI

ליסטניצקיס גוט יאַגאָדנאָיע איז געזעסן אין רחבותדיקן טאָל, ווי צוגעוואַקסן. דער ווינט האָט זיך געביטן, געבלאָזן אַמאָל פון דרום, אַמאָל פון צפון; דאָס גלעלעכל פון דער זון האָט זיך געבאָמבלט אין בלאָס־בלויען הימל; דער האַרבסט האָט אָנגעטרעטן דעם זומער אויפן קלייד און געשאַרכט מיט זיין בלעטער־פאַל; דער ווינטער האָט זיך אָנגערוקט מיט זיינע שנייען און פרעסט, און יאַגאָדאָיע איז אַלץ געלעגן אין אומעטיקער פאַרשטאַרטקייט, און די טעג, אַריבערקריכנדיק די הויכע פאַרקנס, וואָס האָבן אָפּגעטיילט דאָס גוט פון דער איבעריקער וועלט, האָבן זיך געצויגן — ענלעכע, ווי צווילינגס.

איבערן הויף האָבן, ווי פריער, זיך אַרומגעדרייט די שוואַרצע קאַטשקעס־קוואָקערינס מיט די רויטע רעמלעך, ווי ברילן, אַרום די אויגן, די טערקישע הינער האָבן זיך צעשאָטן ווי אַ פערלדיקער רעגן, אויפן דאַך פון דער שטאַל האָבן מיט אַ ברוסטיק, קעציש קול געמיאַוקעט די בונטפאַרביק באַפעדערטע פאַוועס. דער אַלטער גענעראַל האָט ליב געהאַט אַלערליי עופות, ער האָט אפילו געהאַלטן אַן אונטערגעשאָסענעם בושעל, וואָס פלעגט אין נאָוועמבער רירן די סטרונעס פון מענטשלעכן האַרץ מיט זיין קוּ־פּעראַרטיק פאַרבענקט שרייען, ווען ער פלעגט דערהערן דעם ווייטן רוף פון די פרייע בושעלס, וואָס האָבן זיך געגרייט צום אַוועקפליען. אָבער ער אַליין האָט נישט געקאָנט פליען, טויט איז

אַראָפּגעהאָנגען זיין אין געלענק דורכגעשאָסענער פלי־גל, און קוקנ־דיק דורכן פענסטער, ווי דער בושעל בייגט אָן דעם קאָפּ, שפּרינגט אונטער, רייסט זיך פון דער ערד, — האָט דער גענעראַל געלאַכט מיט אַ ברייט, אויפגעריסן מויל אונטער די גרויע אַראָפּגעהאָנגע־נע וואָנסעס, און זיין באַסאַרטיק לאַכן האָט זיך געוויגט און געשוואומען אין לערן ווייסן זאַל אין וואָלקן פון טיטון־רויך.

וועניאַמין האָט, ווי פריער, הויך געטראָגן זיין פּליושענעם קאָפּ, געציטערט מיט די גאַלאַרעטע־לידקעס און גאַנצע טעג מיט זיך אַליין ביז דול ווערן געשפּילט אין קאָרטן אויפן קופּערט אין פּאַרהויז. אויך טיכאָן האָט נאָך אַלץ געאייפערט זיין געשטופּלטע געליבטע צו סאַשען, צו די אַרבעטער, צו גריגאָריען, צום פּריץ און אפילו צום בושעל, וועלכן לוקעריאַ האָט מזכה געווען מיטן רייכן איבערפלוס פון איר אַלמנישער צערטלעכקייט. דער זיידע סאַשקאַ האָט פון צייט־צו־צייט זיך אָנגעשיכורט און געגאַנגען אויס־בעטן צענער־קאָפּיקעס ביים פּריץ אונטערן פענסטער.

אין משך פון דער גאַנצער צייט זענען פאָרגעקומען בלויז צוויי געשעענישן, וואָס האָבן אַ ביסל אויפגערודערט דאָס שלעפּע־ריק־פאַרשימלטע לעבן: אַקסיניעס קינפּעט און דאָס פאַרפאַלן ווערן פון אַ ראַסאָווון גאָנער. צום מיידעלע, וואָס אַקסיניאַ האָט געבוירן, האָט מען זיך שנעל צוגעוואוינט, און פון גאָנער האָט מען געפונ־נען נאָך דער לעוואַדע פאַרבלוטיקטע פעדערן (דאָס האָט אַפּנים אַ פוקס אָנגעטון דעם שאָדן) — און זיך באַרויקט.

אויפוואַכנדיק אינדערפרי, פלעגט דער פּריץ אַריינרופן וועני־יאַמינען.

— האָסט עפּעס געהאַט אַ חלום?

— אוודאי, אַזאַ וואונדערלעכן חלום.

— דערצייל, — האָט דער פּריץ קורץ באַפוילן, פאַרדרייענ־דיק אַ פּאַפּיראָס.

און וועניאַמין האָט דערציילט. אויב דער חלום איז געווען

3,7

אַ נישט אינטערעסאַנטער אָדער שרעקלעכער, האָט דער פּריץ זיך געבייזערט.

איז וועניאַמין געפאַלן אויפן שכל אויסצוטראַכטן פרייליכע און אינטערעסאַנטע חלומות. דאָס איז אָבער געווען אַ לאַסט פאַר אים: מען האָט געמוזט זיך ברעכן דעם קאָפּ, און אָט האָט ער תמיד מיט עטלעכע טעג פריִער אָנגעהויבן אויסצוטראַכטן חלומות, זיצנדיק אויפן קופערט און וואַרפנדיק איבערן טעפּיכל די קאָרטן, אָנגעשוואָלענע און פעטע, ווי די באַקן פונם שפּילער. ער האָט טעמפּ אָנגעשטעלט די אויגן אויף איין פּינטל, געטראַכט, געטראַכט און דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט באמת שוין אויפגעהערט צו האָבן חלומות. ער האָט אויפגעוואַכט, זיך אָנגעשטרענגט צו דער־מאַנען, נאָר הינטער אים איז געווען אַ שוואַרצקייט — גלאַט, ווי אָפּגעטעסעט, און שוואַרץ, גאָרנישט ענלעך צו קיין חלום — ער האָט קיין איין פּנים נישט געזען.

וועניאַמין איז נ׳יד געוואָרן אויסצוטראַכטן, און דער פּריץ האָט זיך געבייזערט, פאָרוואַרפנדיק דעם דערציילער, אַז ער חזרט זיך איבער.

— דו, מנוול איינער, האָסט מיר שוין דעם חלום וועגן פערד דאָנערשטיק דערציילט. וואָס־זשע מיינסטו עס, דער טייוול זאָל דיך נעמען?...

— איך האָב נאָכאַמאָל דעם זעלבן חלום געזען, ניקאָלאַי אַלעקסעיעוויטש! ווי גאָט איז אמת, נאָכאַמאָל דעם זעלבן חלום — האָט וועניאַמין זיך נישט פאַרלוירן.

אין דעצעמבער האָט מען גריגאָריען אַרויסגערופן מיטן די־זשורנע פון דער סטאַניצע קיין וויעשענסק, אין דער פאַרוואַלטונג אַריין פון דער סטאַניצע. ער האָט באַקומען הונדערט רובל אויף אַ פערד און אַ מיטטיילונג, אַז צומאָרגנס נאָך ווייַנאַכט דאַרף ער אַרויספאָרן אין דאָרף מאַנקאָוואָ צום זאַמלפּונקט.

גריגאָרי האָט זיך אומגעקערט פון דער סטאַניצע אַ צערו־דערטער: עס האָט זיך דערנעענטערט ווייַנאַכט, און ער האָט זיך

נאָך גאָרנישט געהאַט צוגעדרייט. פאַרן געלט, וואָס ער האָט באַ־קומען פון דער מלוכה, און פאַר דעם, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט, האָט ער געקויפט אין אַבריוסקער כוטאָר אַ פערד פאַר הונדערט און פערציק רובל. קויפן איז ער געגאַנגען מיטן זיידן סאַשקאַ, זיי האָבן אויסגעדונגען אַ פאַסיק פערד: אַ זעקס־יעריקס, אַ ברוינס, מיט אַ שיפן זאַד: עס האָט געהאַט איין פאַרבאָרגענעם פעלער. דער זיידע סאַשקאַ האָט געזאָגט, זיך קרייזלענדיק די באָרד:

— ביליקער וועסטו נישט קריגן, און די אָנפירערשאַפט וועט נישט דערקענען. זיי האָבן צו ווייניק חוש פאַר דעם.

פון דעמאָלט אָן איז גריגאָרי געריטן אויף זיין געקויפט פערד, ער האָט אויסגעפרווווט דעם טריט און ווי אַזוי עס גייט אין גאַלאָפּ. אָבער אַ וואָך פאַר ווייַנאַכט איז קיין יאַגאָדנאָיע גע־קומען פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אַליין. ער איז נישט אַריינגע־פאָרן מיט שליטן אין הויף, אָנגעבונדן די קאָבילע ביים פּאַרקן און אוועקגעהינקט צו די צימערן פון דער דינערשאַפט, אָפּרייסנ־דיק די צעפּלעך אייז פון דער באָרד, וואָס איז געלעגן אויפן קאָלנער פון זיין טולופּ, ווי אויסגעהאַקט פון שוואַרצן קרעמיען־שטיין. גריגאָרי האָט זיך פאַרלוירן, דערקענענדיק דעם פאָטער דורכן פענסטער.

— אָט האָסטו דיר!... דער טאַטע!...

אַקסיניאַ איז איבער עפּעס צוגעלאָפן צום וויגל, טוליענדיק דאָס קינד.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז אַריינגעקומען אין שטוב, אָנ־לאָזנדיק אַ קעלט, אַראָפּגענומען דעם הוט און זיך איבערגעצלמט קעגן דער איקאָנע, אַרומנעמענדיק די ווענט מיט אַ פּאַמעלעכן בליק.

— וואָס מאַכט איר?

— גוט מאָרגן, טאַטע, — האָט גריגאָרי זיך אָנגערופן אויף דער באַגריסונג, אויפגעשטאַנען פון דער באַנק, געמאַכט אַ טריט און שטיין געבליבן אינמיטן צימער.

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט דערלאַנגט גריגאָריען אַ געפּרוּווירענע האַנט, זיך געזעצט אויפן ברעג פון דער באַנק, פאַר־שאַרצנדיק דעם טולופּ און אויסמיידנדיק מיטן בליק אַקסיניען, וואָס איז שטיין געבליבן אַ פאַרשטאַרטע ביים וויגל.

— גרייטסט דיך צו גיין דינען?

— אוודאי.

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז פאַרשוויגן געוואָרן, קוקנדיק לאַנג און אויספאָרשנדיק אויף גריגאָריען.

— טו דיך אויס, טאַטע, ביסט דאָך געפרוירן געוואָרן.

— ס'שאַדט נישט. איך וועל אויסהאַלטן.

— מיר וועלן דעם סאַמאָוואַר אויפשטעלן.

— אַ דאַנק. — און אָפּקראַצנדיק מיטן נאָגל אַ פאַרטרוקנט שטיקל בלאָטע פון טולופּ, האָט ער געזאָגט: — איך האָב דיר דאָרט געבראַכט אַן אויסשטאַטונג: צוויי שינעלן, אַ זאָטל, שאַ־ראַוואַרן. גיי, נעם... האָסט דאָרט אַלץ.

גריגאָרי איז אַרויסגעגאַנגען אָן היטל און אַראָפּגענומען פון שליטן צוויי זעק.

— ווען־זשע דאַרפסטו פאָרן? — איז פאַנטעלעי פּראָקאָפּיע־וויטש נייגיריק געוואָרן, אויפשטייענדיק פון דער באַנק.

— צומאָרגנס נאָך ווייַנאַכט. וואָס־זשע, טאַטע, פאָרסט שוין?

— איך אייל מיך אַהיים.

ער האָט זיך געזעגנט מיט גריגאָריען, און ווידער אויס־מיידנדיק מיטן בליק אַקסיניען, צוגעגאַנגען צו דער טיר. ער האָט שוין געהאַלטן די קליאַמקע אין דער האַנט, ווען ער האָט אַ בלאָנ־זשע געטון מיט די אויגן איבערן וויגל און געזאָגט:

— די מאַמע האָט געהייסן גריסן, זי ליידט אויף די פיס, — און שווייגנדיק אַ ווייַלע, האָט ער אָנגעשטרענגט צוגעגעבן, ווי אויפהייבנדיק אַ משא: — איך וועל מיטפאָרן, דיך באַגלייטן ביז מאַנקאָוואָ. גרייט דיך צו.

Yiddish 3354S

ער איז אַרויסגעגאַנגען, אַריינרוקנדיק די הענט אין די וואַרעמע וואָלענע הענטשקעס. אַקסיניאַ האָט געשוויגן, אַ בלייכע פון דער איבערגעלעבטער באַליידיקונג. גריגאָרי האָט זיך געדרייט, וואַרפנדיק זייטיקע בליקן אויף איר און באַמיענדיק זיך אַרויפצוטרעטן אויפן סקריפּענדיקן ברעט פון דיל.

דעם ערשטן טאָג פון ווייַנאַכט איז גריגאָרי געפאָרן מיט ליסטניצקין קיין ווישענסק.

דער פּריץ האָט אויסגעהערט די מיטאָג-תּפילה, געגעסן פרישטיק ביי זיין שוועסטערן-טאָכטער — דער גוטבאַזיצערין — און געהייסן איינשפּאַנען.

גריגאָרי, וואָס האָט נישט באַוויזן אויפצועסן די שיסל פּעטן באָרשטש מיט חזיר-פלייש, איז אויפגעשטאַנען און אַריינגעגאַנגען אין פערד-שטאַל. אין ליכטן שטאָטישן שליטן איז געגאַנגען דער גרויער, געפלעקטער, אָרלאָווער לויפער ש י ב י.

גריגאָרי האָט אים אָנגענומען ביי דער צוים, אַרויסגעפירט פון שטאַל און איילִיק איינגעשפּאַנט.

דער ווינט האָט געדרייט מיט האַרטע, שטעכיקע שניי-קערנער, איבערן הויף האָט צישענדיק און נידעריק זיך געטראָגן אַ זילבערדיקער שניי-געווירבל. אויף יענער זייט פּאַליסאַדע זענען די ביימער באַהאָנגען געווען מיט צאַרטן געפרענזלטן טוי-געפריר. דער ווינט האָט אים אַראָפּגעווייעט, און ער האָט פאַלנדיק און צעשיטנדיק זיך געלויכטן אויף דער זון מיט רעגנבויגנדיקע, לעגענדאַר-רייכע האַרמאָנישע פאַרבן. אויפן דאַך פון הויז, לעבן פאַררויכערטן קוימען, פון וועלכן עס האָט קרום געשטראָמט דער רויך, האָבן געפּיפּסט קאַווקעס. זיי זענען אַראָפּגעפלויגן, דערשראָקענע דורכן סקריפּען פון די טריט, זיך אַ דריי געטון איבערן רויך ווי בלויע טיכלעך און אַוועקגעפלויגן אויף דרום, צו דער צערקווע, דייטלעך זיך אָפּשלאָגנדיק אויפן פיאָלעטן פרימאָרגנדיקן הימל.

— זאָג, אַז ס׳איז שוין איינגעשפּאַנט! — האָט גריגאָרי אַ געשריי געטון צום הויף-מיידל, וואָס איז אַרויסגעלאָפן אויפן גאַנעק.

דער פריץ איז אַרויסגעקומען, פאַרזינקענדיק די וואָנסעס אין שאָפּ־פעלץ. גריגאָרי האָט אים אַרומגעהילט די פיס און פאַרהאָנגען מיט דער וועלפישער דעק, וואָס איז באַנייט געווען מיט סאַמעט.

— מעגסט אים אָ טרייב טון. — דער פריץ האָט אָנגעוויזן מיט די אויגן אויפן לויפער.

אויסגעבויגן אַהינטער אויפן געזעס, פילנדיק אין די אָנגעשפּאַנטע הענט דאָס שטייפע ציטערן פון די לייצן, האָט גריגאָרי אומרויִק געוואָרפן זייטיקע בליקן איבערן אויסגעהאַקטן וועג; ער האָט געדענקט, ווי דער פריץ האָט אים, פאַרנדיק אַהער, פאַר אַ נישט באַקוועמען שטויס דערלאַנגט מיט דער פעסטער גאָרנישט־זקנישער פויסט איבערן נאַקן. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער בריק, און דאָ, איבערן דאָן, האָט גריגאָרי נאָכגעלאָזט די לייצן, צערייבנדיק זיך מיט דער הענטשקע די באַקן, וואָס זענען אָפּגעשמיסן געוואָרן פון סמאַליענדיקן ווינט.

קיין יאַגאָדנאָיע זענען זיי אָנגעקומען אין משך פון צוויי שעה. דער פריץ האָט דעם גאַנצן וועג געשוויגן. פון צייט־צו־צייט אָנגעקלאַפּט מיטן פאַרבויגענעם פינגער אָן גריגאָריעס רוקן: „פאַרהאַלט" און זיך געמאַכט אַ פּאַפּיראָס, אויסגעדרייט מיטן רוקן צום ווינט.

ווען זיי זענען שוין אַראָפּגעפאָרן פון באַרג צום גוט, האָט ער געפרעגט:

— מאָרגן אינדערפרי?

גריגאָרי האָט זיך זייטיק אָנגעדרייט, מיט אָנשטרענגונג אויפגעריסן די פאַרפרוירענע ליפּן.

— אינדעלפרי, — איז ביי אים אַרויסגעקומען אָנשטאָט „אינדערפרי". די פון קעלט האַרט געוואָרענע צונג איז געווען ווי געוואָרן; זיך קלאַמערנדיק אָן דער פאָדקאָווע פון די ציין, האָט זי אַרויסגערעדט נישט דייטלעך.

— דאָס געלט האָסטו אינגאַנצן געקריגן?

— יאָ.

— וועגן ווייב באַאומרויִק דיך נישט, זי וועט זיך אויפהאַלטן. דין רעכטספאַרטיק. דיין זיידע איז געווען אַ כוואַט אַ קאָזאַק. זע־זשע, אַז אויך דו, — דעם פריצס קול האָט געוּומען קלינגען דומ־פיק (ליסטניצקי האָט באַהאַלטן פאַרן ווינט דאָס פּנים אין קאָלנער אַריין), — זע־זשע, אַז אויך דו זאָלסט דיך האַלטן ווירדיק פאַר דיין זיידן און טאַטן. דאָס האָט דאָך דיין טאַטע געקריגן אויף דער קייסערלעכער רעווי אין טויזנט אַכטהונדערט דרייאונאַכציקסטן יאָר די ערשטע אויסצייכענונג פאַר דזשיגיטירן ?

— יאָ : דער טאַטע.

— נו, מילא, — האָט דער פריץ שטרענג פאַרענדיקט, ווי דראָענדיק, און אינגאַנצן באַהאַלטן דאָס פּנים אין פוטער אַריין.

גריגאָרי האָט פון דער האַנט איבערגעגעבן דאָס פערד דעם זיידן סאַשקאַ און אַריינגעגאַנגען אין הויז פון דער די־נערשאַפט.

— דיין טאַטע איז געקומען ! — האָט אים יענער נאָכגעש־שריגן, אַרויפוואַרפנדיק אויפן פערד די דערע.

פאַנטעלעי פּראָקאָפיעוויטש איז געזעסן ביים טיש און פאַר־ענדיקט די גאַלאַרעטע. „אונטערן גלעזל", — האָט גריגאָרי באַ־שטימט, וואַרפנדיק אַ בליק אויפן פאָטערס מילד־געוואָרענעם פּנים.

— ביסט געקומען, מיליטערמאַן ?

— איך בין אינגאַנצן געפרוירן געוואָרן, — האָט גריגאָרי געענטפערט, צעקלאַפנדיק זיך די הענט, און — צו אַקסיניען : — בינד אויף דעם באַשליק, די הענט זענען מיר פאַרשטייפט.

— דו האָסט אָנגעטראָפן אויפן שטאַרקסטן ווינט, — האָט דער פאָטער געברומט, קייענדיק און באַוועגנדיק מיט די אויערן און מיט דער באָרד.

דאָס איצטיקע מאָל איז ער געווען אַ סך ליבלעכער, און אַקסיניען באַפוילן קורץ און באַלעבאַטישמעסיק.

— שנייד מיר אָפּ נאָך ברויט, קאַרג נישט.

אויפשטייענדיק פון טיש און אַוועקגייענדיק צו דער טיר ריי־כערן, האָט ער אַזוי ווי נישט בכיוון אַ צוויי מאָל אַ וויג געטון דאָס וויגל, אַריבערגעבויגן די באָרד איבער דער קאָלדערקע און גע־פרעגט:

— אַ קאָזאַק?

— אַ מיידל, — האָט אַקסיניאַ זיך אָנגערופן פאַר גריגאָריען, און באַמערקנדיק דעם אומצופרידענעם אויסדרוק, וואָס האָט דורכ־געשוועבט איבערן אַלטנס פּנים און שטעקן געבליבן אין זיין באָרד, האָט זי אייליק צוגעגעבן: — אינגאַנצן געראָטן אין גריגאָריען, ווי מ׳וואָלט פון אים אַ בילד געמאָלן.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זאַכלעך באַטראַכט דאָס שוואַרצלעכע קעפּל, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרט פון הויפן שמאַטעס, און נישט אָן שטאָלץ באַשטעטיקט:

— אונזער בלוט... עך־הם... געזען אַזוינס!...

— אויף וואָס ביסטו געקומען, טאַטע? — האָט גריגאָרי גע־פרעגט.

— אויפן שליטן, מיט דער קאָבילע און פּיאָטערס פערד.

— וואָלסט געקומען מיט איינעם, וואָלט מען מיינס צוגע־שפּאַנט.

— צוואָס, זאָל עס גיין ליידיק. דאָס פערד איז אַ גוטס.

— האָסט עס געזען?

— כ׳האָב אַ בליק געטון.

זיי האָבן גערעדט וועגן פאַרשידענע נישט וויכטיקע זאַכן, באַאומרויקטע בלויז וועגן איינס. אַקסיניאַ האָט זיך נישט אַריינ־געמישט אין שמועס, געזעסן אויפן בעט, ווי אַן אָפּגעצוואָגענע. די האַרט אָנגעקוואָלענע בריסטן האָבן צעשפּאַרט די העקעלעך פון איר קאָפטן. זי איז אַ סך דיקער געוואָרן נאָך דער קינפּעט, באַ־קומען אַ גליקלעך־זיכערן נייעם שטעל.

מען האָט זיך געלייגט שלאָפן שפּעט. אַקסיניאַ האָט זיך צו־געדריקט צו גריגאָריען און נאַס געמאַכט זיין העמד מיט די טרערן

און דער מילך, וואָס איז אָפּגערונען פון אירע נישט אויסגעזייגטע בריסטן.

— איך וועל שטאַרבן פון בענקשאַפט... ווי אַזוי וועל איך דאָ בלייבן אַליין?

— זאָרג נישט, — האָט אויך אַזוי שעפּטשענדיק זיך אָנגערופן גריגאָרי.

— די נעכט זענען לאַנגע... דאָס קינד שלאָפט נישט... איך וועל אויסגיין אָן דיר... גיב נאָר אַ טראַכט, גרישאַ, — פיר יאָר!

— ווי מען דערציילט, האָט מען אַמאָליקע צייטן געדינט פינפאונצוואָנציק.

— וואָס טויגן מיר די אַמאָליקע צייטן...

— נו, גענוג שוין!

— פאַרשאָלטן זאָל זי זיין, די דינסט דיינע, די צעשיידערין!

— איך וועל קומען אויף אורלויב.

— אויף אורלויב, — האָט אַקסיניאַ אַרויסגעקרעכצט, ווי אין עכאָ, שלוכצנדיק און שנייצנדיק די נאָז מיטן העמד, — איידער דו וועסט קומען — וועט אַ סך וואַסער אין דאָן אָפּפליסן...

— וואָיע נישט... דו ביסט ווי דער רעגן אין האַרבסט, ווי־דער אַמאָל דאָס אייגענע און אָבער אַמאָל דאָס אייגענע.

— מען וואָלט דיך געדאַרפט אין מיין הויט אַריינזעצן!

גריגאָרי איז איינגעשלאָפן פאַרטאָג. אַקסיניאַ האָט אָנגעזייגט דאָס קינד, זיך אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן, מיט שטאַרע אויגן זיך איינגעקוקט אין די מאַטע זיך שוואַרצנדיקע שטריכן פון גריגאָריעס פנים און אַזויאַרום זיך געזעגנט מיט אים. זי האָט זיך דערמאַנט אָן יענער נאַכט, ווען זי האָט אים אין איר כאַטע אַנגערעדט צו גיין קיין קובאַן; דעמאָלט איז אויך אַזוי געווען, נאָר די לבנה האָט געשיינט און דער הויף הינטערן פענסטער האָט זיך געבלייכט, פאַרטרונקען אין לבנה־ליכט.

עס איז געווען דאָס זעלבע, נאָר גריגאָרי איז אַצינד אי דער אייגענער, אי עפּעס אַן אַנדערער. עס האָט זיך אויסגעלייגט

הינטערן רוקן אַ לאַנגער, דורך די טעג אויסגעטרעטענער שטעג.

גריגאָרי האָט זיך איבערגעדרייט אויף אַ זייט, דײַטלעך אַרויסגערעדט:

— אין אָלשאַנער כוטאָר... — און פאַרשוויגן געוואָרן.

אַקסיניאַ האָט געפּרוּווט איינשלאָפן, נאָר די געדאַנקען האָבן צעווייעט דעם שלאָף, ווי דער ווינט אַ סטויג היי. זי האָט ביז אינדערפרי זיך אַריינגעטראַכט אין דער אומקלאָרער פּראָזע, געזוכט אַ באַשייד פאַר איר... פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אויפגעוואַכט, ווי נאָר דאָס ערשטע מאָרגן-ליכט האָט זיך גענומען שוימען אויף די פאַרפרוירענע פענסטער.

— גריגאָרי, שטיי אויף, עס טאָגט!

אַקסיניאַ האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די קני, אָנגעטון דאָס קלייד; זיפצנדיק, לאַנג געזוכט די שוועבעלעך.

איידער מען האָט אָפּגעגעסן פרישטיק און זיך איינגעפּאַקט — איז ליכטיק געוואָרן. דאָס מאָרגן-ליכט האָט זיך געמיניעט אין בלויע שאַטירונגען. דער שפּיציקער פּאַרקן האָט זיך געצייכנט שאַרף, ווי איינגעקריצט אין שניי, און דער שוואַרצער דאַך פון דער פערד-שטאַל האָט פאַרשטעלט מיט זיך די צאַרטע, בעז-בלויע פאַרנעפּלטקייט פון הימל.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז געגאַנגען איינשפּאַנען. גרי-גאָרי האָט אָפּגעריסן פון זיך אַקסיניען, וואָס האָט אים ווילד און ליידנשאַפטלעך געקושט, און געגאַנגען זיך געזעגענען מיטן זיידן סאַשקאַ און מיט די איבעריקע.

אַרומהילנדיק דאָס קינד, איז אַקסיניאַ אַרויסגעגאַנגען אים באַגלייטן.

גריגאָרי האָט באַרירט מיט די ליפּן דעם קינדס פייכטע שטערנדל און צוגעגאַנגען צום פערד.

— זעץ דיך אַריין אין שליטן! — האָט דער פאָטער אַ גע-שריי געטון, רירנדיק די פערד.

— ניין, איך וועל פאָרן רייטנדיק.

גריגאָרי האָט מיט אויסגערעכנטער געלאַסנקייט פאַרצויגן די זאָטל־רימענס, זיך אויפגעזעצט אויפן פערד און צענומען די לייצן. אַקסיניאַ, זיך אָנהאַלטנדיק מיט די פינגער אָן זיין פוס, האָט כסדר איבערגעחזרט:

— גרישאַ, וואַרט נאָר צו אַ רגע... איך האָב דיר געוואָלט עפעס זאָגן... — און דערמאַנענדיק זיך, האָט זי פאַרקרימט דאָס פנים, אַ פאַרלוירענע, אַ ציטערנדיקע.

— נו, זיי געזונט! גיב אַכטונג אויפן קינד... איך וועל שוין פאָרן, זעסט וואו דער טאַטע איז שוין...

— וואַרט נאָך אַ רגע, טייערינקער!... — אַקסיניאַ האָט מיט דער לינקער האַנט זיך אָנגעכאַפּט אָן קאַלטן רייט־אייזן, מיט דער רעכטער צוגעדריקט דאָס איינגעוויקלטע קינד אין דער פּאָלע און געקוקט, גאָרנישט געקאָנט זיך זאַט אָנקוקן, און נישט געהאַט קיין פרייע האַנט זיך אָפּצווישן די טרערן, וואָס זענען גערונען פון אירע ברייט־צעעפנטע שטאַרע אויגן.

אויפן גאַנעק איז אַרויסגעקומען וועניאַמין.

— גריגאָרי, דער פריץ רופט.

גריגאָרי האָט אים אויסגעזידלט, אַ פּאַכע געטון מיטן ראַפּ־ניק און שנעל אַרויסגעריטן פון הויף. אַקסיניאַ איז אים נאָכגע־לאָפן, בלייבנדיק שטעקן אין די קופּעס שניי, מיט וועלכע דער הויף איז פאַרווייעט געווען, און אומגעשיקט הייבנדיק די פיס, וואָס זענען געווען אָנגעטון אין וואוילאָקעס.

גריגאָרי האָט דעריאָגט דעם פאָטער אויפן בערגל. ער האָט זיך געשטאַרקט און אומגעקוקט. אַקסיניאַ איז געשטאַנען ביים טויער, צודריקנדיק צו דער ברוסט דאָס קינד, וואָס איז איינגע־וויקלט געווען אין דער פּאָלע, דער ווינט האָט געריסן און געפלאַ־טערט איבער אירע אַקסלען מיט די שפּיצן פון איר רויט וואָלן טוך.

גריגאָרי איז צוגעריטן צום שליטן. זיי זענען געפאָרן פאַ־מעלעך. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו די פערד און געפרעגט:

— הייסט עס, דו טראַכסט טאַקע נישט צו לעבן מיטן ווייב?

— אַן אַלטע מעשה... שוין גענוג גערעדט וועגן דעם...

— טראַכסטו טאַקע נישט, הייסט עס?... האָסט גאָרנישט געהערט, זי האָט זיך געוואָלט דאָס לעבן נעמען?

— געהערט.

— פון וועמען?

— איך בין געפאָרן מיטן פריץ אין דער סטאַניצע אַריין, מענטשן פון כוטאָר געזען.

— און פאַר גאָט האָסטו גאָר קיין מורא נישט?

— וואָס־זשע, טאַטע, איך מיין אינדעראמתן... וואָס אויס די אויגן, דאָס אויסן האַרץ.

— דו פאַררעד מיר נישט די ציין מיט דיינע טייוולאָנישע שטיק! איר רעד מיט דיר מיט גוטן, — איז פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש בייז געוואָרן.

— איך האָב דאָך אַ קינד, וואָס איז דאָ צו רעדן? אַצינד וועסטו מיך שוין נישט צוקלעבן.

— זע, צי דו האָדעוועסט נישט אַמאָל אַ פרעמדס?

גריגאָרי איז בלייך געוואָרן: דער פאָטער האָט אָנגערירט אַ נישט פאַרהיילטע וואונד. די גאַנצע צייט נאָכן געבוירן ווערן פון קינד האָט גריגאָרי פיינלעך געטראָגן אין זיך אַ פאַרדאַכט, באַהאַלטנדיק דאָס פאַר אַקסיניען און פאַר זיך אַליין. אין די נעכט, ווען אַקסיניאַ איז געשלאָפן, פלעגט ער אָפט צוגיין צום וויגל, זיך איינקוקן, זוכן אַן ענלעכקייט צו זיך אין ראָז־טונקעלן פּנימל פון קינד און אַוועקגיין פונקט אַזוי אומזיכער, ווי פריער. אויך סטיעפאַן איז געווען אַ טונקל בלאָנדער, כמעט שוואַרצער, — ווי אַזוי־זשע האָט ער געקאָנט וויסן, וועמענס בלוט דאָס הערצל טרייבט איבער דער בלויער אָדערן־נעץ, וואָס לייכט זיך דורך פון הינטער דעם קינדס הויט אַפער? טיילמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז די טאָכטער איז ענלעך צו אים, און טיילמאָל האָט

זי ביז ווייטיק דערמאַנט אָן סטיעפּאַנען. גריגאָרי האָט גאָרנישט געפילט צו איר, חוץ אפשר בלויז אַ פּיינטשאַפט פאַר די מינוטן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, ווען ער האָט געפירט די אין ווייען זיך קורטשענדיקע אַקסיניען איבערן סטעפּ. איינמאָל (אַקסיניאַ איז פאַרנומען געווען אין קיך) האָט ער אַרויסגענומען די טאָכטער פון וויגל, איר געטווישט דאָס נאַסע ווינדעלע און דערפילט אַ שאַרף־פאַרקלעמענדיקע אויפרעגונג. ער האָט זיך גנביש אָנגעבויגן און מיט די ציין צונויפגעדריקט אַ רויט אָפשטאַרנדיק פינגערל פון אַ פיסל.

דער פאָטער האָט אומרחמנותדיק אַ שטאָך געטון אין דעם אָנגעוויטיקטן אָרט, און גריגאָרי האָט צונויפגעלייגט די הענט איבערן זאָטל־האָרן און טויב געענטפערט:

— ווּעמענס דאָס קינד זאָל נישט זיין, וועל איך עס נישט אוועקוואַרפן.

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך נישט אויסגעדרייט און אַ פאָכע געטון מיט דער בייטש איבער די פערד.

— נאַטאַליאַ האָט דעמאָלט איינגאַנצן פון זיך אַ תל געמאַכט... זי האָלט קרום דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט פאַראַליזירט געווען. זי האָט אַ וויכטיקן אָדער זיך איבערגעשניטן און דערפאַר דעם האַלז זיך אויסגעקרימט.

ער איז פאַרשוויגן געוואָרן. די שליטן־גייערס האָבן געסקריפּעט, קרישלענדיק דעם שניי, גריגאָריעס פערד האָט געהאַקט מיט די פאָדקאָוועס, זיך גליטשנדיק איבערן וועג.

— וואָס־זשע מאַכט זי? — האָט גריגאָרי געפרעגט, אַרויספלאָנטערנדיק מיט באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט אַ שטעכלקע פון פערדס גריווע.

— זי האָט זיך פונדעסטוועגן אַרויסגעדרייט, געלעגן זיבן חדשים. אין יום־טוב פון דער דרייאייניקייט האָט זיך געדאַכט, אַז זי שטאַרבט שוין. דער פּאָפּ פּאַנקראַטי האָט זי געזאַלבט... אָבער דערנאָך איז איר בעסער געוואָרן. זי האָט זיך ביסלעכווייז

אויפגעהויבן און אָנגעהויבן אַרומגיין. זי האָט די קאָסע אונטערן האַרץ זיך פאַררוקט, און די האַנט האָט אַ ציטער געטון, געטראָפן אַ ביסל אין דער זייט, ווען נישט — וואָלט זי שוין די ערד גע־קילט.

— רייט אַרויף אויפן באַרג. — גריגאָרי האָט אַ פּאָכע געטון מיטן ראַפּניק, געמיטן דעם פאָטער, און באַשפּריצנדיק דעם שליטן מיט שטיקער שניי פון אונטער די קאָפּיטעס אָפּער, האָט ער אַוועק־גאַלאָפּירט, זיך אונטערהייבנדיק אויף די רייט־אייזנס.

— נאַטאַליען וועלן מיר נעמען צו זיך! — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש געשריגן, דעריאָגנדיק אים. — זי וויל נישט זיין ביי אירע אייגענע. איך האָב זי אַנומלט געזען און גערופן, זי זאָל גיין צו אונז.

גריגאָרי האָט נישט געענטפערט. ביזן ערשטן כוטאָר זענען זיי געפאָרן שווייגנדיק און פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט מער וועגן דעם קיין שמועס נישט פאַרפירט.

זיי האָבן געמאַכט דעם טאָג זיבעציק וויאָרסט. אין דאָרף מאַנקאָוואָ זענען זיי אָנגעקומען צומאָרגנס (מען האָט שוין גע־צונדן פייער אין די הייזער).

— וואו שטייען־איין די ווישענסקער? — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש געפרעגט דעם ערשטן, וואָס ער האָט באַגעגנט.

— האַלט דיך גלייך מיט דער הויפּט־גאַס.

אויף דער קוואַטיר, וואו זיי זענען אָנגעקומען, האָבן זיך שוין געפונען פינף רעקרוטן מיט זייערע פאָטערס, וואָס האָבן זיי באַגלייט.

— פון וועלכע כוטאָרס? — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש זיך אויסגעפרעגט, אַרונטערפירנדיק די פערד אונטער דער שאָפּע.

— פון טשיר, — האָט מען מיט אַ באַס געענטפערט פון דער פינסטערניש אַרויס.

— און פון וועלכן כוטאָר?

— פון קאַרגין, פון נאַפּאָלאָוו, פון ליכאָווידאָוו, און איר פון־וואַנען זענט?

— פון קוקוי, — האָט גריגאָרי זיך צעלאַכט, אויסזאָטלענדיק דאָס פערד און באַטאַפּנדיק דעם פאַרשוויצטן רוקן אונטערן זאָטל.

אינדערפרי האָט דער אַטאַמאַן פון דער וויעשענסקער סטאַניצע דודאַריעוו אָוועקגעפירט די וויעשענצעס צו דער מעדיצינישער קאָמיסיע. גריגאָרי האָט דערזען די בחורים פון כוטאָר, וואָס זענען געווען מיט אים פון איין יאָר; מיטקאַ קאָרשונאָוו אויף אַ הויך העל-ברוין פערד, מיט אַ ניי עלעגאַנט זאָטל, מיט אַ רייכן ברוסט-האַלטער און זילבער-באַשלאָגן ציימל, איז נאָך אינדערפרי דורכגעריטן צום ברונעם, און דערזעענדיק גריגאָריען, וואָס איז געשטאַנען ביים טויער פון זיין קוואַטיר, האָט ער דורכגעלאָפּירט, נישט באַגריסנדיק זיך און צוהאַלטנדיק מיט דער לינקער האַנט דאָס אויף אַ זייט אָנגעטוענע היטל.

אין קאַלטן צימער פון דער געמיינדע-פאַרוואַלטונג האָט מען זיך אויסגעטון אין אַ רייע.

עס האָבן זיך געדרייט הין און צוריק מיליטערישע שרייבערס און דער געהילף-פריסטאַוו; אין נידעריקע לאַקירטע שטיוועלעך איז אָפּט פאַרבייגעגאַנגען דער אַדיוטאַנט פון קרייז-אַטאַמאַן; זיין רינג מיטן שוואַרצן שטיין און די ראָזע אָנגעקוואָלענע וויסלען פון די שיינע שוואַרצע אויגן האָבן שטאַרקער אונטערגעשטראָכן די ווייסקייט פון דער הויט און פון די אָקסלבענדער. פון צימער האָט זיך אַרויסגעזיגן דאָס רעדן פון די דאָקטוירים, זייערע אָפּגעהאַקטע באַמערקונגען.

— ניינאונזעכציק.

— פאַוועל איוואַנאָוויטש, דערלאַנגט מיר די טוש-בלייפעדער, — האָט נאָענט פון דער טיר הייזעריק אַ זאָג געטון אַ פאַרשיכורט קול.

— דער אומפאַנג פון דער ברוסט...

— יאָ, יאָ, דאָס איז אַ בולטע ירושה-זאַך...

— סיפיליס, פאַרשרייבט.

— וואָס האַלטסטו דיך אין איין פֿאַרשטעלן מיט דער האַנט? ביסט דאָך נישט קיין מיידל.

— ווי ער איז געבויט...

— ...אין כוטאָר דער פֿאַרשפּרייטער פֿון דערדאָזיקער קרענק. ס'זענען נייטיק באַזונדערע מיטלען. איך האָב שוין ראַפּאָרטירט זיין עקסעלענץ.

— פּאַוועל איוואַנאָוויטש, גיט נאָר אַ קוק אויף דעמדאָזיקן סוביעקט. ווי ער איז געבויט?

— מנ-יאָ-אָ...

גריגאָרי האָט זיך אויסגעטון לעבן אַ הויכן געלבלעכן בחור פֿון טשוקאָרינער כוטאָר. פֿון דער טיר איז אַרויסגעקומען דער שרייבער, צוגויפּנעמענדיק זיין העמד אין פֿאַלבן אויפֿן רוקן, און הויך אויסגערופֿן:

— פּאַנפּילאָוו סעוואַסטיאַן, מעליעכאָוו גריגאָרי.

— שנעלער! — האָט גריגאָריעס שכן דערשראָקן אַ שעפּטשע געטון, רויט-ווערנדיק און אַראָפּציענדיק דעם זאָק.

גריגאָרי איז אַריינגעגאַנגען, פֿילנדיק ווי אַ שוידער איז דורכגעלאָפֿן איבער זיין רוקן. זיין ברוינער קערפּער איז טונקע-לער געוואָרן און באַקומען די קאָליר פֿון געווייקטן דעמב. ער האָט זיך געשעמט, קוקנדיק אויף זיינע פֿיס, געדיכט באַוואַקסענע מיט שוואַרצע האָר. אין ווינקל אויף דער וואָג איז געשטאַנען אַ נאַקעטער קנאָכיקער בחור. עמעצער, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ פֿעלדשער, האָט אַ רוק געטון דאָס מעסט-ברעטל און אויסגע-שריגן:

— פֿיר, צען. אַראָפּ.

די בזיונדיקע פּראָצעדור פֿון דער אונטערזוכונג האָט גרי-גאָריען אויפֿגערעגט. אַ גרויער דאָקטאָר אין אַ ווייס פֿאַרטוך האָט אים אויסגעהערט מיט אַ טרייבל; אַ צווייטער, אַ יינגערער, האָט אים אונטערגעהויבן די אויגנלעדלעך און געקוקט אויף דער צונג; אַ דריטער אין האָרן-ברילן האָט זיך געדרייט הינטער אים און זיך געריבן די הענט מיט די פֿאַרקאַשערטע אַרבל איבער די עלנבויגנס.

— אויף דער וואָג אַרויף.

גריגאָרי האָט אַרויפגעטרעטן אויף דער קאַלטער געשטריי־פּטער פּלאַטפאָרם.

— פינף, זעקס מיט אַ האַלבס, — האָט דער וואָג־מייסטער באַשטימט, אַ קלאַפּ געבנדיק מיטן מעטאַלענעם געוויכט.

— וואָס פאַר אַ טייוול, נישט קיין איבעריק הויכער... — האָט אַ ברום געטון דער גרויער דאָקטאָר, אויסדרייענדיק גריגאָ־ריען ביי דער האַנט.

— וואונ־דער־לעך! — האָט זיך הוסטנדיק פאַרהיקעט דער צווייטער, דער יינגערער.

— וויפיל? — האָט פאַרוואונדערט געפרעגט איינער, וואָס איז געזעסן ביים טיש.

— פינף פּוד, זעקס מיט אַ האַלבן פונט, — האָט געענטפערט דער גרויער דאָקטאָר, נישט אַראָפּלאָזנדיק די פאַרהויבענע ברעמען.

— אין דער גוואַרדיע אַריין? — האָט געפרעגט דער מיל־טערישער קרייז־פּריסטאַוו, אָנבייגנדיק דעם שוואַרצן צוגעגלעטן קאָפּ צו זיין שכן ביים טיש.

— אַ באַנדיטישע צורה... זייער ווילד.

— הער נאָר דו, דריי דיך נאָר אויס? וואָס האָסטו עס אויפן רוקן? — האָט אַ געשריי געטון דער אָפיציר מיט די שליפעס פון אַ פּולקאָווניק, אומגעדולדיק קלאַפּנדיק מיט די פינגער אי־בערן טיש.

דער גרויער דאָקטאָר האָט געברומט עפּעס אומפאַרשטענד־לעכס, און גריגאָרי, זיך אויסדרייענדיק מיטן רוקן צום טיש, האָט געענטפערט, קוים איינהאַלטנדיק דאָס שוידערן, וואָס האָט גע־רונצלט זיין לייב.

— אין פרילינג זיך פאַרקילט, געשווירן.

צום סוף פון דער אונטערזוכונג האָט די קאָמיסיע, זיך באַ־ראַטנדיק ביים טיש, באַשלאָסן:

— אין דער אַרמיי אַריין.

— אין צוועלפטן פּולק אַריין, מעליעכאָוו, דו הערסט ?

גריגאָריען האָט מען אָפּגעלאָזט. גייענדיק צו דער טיר, האָט ער געהערט אַ מירמלענדיק שעפּטשען:

— מען קאָ-אָן נישט. שטעלט אייך פאָר, דער קייסער וועט דערזען אַזאַ פּרצוף, וואָס וועט דעמאָלט זיין ? ער איז דאָך בלויז אויגן...

— אַן אויסוואָורף ! פון מזרח, מסתמא.

— אויך איז דער קערפּער נישט קיין ריינער, געשווירן...

די בחורים פון כוטאָר, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט זייער רייע, האָבן אַרומגערינגלט גריגאָריען.

— נו וואָס, גרישקאַ ?

— וואוהין ?

— אין אַטאַמאַנישן, אוודאי ?

— וויפיל האָסטו געוואויגן ?

וואַקלענדיק זיך אויף איין פוס, האָט גריגאָרי אַריינגערוקט דעם צווייטן אין הויז און געענטפערט צווישן די ציין:

— טשעפּעט אייך אָפּ, צו וועלכן טייוול דאַרפט איר דאָס וויסן ? וואוהין ? אין צוועלפטן פּולק אַריין.

— קאָרשונאָוו דמיטרי, קאַרגין איוואַן. — דער שרייבער האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ.

גריגאָרי איז אַראָפּגעלאָפן פון גאַנעק, פאַרקנעפּלענדיק זיך דאָס פעלצל.

איבערן פּלאַץ איז מען געפאָרן און מען האָט געפירט פערד ביי דער צוים.

דאָס לינדע וועטער האָט געאָטעמט מיט וואַרעמען ווינט. עס האָט זיך געפּאַרעט דער וועג, ערטערווייז אַנטפּלעקט פון שניי. איבער דער גאַס זענען דורכגעלאָפן קוואָקענדיקע הינער, אין דער קאַלוזשע, וואָס איז באַדעקט געווען מיט קרימלעכע, זיך באַוועגנ-דיקע רינצלען, האָבן זיך געפּליעסקעט גענז. זייערע אָראַנזשענע

לאַפּעס האָבן זיך געריטלט אין וואַסער, ענלעכע צו האַרבסטיקע בלעטער, אָפּגעבריטע פון פראָסט.

אין אַ טאָג אַרום האָט זיך אָנגעהויבן דער איבערזיכט פון די פערד. איבערן פּלאַץ האָבן זיך געצומען דרייען אָפיצירן; מיט צעפּאַכטע פּאָלעס פון שינעל איז דורכגעגאַנגען דער וועטערי-נאַר-דאָקטאָר און דער פעלדשער מיטן מעסט-אינסטרומענט. לענג-אויס דעם פּאַרקן האָבן זיך אויסגעשטעלט פאַרשידנפאַרביקע פערד. צום טישל, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אינמיטן פּלאַץ און וואו דער שרייבער האָט פאַרשריבן די רעזולטאַטן פון איבערזיכט און דער אויסמעסטונג, איז פון דער וואָג צוגעלאָפן דער וויעשענסקער סטאַניצע-אַטאַמאַן דודאַריעוו, זיך אַ גליטש געבנדיק. ס'איז דורכגעגאַנגען דער מיליטערישער פּריסטאַוו, בייז דריגענדיק מיט די פּיס און עפּעס אויפקלערנדיק אַ יונגן סאָטניק.

גריגאָרי, וואָס האָט געהאַט דעם נומער *108*, האָט צוגע-פירט זיין פערד צו דער וואָג. מען האָט אויסגעמאָסטן אַלע טיילן אויפן פערדס קערפּער, עס אָפּגעוואויגן, און איידער דאָס פערד האָט נאָך באַוויזן אַראָפּצוגיין פון דער פּלאַטפאָרמע, — האָט דער וועטערינאַר-דאָקטאָר מיט זיין געוואוינטער זיכערקייט עס ווידער אַ נעם געטון ביי דער אייבערשטער ליפּ, אַריינגעקוקט אין פּיסק, שטאַרק דריקנדיק באַטאַפּט די ברוסט-מוסקולן און, ווי אַ שפּין, אַרומלויפנדיק מיט די פלינקע פינגער, זיך אַריבערגעוואָרפן צו די פּיס.

ער האָט געדריקט די קני-ביינער, געקלאַפּט איבער די מוסקולן, געקוועטשט דעם ביין איבער די קאָפּיטעס...

ער האָט לאַנג אויסגעהערט און אַרומגעטאַפּט דאָס אומרויִקע פערד און אַוועקגעגאַנגען, צעווייענדיק די פּאָלעס פון זיין ווייסן כאַלאַט און פאַרשפּרייטנדיק אַרום זיך אַ האַרבן ריח פון קאַרבאָל.

דאָס פערד האָט מען פאַרבראַקירט. עס האָט זיך נישט באַ-שטעטיקט דעם זיידן סאַשקאַס האָפענונג: דער געניטער דאָקטאָר

האָט פאַרמאָגט גענוג פלינקייט צו געפינען דעם געהיימען פעלער וועגן וועלכן דער זיידע סאַשקאַ האָט גערעדט.

דער אויפגערעגטער גריגאָרי האָט זיך באַראַטן מיטן פאָטער און אין אַ האַלבער שעה אַרום, אויסער דער ריי, אַרויסגעפירט פּיעטראָס פערד אויף דער וואָג. דער דאָקטאָר האָט עס דורכגעלאָזט, כמעט נישט באַטראַכטנדיק.

גריגאָרי האָט נישט ווייט אויסגעקליבן אַ ביסל אַ טרוקענער אָרט, און אויסשפּרייטנדיק די דערע, אויסגעלייגט אויף איר זיין אויסשטאַטונג. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געהאַלטן הינטער זיך דאָס פערד, זיך דורכשמועסנדיק מיט אַ צווייטן אַלטן, וואָס האָט אויך באַגלייט דעם זון.

פאַר זיי איז דורכגעגאַנגען אין אַ העלן גרויען שינעל און זילבערדיקער קאַראַקולענער פּאַפּאַכע אַ הויכער גרויער גענעראַל. ער האָט לייכט אַרויסגעשטעלט דעם לינקן פוס פאַר זיך, צופּאַכענדיק מיט דער האַנט אין דער ווייסער הענטשקע.

— אָט איז דער קרייז-אַטאַמאַן, — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש שעפּטשענדיק פון הינטן אַ שטופּ געטון גריגאָריען.

— אַ גענעראַל, מסתמא?

— דער גענעראַל-מאַיאָר מאַקעיעוו. אַן אויסטערליש שטרענגער!

דעם אַטאַמאַן איז נאָכגעגאַנגען אַ חברה אָפיצירן, געקומענע פון די פּאָלקן און באַטערייעס. איין אונטערסאַאול, מיט ברייטע פּלייצעס און ברייטע היפטן, אין אוניפאָרם פון אַן אַרטילעריסט, האָט אויפן קול גערעדט צו זיין חבר, אַ הויכן שיינעם אָפיציר פון דער לייב-גוואַרדיע פון אַטאַמאַנישן פּאָלק:

— ...דער טייוול ווייסט עס! אַן עסטאָניש דערפל, די באַפעלקערונג באַשטייט ס'רוב פון בלאָנד-האָריקע, און אַזאַ שאַרפער קאָנטראַסט פון אַ מיידל, און נישט בלויז איינע! מיר טראַכטן צו פאַרשידענע השערות און אָט ווערן מיר געוואויר, אַז מיט צוואַנציק יאָר צוריק... — די אָפיצירן זענען פאַרבייגעגאַנגען, זיך דערווייטערנדיק פון אָרט, וואו גריגאָרי האָט אויף דער דערע אויס-

געלייגט זיין קאָזאַקישע אויסשטאַטונג און קוים דערהערט דעם אַרטילעריע־אונטערסאַפּאָלס לעצטע ווערטער, וואָס זענען פאַרטראָגן געוואָרן דורכן ווינט און זיך פאַרלוירן אין געלעכטער פון די אָפיצירן: — ...איז אין דעם דערפל געשטאַנען אַ סאָטניע פון אייער אַטאַמאַנישן פאָלק.

דער שרייבער איז דורכגעלאָפן, פאַרקנעפלענדיק מיט ציטערנדיקע, אין כעמישער טינט אויסגעשמירטע פינגער די קנעפּלעך פון זיין סורדוט. דער געהילף פון קרייז־פּריסטאַוו האָט אים מיט ירגזון נאָכגעשריגן:

— אין דריי עקזעמפּליאַרן, האָט מען דיר געזאָגט! איך וועל דיך ממיתן!

גריגאָרי האָט מיט נייגיריקייט זיך איינגעקוקט אין די אומבאַקאַנטע פּנימער פון די אָפיצירן און באַאַמטע. אַן אַדיוטאַנט, וואָס איז דורכגעגאַנגען, האָט אָנגעשטעלט אויף אים זיינע לאַנגווייליקע פייכטע אויגן און זיך אַוועקגעדרייט, אָנטרעפנדיק אויף זיין אויפמערקזאַמען בליק; אַן אַלטער סאָטניק האָט כמעט לויפנדיק אים דעריאָגט. ער איז געווען פון עפּעס אויפגערעגט און מיט געלע ציין געביסן זיין אייבערשטע ליפּ. גריגאָרי האָט באַמערקט, ווי אַן אַנדער האָט געצוקט איבערן סאָטניקס געלן אויג, פאַרכאַפּנדיק דאָס אויגנלעדל.

פאַר גריגאָריעס פּיס איז געלעגן די אויסגעשפּרייטע דערע, אויף איר — אין אַ סדר אויסגעלייגט דאָס זאָטל מיטן געשמידטן, גרין־געפאַרבטן האָרן, מיט די פעדערשטע און הינטערשטע טאַשן, צוויי שינעלן, צוויי פּאָר שאַראָוואַרן, אַ מונדיר, צוויי פּאָר שטיוול, וועש, אַ פונט מיט פּיראָונפּוּפציק זאָלאָטניקעס סוכאַרעס, אַ פּושקע קאָנסערוון, קאַשע און אַנדערע זאַפּאַסן עסנוואַרג, אין אַ צאָל, וואָס איז פאָרגעזען פאַר איין רייטער.

פון די געעפנטע טאַשן האָט אַרויסגעקוקט אַ קרייז פאַדקאָוועס — אויף פיר פּיס, — נעגל, איינגעוויקלטע אין אַ פאַרפעצט

טיכל, אַ טאָרבעלע מיט עטלעכע נאָדלען און פאָדעם, אַ האַנטוך. גריגאָרי האָט צום לעצטן מאָל באַקוקט זיין פאַרמעגן, זיך אַראָפּ־געזעצט טשיפּקע און מיטן אַרבל אָפּגעפּוצט די אויסגעשמירטע שנאָל־ברעגן פון זיינע רעמעטן צום פּאַקן. פון עק פלאַץ האָט פּאַ־מעלעך זיך געצויגן די קאָמיסיע לענגאויס דער רייע קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט ביי זייערע דערעס. די אָפיצירן מיטן אַטאַמאַן האָבן אויפמערקזאַם באַקוקט די אויסשטאַטונג פון די קאָ־זאַקן, זיך אַראָפּגעזעצט, פאַרנעמענדיק די פאָלעס פון די העלע שינעלן, גענישטערט אין די טאַשן, אַריינגעקוקט אין די זעקלעך, געוואויגן אויף דער האַנט די ביילען סוכאַרעס.

— זעט נאָר, חברה, אָט דער לאַנגער, — האָט געזאָגט דער בחור, וואָס איז געשטאַנען לעבן גריגאָריען, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויפן מיליטערישן קרייז־פּריסטאַוו, — גראָבט זיך ווי אַ הונט אין דער נאָרע פון אַ באָבאַק.

— זעסט, זעסט די טייוולאָנישע זרע!... ער קערט דעם טאָש איבער.

— מסתמא נישט אין אָרדענונג, ער וואָלט נישט אַזוי גע־נישטערט.

— וואָס־זשע איז דאָס, ער ציילט די פּאָדקאָווע־נעגל?...

— אָט דאָס הייסט אַ הונט!

די שמועסן האָבן ביסלעכווייז אויפגעהערט, די קאָמיסיע האָט זיך דערנענטערט, ביז צו גריגאָריען זענען געבליבן בלויז עטלעכע מענטשן. דער קרייז־אַטאַמאַן האָט געטראָגן אין דער לינקער האַנט די הענטשקע, מיט דער רעכטער באַוועגט, נישט איינבייגנ־דיק זי אין עלנבויגן. גריגאָרי האָט זיך אויסגעשטרעקט, דער פאָטער הינטער אים האָט אונטערגעהוסט. דער ווינט האָט צע־טראָגן איבערן פלאַץ דעם ריח פון פערדישער השתנה און שמעלצנ־דיקן שניי. די זון, ווי אַן אויסגעניכטערטע, האָט אַראָפּגעקוקט נישט פריילעך.

די גרופּע אָפיצירן האָט זיך פאַרהאַלטן ביים קאָזאַק, וואָס

איז געשטאַנען לעבן גריגאָריען, און איינציקוויז אַריבערגעגאַנגען צו אים.

— די פאַמיליע, דער נאָמען?

— מעליעכאָוו גריגאָרי.

דער פריסטאַוו האָט אונטערגעהויבן דעם שינעל ביי דער לאַץ, אַ שמעק געטון צום אונטערשלאַק, דורך אַגב איבערגעציילט די האָקלען; אַ צווייטער אָפיציר, מיט שליפעס פון אַ פּענריך, האָט מיט די פינגער באַטאַפּט דאָס פיינע געוואַנט פון די שאַראַוואַרן; אַ דריטער, וואָס האָט זיך אָנגעבויגן אַזוי, אַז דער ווינט האָט אים פאַרוואָרפן די פּאָלעס פון שינעל אויפן רוקן, האָט גענישטערט אין די טאַשן. דער פריסטאַוו האָט מיטן קליינעם און גראָבן פינגער, ווי צו הייסן, פאַרזיכטיק זיך צוגערירט צום טיכל מיט די פּאַדקאָווע-נעגל און, באַוועגנדיק מיט די ליפן, געציילט.

— פאַרוואָס דרייאונצוואַנציק נעגל? וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט ער בייז אַ שלעפּ געטון דעם עק פון טיכל.

— ניין, אייער הויכוואוילגעבוירנקייט, פיראונצוואַנציק.

— וואָס בין איך, — אַ בלינדער?

גריגאָרי האָט אייליק אויפגעהויבן דעם פאַרלייגטן עק, וואָס האָט פאַרדעקט דעם פיראונצוואַנציקסטן נאָגל, זיינע פינגער, ראַציקע און שוואַרצע, האָבן לייכט באַרירט דעם פריסטאַווס פינגער, ווייסע ווי צוקער. דער פריסטאַוו האָט צוגעכאַפּט די האַנט, ווי ער וואָלט זיך אַ שטאָך געגעבן, זי אַ רייב געטון אָן דער זייט פון זיין שינעל; ער האָט מיט עקל זיך פאַרקרומט און אָנגעטון די הענטשקע.

גריגאָרי האָט דאָס באַמערקט; ער האָט זיך אויסגעגלייכט און בייז אַ שמייכל געטון. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. דעם פריסטאַווס באַקנביינער זענען רויט געוואָרן, און ער האָט זיך צעשריגן:

— ווי אַזוי קוקסטו! ווי אַזוי קוקסטו, קאָזאַק? — זיין באַק,

מיטן פאַרהײלטן שניט פון אַ בריטווע בײם באַקנבײן, איז רויט געוואָרן פון אויבן ביז אַראָפּ. — פאַרוואָס זענען דײַנע רימענס צום פאַקן נישט אין אָרדענונג? פאַרוואָס איז די טאָפּעלע צוים אַזעלכע? וואָס איז דאָס אַזוינס? דו ביסט אַ קאָזאַק אָדער אַ לאַפּטשע אַ פויערישע?... וואו איז דײַן טאַטע?

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אַ שלעפּ געטון דאָס פערד בײַ דער צוים, געמאַכט אַ טריט פאָרויס, אַ קלאַפּ געבנדיק מיטן לאָמען פוס.

— קענסט נישט די דינסט?... — איז דער פּריסטאַוו אויף אים אָנגעפאַלן, אַ בײזער נאָך פון אינדערפרי, ווײל ער האָט פאַרשפּילט אין פּרעפעראַנס.

עס איז צוגעקומען דער קרײַז-אַטאַמאַן, דער פּריסטאַוו איז שטיל געבליבן. דער אַטאַמאַן האָט אַ פּרוּוו געטון מיטן שפּיץ שטיוול דאָס זאָטל-קישן, אַ שלוקעכץ געגעבן און אַריבערגעגאַנגען צום פאָלגענדן.

דער עשעלאָן-אָפיציר פון פּולק, צו וועלכן גריגאָרי איז צוגעטײלט געוואָרן, האָט העפלעך דורכגענישטערט אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין זײגע טאַשן און אָוועקגעגאַנגען דער לעצטער, אָפּטרעטנדיק היגטערווײלעכטס, ווײל ער האָט פאַררײכערט קעגן ווינט.

אויפן צווייטן טאָג איז פון דער סטאַציע טשאָרטקאָוואָ קיין ליסקי-וואָראָנעזש אַרויסגעגאַנגען אַ צוג, וואָס איז באַשטאַנען פון רויטע וואַגאָנעס, געלאָדנטע מיט קאָזאַקן, פערד און פוראַזש.

אין אײנעם פון זײ, אָנגעשפּאַרט אָן צונויפגעקלאַפּטן זשלויב פון ברעטער, איז געשטאַנען גריגאָרי. פאַרבײ די אויפגערוקטע טיר פון וואַגאָן איז געלאָפן די ערד פון פרעמדן פלאַך-לאַנד, אינדערווײטנס האָט קאַרווגעלאַרטיק זיך געוויגט דער בלויער און צאַרטער האַפט פון וואַלד.

די פערד האָבן געקײַעט דעם האָבער, געקלאַפּט מיט די פּאַדקאָוועס, פילנדיק דעם הוילן באָדן אונטער די פיס.

אין וואַגאָן האָט געשמעקט מיט סטעפּישן ווערמוט, פּערדישן שווייס, פרילינגדיקן לינדן ווערטער, און דער ווייטער האַפּט פון וואַלד האָט געשימערט אויפן האָריזאָנט, אַ בלויער, פאַרטראַכטער און אומצוטריטלעכער, ווי אַ מאַטער אָוונט-שטערן.

דריטע טייל

I

אין מערץ פון *1914*־טן יאָר, אין אַ לינדן פריילעכן טאָג, איז נאַטאַליאַ געקומען צום שווער. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט פאַרפּלאָכטן מיט בלוילעכע, פּוכיקע ריטער דעם פּאַרקן, וואָס דער בוהיי האָט דורכגעבראָכן. פון דאַך האָט געטריפט, די אייז־צעפּלעך האָבן זיך געזילבערט, ווי פּעכיקע שטרייפן האָבן איבערן קאַרניז זיך געשוואַרצט די שפּורן פון אַמאָל אַראָפּגערונענעם וואַסער.

די געלע, וואַרעם־געוואָרענע זון האָט זיך געטוליעט צום אויפגעטייעטן באַרג, ווי אַ לאַשטשענדיק קאַלב, און די ערד איז ווייך געוואָרן. אויף די האַלב־אינזלען פון קרייד־שטיין, פליכיק אַראָפּפּליסנדיק פון באַרג ביים דאָן, האָט, ווי מאַלאַכיט, געגרינט דאָס יונגע גראָז.

נאַטאַליאַ, אַ געענדערטע און דאַרע, איז פון הינטן צוגעגאַנגען צום שווער און אָנגעבויגן דעם פּאַרשענדטן, אויסגעקרומטן האַלז.

— וואָס מאַכט איר, פאָטער?

— נאַטאַליושקאַ, וואָס מאַכסטו, ליבינקע, וואָס מאַכסטו! — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש זיך פאַרלוירן. די רוט, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט, האָט זיך אַ וויקל געטון און אויסגעגלייכט. — וואָס ווייזסטו דיך גאָר פאַר די אויגן נישט? נו, קום שוין אַריין אין דער כאַטע, וואַרט־צו, די מאַמע וועט זיך דאָס אַ ביסל דערפרייען!

— איך בין געקומען, פאָטער... — נאַטאַליאַ האָט געמאַכט אַן אומבאַשטימטע באַוועגונג מיט דער האַנט און זיך אַוועקגע־

יריט. — אויב איר וועט מיך נישט אַרויסטרייבן, וועל איך בלייבן אויף שטענדיק ביי אייך...

— וואָס פאַלט דיר איין, וואָס פאַלט דיר איין, ליבינקע! דו ביסט דען פאַר אונז אַ פרעמדע? אָט האָט ערשט גריגאָרי אין אַ בריוו געשריבן... ער האָט געהייסן וועגן דיר געוואויר ווערן...

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין דער כאַטע. פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט, אַ פאַרשמייעטער און דערפרייטער, צוגעלאָמט.

איליניטשנאַ האָט אַרומגענומען נאַטאַליען, די טרערן האָבן זיך געשנירלט איבער אירע באַקן, זי האָט געשעפּטשעט, שנייצנדיק די נאָז אין פאַרטוך אַריין:

— דו וואָלסט געדאַרפט אַ קינד האָבן... דאָס וואָלט אים צוגעהאַלטן. נו, זעץ דיך, איך וועל באַלד בלינצעס דערלאַנגען.

— גאָט באַהיט, מאַמע. איך בין דאָך... געקומען...

דוניאַשקאַ, אינגאַנצן אַ צעפּלאַמטע, איז אַריינגעשפּרונגען אין קיך און האָסטיק אַרומגעכאַפּט נאַטאַליעס קניען.

— שעמסט דיך גאָרנישט! האָסט אונז אינגאַנצן פאַרגעסן!...

— ביסט משוגע געוואָרן, קאָבילע דו! — האָט מיט געמאַכטער שטרענגקייט אַ געשריי געטון דער פאָטער.

— ביסט עפּעס אַזאַ גרויסע געוואָרן... — האָט נאַטאַליאַ אַ זאָג געטון, צענעמענדיק דוניאַשקעס הענט און אַריינקוקנדיק איר אין פּנים.

אַלע האָבן אָנגעהויבן רעדן אינאייינעם, איבערשלאָגנדיק זיך איינע די אַנדערע און שטיל בלייבנדיק. איליניטשנאַ האָט זיך אונטערגעשפּאַרט די באַק מיט דער האַנט און געבליבן זיצן אַ פאַרביטערטע, מיט ווייטיק זיך איינקוקנדיק אין נאַטאַליען, וואָס איז אַצינד נישט ענלעך געווען צו דער פריערדיקער.

— ביסט געקומען שוין אויף שטענדיק צו אונז? — האָט דוניאַשקאַ זיך געפרעגט, ציפּנדיק נאַטאַליעס הענט.

— ווער ווייסט...

— וואָס דען, אַן אייגן ווייב, וואו־זשע דען זאָל זי וואוי־נען! בלייב! — האָט איליניטשנאַ באַשלאָסן און מכבד געווען די שנור, אַ רוק געבנדיק איבערן טיש די פולע ערדענע שיסל מיט בלינצעס.

נאַטאַליאַ איז געקומען צו שווער און שוויגער נאָך גרויס וואַקלעניש. דער פאָטער האָט זי נישט געלאָזט, געשריגן אויף איר, חוזק געמאַכט און אָפּגערעדט, נאָר איר איז שווער געווען נאָכן געזונט ווערן צו בלייבן אין דער היים און זיך פילן אין דער אייגענער פאַמיליע כמעט ווי אַ פרעמדע. דער פרווו צו באַ־גיין זעלבסטמאָרד האָט זי דערווייטערט פון אירע נאָענטע. פּאַנ־טעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זי אָנגערעדט די גאַנצע צייט, נאָכ־דעם ווי ער האָט באַגלייט גריגאָריען צו מיליטער־דינסט. ער האָט פעסט באַשלאָסן זי אַהיימצונעמען און איבערבעטן מיט גריגאָריען.

פון דעם טאָג אָן איז נאַטאַליאַ געבליבן ביי די מעליע־כאָווס. דאַריאַ האָט אויסערלעך מיט גאָרנישט אַרויסגעוויזן איר אומצופרידנקייט, פּיעטראָ איז געווען העפלעך און זיך באַצויגן צו איר, ווי צו אַן אייגענער, און דאַריעס קרומע בליקן פון צייט־צו־צייט זענען פאַרגיטיקט געוואָרן דורך דוניאַשקעס הייסער צוגעבונדנקייט צו נאַטאַליען און דער פאָטערלעך־ליבער באַציִונג פון די אַלטע.

באַלד צומאָרגנס, נאָכדעם ווי נאַטאַליאַ האָט זיך אַריבערגעצויגן צו שווער־און שוויגער, האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש באַפוילן דוניאַשקען אונטער זיין דיקטאַט צו שרייבן אַ בריוו צו גריגאָריען.

זיי באַגריסט, טייערער זון אונזערער, גריגאָרי פּאַנטעלעיעוויטש! מיר שיקן דיר אונזער אונטערטעניקסטן גרוס און פון טיפן פּאָ־טערלעכן האַרץ, צוזאַמען מיט דיין מוטער וואַסיליסאַ איליניטשנאַ, אונזער פּאָטערלעכע ברכה. עס גריסט דיך דיין ברודער פּיאָטער פּאַנטעלעיעוויטש מיט זיין ווייב דאַריאַ מאַטוויעוונאַ און ווינטשט דיר געזונט און גליק; עס גריסט דיך אויך דיין שוועסטער יעוו־

דאָקעיאַ און אונזער גאַנץ הויז-געזונט. דיין בריוו, וואָס איז אַרויס-געשיקט געוואָרן דעם פינפטן פעברואַר, האָבן מיר דערהאַלטן, און דאַנקען דיר האַרציק פאַר אים.

און דאָס, וואָס דו האָסט געשריבן, אַז דיין פערד שטרייכט זיך, לייג צו חזיר-אינערן, דו ווייסט שוין, וואָס איך מיין, און קאָווע עס נישט אויף די הינטערשטע פיס, אויב עס איז נישט גליטשיק. דיין ווייב נאַטאַליאַ מיראָנאָוונאַ געפינט זיך ביי אונז און פילט זיך געזונט און צופרידן.

די מאַמע שיקט דיר געטרוקנטע קערשן מיט אַ פּאָר וואָלענע זאָקן, און אויך שמאַלץ און אַנדערע זאַכן. מיר לעבן אַלע און זע-נען געזונט, און דאַריעס קינד איז געשטאָרבן, וועגן וואָס מיר טיילן דיר מיט. די טעג האָב איך מיט פּיאָטערן פאַרראָכטן די דעכער פון די שאָפּעס, און ער הייסט דיך אַכטונג געבן אויפן פערד און עס אָפּהיטן. די בהמות האָבן זיך געקעלבט; די אַלטע קאָבילע איז זשערעבנע, זי האָט שוין אַראָפּגעלאָזט דעם אייטער און מען זעט, ווי דער זשרעבאָק וואַרפט זיך אין בויך ביי איר. עס האָט זי באַדעקט דער זשרעביעץ פון דער סטאַניצע-שטאַל מיטן נאָ-מען „דאָניעץ", און מיר ריכטן זיך אין פינף וואָכן אַרום. מיר זענען צופרידן פון דיין דינסט און פון דעם, וואָס די מאַכט איז אין אַ גוטער מיינונג וועגן דיר. דין רעכטפאַרטיק. דאָס דינען פאַרן צאַר גייט נישט לאיבוד. און נאַטאַליע וועט שוין אַצינד זיין ביי אונז, און דו טראַכט וועגן דעם. און נאָך אַן אומגליק האָט גע-טראָפן, אין קאַרנאַוואַל האָט אַ חיה אומבאַגעברענגט דריי שעפּסן. נו, זיי געזונט און זאָל דיך גאָט היטן. אָן ווייב פאַרגעס נישט, דאָס איז מיין באַפעל צו דיר. זי איז אַ גוטע און דיין געזעצלעך ווייב. גיי נישט אַראָפּ פון גלייכן וועג און האָרך דעם טאַטן.

דיין פאָטער, אויבער-אוריאַדניק פּאַנטעלעי מעליעכאָוו.

גריגאָריעס פּולק איז געשטאַנען פיר וויאָרסט ווייט פון דער רוסיש-עסטרייכישער גרענעץ, אין שטעטל ראַדזיוויל. גריגאָרי האָט זעלטן אַהיימגעשריבן. אויף דער מיטטיילונג, אַז נאַטאַליאַ

איז אַהיימגעקומען, האָט ער געענטפערט איינגעהאַלטן און גע־בעטן זי צו זאָגן גריסן; דער אינהאַלט פון זיינע בריוו איז גע־ווען אויסמיידנדיק און נעפּלהאַפט. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געגנייט דוניאַשקען אָדער פּיאָטערן זיי צו לייענען צו עטלעכע מאָל, זיך אַריינטראַכטנדיק אין גריגאָריעס באַהאַלטענעם מיין, וואָס איז פאַרבאָרגן געווען צווישן די שורות. פאַר פּאַסכע האָט ער אין אַ בריוו אָפן געשטעלט די פראַגע, צי גריגאָרי וועט נאָכן אומקערן זיך פון דער דינסט לעבן מיטן ווייב, אָדער, ווי פריער, מיט אַקסיניען.

גריגאָרי האָט אָפּגעשלעפּט מיטן ענטפער. נאָכן יום־טוב פון דער דריי־אייניקייט האָט מען דערהאַלטן פון אים אַ קורצן בריוו. דוניאַשקאַ האָט געלייענט גיך, שלינגענדיק האַלבע ווערטער, און פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט מיט אָנשטרענגונג נאָכגעאיילט אויפצוכאַפּן דעם זין, אָפּוואַרפנדיק די אומצאָליקע גרוסן און פראַגן. אויפן סוף פון בריוו האָט גריגאָרי באַרירט די פראַגע וועגן נאַטאַליען:

„איר האָט געבעטן איך זאָל שרייבן, צי איך וועל יאָ אָדער נישט לעבן מיט נאַטאַליען, נאָר איך וועל אייך, פאָטער, זאָגן, אַז אַן אָפּגעשניטן רעפטל ברויט קאָן מען שוין נישט צוריק צוקלעבן. און וואָס קאָן איך נאַטאַליען אַצינד אַן עצה געבן, ווען איך האָב שוין, ווי איר ווייסט, אַ קינד? און צוזאָגן קאָן איך גאָרנישט, און מיר איז זייער שווער וועגן דעם צו רעדן. די טעג האָט מען גע־כאַפּט אויף דער גרענעץ אַ ייד מיט קאָנטראַבאַנד, און אונז איז אויסגעקומען אים צו זען; ער זאָגט, אַז עס וועט בקרוב זיין אַ מלחמה מיט די עסטרייכער און אַז זייער קייסער זאָל האָבן צוגע־פאָרן צו דער גרענעץ אויסקוקן פונוואַנען ער זאָל אָנהייבן די מלחמה און וועלכע שטיקער ערד ער זאָל פאַר זיך פאַרכאַפּן. אויב די מלחמה וועט זיך אָנהייבן, וועל איך אויך אפשר נישט לעבן בלייבן, עס איז דעריבער פאָרויס נישטאָ וואָס צו באַשליסן.

נאַטאַליאַ האָט געאַרבעטביים שווער, אומבאַוואוסט פאַר

זיך אַליין געלעבט מיט דער האָפענונג וועגן אומקערן זיך פון מאַן און אין דעם געפונען אַ טרייסט פאַר איר איינגעבראָכענעם גייסט. זי האָט גאָרנישט געשריבן גריגאָריען, אָבער אין דער גאַנצער פאַמיליע האָט זיך נישט געפונען קיין איין מענטש, וואָס זאָל געוועזן מיט אַזוי פיל פיין און ווייטיק אָפּוואַרטן אַ בריוו פון אים.

דאָס לעבן אין כוטאָר איז געגאַנגען מיט זיין געוויינטלעכן אומגעענדערטן סדר: עס האָבן זיך אומגעקערט די קאָזאַקן, וואָס האָבן אויסגעדינט זייער טערמין, אינדערוואָכן האָט די גרויע אַרבעט אומבאַמערקט פאַרשלונגען די צייט, אין די זונטיק-טעג איז מען אינדערפרי געגאַנגען אין דער צערקווע אַריין משפחותווייז; עס זענען געגאַנגען קאָזאַקן אין מונדירן און יום-טובדיקע שאַראָווארן; עס האָבן אויפגעהויבן אַ שטויב מיט די לאַנגע שאָרכענדיקע ברעגן פון זייערע בונטפאַרביקע קליידער די ווייבער, נעט-געפאַסטע אין געבלימטע קאַפטנדלעך מיט בופן אויף די געפעלבלטע צרבל, אָפּגעבליאַקעוועטע אונטער די אָרעמס פון זיסלעך-האַרבן ווייבערישן שוויס, וואָס האָט געשלאָגן אין דער נאָז אַריין, ווי גאָרטשיצע.

און אויפן פירעקיקן פלאַץ האָבן הויך געשטאַרט די פאַררייסענע האָלאָבליעס פון די וואָגנס, האָבן געהירזשעט די פערד, האָט געשוויבלט דער פאַרשידנפאַרביקער עולם; לעבן דער שאָפּע פון די פייערלעשער האָבן די בולגאַרן, די פלאַנטאַטאָרן, געהאַנדלט מיט אויבסט, וואָס איז אויסגעלייגט געוועזן אויף לאַנגע שטעלן; הינטער זיי האָבן אין קופּקעלעך זיך פאַרזאַמלט קינדער, גלאָצנדיק אויף די אויסגעשפּאַנטע קעמלען מיט די גאווהדיק-פאַרהויבענע קעפּ איבערן מאַרק-פלאַץ און געדיכטן עולם, צעוויגטן אין די היטלען מיט די רויטע לאַמפּאַסן און געבלימטע טיכער פון די ווייבער. די קעמלען האָבן שוימיק געמעלה-גרהט דאָס סטעפּ-גראָז, אָפּרוענדיק נאָך דער שטענדיקער אַרבעט ביים באַגיסן די גערטענער, און זייערע אויגן-אַפּלען אין די גרינע שלעפעריקע ווייסלען זענען פאַרשטאַרט געוואָרן.

אין די אָוונטן האָבן די גאַסן געיאָכצט פון פּאַדקאָווע-גע-

קלאנג, די פארוויילונגען זענען פארהילכט געוואָרן פון לידער, פון טענץ אין דער באגלייטונג פון דער האַרמאָניע, און ערשט שפּעט ביינאכט האָבן אין דער ווארעמער, טרוקענער לופט אין די עקן פון כוטאָר זיך געלאָשן די לעצטע לידער.

נאטאליא איז נישט געגאַנגען אויף די פארוויילונגען און מיט פרייד אויסגעהערט דוניאשקעס נאַיווע דערציילונגען. אומבאַמערקט איז דוניאשקאַ אויסגעוואקסן אַ שלאַנק שיין מיידל, אויף איר שטייגער. זי איז, ווי אַ זומער-אַפּל, פרי צייטיק געוואָרן. דאָס יאָר, זיך געזעגנט מיט דער פארגאַנגענער קינדהייט, האָבן זי די עלטערע חברטעס אריינגענומען אין זייער מיידלישן קרייז. דוניאשקאַ איז אריינגעראָטן אין פאָטער: זי איז געווען אַ נידעריקע, אַ ברוין-הויטיקע.

דער פּופּצנטער פרילינג איז אַריבער און נישט פולער געמאכט איר דינע קנאָכיקע פיגור. זי איז געווען אַ צאַרטער נאַיוער געמיש פון קינדהייט און בליענדיקער יוגנט: עס זענען שטייף געוואָרן און האָבן בולט געשטאַרט הינטערן קאַפּטנדל אירע, ווי אַ פּויסט, נישט גרויסע בריסטלעך, זי איז זיך צעוואקסן אין די אַקסלען; און אין די לאַנגע, עטוואָס קרימלעכע אויגן-שניטן, אין דער אַגאַט-בלויקייט פון די ווייסלען, האָבן נאָך אַלץ אַזוי נישט דרייסט און שטיפעריש געפינקלט אירע שווארצע אויגן-מאַנדלען. קומענדיק פון די פארוויילונגען, האָט זי בלויז נאטאליען דערציילט אירע מיידלישע סודות.

— נאַטאַשאַ, האַרצינקע, איך וויל דיר עפּעס דערציילן.

— נו, דערצייל.

— מישקאַ קאָשעוואָי איז נעכטן אַ גאַנצן אָוונט מיט מיר אָפּגעזעסן אויף די קלעצער פאַר די גאַמאַזינען*.

— וואָס-זשע ביסטו רויט געוואָרן?

— לגמרי נישט!

* גאַמאַזין — פארגרייזט פון וואָרט מאַגאַזין.

– גיב אַ קוק אין שפּיגל – דו פּלאַמסט אינגאַנצן.
– נו... ווייל דו האָסט מיך פאַרשעמט...
– דערציייל, איך וועל שוין נישט.

דוניאַשקאַ האָט מיט אירע ברוינע הענט זיך צעריבן די פלאַ־מענדיקע באַקן, צוגעדריקט די פינגער צו די שלייפן און אָן אַ סיבה זיך צעלאַכט מיט אַ יונג קלינגענדיק געלעכטער.

„דו, – זאָגט ער, – ביסט ווי אַ לאַזור־בלימל !...״

– נו־נו ? – האָט נאַטאַליאַ איר אונטערגעגעבן מוט, פריי־ענדיק זיך מיט דער פרעמדער פרייד און פאַרגעסנדיק אָן דער איי־גענער, צעטרעטענער און פאַרלוירענער.

– און איך זאָג אים : „פּלאַפּל נישט, מישקאַ !״ אָבער ער שווערט זיך. – דוניאַשקאַ האָט זיך קלינגענדיק צעלאַכט איבער דער שטוב, געוואָרפן מיטן קאָפּ, און די שוואַרצע פעסט־פאַרפלאָכ־טענע צעפּלעך זענען ווי יאַשטשערקעס אַרומגעקראָכן איבער אי־רע אַקסלען און פּלייצעס.

– וואָס־זשע האָט ער נאָך געזאָגט ?
– דאָס טיכל, זאָגט ער, גיב מיר פאַר אַן אָנדענק.
– האָסטו געגעבן ?
– ניין, זאָג איך, – איך וועל דיר נישט געבן. גיי צו דיין דאַמע, זאָל זי דיר געבן. ער פירט זיך דאָך מיט יעראָפּיעוס שנור אַרום... זי איז אַ זעלנערקע, הוליעט.
– דו האַלט דיך ווייטער פון אים.

– איך בין אַזוי אויך ווייט. – דוניאַשקאַ האָט זיך באַמיט איינצוהאַלטן דאָס שפּאַרנדיקע געלעכטער און דערציילט : – מיר גייען אַזוי אַהיים פון דער פאַרווייַלונג, דריי מיידלעך זענען מיר געוועזן, דעריאָגט אונז דער שיכורער דזשאַד מיכעי. „קושט מיך, – שרייט ער, – שיינענקע מיינע, איך וועל אייך צו צווייער־קאָפּי־קעס געבן״. – און דאָ גיט ער זיך אַ וואָרף אויף אונז, אָבער ניורקאַ דערלאַנגט אים מיט דער רוט איבערן שטערן. מיר זענען קוים אַנטלאָפן !

עס איז געשטאַנען אַ טרוקענער זומער. קעגנאיבער דעם כו־טאָר איז דער דאָן געוואָרן מוטנע, און דאָרט, וואו ס'האָט פריער ווילד געריסן דער שטראָם, האָט אַצינד זיך געשאַפן אַזאַ פלאַך אָרט, אַז די אָקסן זענען אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט, זיך נישט איינגעצנדיק די רוקנס. אין די נעכט האָט פון שפיץ באַרג זיך געטראָגן איבערן כוטאָר אַ געדיכטע פאַרנעקייט, דער ווינט האָט אָנגעזאַפּט די לופט מיט אַ האַרבן ריח פון פאַרטרוקנטע גראָזן. אויף די צוגעטיילטע פעלדער האָבן געברענט די טרוקענע קוסטעס. אַ זיסער מיראַזש איז ווי אַ דורכזיכטיקער שלייער געהאָנגען איבער דער געגנט פון דאָן. אין די נעכט זענען די וואָלקנס אויף יענער זייט דאָן געוואָרן געדיכט, עס האָבן טרוקן און קנאַלנדיק געפּלאַצט דונערן, אָבער קיין רעגן אויף דער ערד, וואָס האָט געאָטעמט מיט חמימהדיקער היץ, איז נישט געפאַלן, פרוכטלאָז האָט געפינקלט דער בליץ, צעברעכנדיק דעם הימל אויף שאַרפקאַנטיקע בלויע שטיקער.

אין די נעכט האָט אויפן גלאָקן־טורעם געברומט אַ סאָווע. איבערן כוטאָר זענען געהאָנגען ווײמוטיקע געשרייען, און די סאָווע איז פון גלאָקן־טורעם אַריבערגעפלויגן אויפן בית־עולם, וואָס איז צעטרעטן געווען פון די קעלבער, און געזיפצט איבער די גרויע, מיט גראָז פאַרוואַקסענע קברים.

— עס וועט זיין שלעכט — האָבן נביאות געזאָגט די אַלטע, זיך איינהערנדיק אין שרייען פון דער סאָווע.

— עס וועט אויסברעכן אַ מלחמה.

— פאַר דער טערקישער קאַמפּאַניע האָט אויך אַזוי אַ סאָווע געשריגן.

— אפשר ווידער די כאָליערע.

— אויף קיין גוטס איז זיך נישטאָ צו ריכטן. זי פליט פון דער צערקווע צו די מתים.

— אָך דו, מיקאָלאַ, גאָטס אויסדערווײלטער, בעל־חסד אונ־זערער...

שומילין מאַרטין, דעם איינהענטיקן אַלעקסעיס ברודער, האָט צוויי נעכט געלאָקערט אויפן פאַרשאָלטענעם פויגל הינטערן בית־עולם־פּאַרקן, אָבער די אומגעזעענע, געהיימנישפולע סאָווע איז נערוישלאָז דורכגעפלויגן איבער אים און זיך געזעצט אויף אַ צלם אין דער צווייטער זייט בית־עולם, פונאַנדערטראָגנדיק בהלה־געשרייען איבערן איינגעשלאָפענעם כוטאָר. מאַרטין האָט אומווירדיק געזידלט, געשאָסן אין שוואַרצן אַראָפּהענגענדיקן בויך פון אַ דורכשווימענדיקן וואָלקן און אַוועקגעגאַנגען.

ער האָט געוואוינט נישט ווייט פונדאַנען. זיין ווייב, אַ פּחדנות־דיקע, קרענקלעכע באַבע, אַ פּרוכפּערנדיקע, ווי די זי פון אַ קראָ־ליק, — וואָס האָט געבוירן יעדעס יאָר, — האָט אויפגענומען דעם מאַן מיט פאַרוואורפן:

— שוטה דו, פינסטערער! וואָס שטערט ער דיר, דער פויגל? און אַז גאָט וועט דיך שטראָפן? איך בין אויף דער צייט — ווער ווייסט, צי כ׳וועל קאָנען האָבן איבער דיר, טייוול דו!

— שווייג! האָב קיין מורא נישט, וועסט האָבן! זיך צעיאָכמערט, ווי דעם בעדנערס פערד. פאַרוואָס טרייבט זי דאָ, די פאַרשאָלטענע, אַן אומעט אַן? רופט דאָס אומגליק, דער טייוול. טאָמער מאַכט זיך אַ מלחמה, — וועט מען צונעמען, און אָט וויפיל דו האָסט זיי אָנגעפּלאָדיעט. — מאַרטין האָט אַ וויז גע־טון אויפן ווינקל, וואו ס׳האָט אויפן דיל זיך אויסגעמישט דאָס פּיש־טשען פון די מייז מיטן שנאָרכן פון די אויסגעלייגטע שלאָפנדיקע קינדער.

מעליעכאָוו פּאַנטעלעי, שמועסנדיק מיט די אַלטע אויפן מיי־דאַן, האָט איבערצייגנדיק דערוויזן:

— אונזער גריגאָרי שרייבט, אַז דער עסטרייכישער קייסער איז צוגעפאָרן צו דער גרענעץ און אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל זיין גאַנץ חייל צונויפטרייבן אויף איין אָרט און גיין אויף מאָסקווע און פעטערבורג.

די אַלטע האָבן זיך דערמאָנט אָן אַמאָליקע מלחמות און אַרויסגעזאָגט פאַרשידענע השערות.

– עס וועט נישט זיין קיין מלחמה. מען זעט דאָס לויטן גערעטעניש.
– דאָס גערעטעניש האָט דאָ גאָרנישט צו זאָגן
– דאָס טומלען אַזוי, משמעות, די סטודענטן.
– מיר וועלן וועגן דעם געוואויר ווערן די לעצטע.
– ווי אין דער יאַפּאַנישער מלחמה.
– און אַ פערד פאַרן זון האָסטו שוין צוגעגרייט ?
– וואָס האָב איך מיך צו איילן...
– דאָס זענען אַלץ פּלוידערייען !
– און מיט וועמען וועט זיין די מלחמה ?
– מיט די טערקן איבערן ים. זיי קאָנען אַלץ מיטן ים זיך נישט איינטיילן.
– וואָס איז דאָס פאַר אַ חכמה ? מען צעהאַקט אים אויף חלקים, ווי מיר די היי־לאָנקע, און מען טיילט זיך.
דער שמועס איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ שפּאַס, און די אַלטע זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.
דער היי־שניט, וואָס האָט געמוזט שנעל דורכגעפירט ווערן, האָט געהאַלטן די מענטשן אין וואַכזאַמער גרייטקייט. דאָס גראָז אויף יענער זייט דאָן, וואָס איז געווען געמיין, אומגעשמאַק, גאָר־נישט ענלעך צום גראָז פון סטעפּ, האָט געהאַלטן אין צייטיק ווערן. די זעלבע ערד, און פאַרשידענע זאַפטן זייגן פון איר די גראָזן; נאָכן בערגל אין סטעפּ איז די שוואַרצערד דאָרניק, האַרט, אַ טאַבון וועט דורכלויפן — וועט קיין שפּור פון אַ קאָפּי־טע נישט בלייבן; און דאָס גראָז, וואָס וואַקסט אויף איר, איז קרעפטיק, דופטנדיק, אַזוי הויך, אַז עס גרייכט די פערד ביז די בייכער; און ביים דאָן און אויף יענער זייט דאָן איז דער באָדן אַ פייכטער, אַ ווייכער, און עס וואַקסן אויף אים גראָזן נעבעכדיקע, נישטיקע, אַזוי אַז ס׳זענען פאַרהאַן יאָרן, ווען אַ בהמה וועט זיי אפילו אין מויל אַריין נישט נעמען.
מען האָט געשאַרפט די קאָסעס אין כוטאָר, צוגעשניצט די היי־

קאַמען, די באַבעס האָבן צוגעגרייט קוואַס די שניטערס צו דערפרישן, און דערווייל איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט דעם כוטאָר פון איין עק ביזן אַנדערן אויפגערודערט: עס איז געקומען צו פאָרן דער סטאַנאָוואָי-פּריסטאַוו מיטן אויספאָרשונגס-ריכטער און מיט אַ שוואַרץ-צייניקן, נאָך קיינמאָל נישט געזעענעם אָפיציר אין אַן אוניפאָרם; זיי האָבן אַרויסגעפאָדערט דעם אַטאַמאַן, צונויפגערופן די וועכטער פון כוטאָר און גלייך זיך אַוועקגעלאָזט צו דער שיקלדיקער לו-קעשקען.

דער אויספאָרשונגס-ריכטער האָט געטראָגן אין דער האַנט דאָס לייוונטענע היטל מיט דער אוניפאָרם-קאָקאַרדע. זיי זענען גע-גאַנגען לענגאויס דעם פאַרקן פון דער לינקער זייט גאַס, אויף דער סטעזשקע זענען געלעגן זון-פלעקן, און דער אויספאָרשונגס-ריכ-טער, אַרויפטרעטנדיק אויף זיי מיט די פאַרשטויבטע שיך, האָט אויסגעפרעגט דעם אַטאַמאַן, וואָס איז אים אַלעמאָל פאַרלאָפן דעם וועג, ווי אַ האָן:

— דער שטאָקמאַן, וואָס האָט זיך דאָ באַזעצט, איז איינ-דערהיים?

— יאָ, אייער וואוילגעבוירנהייט.

— מיט וואָס באַשעפטיקט ער זיך?

— ווי געוויינטלעך, אַ באַלמעלאָכע... ער שניצט דאָרט עפּעס.

— האָסט גאָרנישט באַמערקט אויף אים?

— ניין.

דער פּריסטאַוו האָט גייענדיק מיט די פינגער אויסגעקוועטשט אַ בלעטערל, וואָס האָט זיך אים באַזעצט צווישן די ברעמען; ער האָט געסאָפּעט, שוויצנדיק אין טוכענעם מונדיר. דאָס שוואַרץ-צייניקע אָפיצירל האָט זיך געגראַבלט אין די ציין מיט אַ שטרויע-לע, ריינצלענדיק די ווייך-געוואָרענע רויטע הויט פון זיינע אויגן-לעפּלעך.

— ווער פאַרברענגט ביי אים? — האָט דער אויספאָרשונגס-

ריכטער זיך אויסגעפּרעגט, אָפּרוקנדיק מיט דער האַנט דעם אַטאַ־מאַן, וואָס איז אים פאַרלאָפן דעם וועג.

— מען פאַרברענגט, יאָ. מען שפּילט אַמאָל אין אַ קערטל.

— ווער־זשע?

— מערסטנטיילס פון דער מיל, די אַרבעטער.

— אָבער ווער אייגנטלעך?

— דער מאַשיניסט, דער, וואָס אַרבעט ביי דער וואָג, דער וואַלצן־מייסטער דאַווידקאַ און נאָך טייל פון אונזערע קאָזאַ־קן באַטייליקן זיך.

דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט זיך פאַרהאַלטן, צווו־רטנ־דיק אויפן אָפיציר, וואָס איז הינטערשטעליק געבליבן, און מיטן היטל זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון צווישן די אויגן. ער האָט עפּעס גע־זאָגט דעם אָפיציר, דרייענדיק צווישן די פינגער אַ קנאָפּ פון זיין מונדיר און אַ רוף געטון דעם אַטאַמאַן מיט אַ פינגער. יענער איז צוגעלאָפן אויף די שפּיץ־נעגל, פאַרהאַלטנדיק דעם אָטעם. איך זיין האַלז האָבן זיך אָנגעבלאָזן און געציטערט די צונויפגעפּלאָנ־טערטע אָדערן.

— נעם צוויי וועכטערס און גיי אַרעסטיר זיי. קום גלייך אין דער פאַרוואַלטונג אַריין, אויך מיר וועלן באַלד נאָכקומען. פאַרשטאַנען?

דער אַטאַמאַן האָט זיך אויסגעשטרעקט, אַראָפּהענגענדיק מיט דער אייבערשטער טייל קערפּער אַזוי, אַז דער גרעבסטער אָדער איז ווי אַ בלויע שנור אַראָפּגעפאַלן אויפן שטייענדיקן קאָלנער פון זיין מונדיר; ער האָט עפּעס אַ ברום געטון און אָפּמאַרשירט צוריק.

שטאָקמאַן איז געזעסן אין אונטערהעמד, מיט אַ צעשפּיליעטן קאָלנער, אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער טיר, אויסזעגנדיק מיט אַ האַנט־זעגל אַ קרומען דעסען פון דיקטע.

— איך בעט אייך אויפצושטיין. איר זענט אַרעסטירט.

— אין וואָס האַנדלט זיך?

— איר פאַרנעמט צוויי צימערן?

— יאָ.

— מיר וועלן ביי אייך דורכפירן אַן אונטערזוכונג. — דער אָפיציר, וואָס האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט אַ שפּאָרן אַן טעפּיכל ביי דער שוועל, איז צוגעגאַנגען צום טישל, מיט פאַרזשמורעטע אויגן אַ נעם געטון דאָס ערשטע בוך.

— דערלאַנגט מיר די שליסלען פון דעם קופערט.

— אין וואָס ווער איך באַשולדיקט, הער אויספאָרשונגס־ריכטער?

— מיר וועלן נאָך האָבן די געלעגנהייט מיט אייך צו שמועסן.

— ווערכטער, דאָ אַהער!

פון צווייטן צימער האָט אַריינגעקוקט שטאָקמאַנס ווייב, איבערלאָזנדיק די טיר אַ נישט פאַרמאַכטע. דער אויספאָרשונגס־ריכטער און נאָך אים דער שרייבער זענען אַהין אַריינגעגאַנגען.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט דער אָפיציר שטיל געפרעגט, האַלטנדיק פאַר זיך אַ בוך אין געלן איינבאַנד.

— אַ בוך. — שטאָקמאַן האָט אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען.

— די וויצן באַהאַלט פאַר אַ פאַסיקערן מאָמענט. איך בעט דיך צו ענטפערן אויף די פראַגן אויף אַן אַנדערן אופן!

שטאָקמאַן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער באַנק ביים אויוון, באַהאַלטנדיק זיין קרומען שמייכל. דער פּריסטאַוו האָט אַ קוק־געטון דעם אָפיציר איבערן אַקסל און אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף שטאָקמאַנען.

— איר שטודירט?

— איך אינטערעסיר מיך, — האָט שטאָקמאַן טרוקן געענטפערט, צעטיילנדיק מיט אַ קליין קעמעלע זיין שוואַרצע באָרד אויף צוויי גלייכע העלפטן.

— אַ־זוי־וי־וי.

דער אָפיציר האָט דורכגעבלעטערט די זייטן און אַ וואָרף געטון דאָס בוך אויפן טיש; ער האָט באַהאַוונט דורכגעקוקט אַ צווייטס; און נאָכדעם ווי ער האָט עס אַוועקגעלייגט אין אַ זייט און איבערגעלייענט די הילע פון אַ דריטס, האָט ער אויס־געדרייט דעם קאָפּ צו שטאָקמאַנען.

— וואו האָסטו נאָך ליגן אַזאַ ענלעכע ליטעראַטור?

שטאָקמאַן האָט פאַרזשמורעט דאָס לינקע אויג, ווי ער וואָלט זיך געצילט.

— דאָס איז אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג.

— זאָגסט ליגנט! — האָט דער אָפיציר הויך אַ זאָג געטון, אַ פאָכע געבנדיק מיטן בוך.

— איך פאָדער...

— זוכט!

צוהאַלטנדיק די שווערד מיט דער האַנט, איז דער פּריסטאַוו צוגעגאַנגען צום קופערט, וואו אַ געשטופּלטער קאָזאַק־וועכטער האָט זיך געגראָבן צווישן דער וועש און די מלבושים, אַפּנים דערשראָקן פון דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען.

— איך פאָדער אַ העפלעכע באַהאַנדלונג, — האָט שטאָקמאַן פאַרענדיקט, אָנשטעלנדיק דאָס פאַרזשמורעטע אויג דעם אָפיציר צווישן די ברעמען.

— שווייגט בעסער, ליבינקער.

אין די צימערן, וועלכע שטאָקמאַן האָט פאַרנומען מיטן ווייב, האָט מען דורכגענישטערט אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען. די אונטערזוכונג איז דורכגעפירט געוואָרן אויך אין וואַר־שטאַט. דער טיכטיקער פּריסטאַוו האָט אפילו די ווענט אויסגע־קלאַפּט מיטן פאַרבויגענעם פינגער.

שטאָקמאַנען האָט מען אַוועקגעפירט אין דער פאַרוואַלטונג אַריין. ער איז געגאַנגען פאַרויס דעם וועכטער, אינמיטן גאַס, איין האַנט פאַררוקט אונטערן קאַנט פון זיין אַלטן סורדוט און מיט דער צווייטער צופאָכענדיק, ווי ער וואָלט אָפּגעשאָקלט עפּעס שמו־

ציקס, וואָס האָט זיך אים צוגעקלעבט צו די פינגער ; די איבערי־קע זענען געגאַנגען לענגאויס די פּאַרקנס איבער דער סטעזשקע, וואָס איז געפּלעקט געווען פון דער זון. דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט ווי פריער געטרעטן אויף דערדאָזיקער סטעזשקע מיט זיינע שיך, גרינלעכע פון די פעלד־בלומען, דאָס היטל האָט ער אָבער שוין נישט געטראָגן אין דער האַנט, נאָר האָפּערדיק עס אַראָפּגערוקט איבער זיינע בלייכע אויערן.

שטאָקמאַנען האָט מען אויסגעפאָרשט דעם לעצטן. אין פּאָר־צימער זענען צוזאַמען געזעסן, געהיטן דורכן וועכטער, די שוין אויסגעפאָרשטע : איוואַן אַלעקסעיעוויטש, וואָס האָט נישט באַוויזן זיך אָפּצוּוואַשן די הענט פון מאַזוט, דער שטענדיק שמייכלענדי־קער דאַווידקאַ, וואַלעט מיטן אָנגעהאָנגענעם פּידזשאַק אויף די אַקסלען און מיכאַיל קאָשעוואָי.

דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט זיך געגראָבן אין דער טעקע און געפרעגט שטאָקמאַנען, וואָס איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט טיש :

— פאַרוואָס האָט איר פאַרהוילן, ווען איך האָב אייך גע־פּאָרשט וועגן מאָרד אין דער מיל, אַז איר זענט אַ מיטגליד פון דער רסדאפּ ?*

שטאָקמאַן האָט שווייגנדיק געקוקט איבערן קאָפּ פון אויס־פּאָרשונגס־ריכטער.

— דאָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן. איר וועט פאַר אייער אַרבעט באַקומען די געהעריקע שטראָף, — האָט אַ זאָג געטון דער אויספאָרשונגס־ריכטער, אויפגעהעצט פון שטאָקמאַנס שווייגן.

— איך בעט אייך אָנצוהייבן די אויספאָרשונג, — האָט שטאָקמאַן געזאָגט מיט אַ לאַנגווייליקן טאָן, און וואַרפנדיק אַ בליק אויפן פרייען טאַבורעט, געבעטן אַ דערלויבעניש זיך צו זעצן.

דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט געשוויגן ; שאָרכענדיק מיטן

---

* רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי.

פּאַפּיר. האָט ער פון אונטערן שטערן אַפּער אַ קוק געטון אויף שטאָקמאַנען, וואָס האָט זיך רויִק אַוועקגעזעצט.

— ווען זענט איר דאָ אַהערגעקומען?

— פּאַראַיאָרן.

— לויטן אויפטראַג פון אייער פּאַרטיי?

— אָן קיין שום אויפטראַגן.

— פון ווען אָן זענט איר שוין אַ מיטגליד אין אייער פּאַרטיי?

— אין וואָס האַנדלט זיך?

— איך פרעג אייך, — דער אויספאָרשונגס-ריכטער האָט אונטערגעשטראָכן דעם „איך“, — פון ווען אָן איר זענט אַ מיטגליד פון דער רסדאַפּ?

— איך מיין, אַז...

— מיר איז לחלוטין נישט אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס איר מיינט, ענטפערט אויף דער פראַגע. לייקענען איז אומנוצלעך, אפילו שעדלעך, — דער אויספאָרשונגס-ריכטער האָט אַרויסגענומען איין פּאַפּיר און עס צוגעדריקט מיטן וויַז-פינגער צום טיש. — אָט איז אַן אינפאָרמאַציע פון ראָסטאָוו, וואָס באַשטעטיקט אייער אָנגעהעריקייט צו דער באַצייכנטער פּאַרטיי.

שטאָקמאַן האָט מיט שמאָל-צונויפגעזשמורעטע אויגן אַ קוק געטון אויפן ווייסן שטיקל פּאַפּיר, אַ ווײַלע פאַרהאַלטן דעם בליק דערויף, און גלעטנדיק זיך מיט די הענט די קניִען, אַנטשלאָסן געענטפערט:

— פון טויזנט נייַנהונדערט זיבעטן יאָר.

— אַזוי. איר ווענדט אָפּ, אַז איר זענט אַהערגעשיקט געוואָרן דורך אייער פּאַרטיי?

— יאָ.

— אויב אַזוי — צוּוואָס-זשע זענט איר אַהערגעקומען?

— דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ מאַנגל אין שלאָסער-אַרבעט.

— פאַרוואָס האָט איר גראָד אויסגעקליבן דעם ראַיאָן.

— אויך צוליב דער זעלבער סיבה.

— צי האָט איר, אָדער האָט איר געהאַט אין משך פון דער צייט באַציִונגען מיט אייער אָרגאַניזאַציע ?

— ניין.

— צי ווייסן זיי, אַז איר זענט דאָ אַהערגעפאָרן ?

— מסתמא.

דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט מיט אָנגעבלאָזענע ליפּן, מיט אַ פּערלמוטערן פען־מעסערל זיך געשניצט אַ שפּיץ פון דער בלייפעדער ; ער האָט נישט געקוקט אויף שטאָקמאַנען.

— צי שרייבט איר זיך איבער מיט עמעצן פון אייערע ?

— ניין.

— און דער בריוו, וואָס איז געפונען געוואָרן ביי אייך, בשעת דער אונטערזוכונג ?

— דאָס איז אַ בריוו פון אַ חבר, וואָס האָט נישט קיין שום שייכות צו קיין שום רעוואָליציאָנערער אָרגאַניזאַציע.

— האָט איר באַקומען וועלכע ס'איז דירעקטיוון פון ראָסטאָוו ?

— ניין.

— צוליב וועלכן ציל פלעגן זיך פאַרזאַמלען ביי אייך די אַרבעטער פון דער מיל ?

שטאָקמאַן האָט אַ הייב געטון מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט זיך געוואונדערט אויף דער אומגעלומפּערטקייט פון דערדאָזיקער פראַגע.

— זיי פלעגן זיך סתם צונויפקומען אין די ווינטער־אָוונטן... פשוט די צייט פאַרברענגט. געשפּילט אין קאָרטן...

— געלייענט דורכן געזעץ פאַרבאָטענע ביכער, — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער אונטערגעזאָגט.

— ניין. זיי אַלע קענען כמעט נישט לייענען.

— דער מאַשיניסט פון דער מיל און אַלע איבעריקע ווענדן אונדערסטוועגן נ י ש ט אָפּ דעם פאַקט.

— דאָס איז נישט אמת.

— מיר דאַכט זיך, איר האָט פשוט נישט קיין עלעמענטאַרן באַגריף... — שטאָקמאַן האָט אויף דעם אָרט אַ שמייכל געטון, און דער אויספאָרשונגס־ריכטער, וואָס האָט פאַרלוירן דעם פאָדעם פון שמועס, האָט פאַרענדיקט מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן: — איר האָט פשוט נישט קיין געזונטן פאַרשטאַנד! איר לייקנט צום שאָדן פון זיך אַליין. עס איז דאָך גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז איר זענט אַהער־געשיקט געוואָרן דורך אייער פאַרטיי, כדי צו פירן אַ צעשטערונגס־אַרבעט צווישן די קאָזאַקן, כדי זיי אַרויסצורייסן דער רעגירונג פון די הענט. איך פאַרשטיי נישט צוואָס איר שפּילט אייך דאָ אין באַהעלטעניש? דאָס קאָן סיי־ווי נישט קלענער מאַכן אייער שולד...

— דאָס זענען אייערע השערות. איר וועט מיר דערלויבן צו פאַררייכערן? איך דאַנק אייך. דאָס זענען השערות, דערצו דורך גאָרנישט באַגרינדעטע.

— דערלויבט, האָט איר געלייענט די אַרבעטער, וואָס פלעגן אייך באַזוכן, דאָסדאָזיקע ביכל? — דער אויספאָרשונגס־ריכ־טער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף אַ נישט גרויס בוך, פאַר־שטעלנדיק דעם טיטול. אינדערהייך האָט שוואַרץ אויף ווייס זיך געצייכנט דער אויפשריפט „פלעכאַנאָוו“.

— מיר האָבן געלייענט לידער, — האָט שטאָקמאַן אַ זיפץ געטון און פאַרצויגן דעם פאַפּיראָס, פעסט צונויפדריקנדיק דאָס ביינערנע ציגאַרשפּיצל מיט די רעדעלעך צווישן די פינגער...

צומאָרגנס, אין קרענקלעכן, כמורנעם אינדערפרי, איז פון כו־טאָר אַרויסגעפאָרן אַ פּאָסט־טאַראַנטאַס, געשפּאַנט מיט אַ פּאָר פערד. אויפן הינטערשטן געזעס, טוליענדיק די באָרד אין קליינעם פאַרפּעצטן קאָלנער פון פּאַלטן, איז געזעסן שטאָקמאַן, אונטער־דרימלענדיק. פון ביידע זייטן האָבן אים געהיטן וועכטער, באַ־וואָפנט מיט שווערדן. איינער פון זיי, אַ געשטופּלטער און געקרויז־טער, האָט פעסט צונויפגעדריקט שטאָקמאַנס עלנבויגן מיט זיינע

קניפּאַרטיקע שמוציקע פינגער, קוקנדיק זייטיק אויף אים מיט דערשראָקענע ווייסלעכע אויגן און צוהאַלטנדיק מיט דער לינקער האַנט די אָפּגעקראַכענע שייד פון דער שווערד.

דער טאַראַנטאַס איז שנעל געפאָרן, אויפהייבנדיק אַ שטויב איבערן וועג. הינטער פאַנטעלעי מעליעכאָווס הויף, אָנגעשפּאַרט אָן פּאַרקן לעבן שייער, האָט זיי אָפּגעוואַרט אַ קליינע, אין אַ טוך געהילטע פרוי. איר גרוי פּנים אָפּגעריבן פון טרערן, ווי אַן אַלטע מטבע, וואָס איז לאַנג געווען אין אומגאַנג, האָט זיך געגעלט, מאַט און נעבעכדיק, מיט די פּוסטע לעכער, אין וועלכע די אויגן זענען פאַרגאָסן געווען מיט טרערן.

דער טאַראַנטאַס איז שנעל פאַרבײַגעפאָרן, און די פרוי, צונויפדריקנדיק די הענט אויף דער ברוסט, האָט זיך אַ וואָרף געטון זיי נאָכלויפן.

— אַסיאַ!... אָסיפּ דאַווידיטש! אַך, ווי אַזוי־זשע?

שטאָקמאַן האָט איר געוואָלט אַ פּאָכע טון מיט דער האַנט, נאָר דער געשטופּלטער וועכטער האָט, אונטערשפּרינגענדיק, אײַנגעקלאַמערט דידאָזיקע האַנט אין זיינע שמוציקע פינגער און מיט אַ ווילד הייזעריק קול אַ געשריי געטון:

— זיץ! איך וועל דיך צעממיתן!...

צום ערשטן מאָל אין זיין פּשוט לעבן האָט ער געזען אַ מענטש, וואָס טרעט אַרויס קעגן קייסער אַליין.

II

ערגעץ דאָרט הינטן אין גרויען שליימיקן נעפּל איז געבליבן דער לאַנגער וועג פון מאַנקאָוואָ־קאַליטווינער ישוב ביז צום שטעטל ראַדזיוויל. גריגאָרי האָט זיך באַמיט צו דערמאָנען דעם דורכגעפאָרענעם וועג, אָבער עס איז קיין שום קלאָרס נישט אַרויסגעקומען; די רויטע סטאַציע־בנינים, דאָס קלאַפּן פון די רעדער אוני־

טערן טרייסלענדיקן דיל פון די וואַגאָנעס, דער ריח פון פערדישן שווייס און היי, די אומענדלעך־לאַנגע רעלסן, וואָס זענען אַפּערגע־פלאָסן פון אונטערן לאָקאָמאָטיוו, דער רויך, וואָס האָט פון צייט־צו־צייט אַריינגעקוקט אין דער טיר פון וואַגאָן, דאָס וואָנסיקע פרצוף פון זשאַנדאַרם אויפן פעראָן אין וואָראָניעזש אָדער קיִעוו...

אויף דער קליינער סטאַנציע, וואו מען האָט זיי אויסגע־לאָדנט, האָבן זיך געשטופּט אָפיצירן און עפּעס געגאָלטע מענטשן אין גרויע סוויטקעס*, וואָס האָבן גערעדט אויף אַ פרעמדער אומ־פאַרשטענדלעכער שפּראַך. די פערד האָט מען לאַנג אַרויסגעפירט פון די וואַגאָנעס אויף בריקלעך, דער געהילף פון עשעלאָן־קאָמאַנ־דיר האָט באַפוילן צו זאָטלען און אַוועקגעפירט העכער דריי־הונדערט קאָזאַקן אין וועטערינאַר־לאַזאַרעט. די לאַנגע פּראָצעדור פון אי־בערקוקן די פערד, דאָס צוטיילן צו די סאָטניעס, דאָס פאַרען זיך פון די וואַכמייסטערס און אוריאַדניקעס. פאַר דער ערשטער סאָט־ניע האָט מען אָפּגעקליבן די העל־ברוינע פערד; פאַר דער צווײ־טער — די גרויע און העל־געלע; פאַר דער דריטער — די טונקל־ברוינע; גריגאָריען האָט מען צוגעטיילט צו דער פירטער, פאַר וועל־כער עס זענען אָפּגעקליבן געוואָרן די פערד פון גאָלדיקער פאַרב און פשוט ברוינער; פאַר דער פינפטער — העל־געלע און פאַר דער זעקסטער — שוואַרצע. די וואַכמייסטערס האָבן צעטיילט די קאָזאַקן אין אָפּטיילונגען און זיי אַוועקגעפירט צו די סאָטניעס, וואָס זע־נען צעוואָרפן געווען איבער די גיטער און שטעטלעך.

דער בראַוווער וואַכמייסטער קאַרגין, מיט די בולטע אויגן און בענדלעך פאַר איבערטערמיניקער דינסט, האָט דורפאָרנדיק פאַרביי גריגאָריען געפרעגט:

— פון וועלכער סטאַניצע?

— פון דער וויעשענסקער.

* סוויטקע — אַ ברייט לאַנג אייבער-מלבוש.

— אַ קורץ־ווײדלדיקער ?*

גריגאָרי האָט שווייגנדיק אַראָפּגעשלונגען די באַליידיקונג ביים איינגעהאַלטענעם לאַכן פון די קאָזאַקן פון די אַנדערע סטאַניצעס.

דער וועג האָט אַרויסגעפירט צום שאָסיי. די דאָנער פערד, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל דערזען אַ שאָסיי־וועג, האָבן אַרויפגעטרעטן אויף אים, באַוועגנדיק מיט די אויערן און שנאָרכנדיק, ווי אויף אַ טייכל, אַ פאַרצויגנס מיט אייז; דערנאָך זיך צוגעוואוינט און געגאַנגען, האַרט קלינגענדיק מיט די פרישע, נישט אָפּגעריבענע פּאָדקעוועס. צעשניטן דורך די שאַרפן פון די וועלדלעך, איז געלעגן די פרעמדע פוילישע ערד. עס איז געווען אַ כמורנער וואַרעמער טאָג, און די זון, אויך נישט ווי די דאָנער, האָט זיך געשלעפּט ערגעץ אונטערן מושלינענעם פאָרהאַנג פון די וואָלקנס.

דאָס גוט ראַדזיווילאָווא האָט זיך געפונען פיר וויאָרסט ווייט פון דער קליינער באַן־סטאַציע. די קאָזאַקן האָט, שנעל דורכפאָרנדיק, אין האַלבן וועג איבערגעיאָגט דער עשעלאָן־קאָמאַנדיר מיט זיין אָרדינאַנס. צום גוט איז מען צוגעפאָרן אין אַ האַלבער שעה.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ כוטאָר ? — האָט אַ קאָזאַק פון דער מיטיאַקינער סטאַניצע געפרעגט דעם וואַכמייסטער, אָנווייזנדיק אויף די נאַקעטע ביימער־שפּיצן פון סאָד.

— אַ כוטאָר ? דו, מיטיאַקינער זשרעבאָק, פאַרגעס אין כוטאָר ! דאָס איז דיר ניעט די מיליטערישע געגנט פון דאָן.

— וואָס־זשע דען, פעטערשי, איז דאָס ?

— וואָס פאַר אַ פעטער בין איך דיר ? נאַדיר גאָר, אַ קרוב זיך אָפּגעזוכט ! דאָס, ברודערקע דו מיינער, — איז דאָס גוט פון

* יעדער סטאַניצע האָט געהאַט איר צונאָמען, די וויעשענסקער האָט מען גערופן די קורץ־ווײדלדיקע.

דער פירשטין אורוסאָוואַ. דאָ טאַקע איז אונזער פערטע סאָטניע איינקוואַטירט.

מיט בענקשאַפט אין האַרץ האָט גריגאָרי געגלעט דעם פערדס האַלז, געדריקט די רייט־אייזנס מיט די פיס, געקוקט אויפן פיינעם צווייגאָרנדיקן הויז, אויף דער הילצערנער פאַרצוימונג, אויף די שיינע בנינים פון דער באַלעבאַטישקייט אינמיטן הויף. זיי זענען פאַרבייגעריטן דעם סאָד, און די נאַקעטע ביימער האָבן זיך געשושקעט מיטן ווינט אויף דער זעלבער שפּראַך, ווי דאָרט, אין דער פאַרלאָזטער געגנט פון דאָן.

לאַנגווייליק און טעמפּ האָט גענומען פליסן דאָס לעבן. די יונגע קאָזאַקן, אָפּגעריסענע פון דער אַרבעט, האָבן זיך געמאַטערט די ערשטע צייט און באַמיט אויפצוהייטערן דורך שמועסן אין די פרייע שעהן. די סאָטניע איז געווען איינקוואַטירט אין גרויסע, מיט דאַכעווקעס געדעקטע אָפּיצינעס; מען איז געשלאָפן אויף נאַרעס, אויפגעקלאַפּטע ביי די פענסטער. אין די נעכט האָט ווי אַ ווייטער פאַסטוך־האָרן יעמערלעך געזשומעט דאָס פאַפּיר, מיט וועלכן די שפּאַרעס זענען פאַרקלעבט געווען און וואָס איז אָפּגעשטאַנען פון דער רעם פון פענסטער. און זיך איינהערנדיק אין דעמדאָזיקן זשומען ביים פאַרשידנאַרטיקן שנאָרכן פון די שלאָפנדיקע, האָט גריגאָרי געפילט, ווי ער גייט אויס פון שווערער פיינלעכער בענקשאַפט. דאָס דין־וויברירנדיקע זשומען האָט ווי מיט אַ צוואַנג אים פאַרקלעמט ערגעץ אונטערן האַרץ; אין אַזעלכע מינוטן איז אים באַפאַלן אַ שטאַרקער פאַרלאַנג אויפצושטיין, אַריינגיין אין שטאַל, אָנזאָטלען דעם קאַשטאַן און טרייבן אים אַזוי לאַנג, זייענדיק שוים איבער דער טויבער ערד, ביז ער וועט נישט אַהיימקומען.

פינף אַ זייגער האָט מען געוועקט צום ברענגען די פערד אין אָרדענונג, צום רייניקן. אין משך פון דער קורצער האַלבער שעה, וואָס מען האָט געקאָרמעט די געפּענטעטע פערד מיט האָבער, האָט מען זיך דורכגעוואָרפן מיט קורצע פראַזן.

— עס איז דאָ עקלהאַפט, יאַטן!

— איך האָב שוין קיין כּוח נישט!

— און דער וואַכמייסטער — איז שוין איינגעמאָל אַ צוויג! די קאַפּיטעס פון די פערד האָט ער באַפוילן צו וואַשן.

— אַצינד פרעגלט מען בלינצעס אינדערהיים, ס'איז די פאַסט־וואָך...

— איך וואָלט אַצינד אַ מויד געטאַפּט, עך!

— און איך, ברידערלעך, האָב היינט געהאַט אַ חלום; עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך שנייד מיטן טאַטן דאָס היי אויף דער לאָנקע און מענטשן האָבן זיך אַרויסגעשיט אַזויפיל, ווי רו־מיאַנעק הינטער די שייערס, — האָט דער באַשיידענער פּראָכאָר זיקאָוו געזאָגט, שיינענדיק מיט די מילדע קעלבערנע אויגן: — שניידן מיר אַזוי, דאָס גראָז לייגט זיך פאַר די פיס, אַז דאָס האַרץ קוועלט אַזש אין מיר!...

— דאָס ווייב מוז אַצינד זאָגן: „וואָס מאַכט דאָרט מיין מי־קאָלושקאַ?"

— אָ־כאָ־כאָ־כאָ! זי, ברודערקע, מוז אַצינד מיטן שווער אין קוצע־מוצעניו שפּילן.

— נו, גיי שוין...

— עס איז נישטאָ קיין פרוי אויף דער וועלט, וואָס זאָל אָן מאַן אין דער זייט מיט אַ פרעמדן זיך נישט באַ־לעקן.

— וואָס איר האָט זיך דאָ צום האַרץ צו נעמען? אַבי ס'זאָל אַ דייזשע מילך זיין; וועלן מיר פון דער דינסט זיך אומקערן — וועט פאַר אונז אויך קלעקן.

דער גרעסטער וויצלער און גבזהניק פון דער סאָטניע, דער געוויסנלאָזער און עזותדיקער יעגאָרקאַ זשאַרקאָוו האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס, מרוגענדיק מיט די אויגן און מיאוס שמייכלענדיק:

— דאָס איז אַ באַקאַנטע זאַך: דיין טאַטע וועט די שנור נישט דורכלאָזן. ער איז שוין איינמאָל אַ זכר. אָט וואָס עס איז אַמאָל

געשען... — ער האָט געפינקלט מיט די אויגן, קוקנדיק אויף די צוהערער. — איינמאָל האָט אַזאַ איינער צו דער שנור זיך צוגע־טשעפּעט, זי צו רו נישט געלאָזט, אָבער דער מאַן האָט געשטערט. איז ער געפאַלן אויף אַזאַ שכל: ער איז ביינאַכט אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין און בכיוון געעפנט דאָס טויער, האָבן די בהמות זיך אָנגעהויבן אַרומדרייען איבערן הויף. זאָגט ער דעמאָלט צום זון: „דו, אַזוינער און אַזעלכער, דאָס האָסטו אַזוי דאָס טויער פאַרמאַכט? זע: אַלע בהמות זענען אַרויס, גיי, טרייב זיי אַריין!" ער האָט געמיינט, דער זון וועט אַרויסגיין, וועט ער דערווייל צו דער שנור זיך צוכאַפּן. דער זון האָט זיך אָבער געפוילט. „גיי — שעפּטשעט ער צום ווייב — טרייב זיי אַריין". איז זי געגאַנגען. ליגט ער אַזוי, הערט זיך איין, און דער פאָטער קריכט אַראָפּ פון דער באַנק פאַרן אויוון און רוקט זיך פּאַמעלעך צום בעט אויף די קני. דער זון איז נישט געווען קיין שוטה, נעמט ער דאָס וואַל־גערהאָלץ פון דער באַנק און וואַרט. דערווייל איז דער פאָטער צוגעקראָכן צום בעט, און ווי נאָר ער האָט מיט דער האַנט אַ טאַפּ געטון, האָט אים דער זון באַלד דערלאַנגט מיטן וואַלגערהאָלץ אי־בערן פּליך. „טפּרו — שרייט ער, — נכפּה דו! ס׳האָט זיך דיר פאַרגלוסט די פּלאַכטע צו גריזשען!..." ביי זיי אין שטוב האָט געזעכטיקט אַ קאַלב, וואָס האָט אַ טבע געהאַט צוצוגיין און דאָס אָנטועכץ צו קייען. דער זון האָט דאָס כּלומרשט אַזוי געשריגן אויפן קאַלב, אָבער דערלאַנגט האָט ער טאַקע דעם פאָטער אַליין, און ליגט און שווייגט... דער אַלטער איז צוריקגעקראָכן צו דער באַנק פאַרן אויוון, ליגט און רייבט זיך די בייל, וואָס איז אים ווי אַ גענזן איי אויפגעלאָפן. ליגט ער אַזוי און ליגט, און ענדלעך זאָגט ער: „איוואַן, אַ, איוואַן?" — „וואָס, טאַטע?"— „וועמען האָסטו דאָס אַזוי דערלאַנגט?" — „דעם קאַלב" — ענט־פערט דער זון. און דער אַלטער זאָגט אים מיט טרערן: „וואָס־זשע פאַר אַ באַלעבאָס, — זאָגט ער, — וועט דאָס זיין פון דיר, אין דיין טייוולאָנישער מאַמען אַריין, אויב דו שלאָגסט אַזוי אַ בהמה?"

– דו ביסט אַ גוטער טשאַקער.

– מ׳וואָלט דיר געדאַרפט, געשטופּלטער, אַ שלאָס אויפן מויל אָנהענגען.

– וואָס פאַר אַ יריד איז דאָ? צעגיין זיך! – האָט דער וואַכמייסטער, צוקומענדיק, אַ רעווע געטון. און די קאָזאַקן זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען צו די פערד, לאַכנדיק און שפּאַסנדיק. נאָך דער טיי איז מען אַרויסגעגאַנגען צו די מושטיר־איבונגען. די אוריאַדניקעס האָבן אַרויסגעקלאַפּט די היימישע געוואוינהייטן...

– דעם בויך צי איין, דו, קישקע חזירישע!

– רעכטס, מאַרשירן...

– אָפּטיילונג, שטיין!

– אַרש!

– העי דו, פון לינקן פליגל דאָרט, ווי אַזוי שטייסטו, אין דיין מאַמען אַריין?...

די הערן אָפיצירן זענען געשטאַנען אין דער זייט און זיך צוגעקוקט, ווי מען טרייבט די קאָזאַקן איבערן ברייטן הויף; זיי האָבן געגרייכערט און זיך אַריינגעמישט פון צייט־צו־צייט אין די באַפעלן פון די אוריאַדניקעס.

קוקנדיק אויף די אויסגעפּראַנטעוועטע אָפיצירן, אין זייערע רייכע העל־גרויע שינעלן און עלעגאַנט־געפּאַסטע מונדירן, האָט גריגאָרי געפילט צווישן זיך און זיי אַ נישט דורכדרינגלעכע אומגעזעענע וואַנט. דאָרט האָט רעגלמעסיק פּולסירט אַן אייגנאַרטיק, נישט קאָזאַקישמעסיק רייך אַנדער לעבן, אָן שמוץ, אָן אומפּלייט, אָן שרעק פאַר די וואַכמייסטערס, וואָס פלעגן אָפּט דערלאַנגען אין די ציין אַריין.

אויף גריגאָריען און אַלע יונגע קאָזאַקן האָט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק דאָס, וואָס איז געשען אויפן דריטן טאָג נאָכן קומען אין גוט אַריין. עס זענען פאָרגעקומען די רייט־איבונגען. פּראָכאָר זיקאָוו, דער בחור מיט די קעלבערן־מילדע אויגן, וועלכן ס׳האָט זיך אָפּט געחלומט די ווייטע סטאַניצע, נאָך וועלכער ער

האָט געבענקט, האָט געהאַט אַ נאַראָווגע פערד, האָט עס דורכ־רייטנדיק הינטערווייַלעכס אַ שטויס געטון דעם וואַכמייסטערס פערד. דער קלאַפּ איז געווען נישט קיין שטאַרקער און האָט קוים צעראַצט די פעל אויפן שענקל פון לינקן פוס, אָבער דער וואַכ־מייסטער האָט מיט אימפּעט אַ זעץ געטון פּראָכאָרן מיט דער נאַהייקע איבערן פּנים און אַרויפגעריטן אויף אים, שרייענדיק:

— די אויגן וואו האָסטו?... פאַרוואָס קוקסטו נישט וואו דו רייטסט? איך וועל דיר, הינטישער זון! דו וועסט ביי מיר דריי מעת־לעת דיזשורירן!...

דער סאָטניע־קאָמאַנדיר, וואָס האָט עפּעס באַפוילן דעם אָפיציר פון דער אָפטיילונג, האָט צוגעזען דידאָזיקע סצענע און זיך אַוועקגעדרייט, צופּנדיק די טראָלדז פון זיין שווערד און לאַנג־ווייליק גענעצנדיק. פּראָכאָר האָט מיטן אַרבל פון שינעל אָפּגע־ווישט דעם בלוטנדיקן שטרייף פון זיין געשוואָלן פּנים און זיינע ליפּן האָבן געציטערט.

אויסגלייכנדיק דאָס פערד אין דער רייע, האָט גריגאָרי גע־קוקט אויף די אָפיצירן, נאָר יענע האָבן רויִק געשמועסט, ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַרגעקומען. אין אַ פינף טעג אַרום האָט גריגאָרי ביים אָנטרינקען די פערד אַראָפּגעלאָזט דעם עמער אין ברונעם אַריין, און דער וואַכמייסטער איז ווי אַ רויב־פויגל אָנגעפאַלן אויף אים, פאַרמעסטנדיק זיך מיט דער האַנט.

— טשעפּע נישט!... — האָט גריגאָרי טויב אַ זאָג געטון, קוקנדיק אויפן גערונצלטן וואַסער אין ברונעם.

— וואָס? קריך אַריין, נבלה, נעם אַרויס! איך וועל דיר די מאָרדע צעהאַקן!...

— איך וועל אַרויסנעמען, אָבער דו טשעפּע נישט! — האָט גריגאָרי, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ און צעציִענדיק די ווער־טער געלאַסן אַרויסגעזאָגט.

ווען ביים ברונעם וואָלטן געווען קאָזאַקן — וואָלט דער ענין זיך אַנדערש פאַרענדיקט: דער וואַכמייסטער וואָלט גריגאָריען

זיכער אָנגעהרגעט, אָבער די קאָזאַקן זענען געווען ביי דער פאַר־צוימונג און דעם שמועס נישט געקאָנט הערן. צוגייענדיק צו גרי־גאָריען, האָט דער וואַכמייסטער זיך אומגעקוקט אויף זיי, געסאַ־פעט און אַרויסגעזעצט די בלוטדורשטיקע, פון כעס־צעטומלטע אויגן.

— ווער בין איך פאַר דיר ? ווי אַזוי רעדסטו מיט אַן עלטסטן ?

— דו, סעמיאָן יעגאָראָוו, וואַרף דיך נישט !

— דראָעסט ?... וועל איך דיך שוין גלייכלייגן !...

— אָט־וואָס, — גריגאָרי האָט אָפּגעריסן דעם קאָפּ פון ברו־נעם, — אויב דו וועסט מיר אַמאָל אַ קלאַפּ געבן — וועל איך דיך סיי־ווי דערהרגענען ! פאַרשטאַנען ?

דער וואַכמייסטער האָט אין פאַרוואונדערונג ברייט געעפנט דאָס פירעקיקע מויל, ווי אַ קאַרפּ, נישט געפינענדיק קיין ענטפער. דער מאָמענט פון אָפּרעכענונג איז אַריבער. גריגאָריעס פּנים, וואָס איז גרוי געוואָרן ווי קאַלך, האָט נישט פאַרגעזאָגט קיין שום גוטס, און דער וואַכמייסטער האָט זיך פאַרלוירן. ער איז אַוועקגעגאַנגען פון ברונעם, זיך אַ גליטש געבנדיק אין דער בלאָטע, וואָס האָט זיך געשאַפן אונטער דער שיפּוע, איבער וועלכער מען האָט אַראָפּ־געגאָסן דאָס וואַסער אין די אויסגעהוילטע קאָריטעס אַריין, זיך אויסגעדרייט, אַ פּאָכע געטון מיט דער פויסט, ווי מיט אַ האַמער און געזאָגט :

— איך וועל דעם סאָטניק מעלדן ! וועסט זען, איך וועל דעם סאָטניק ראַפּאָרטירן !

אָבער ער האָט דעם סאָטניק דאָך נישט געזאָגט, בלויז גרי־גאָריען פאַרפאָלגט אַ צוויי וואָכן, זיך געטשעפּעט צו יעדער קליי־קייט, אים אויסער דער רייע געשיקט אויף דיזשורן און אויסגע־מיטן זיך צו באַגעגענען מיט אים אויג־אויף־אויג.

דער לאַנגווייליקער, איינאַרטיקער טאָג־סדר איז שוין גע־קראָכן פון האַלז. ביז אָוונט, כּל־זמן דער טרומייטערער האָט נישט

גערופן צום נאַכטמאָל, איז מען פאַרנומען געווען אויף די איבונגען, צופוס און רייטנדיק; מען האָט געריימט, גערייניקט, געגעבן צו עסן די פערד און זיך אין קאָפּ אַריינגעהאַקט די נאַרישע כּללים פון דער מיליטער־דינסט. ערשט צען אַ זייגער, נאָכן אַפּעל און באַשטימען די דיזשורן, האָט מען זיך אויסגעשטעלט צו דער תּפילה. דער וואַכמייסטער, דורכפירנדיק זיינע קיילעכיקע בלייערנע אויגן איבער דער אויסגעשטעלטער שרענגע, האָט מיט זיין פון געבוירן הייזעריק קול מאָנאָטאָן אָנגעהויבן „פאָטער אונזערער".

צומאָרגנס האָט דאָס זעלבע לידל זיך איבערגעחזרט. און עס זענען געגאַנגען טעג, פאַרשידנאַרטיקע און דאָך ענלעכע, ווי צווילינגס.

חוץ דעם פּאַרוואַלטערס אַלטן ווייב, האָט אין גאַנצן גוט זיך געפונען בלויז איין פרוי, אויף וועלכער עס האָט נישט אויפגעהערט צו קוקן די גאַנצע סאָטניע, נישט אויסשליסנדיק די אָפיצירן, — דעם פּאַרוואַלטערס יונגינקע, שייִנינקע שטוב־מיידל — די פּאָלקע פראַניע. זי פלעגט אָפט דורכלויפן פון הויז אין קיך אַריין, וואו ס'האָט געהערשט דער אַלטער אָנברעמיקער קוכער.

די סאָטניע, צעטיילט אויף מאַרשירנדיקע אָפּטיילונגען, פלעגט זיפצנדיק און אומטערווינקנדיק אויפכאַפּן דאָס שאָרכען פון פראַניעס גרויע קליידל. פילנדיק כּסדר אויף זיך די בליקן פון די קאָזאַקן און אָפיצירן, איז פראַניע אַזוי ווי אויסגעשמירט געווען אין דער תּאווה, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון די דרייהונדערט אויגן, און רייצנד וויגנדיק זיך אין די היפטן, פלעגט זי שנעל אַריבערלויפן פון הויז אין קיך אַריין, פון קיך אין הויז אַריין, שמייכלענדיק אַלע מאָל צו אַן אַנדערער אָפּטיילונג און באַזונדער צו די הערן אָפיצירן. אַלע האָבן זיך באַמיט צו געווינען איר אויפמערקזאַמקייט, נאָר, ווי מען האָט געשמועסט, איז דאָס געלונגען בלויז דעם געקרויזטן און מיט געדיכטע האָר פון קאָפּ ביז פיס באַוואַקסענעם סאָטניק.

דאָס איז געשען נאָך פּאַר פרילינג. גריגאָרי האָט דעם טאָג

געהאַט דיזשור אין שטאַל. ער האָט די גרעסטע טייל צייט פאַר־בראַכט אין איין זייט, וואו די אָפיצירישע פערד, וואָס זענען אַרייַנגעכאַפּט אין דער געזעלשאַפט פון דער קאָבילע, האָבן זיך פאַרהאַלטן נישט רויִק. עס איז געווען די מיטאָג־הפסקה. גריגאָרי האָט נאָר־וואָס אַרייַנגעטיילט מיט דער נאָהייקע דעם עסאַולס ווייס־פּיסיקן פערד און אַוועקגייענדיק געכאַפּט אַ בליק אין דער אָפּ־צוימונג צו זיין ברוינעם. דאָס פערד האָט פייכט געקייעט דאָס היי, געשיקלט אויפן באַלעבאָס מיטן ראָזן אויג, האַלטנדיק אונ־טערגעהויבן דעם הינטערשטן פוס, וואָס איז צעקלאַפּט געווען אויפןביין איבער דער קאָפּיטע. גריגאָרי האָט דערהערט אַ טו־פּעריי און פאַרשטיקטן אויסגעשריי אין פינסטערן ווינקל פון דער שטאַל. ער האָט זיך געלאָזט גיין צווישן די אָפּצוימונגען, פאַר־וואונדערט פון אומגעוויינטלעכן גערויש. זיינע אויגן זענען פאַרשטעלט געוואָרן דורך דער געדיכטער פינסטערניש, וואָס האָט פלוצלינג אַ פלייץ געטון אין דורכגאַנג. די טיר פון דער שטאַל איז צוגעקלאַפּט געוואָרן און עמעצנס איינגעהאַלטן קול האָט שעפּטשענדיק אויסגעשריגן:

— גיכער, חברה!

גריגאָרי האָט פאַרשנעלערט דעם טריט.

— ווער איז דאָס?

אויף אים האָט טאַפּנדיק זיך אָנגעשטויסן דער אוריאַדניק פּאָפּאָוו, גייענדיק אין דער ריכטונג פון דער טיר.

— דו ביסט עס, גריגאָרי? — האָט ער אַ פליסטער געטון, אָנכאַפּנדיק אים ביי די אַקסלען.

— וואַרט נאָר. וואָס איז דאָ אַזוינס?...

דער אוריאַדניק האָט אַ לאַך געטון מיט אַ שולדיק געלעכ־טערל און אָנגעכאַפּט גריגאָריען ביים אַרבל.

— דאָ... וואַרט צו, וואוהין לויפסטו?

גריגאָרי האָט אויסגעריסן די האַנט און אויפגעפּראַלט די טיר. איבערן לײדיקן הויף האָט זיך אַ־ומגעדרייט אַ געפלעקטע

הון מיט אַן אָפּגעהאַקטן ווידל, און נישט וויסנדיק, אַז דער קוכער האָט בדעה פון איר צוזוגרייטן אויף מאָרגן אַ יויך פאַרן הער פּאַרוואַלטער, האָט זי, גייענדיק, צעשאַרט דאָס מיסט מיט די פיס און געקוואָקעט, זיך מיישב זייענדיק וואו דאָס איי צו לייגן.

די ליכטיקייט, וואָס האָט אַ שפּריץ געטון גריגאָריען אין די אויגן אַריין, האָט אים אויף אַ רגע פאַרבלענדט. ער האָט זיך פאַרשטעלט די אויגן מיט דער האַנט און אויסגעדרייט, דער־הערנדיק דאָס גערויש, וואָס איז העכער געוואָרן אין ווינקל פון דער שטאַל. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן ביי דער וואַנט און געגאַנ־גען ווייטער; אויף דער וואַנט און די זשלויבן קעגנאיבער דער טיר האָט געציטערט אַ זונען־פלעק. גריגאָרי איז געגאַנגען, זשמו־רענדיק די אויגן פאַר דער ליכטיקייט, וואָס האָט געבריט זיינע אַפּלען. אים איז אַקעגנגעקומען זשאַרקאָוו — דער לץ. זשאַרקאָוו איז געגאַנגען, פאַרקנעפּלענדיק זיך די אַראָפּפאַלנדיקע שאַראָוואַרן און באַוועגנדיק מיטן קאָפּ.

— וואָס טוסטו, וואָס טוט איר דאָ?...

— גיי שנעלער! — האָט זשאַרקאָוו אַ שעפּטשע געטון און געאָטעמט גריגאָריען אין פּנים אַריין מיטן עיפּושדיקן ריח פון זיין שמוציק מויל, — דאָרט... שוין איינמאָל וואונדערלעך!... חברה האָט פראַניען אַריינגעשלעפּט... זי אויסגעלייגט... — זשאַרקאָוו האָט אַ כעכע געטון און, אָפּהאַקנדיק דאָס געלעכטער, טויב זיך אָנגע־קלאַפּט מיטן רוקן אָן דער געטעסעטער וואַנט פון שטאַל, אָפּגעשטויסן דורך גריגאָריען. גריגאָרי איז געלאָפן אַהין, וואו ס׳האָט זיך געהערט דאָס גערודער, זיינע ברייט־אויפגעריסענע אויגן, שוין צוגעוואוינט צו דער פינסטערניש, זענען געווען בלייך פון שרעק. אין ווינקל, וואו ס׳זענען געלעגן די דע־רעס, האָבן געדיכט זיך געשטופּט קאָזאַקן — די גאַנצע ערשטע אָפּטיילונג. גריגאָרי האָט שווייגנדיק פונאַנדערגעוואָרפן די קאָזאַקן און זיך דורכגעפּאַקט פאָרויס. אויפן דיל, מיט אומפאַר־שעמטע און שרעקלעך־פונאַנדערגעוואָרפענע פיס, וואָס האָבן זיך געבלייכט אין דער פינסקערניש, איז אומבאַוועגלעך געלעגן פראַניע,

דער קאָפּ פאַרוויקלט אין די דערעס, דאָס קלייד צעריסן און פאַר־שאַרצט איבער די בריסטן. פון איר איז נאָר־וואָס אויפגעשטאַ־נען אַ קאָזאַק, זיך צוהאַלטנדיק די שאַראָוואַרן און, נישט קוקנדיק אויף די חברים, קרום געשמייכלט און אַוועקגעגאַנגען צו דער וואַנט, אָפּטרעטנדיק דאָס אָרט פאַרן פאָלגענדן אין דער רייע. גריגאָרי האָט זיך אַ ריס געטון צוריק און צוגעלאָפן צו דער טיר...

— וואַ־אַ־אַכמייסטער!...

מען האָט אים דעריאָגט ביי דער סאַמע טיר, אומגעוואָרפן אַהינטער און פאַרפאַקט דאָס מויל מיט אַ פויסט. גריגאָרי האָט צעריסן דאָס העמד פון אויבן ביז אַראָפּ אויף איינעם, באַוויזן אַ שטויס צו טון מיטן פוס אין בויך אַריין אַ צווייטן, אָבער מען האָט אים אויפגעהויבן, ווי פראַניען פאַרוויקלט דעם קאָפּ מיט אַ דערע, געבונדן די הענט און שווייגנדיק, ער זאָל נישט דערקענען לויטן קול, אַוועקגעטראָגן און אין אַ ליידיקן זשלויב אַריינגעוואָרפן. שטיקנדיק זיך מיט דער עיפּושדיקער וואָל פון דער דערע, האָט גריגאָרי געפּרוווט שרייען און געהאַקט מיט די פיס אין דער פאַר־צוימונג אַריין. ער האָט געהערט דאָס שעפּטשען זיך דאָרט אין ווינקל, דאָס סקריפּען פון דער טיר, וואָס האָט דורכגעלאָזט די אַריינגייענדיקע און אַרויסגייענדיקע קאָזאַקן. אין אַ צוואָנציק מינוט אַרום האָט מען אים אויפגעבונדן. ביים אַריינגאַנג איז גע־שטאַנען דער וואַכמייסטער מיט צוויי קאָזאַקן פון דער צווייטער אָפּטיילונג.

— דו זאָלסט האַלטן די צונג צווישן די ציין! — האָט דער וואַכמייסטער שנעל מרוגענדיק זיך אַרומגעקוקט.

— דו זאָלסט דיך מיט עפּעס נישט אַרויסכאַפּן... וואָרים אַז נישט.. וועלן מיר דיר די אויערן אָפּשניידן! — האָט אַ שמייכל געטון דובאָק — אַ קאָזאַק פון אַ פרעמדער אָפּטיילונג.

גריגאָרי האָט געזען, ווי צוויי מאַן האָבן אויפגעהויבן דאָס גרויע פּעקל — פראַניען (אירע פיס, שפּיציק שטאַרנדיק אונטערן קלייד, זענען אומבאַוועגלעך נאָכגעהאָנגען) און אַרויפקריכנדיק

אויף אַ זשלויב, זי אַרויסגעוואָרפן דורכן לאָך אין דער וואַנט, וואו אַ שלעכט צוגעקלאַפּט ברעט האָט אָפּגעשטאַרט. די וואַנט איז אַרויסגעגאַנגען אין סאָד אַריין. איבער יעדער אָפּצוימונג האָט אין דער הייך זיך געבלייכט אַ שמוציק קליין פענסטערל. די קאָזאַקן האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די שטיוול, זיך כאַפּנדיק אויף די צאַפּצוימונגען, כדי צו זען, וואָס די אַראָפּגעפאַלענע פּראַניע וועט טון; טייל זענען אייליק אַרויסגעגאַנגען פון שטאַל. אַ חיהשע נייגיריקייט האָט אויף אַ שטויס געטון גריגאָריען. זיך אָנכאַפּנדיק ביים קוווער-באַלקן, האָט ער זיך אַ ציי געטון אויף די הענט צום פענסטערל, געפונען אַן אָנשפּאַר פאַר די פיס און גענומען אַראָפּקוקן. צענטליקער אויגן האָבן געקוקט דורך די פאַרקאָפּטשעטע פענסטערלעך אויף דער ליגנדיקער ביי דער וואַנט. זי איז געלעגן אויפן רוקן, צונויפנעמענדיק און צעשפּרייטנדיק די פיס ווי אַ שער, גראַבלענדיק מיט די פינגער דעם אויפגעטייעטן שניי ביי דער וואַנט. איר פּנים האָט גריגאָרי נישט געזען, נאָר געהערט דאָס פאַרטייעטע סאַפּען פון די קאָזאַקן, וואָס האָבן געשטאַרט ביי די פענסטערלעך, און דאָס ווייכע אָנגענעמע שאָרכן פון היי.

זי איז געלעגן לאַנג, דערנאָך זיך אויפגעהויבן אויף אַלע פיר. אירע הענט האָבן געציטערט, זיך איינברעכנדיק. גריגאָרי האָט דאָס דייטלעך געזען. זי האָט וואַקלענדיק זיך געשטעלט אויף די פיס און, אַ פאַרלוירענע, אַ פרעמדע און אומבאַקאַנטע, לאַנג, לאַנג געקוקט איבער די פענסטערלעך.

און זי האָט זיך געלאָזט גיין, זיך אָנהאַלטנדיק מיט איין האַנט ביי די קוסטעס און מיט דער צווייטער זיך אָנשפּאַרנדיק און אָפּשטופּנדיק פון דער וואַנט...

גריגאָרי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער אָפּצוימונג, זיך צערייבנדיק דעם האַלז מיט דער האַנט; עס האָט אים געשטיקט.

ביי דער טיר האָט אים עמעצער, ער האָט אַפילו נישט דערקענט ווער, ערנסט און דייטלעך אַ זאָג געטון:

— ווי כריסטוס איז אמת: וועסט א פּיפּס טון — וועלן מיר דיך דערהרגענען! נו?

אויף די איבונגען, דערזעענדיק דעם אָפּגעריסענעם קנאָפּ אויף גריגאָריעס שינעל, האָט דער אָפיציר פון דער אָפּטיילונג אים געפרעגט:

— ווער האָט דיר אָפּגעריסן? וואָס איז דאָס ווידער פאַר אַ מאָדע?

גריגאָרי האָט אַ קוק געטון אויפן צייכן פון אָפּגעריסענעם קנאָפּ און, דורכגענומען פון זכרונות, דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ לאַנגער צייט שיער, שיער זיך נישט צעוויינט.

III

איבערן סטעפּ הענגט אַ געלע זוניקע חמימה. ווי געלער שטויב רויכערן זיך די נישט אָפּגעשניטענע, רייף געוואָרענע בוכטעס פון ווייץ. צו די טיילן פון דער שנייד־מאַשין איז מיט דער האַנט זיך נישט צוצורירן. אין דער הייך — דעם קאָפּ נישט אויפצוהייבן. דער בלויליך־געלער הימל־איבערצוג איז הייס אָנגעגליט. דאָרט, וואו עס ענדיקט זיך דער ווייץ, — בליט די שאַפּירענע בלום פון דאַניק.

דער כוטאָר האָט אַרויסגעוואַנדערט אין סטעפּ אַריין. מען האָט געשניטן דאָס קאָרן. די פערד ביי די שנייד־מאַשינען האָבן פון די כוחות זיך אָפּגעריסן, געשטיקט אין דער פאַרנעקייט, אין עסנדיקן שטויב, סאַפּענדיקע, באַגאַסענע מיט שווייס... דער ווינט, וואָס האָט אין זעלטענע כוואַליעס זיך אָנגעטראָגן פון דאָן, האָט פאַרהויבן די פאָלעס דעם שטויב; מיט אַ נעפּל, ווי מיט אַ טשאַדרע*, פאַרשטעלט דאָס שטעכיקע פּנים פון דער זון.

פּיעטראָ, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער שנייד־מאַשין, האָט

טשאַדרע — לייכטער מוסולמענישער שלייער, וואָס פאַרשטעלט דאָס פּנים פון דער פרוי, איבערלאָזנדיק אַ קליינע עפענונג פאַר די אויגן.

פון אינדערפרי אָן אַ האַלבע צוויי-עמערדיקע באַקלאַגע* אויס-געטרונקען. ער האָט געטרונקען דאָס וואַרעמע עקלהאַפטע וואַסער, און אין אַ מינוט אַרום איז אים ווידער טרוקן געוואָרן אין מויל, דאָס העמד מיט די הויזן זענען צעווייקט געוואָרן, פון פּנים איז גע-רונען, אין די אויערן האָט טרעלנדיק געקלונגען און ווי אַ רעטעך איז שטעקן געבליבן דאָס לשון אין האַלז. דאַריאַ, דאָס פּנים פאַר-הילט אין אַ טיכל, האָט צונויפגעשאַרט די תּבֿואה. אין דער פאַר-טיפונג צווישן אירע טונקל געוואָרענע בריסטן האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גרויער קערנדיקער שווייס. די פערד, וואָס זענען איינגעשפּאַנט געווען אין דער שנייד-מאַשין, האָט אָנגעטריבן נאַטאַליע. אירע אָפּגעברענטע באַקן זענען רויט געווען, ווי אַ בוראַק, פון די אויגן זענען גערונען טרערן. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז אַרומגע-גאַנגען איבער די רייען, ווי אַן אָפּגעבאָדענער. דאָס נאַסע העמד האָט געברענט זיין לייב. עס האָט זיך געדאַכט, אַז נישט קיין באָרד פליסט אַראָפּ פון זיין פּנים אויף דער ברוסט, נאָר שוואַרצער צעגאָסענער פעך, מיט וועלכן מען שמירט די רעדער פון אַ וואָגן.

— האָסט דיך איינגעזייפט, פּראָקאָפּיטש? — האָט כריסטאָ-ניאַ, פאַרבייפאָרנדיק, אַ געשריי געטון פון וואָגן אַראָפּ.

— נאַס! — פּראָקאָפּיטש האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און ווייטער געהינקט, זיך אָפּווישנדיק מיטן פּאָדל פון העמד די אָנגעזאַמלטע פייכטקייט אויפן בויך.

— פּיעטראָ, — האָט דאַריאַ אַ געשריי געטון, — אָך, פאַר-ענדיק שוין!

— וואַרט צו, לאָמיר נאָך די בייט דורכפאָרן.

— מיר וועלן איבערוואַרטן די היץ. איך הער אויף!

נאַטאַליאַ האָט פאַרהאַלטן די פערד, שווער סאַפּענדיק, ווי זי אַליין און נישט די פערד וואָלטן געשלעפּט די שנייד-מאַשין. צו

* באַקלאַגע — פעלד-כּלי אויף וואַסער.

זיי האָט זיך געלאָזט גיין דאַריאַ, געלאָסן שטעלנדיק די שוואַר־צע, פון די שיך אָפּגעריבענע פיס איבערן אָפּגעשניטענעם פעלד.

— פּיעטיושקאַ, דאָ געפינט זיך דאָך אַ טייך נישט ווייט.

— שיין נישט ווייט, אַ וויאָרסט דריי!

— ס׳וואָלט גוט געווען זיך אויסצובאָדן.

— איידער מען וועט אַהינקומען... — האָט נאַטאַליאַ אַ זיפץ געטון.

— צו וועלכן טייוול גיין! מיר וועלן די פערד אויסשפּאַ־נען און — רייטנדיק!

פּיעטראָ האָט אין פאַרלעגנהייט אַ קוק געטון אויפן פאָטער, וואָס איז פאַרנומען געווען מיטן אויפשטעלן אַ סטויג, און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— שפּאַנט אויס, ווייבער!

דאַריאַ האָט אָפּגעטשעפּעט די שטריק און וואוילעריש אַרויס־געשפּרונגען אויף דער קאָבילע. נאַטאַליאַ האָט אָנגעבלאָזן די גע־פּלאַצטע ליפּן אין אַ שמייכל, צוגעפירט דאָס פערד צו דער שנייד־מאַשין, אַרויף אויפן געזעס און זיך באַמיט אַזוי אַרום אויפצו־זיצן.

— דערלאַנג דעם פוס, — האָט איר פּיעטראָ צוגעהאָלפן, זי אַרויפזעצנדיק.

זיי זענען אַוועקגעריטן. דאַריאַ מיט נאַקעטע קניען און אַראָפּגערוקטן טיכל אויפן נאַקן איז געריטן פאָרויס, זי איז גע־זעסן אויפן פערד, ווי אַ קאָזאַק, און פּיעטראָ האָט זיך נישט גע־קאָנט איינהאַלטן, איר נישט נאָכצושרייען:

— העי, גיב אַכטונג, וועסט דיר אָפּרייבן!

— האָב קיין מורא נישט! — האָט דאַריאַ צוריקגעענט־פערט.

איבערשניידנדיק דעם פעלד־וועג, האָט פּיעטראָ אַ קוק גע־

טון לינקס. ווייט איבערן גרויען רוקן פון שליאַך האָט פון כוּ־טאָר שנעל זיך באַוועגט אַ שטויב־קנײַלעכל, אָננעמענדיק אַלע מאָל אַן אַנדערע פאָרם.

— עפּעס אַ רייטער לויפט. — פּיעטראָ האָט זיך פאַר־זשמורעט.

— שנעל! דו זע נאָר, ווי ער שטויבט! — האָט נאַטאַליאַ זיך געוואונדערט.

— וואָס קאָן דאָס זײַן? דאַשקאַ! — האָט פּיעטראָ אַ גע־שריי געטון צום ווייב, וואָס איז געריטן פאָרויס, — וואַרט נאָר צו, מיר וועלן זען, ווער עס רייט.

דאָס קנײַלעכל איז אַראָפּ אין טאָל און זיך אַרויסגעקליבן פון דאָרט, גרויס ווי אַ מוראַשקע.

פון נעפּל האָט זיך אַרויסגעזען די פיגור פון רייטער. אין אַ פינף מינוט אַרום האָט מען שוין אָנגעהויבן זען דייטלעכער. פּיעטראָ האָט זיך אײַנגעקוקט, אַרויפלייגנדיק די ברודיקע האַנט אויפן ראַנד פון זײַן שטרויענעם אַרבעטס־הוט.

— אַזוי אַרום וועט נישט לאַנג דויערן, ער זאָל דאָס פערד אָוועקלייגן, ער גייט אין גאַלאָפּ.

ער האָט, אַן אָנגעכמורעטער, אַראָפּגענומען די האַנט פון הוט, עפּעס אַ גרויסע אומרויִקייט האָט באַהערשט זײַן פּנים און פאַרשטאַרט געבליבן צווישן די פאַרצויגענע ברעמען.

אַצינד האָט מען שוין דייטלעך געזען דעם רייטער. ער האָט זיך געטראָגן אין אימפּעטפולן גאַלאָפּ, צוהאַלטנדיק מיט דער לינקער האַנט דאָס היטל, אין דער רעכטער — האָט לייכט געווייעט אַ רויט פענדל.

ער האָט פאַרבײַגאַלאָפּירט פאַר פּיאָטערן, וואָס איז אַראָפּ־געריטן פון שליאַך, אַזוי נאָענט, אַז עס האָט זיך געהערט דאָס הויכע סאָפּען פון זײַן פערד ביים אַרײַנאָטעמען די אָנגעגליטע

לופט אין די לונגען, און אַ געשריי געטון, אויסשטשירענדיק דאָס פירעקיקע גרוי־שטיינערנע מויל:

— אַליאַרם!

אויפן שפּור, וואָס די פּאָדקאָווע פון פערד האָט איבער־געלאָזט אין שטויב, איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטיקל געלבלעכע שוים. פּיעטראָ האָט באַגלייט מיט די אויגן דעם רייטער. איין זאַך איז אים געבליבן אין זכרון: דאָס שווערע סאַפּען פון האַלב־טויטן פערד, און ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט אים נאָכצוקוקן, — דער נאַסער זאָד, וואָס האָט אומדערבאַרעמדיק געגלאַנצט, ווי דאָס שטאָל פון אַ קלינג.

נאָך אינגאַנצן נישט האָבנדיק קיין באַגריף וועגן אומגליק, וואָס האָט זיך אָנגערוקט, האָט פּיעטראָ טעמפּ געקוקט אויפן שטיקל ציטערדיקן שוים אין שטויב, אויפן סטעפּ, וואָס איז אין געפאַליע־טער משוגעדיקייט אַראָפּגעפלאָסן צום כוטאָר. פון אַלע זייטן האָבן איבערן געלן אָפּגעשניטענעם פעלד גאַלאָפּירט קאָזאַקן צום כוטאָר. איבערן סטעפּ, ביזן סאַמע באַרג, וואָס האָט געל געשימערט אין רויכיקן נעפּל־שלייער, האָבן די רייטער אויפגעהויבן קנײלעכלעך שטויב, און דאָרט, וואו זיי זענען אַרויסגעקומען אויפן שליאַך און געריטן צוזאַמען, האָט צום כוטאָר זיך געצויגן אַ גרויער שטויבי־קער פּאַס. די קאָזאַקן, נאָך אָנגעהעריקע צום מיליטער, האָבן געוואָרפן די אַרבעט; אויסגעשפּאַנט די פערד פון די שנייד־מאַשי־נען און אַוועקגעריטן אין כוטאָר אַריין. פּיעטראָ האָט געזען, ווי כריסטאָניאַ האָט אויסגעשפּאַנט זיין גוואַרדיע־פערד פון דער אַרבע און זיך אַוועקגעלאָזט אין גאַלאָפּ, צעשפּרייטנדיק די לאַנגע פּיס און זיך אומקוקנדיק אויף אים.

— וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס? — האָט נאַטאַליאַ אַרויסגע־קרעכצט, זיך איינקוקנדיק מיט צעשראָקענע אויגן אין פּיאָטערן, און איר בליק, — דער בליק פון אַ האָז אונטערן ציל פון אַ ביקס, — האָט פּיאָטערן אויפגעטרייסלט.

ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום פונקט; אַראָפּשפּרינגענדיק פון

פערד אין רייטן, האָט ער אַרויפגעצייגן די שאַראָוואַרן, וואָס ער האָט אינמיטן דער אַרבעט אַראָפּגעוואָרפן, אַ פּאַכע געטון צום פּאַטער מיט דער האַנט און צעגאַנגען געוואָרן אין זעלבן וואָלקן שטויב, ווי יענע, וואָס האָבן אין גרויע באַוועגלעכע פּיעגעס דעם חמימהדיק־איינגעשלאָפענעם סטעפּ פונאַנדערגע־בליט.

IV

דער גרויער המון אויפן פּלאַץ איז אַלץ געדיכטער געוואָרן. רייען פערד, קאָזאַקישע אויסשטאַטונג, מונדירן, פאַרשידענע נו־מערן אויף שליפעס. מיט אַ קאָפּ העכער פון די פּשוטע קאָזאַקן, ווי האָלענדישע גענז צווישן היימישן עופות־דרויב, האָבן אין זייערע בלויע היטלען זיך אַרומגעדרייט די אַטאַמאַנצעס.

די שענק איז פאַרמאַכט. דער מיליטערישער פּריסטאַוו איז אָנגעכמורעט און פאַרדאגהט. ביי די פּאַרקנס אויף די גאַסן — יום־טובדיק אָנגעטוענע ווייבער. איין וואָרט אין דער פאַרשידן־פּנימדיקער מחנה: „מאָבּיליזאַציע“. שיכורע, דערהיצטע פּנימער. די בהלה גיט זיך איבער די פערד — ליאַרמען און געשלעגן, אַ בייז הירזשען. איבערן פּלאַץ — אַ דין־אויפגעהויבענער שטויב, אויפן פּלאַץ — ליידיקע מאָנאָפּאָל־פלעשער, פּאַפּירלעך פון ביליק נאַשוואַרג.

פּיעטראָ האָט געפירט זיין געזאָטלט פערד ביי דער צוים. ביים פּאַרקן האָט אַ פעסטער שוואַרצער אַטאַמאַניעץ זיך פאַרקנעפּלט די בלויע ברייטע שאַראָוואַרן, געשטשירעט דאָס אָנצייניקע מויל אין אַ שמייכל, לעבן אים קוואָקעט ווי אַ פעלד־הון אַ נידעריק־געוואַקסענע קאָזאַטשקע, — אַ ווייב אָדער אַ געליבטע.

— איך וועל דיר פאַר דער הור שוין אַריינצייילן! — זאָגט צו די קאָזאַטשקע.

זי איז שיכּור, אין די צעפּאַטלטע האָר־פּאַסמעס — שאָלן פון ביר־רויזן, די שפּיצן פון געבלימטן טוך זענען צעבונדן, דער אַטאַמאַניעץ פאַרציט דעם פּאַסיק, זעצט זיך אַראָפּ, שמייכלט; אונטערן געפּאַלבטן ים פון די שאַראָוואַרן קאָן אַ יעריק קאַלב דורכגיין — זיך נישט פאַרטשעפּענדיק.

— וואַרף דיך נישט, מאַשקאַ.

— הונט פאַרשאָלטענער! ווייבערניק!

— נו! איז וואָס־זשע?

— די אויגענעס דיינע די אומפאַרשעמטע!

און דערלעבן פירט אַ געל־בערדיקער וואַכמייסטער אַ וויכּוח מיט אַן אַרטילעריע־קאָזאַק:

— עס וועט גאָרנישט זיין! מיר וועלן שטיין אַ מעת־לעת — און זיך אומקערן.

— און אויב עס וועט פּאָרט זיין אַ מלחמה?

— הע, הע, ברודערקע! קעגן אונז וועט קיין שום מלוכה אויף די פיס זיך נישט דערהאַלטן?

דערלעבן, אין אַ געדיכט רעדל — אַן אומגעלומפּערטער, נישט געבונדענער שמועס. אַ נישט יונגער שיינער קאָזאַק היצט זיך:

— מיר האָבן צו זיי קיין עסק נישט. זאָלן זיי זיך מלחמה האַלטן, און ביי אונז איז די תבואה נישט אַראָפּגענומען!

— דאָס איז שוין איינמאָל אַן אומגליק! זע, וויפיל מענטשן מען האָט דאָ צונויפגעטריבן, און אַ היינטיקער טאָג — שפּייזט דאָך דאָס גאַנצע יאָר.

— זיי וועלן געבן די תבואה די בהמות אויפצופרעסן.

— ביי אונז האָט מען שוין דעם גערשטן אָנגעהויבן שניידן...

— האָט מען, הייסט עס, דעם עסטרייכישן קייסער אוועקגע־לייגט?

— דעם קרוינפּרינץ.

— לאַנדסמאַן, פון וועלכן פולק ביסטו?

— העי, דו דאָרט, מיט דער איינציקער טאָרבע, ביסט רייך געוואָרן, — אין דיין מאַמען אַריין!

— אַ, סטיעשקאַ, פונוואַנען קומסטו דאַ אַהער?

— דער אַטאַמאַן האָט געזאָגט, מען האָט בלויז אויף יעדן פאַל צונויפגעטריבן.

— נו, קאָזאַקנטום, האַלט דיך!

— זיי וואָלטן נאָך אַ יאָר צוגעוואַרט, וואָלט איך פון דריטן רעזערוו אַרויס.

— און דו, זיידע, נאָכוואָס ביסטו געקומען? האָסטו דיינס נישט דורכגעמאַכט?

— מען וועט אָנהייבן בראָקן דעם עולם, וועט עס אויך צו די זיידעס דערגיין.

— דעם מאָנאָפּאָל האָט מען פאַרמאַכט!

— עך, דו, שוטה! ביי מאַרפּוטקען קאָן מען אפילו אַ פעסע־לע קויפן.

די קאָמיסיע האָט אָנגעהויבן דעם איבערזיכט. אין דער פאַרוואַלטונג אַריין האָבן דריי קאָזאַקן דורכגעפירט אַ שיכורן, צע־בלוטיקטן קאָזאַק. פאַרבויגן אַהינטער, האָט ער געריסן אויף זיך דאָס העמד און מיט פאַרגלייזטע קאַלמיקישע אויגן געכריפּעט:

— איך וועל זיי די פויערן צעבבבלוטן! זאָלן זיי וויסן ווער אַ דאָנער קאָזאַק איז!

אַרום איז מען אָפּגעטרעטן, מיט אָנערקענונג צוגעלאַכט, מיטגעפילט.

— דערלאַנג זיי!

— פאַרוואָס האָט מען אים פאַרנומען?

— ער האָט עפּעס אַ פויער צעקיילט.

— זיי קומט!

— מיר וועלן זיי נאָך אַריינצייילן.

— איך, ברודערקע, בין אין טויזנט נייןהונדערט פינפטן

יאָר געשיקט געוואָרן איינצושטילן. אוי, איז לעבעדיק גע־וועו!

— עס וועט זיין אַ מלחמה — וועט מען אונז ווידער שיקן איינשטילן.

— גענוג! זאָלן זיי פרייע דינגען. זאָל די פּאָליציי. אַזעלכע זאַכן זענען אונז אויך איבער דער טבע.

ביי דער טובאַנק פון מאָכאָווס מאַגאַזין — איז אַ געדראַנג, אַ געטומל. צו די באַלעבאַטים איז צוגעשטאַנען דער שיכורער טאָמילין איוואַן. אים האָט באַרויקט, זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט, סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש אַליין; זיין שותף, עמעליאַן קאָנסטאַנ־טינאָוויטש צאַצאַ האָט זיך הינטערוויילעכץ גערוקט צו דער טיר.

— נו, וואָס איז דאָס אַזוינס... ערנוואָרט, דאָס איז נישט אָנשטענדיק! יינגל, לויף אַריבער צום אַטאַמאַן!

טאָמילין, זיך ווישנדיק די שווייסיקע הענט אָן די שאַראַ־וואַרן, האָט מיט דער ברוסט געשטופּט דעם אָנגעכמורעטן סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש.

— האָסט מיך צוגעדריקט מיטן וועקסל, מנוול, און אַצינד האָסטו מורא? נאַ־זשע דיר! איך וועל דיר נאָך דערצו די מאָרדע צעהאַקן, און מאָן ביי מיר! האָסט צוגערויבט אונזערע קאָזאַקישע רעכט. עך, דו, צויגן־אייטער! מנוול!

דער אַטאַמאַן פון כוטאָר האָט גערעדט מיט בוימלדיקע רייד צו די קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום אים:

— אַ מלחמה? ניין, עס וועט נישט זיין. זיין וואוילגעבוירנ־הייט, דער מיליטערישער פּריסטאַוו האָט געזאָגט, אַז דאָס איז בלויז לפנים. איר קאָנט זיין רויִק.

— אויסגעצייכנט! ווי נאָר איך קום אַהיים, איז גלייך אויפן פעלד אַרויף.

— אַזוי זעט אויס דער ענין!

— זאָג, דערבאַרעם דיך, אין וואָסער מיינונג איז די מאַכט? איך האָב דאָך העכער הונדערט דעסיאַטין פאַרזייעט.

— טימאָשקאַ! זאָג אונזערע, אַז מיר וועלן אפשר מאָרגן אַהיימקומען.

— וואָס פאַר אַ מעלדונג לייענט מען עס דאָרט? היידאַ אַהין.

אויפן פלאַץ האָט זיך געטומלט ביז שפעט אין דער נאַכט אַריין.

. . . .

אין פיר טעג אַרום האָבן רויטע צוגן אָוועקגעפירט די קאָזאַקן מיט די פולקן און באַטאַרייעס צו דער רוסיש-עסטרייכישער גרענעץ.

מלחמה...

אין די אָפּצוימונגען ביי די זשלויבן — דאָס הירזשען פון די פערד און דער געשמאַקער ריח פון מיסט. אין די וואַגאָנעס — די זעלבע געשפרעכן, לידער, אָפטער פון אַלץ —

אויפגעשטורעמט האָט דער שטילער,
פּראַוואָסלאַוונער דאָן זיין ברייט,
און ער וואַרט שוין, אויפגעטורעמט,
אויפן רוף פון קייסער גרייט.

אויף די סטאַנציעס — נייגיריק-ערפורכטיקע בליקן, וואָס באַטאַפּן דעם קאָזאַקישן לאַמפּאַס אויף די שאַראָוואַרן, די פּנימער, וואָס האָבן נאָך נישט אָפּגעוואַשן די געדיכטע אָפּגעברענטקייט פון דער אַרבעט.

מלחמה!...

צייטונגען, וואָס פאַרכלינ׳עין זיך אין וואָיען...

אויף די סטאַנציעס האָבן פרויען געפאָכעט מיט טיכלעך צו די קאָזאַקישע עשעלאָנען, געשמייכלט צו זיי, געוואָרפן זיי פּאַפּיראָסן און נאַשוואַרג. בלויז פאַר וואָראָניעזש האָט אַ שיכורער אַלטיטשקער באַן-באַאַמטער אַריינגעקוקט אין וואַגאָן, וואו פּיעטראָ

מעליעכאָוו האָט זיך געשטיקט פון היץ מיט די איבעריקע דריי־סיק קאָזאַקן, און געפּרעגט, אַ סמאָרע טועניק מיטן דינינקן נעזל:

— איר פאָרט?

— זיך אויף מיט אונז, זיידע — האָט איינער געענטפערט פאַר אַלע.

— איר, מיינע ליבע... אָקסן־קעפּ! — האָט ער אַ זאָג געטון און לאַנג תּרעומותדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

V

אין די לעצטע טעג פון יוני איז דאָס פּולק אַרויסגעטרעטן אויף מאַנעווערס און, לויטן באַפעל פון דיוויזיע־שטאַב, אין מאַרש־אָרדענונג צוגעגאַנגען ביז דער שטאָט ראָוונע. אין דער סביבה האָבן זיך אויסגעשפּרייט צוויי דיוויזיעס פוסגייער און אָפּ־טיילונגען קאַוואַלעריע. די פירטע סאָטניע האָט זיך איינקוואַטירט אין דאָרף וולאַדיסלאַוו.

אין אַ צוויי וואָכן אַרום, ווען די סאָטניע איז שוין אויסגעמאַטערט געווען פון כסדרדיקן מאַנעווירן און זיך אָפּגעשטעלט אין שטעטל זאַבאָראָן, איז פון פּולק־שטאַב געקומען דער סאָטניע־קאָמאַנדיר, דער אונטערעסאַול פּאָלקאָווניקאָוו. גריגאָרי איז געלעגן אין געצעלט מיט די קאָזאַקן פון זיין אָפּטיילונג. ער האָט געזען, ווי דער אונטערעסאַול איז שנעל דורכגע־ריטן אויף זיין פאַרשוימטן פערד איבער דער שמאָלער קאָריטע פון דער גאַס.

אין הויף האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צווישן די קאָזאַקן.

— צי וועט מען נישט אַמאָל ווידער אַרויסטרעטן? — האָט פּראָכאָר זיקאָוו אַרויסגעזאָגט אַן השערה און אָפּוואַרטנדיק זיך איינגעהערט.

דער אוריאַדניק פון דער אָפּטיילונג האָט אָריינגעשטעקט די נאָדל אין אונטערשלאַק פון היטל (ער האָט זיך גראָד פאַרראָכטן די צעריסענע שאַראָוואַרן).

— מען וועט זיכער אַרויסטרעטן.

— זיי לאָזן אפילו נישט אָפּרוען, די טייוולאָנים!

— דער וואַכמייסטער האָט געזאָגט, אַז דער בריגאַדע־קאָ־מאַנדיר וועט קומען.

„טאַ־טאַ־טאַ — טרי־טרי־טאַ־טי־טאַ!... — האָט דער טרומיי־טערער אַליאַרמירט.

די קאָזאַקן זענען אויפגעשפרונגען.

— וואו האָסטו מיר דעם טיטון־בײַטל פאַרטאַכליעוועט? — האָט פּראָכאָר זיך גענומען וואָרפן.

— זאָ־אָ־טלען!

— כאַפּט אים דער טייוול, דיין טיטון־בייטל! — האָט גרי־גאָרי פאַרביילויפנדיק אויסגעשריגן.

אין הויף איז אַריינגעלאָפן דער וואַכמייסטער. צוהאַלטנדיק די שווערד מיט דער האַנט, איז ער אַוועקגעלאָפן צו די פערד־באַריערן. די פערד זענען אָנגעזאָטלט געוואָרן אין טערמין, וואָס איז באַשטימט געווען לויטן רעגולאַמין. גריגאָרי האָט אַרויסגעריסן די פּלעקער פון געצעלט; אים האָט באַוויזן אַריינצושעפּטשען דער או־ריאַדניק:

— מלחמה, בחורעץ!

— זאָגסט ליגנט?

— ווי גאָט איז אמת, דער וואַכמייסטער האָט גע־זאָגט!

מען האָט אַראָפּגענומען די געצעלטן. די סאָטניע האָט זיך אויסגעשטעלט.

דער סאָטניע־קאָמאַנדיר האָט זיך געדרייט אויף זיין צעהיצט פערד פאַר דער ליניע.

— אין קאַלאָנע-אַפּשטעלונגען !... — איז הענגען געבליבן זיין קלינגענדיק קול איבער די רייען.

עס האָבן אָנגעהויבן צמאָקען די קאַפּיטעס פון די פערד. די סאָטניע איז אַרויסגעריטן פון שטעטל אויפן טראַקט. פון דאָרף קוסטען האָבן צו דער קליינער באַן-סטאַציע אין גע-ביטענעם אַליור* זיך דערנענטערט די ערשטע און פינפטע סאָטניע.

צומאָרגנס האָט דאָס פּאָלק זיך אויסגעלאָדנט אויף דער סטאַציע ווערבי 35 וויאָרסט פון דער גרענעץ. הינטער די סטאַציע-בערעזעס האָט דער הימל זיך געררייטלט. עס האָט זיך פאַרנומען אויף אַ שיינעם פרימאָרגן. אויפן טאָר האָט געהודזשעט דער לאָ-קאָמאָטיוו. די רעלסן האָבן געגלאַנצט, אָפּלאַקירט פון טוי. די פערד זענען הירזשענדיק אַראָפּגעגאַנגען פון די וואַגאָנעס איבער די בריקלעך. הינטערן וואַסער-טורעם — רופן זיך איבער קולות, אַ באַס-שטימע קאָמאַנדעוועט.

די קאָזאַקן פון דער פירטער סאָטניע האָבן אַריבערגעפירט ביי די צוימען די פערד איבערן דורכפאָר. אין דער ווייכער לילאַ-טונקלקייט זענען אַרומגעשוואומען געדעמפטע קולות. מוטנע האָבן געשימערט בלוילעכע פנימער, קאָנטורן פון פערד זענען צערונען גע-וואָרן אין דער אומזיכטבאַרקייט.

— פון וועלכער סאָטניע ?

— און ווער ביסטו פאַר איינער, וואָס האָסט דאָ אַהער פאַרבלאָנזשעט ?

— איך וועל דיר ווייזן, אויסוואורף! ווי אַזוי רע-עעדסטו מיט אַן אָפיציר ?

— אַנטשולדיקט, אייער וואוילגעבוירנהייט ! — איך האָב נישט דערקענט.

— פאָר דורך, פאָר דורך !

---

* אַליור — פאַרשידנאַרטיקער רייט-טעמפּאָ.

— וואָס האָסטו דיך דאָ אויסגעלייגט? דער לאָקאָמאָטיוו גייט, ריר דיך!

— וואַכמייסטער, וואו איז די דריטע אָפּטיילונג?

— סאָ־אָאָטניע, נענטער אַהער!

און אין דער קאָלאָנע — שטיל, האַלב פליסטערנדיק:

— מיר האָבן, יעדריאָנאַ מאַטריאָנאַ, נאָך צוויי נעכט נישט שלאָפן זיך שוין דערגענטערט.

— סיאָמקאַ, גיב אַ צי צו טון, איך האָב פון פאַרנאַכט אָן נישט גערייכערט.

— ביים זשרעבבאָק גיב אַ צי...

— ער האָט דעם רעמעט דורכגעביסן, דער טייוול.

— און מיינער האָט די פעדערשטע פּאָדקאָווס פאַרלוירן.

דער פערטער סאָטניע האָט פאַרצוימט דעם וועג די צווייטע סאָטניע, וואָס האָט זיך פאַרגומען אין דער זייט.

אויף דער בלוילעכער בלאַסקייט פון הימל האָבן דייטלעך זיך אויסגעטיילט, ווי געצייכנט מיט טוש, די סילועטן פון די רייטערס. זיי זענען געריטן צו פיר אין אַ רייע. עס האָבן זיך געוויגט די פּיקעס, ענלעכע צו נאַקעטע שטאַנגען פון זון־רויזן. פון צייט צו צייט האָט אַ קלונג געטון אַ רייט־אייזן, אַ סקריפּע־געטון אַ זאָטל.

— העי, ברידערלעך, וואוהין דאָס?

— צו אַ שכן אויף אַ טויפונג.

— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!

— שווייגן! וואָס פאַר אַ שמועסן?

פּראָכאָוו זיקאָוו האָט מיט דער האַנט אַרומגענומען דעם געשמירטן האָרן פון זאָטל, זיך איינגעקוקט אין גריגאָריעס פּנים און שעפּטשענדיק געזאָגט:

— דו, מעליעכאָוו, האָסט קיין מורא נישט

— וואָס האָב איך מורא צו האָבן.

— וואָס הייסט... מיר וועלן דאָך נאָך היינט אפשר גיין אין קאַמף אַריין.

— נו, וועלן מיר.

— און איך האָב מורא, — האָט פּראָכאָר זיך מודה געווען און נערוועז געקנייטשט צווישן די פינגער די לייצן, גליטשיקע פון טוי. — איך בין די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. דער שלאָף איז נישט געקומען, כאָטש דערהרגע.

דער שפּיץ פון דער סאָטניע האָט זיך אַ וויג געטון און גע־נומען רוקן פאָרויס, די באַוועגונג האָט זיך איבערגעגעבן דער דריטער אָפּטיילונג, ריטמיש האָבן אָנגעהויבן גיין די פערד, עס האָבן זיך אַ וואַקל געטון און גענומען פליסן די צוגעדריקטע פּי־קעס ביי די פיס.

גריגאָרי האָט נאָכגעלאָזט די לייצן און געדרימלט. אים האָט זיך געדאַכט: נישט דאָס פערד שטעלט ענערגיש די פעדערשטע פיס, וויגנדיק אים אין זאָטל, נאָר ער אַליין גייט ערגעץ איבער אַ פייכטן שוואַרצן וועג, און צו גיין איז אומגעוויינטלעך־לייכט, פריידיק־אויפמונטערנדיק.

פּראָכאָר האָט עפּעס גערעדט ביי זיין אויער, זיין קול האָט זיך געמישט מיטן סקריפּען פון זאָטל, קלאַפּן פון די פּאָדקאָוועס, נישט שטערנדיק דעם דרימל אָן געדאַנקען, אין וועלכן ער איז אַלץ מער פאַרזונקען געוואָרן.

זיי זענען געריטן דורכן דערפל. די שטילקייט, וואָס האָט געקלונגען אין די אויערן, האָט איינגעוויגט. לענגאויס דעם וועג האָט זיך געוויכערט אין טוי דאָס צייטיקע קאָרן. די פערד האָבן זיך געצויגן צו די נידעריקע זאַנגען, אַרויסרייסנדיק די לייצן די קאָ־זאַקן פון די הענט. די מילדע ליכטיקייט האָט זיך אַריינגעריסן גריגאָריען אונטער די אויגנלעדלעך, וואָס זענען אָנגעשוואָלן געווען פון נישט שלאָפן; גריגאָרי האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און געהערט נאָך אַלץ דאָס זעלבע אייגנאַרטיקע קול פון פּראָ־כאָרן, וואָס איז ענלעך געווען צום סקריפּען פון אַן אַרבע.

עס האָט אים אויפגעוועקט אַ געדיכט-קנאַלנדיק גערויש, וואָס האָט זיך פּלוצלינג דערטראָגן פון יענער זייט ווייטן קאָרן-פעלד.

— מען שיסט! — האָט פּראָכאָר כמעט אויסגעשריגן.

די שרעק האָט אָנגעגאָסן מיט מוטנעקייט זיינע קעלבערנע אויגן. גריגאָרי האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ: פאַר אים האָט זיך באַוועגט צום טאַקט פון פערדישן רוקן דער גרויער שינעל פון אוריאַדניק פון דער אָפּטיילונג, אין דער זייט איז געלעגן דאָס פעלד, מיט די נישט-אָפּגעשניטענע בייטן קאָרן, מיט דער לערכע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אויף דער הייך פון אַ טעלעגראַפן-סלופּ. די סאָטניע איז אויפגעהייטערט געוואָרן, דאָס געדיכטע זיפצן פון דער האַרמאַטן-שיסעריי האָט זי דורכגענומען, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם. דער אונטערעסאַול פּאָלקאָווניקאָוו, וואָס איז אויפגערייצט געוואָרן פון דער שיסעריי, האָט אַריינגעפירט די סאָטניע אין שנעלערן רייט-טעמפּאָ. נאָכן קרייצן זיך פון זייטיקע וועגן, וואָס לויפן זיך צונויף ביי אַ פאַרלאָזטער קרעטשמע, האָט מען אָנגעהויבן באַגעגענען פורן מיט היימלאָזע. פאַר דער סאָטניע איז דורכגעריטן אַן עקסקאַדראָן אויסגעפּראַנטעוועטע דראַגונער, דער ריטמייסטער מיט די בלאָנדע באַקנבערד, אויפן ריין-ראַסיקן פערד, האָט איראָניש באַטראַכט די קאָזאַקן און דערלאַנגט די שפּאָרן דעם פערד. אין אַ זומפּיקער קאַלוזשע איז שטעקן געבליבן אַ באַטאַרייע הויביצעס. די אָנטרייבער האָבן געמאַטערט די פערד, אַרום האָט זיך געפּאָרעט די באַדינונג. אַ הויכער געשטופּלטער באַטאַרייעץ האָט געטראָגן פון קרעטשמע אַן אָרעם ברעטלעך, זיכער אָפּגעריסענע פון פּאַרקן.

די סאָטניע האָט איבערגעיאָגט אַ פּולק פוסגייער. די סאָלדאַטן מיט צונויפגעקאַטעוועטע שינעלן זענען געגאַנגען שנעל. די זון האָט זיך געשפּיגלט אין זייערע געפּוצטע קעסעלעך און אַראָפּגערונען פון די שפּיציקע באַגנעטן. דער יעפרייטער פון דער לעצטער ראָטע, אַ קליינער, אָבער וואוילערישער, האָט אַ וואָרף-געטון גריגאָריען אַ שטיקל בלאָטע.

— כאַפּ, וועסט די עסטרייכער וואַרפן!

— באַלעווע נישט, קאָבילקע. — גריגאָרי האָט אינדערלויפן צעהאַקט דאָס שטיקל בלאָטע מיט דער נאַהייקע.

— קאָזאַקלעך, נעמט זיי מיט אַ גרוס פון אונז!

— איר וועט זיך אַליין מיט זיי זען!

אין שפּיץ פון דער קאָלאָנע האָט מען אָנגעהויבן זינגען אַן אויסגעלאַסן ליד; אַ סאָלדאַט מיט אַ ברייטן הינטן, ענלעך צו אַ באַבע, איז געגאַנגען הינטערוויילעכץ ביי דער זייט פון דער קאָלאָנע, קלאַפּנדיק זיך מיט די הענט איבער די קורצע כאַליעוועס. די אָפיצירן האָבן צוגעלאַכט. דער שאַרפער ריח פון דער נישט-ווייטער סכנה האָט זיי דערנענטערט מיט די סאָלדאַטן, זיי געמאַכט מילדער.

פון דער קרעטשמע ביזן דאָרף גאָראָווישטשוק האָבן אין אַ אַ גענזן-רייע זיך געצויגן אָפּטיילונגען פון פוסגייער, פּראָוויאַנט-וועגענער, באַטאַרייעס, לאַזאַרעטן. עס האָט זיך געפילט דער טויט-אָטעם פון די נאָענטע קאַמפן.

ביים דאָרף בערעסטיעטשקאָ האָט די פירטע סאָטניע איבערגעיאָגט דער פולק-קאָמאַנדיר קאַלעדין. מיט אים צוזאַמען איז געריטן אַ הויכער מיליטער-מאַן. באַגלייטנדיק מיט די אויגן די שלאַנקע פיגור פון פולקאָווניק, האָט גריגאָרי געהערט, ווי דער הויכער מיליטער-מאַן האָט מיט אויפרעגונג געזאָגט:

— אויף דער מאַפּע, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, איז דאָס דערפל נישט אָנגעמערקט. מיר קאָנען אַריינפאַלן אין אַ נישט באַקוועמער לאַגע.

דעם פולקאָווניקס ענטפער האָט גריגאָרי נישט געהערט. דעריאָגנדיק זיי, איז דורכגעריטן דער אַדיוטאַנט. זיין פערד האָט געלאָמט אויפן לינקן הינטערשטן פוס. גריגאָרי האָט אויטאָמאַטיש אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון אַדיוטאַנטס פערד.

ווייט הינטער דער שיפּוע פון פעלד האָבן זיך באַוויזן די כאַלופּעס פון אַ דערפל. דאָס פולק האָט זיך באַוועגט אין געביט-

נעם אַליור, די פערד האָבן זיך היפּש דערוואָרעמט. גריגאָרי האָט מיט דער האַנט באַטאַפּט דעם טונקל-געוואָרענעם האַלז פון זיין ברוינעם און זיך אַרומגעקוקט. הינטערן דערפל האָט זיך געזען דער קאָפּ פון אַ וואַלד, וואָס האָט מיט זיינע שאַרפע שפּיצן זיך אַריינגעשטאָכן אין בלויען קופאָל פון הימל. הינטערן וואַלד איז אַלץ געדיכטער געוואָרן דאָס הילכן פון די האַרמאַטן; אַצינד האָט עס אויפגעטרייסלט דאָס געהער פון די רייטערס, גענייט די פערד אָנצושפּיצן די אויערן, אין די הפסקות זענען אַלץ אָפטער געוואָרן די ביקסן-זאַלפן. די ווייטע רויכלעך פון די שראַפּנעלן-אויפרייסן זענען זיך צעגאַנגען איבערן וואַלד, די ביקסן-זאַלפן זענען אַוועק-געפלאָסן ערגעץ רעכטס פון וואַלד, פאַרשטאָרבן געוואָרן און ווידער זיך געשטאַרקט.

גריגאָרי האָט שאַרף אויפגענומען יעדן קלאַנג, אויף די קלאַמערס פון זיינע געפילן האָבן שטייף זיך אָנגעצויגן די נערוון. פּראָכאָר זיקאָוו האָט זיך געדרייט אויפן זאָטל, נישט אויפגעהערט צו פּלוידערן.

— גריגאָרי, מען שיסט, — ענלעך ווי קינדער לויפן מיט אַ שטעקן איבער די שטאַכעטן פון אַ פּאַרקן. נישט אמת?

— שוויג שוין, פּלוידערזאַק!

די סאָטניע איז אַריינגעריטן אין דערפל. אין די הייף שוויבלט פון סאָלדאַטן; אין די כאַטעס איז אַ בהלה: די באַלע-באַטים קלויבן זיך אַרויסצופאָרן. אומעטום ליגט אויף די פּנימער פון די איינוואוינער דער צייכן פון טומל און פאַרלוירנקייט. אין איין הויף האָט גריגאָרי, דורכרייטנדיק, געזען, ווי די סאָלדאַטן האָבן אָנגעלייגט אַ פייער אונטערן דאַך פון שייער, און דער באַלעבאָס — אַ הויכער גרויער ווייס-רוס, — דערשלאָגן פון אומגעריכטן אומגליק, איז פאַרבייגעגאַנגען, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דעם. גריגאָרי האָט געזען ווי זיין פאַמיליע האָט געוואָרפן אויפן וואָגן אַרויף קישנס אין רויטע ציכלעך, פאַרשידענע מטלטלים,

און דער באַלעבאָס האָט פאַרזאָרגט געטראָגן אַ צעבראָכענע, קײ־נעם נישט נייטיקע, רייף פון אַ ראָד, וואָס איז אָפּגעלעגן אפשר אַ צענטליק יאָר אויפן קעלער.

גרינאָרי האָט זיך געוואונדערט אויף דער זינלאָזיקייט פון די באָבעס, וואָס האָבן געשלעפּט אויף די וואָגנס אַרויף בלומען־טעפּ, איקאָנעס און איבערגעלאָזט אין די כאָטעס נייטיקע און ווערטפולע זאַכן. איבער דער גאַס האָבן ווי אַ שניי־געווירבל זיך געטראָגן פעדערן, וואָס זענען דורך עמעצן אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון אַן איבערבעט. עס האָט געעיפושט מיט פאַרברענטע סאַדזעס און פאַרדומפּענעם קעלער־ריח. ביים אַרויסרייטן פון דאָרף האָבן זיי באַגעגנט אַ ייִד, וואָס איז געלאָפן אַקעגן. דער דינער, ווי דורך אַ שווערד אויפגעשניטענער, שפּאַלט פון זיין מויל איז אויפ־געריסן געוועזן פון שרייען:

— הער קאָזאַק! הער קאָזאַק! אַך, גאַ־אָ־אָ־אָט מיינער!

אַ קליינער קאָזאַק, מיט אַ קיילעכיקן קאָפּ, איז שנעל גע־ריטן, פּאָכענדיק מיט דער נאַהייקע און נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף זיין שרייען.

— שטיי! — האָט דער אונטערעסאַול פון דער צווייטער סאָטניע אַ געשריי געטון צום קאָזאַק.

דער קאָזאַק האָט זיך אָנגעבויגן צום האָרן פון זאָטל און פאַרשוואונדן געוואָרן אין געסל אַריין.

— שטיי, אויסוואורף! פון וועלכן פולק?

דעם קאָזאַקס קיילעכיקער קאָפּ איז צעגעפּאַלן צום פערדס האַלז. ער האָט, ווי אויף די געיעגן, אַ לאָז געטון דאָס פערד אין ווילדן גאַלאָפּ, ביים הויכן פּאַרקן זיך אַ הייב־געטון אויף די הינ־טערשטע פיס און פלינק אַריבער אין דער צווייטער זייט אַריין.

— דאָ שטייט דאָס ניינטע פולק, אייער וואויל געבוירנהייט!

ער איז זיכער פון זייער פולק — האָט דער וואַכמייסטער ראַפּאָר־טירט דעם אונטערעסאַול.

— כאַפּט אים דער טייוול. — דער אונטערעסאַול האָט זיך פאַר־

קרומט און – ווענדנדיק זיך צום ייד, וואָס האָט זיך אָנגעכאַפּט בײַ זײַן רייט־אײַזן : – וואָס האָט ער דיר צוגענומען ?

– הער אָפּיציר... דעם זייגער, הער אָפּיציר !... – דער ייד האָט אויסגעדרייט זײַן שיין געלבלעך פּנים צו די אָפּיצירן, וואָס זענען צוגעריטן, און אָפּט געמרוגעט מיט די אויגן.

דער אונטעראָפּיציר האָט פאַרבויגן דאָס רייט־אײַזן מיטן פוס און געריסן פאָרויס.

– די דײַטשן וועלן קומען, וועלן זיי סיי־ווי צונעמען, – האָט ער אַ זאָג געטון, שמייכלענדיק אין די וואָנסעס אַרײַן און אָוועקרייטנדיק.

דער ייד איז אַ צעטומלטער געשטאַנען אין מיטן גאַס. זײַן פּנים האָט קאָנוואולסיוו געציטערט.

– דעם וועג, פּאַן־זשיד ! – האָט דער קאָמאַנדיר פון דער סאָטניע שטרענג אַ געשריי געטון און זיך פאַרמאָסטן מיט דער נאַהייקע.

די פירטע סאָטניע איז דורכגעריטן פאַר אים מיט אַ דראָבנע געקלאַפּערײַ פון די פּאָדקאָוועס און סקריפּען פון די זאָטלען. די קאָזאַקן האָבן זייטיק געוואָרפן שפּאָטישע בליקן אויפן ייד און זיך דורכגעשמועסט.

– אַן אונזעריקער וועט נישט אויסהאַלטן, ער זאָל נישט עפּעס צולקחענען.

– צו אַ קאָזאַק וועט זיך אַלץ צוקלעבן.

– זאָל ער גוט באַהאַלטן.

– אָבער דער איז שוין איינמאָל אַ כוואַט....

– ווי אַ גוטער יאָג־הונט איז ער איבערן פּאַרקן צריבער...

דער וואַכמייסטער קאַרגין איז אָפּגעשטאַנען פון דער סאָטניע און, בײַ אַן אַלגעמיין געלעכטער, וואָס איז דורכגעלאָפן איבער די קאָזאַקן־רייען, אָנגעבויגן די פּיקע.

— אַנטלויף ייד, וואָרים איך דערשטעך דיך!...

דער ייד האָט דערשראָקן צעשפּרייט דאָס מויל און אָנגעהויבן לויפן. דער וואַכמייסטער האָט אים דעריאָגט און פון הינטן אַ זעץ געטון מיט דער נאַהייקע. גריגאָרי האָט געזען ווי דער ייד האָט זיך אַ שטרויכל געטון, צוגעכאַפּט די הענט צום פּנים און אויסגעדרייט צום וואַכמייסטער. דורך זיינע דינע פינגער האָט אַ שפּריץ געטון אַ שנירל בלוט.

— פאַרוואָס?... — האָט ער מיט אַ שלוכצנדיק קול אויסגעשריגן.

דעם וואַכמייסטערס רויבערישע אויגן, קיילעכיקע ווי סקאַרבאָווע קנעפּ, האָבן בוימלדיק געשמייכלט, און ער האָט אָוועקרייטנדיק געענטפערט.

— גיי נישט באָרוויס, שוטה!

נאָכן דאָרף, איבער דער הייל, וואָס איז פאַרוואַקסן געווען מיט געלע בלימעלעך און ווילד-גראָז, האָבן די סאַפּערן פאַרענדיקט אַ בריווחדיק בריקל. נישט ווייט איז, הודזשענדיק און זיך טרייסלענדיק, געשטאַנען אַן אויטאָמאָביל. לעבן אים האָט זיך געדרייט דער שאָפער. אויפן געזעס, פאַרוואָרפן אַהינטער, איז האַלבליגנדיק געזעסן אַן אַלטער גרויער גענעראַל, מיט אַ שפּאַניש בערדל און נאָכהענגענדיקע באַקן-טאָרבעס. לעבן אים זענען סאַלוטירנדיק געשטאַנען דער קאָמאַנדיר פון צוועלפטן פּולק, דער פּולקאָווניק קאַלעדין, און דער קאָמאַנדיר פון סאַפּערן-באַטאַליאָן. דער גענעראַל האָט געצופּט מיט דער האַנט דעם רעמעט פון זיין מיליטערישן טאַש און בייז געשריגן, ווענדנדיק זיך צום סאַפּערן-אָפיציר:

— אייך איז באַפוילן געוואָרן נאָך נעכטן צו פאַרענדיקן די אַרבעט. שווייגן! וועגן צופירן בוי-מאַטעריאַל האָט איר געדאַרפט פריער טראַכטן. שווייגן! — האָט דער גענעראַל געדונערט, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דער אָפיציר האָט געהאַלטן פאַרמאַכט דאָס מויל און בלויז געציטערט מיט די ליפן. — און ווי אַזוי וועל איך

אַצינד אויף דער צווייטער זייט אַריבערפאָרן?... איך פרעג אייך, קאַפּיטאַן, ווי אַזוי־וי־וי זאָל איך אַריבערפאָרן?...

דער יונגער שוואַרץ־וואָנסיקער גענעראַל, וואָס איז געזעסן אין דער לינקער זייט פון אַלטן, האָט געצווּנדן שוועבעלעך, פאַר־רייכערנדיק אַ ציגאַר, און געשמייכלט. דער סאַפּערן־קאַפּיטאַן האָט זיך אָנגעבויגן און אויף עפּעס אָנגעוויזן אין דער זייט פון דער בריק. די סאָטניע איז פאַרבײַגעריטן און בײַ דער בריק זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער הייל אַריין. די שוואַרץ־גרויע בלאָטע האָט פאַרשלונגען די פיס פון די פערד ביז איבער די קני, פון דער הייך פון דער בריק האָבן, ווי פעדערן, זיך געשיט אויף די קאָזאַקן סאָסנע־שפּענדלעך.

זיי זענען אַריבערגעפאָרן די גרענעץ אין מיטן טאָג. די פערד זענען געשפּרונגען איבערן אומגעוואָרפענעם געשטרייפטן גרענעץ־סלופּ. דאָס האַרמאַטן־שיסערײַ האָט אָפּגעהילכט פון רעכטס, אינדערווײַטנס האָבן זיך גערײַטלט די דאַכעווקע־דעכער פון אַ פאָלוואַרק. די זונען־שטראַלן זענען געפאַלן אויף דער ערד ווער־טיקאַל. דער ביטערער געדיכטער שטויב האָט זיך געזעצט. דער פּולק־קאָמאַנדיר האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַרויסצושיקן אַן אויס־שפּיר־אָפּטיילונג. פון דער פירטער סאָטניע איז אַרויסגעפאָרן די דריטע אָפּטיילונג מיטן אָפּטײלונג־אָפיציר, דעם סאָטניק סעמיאָ־נאָוו. פון הינטן, צעטיילט אויף סאָטניעס, איז געבליבן דאָס פּולק אין גרויען נעפּל־שלייער. די אָפּטיילונג פון העכער צוואַנציק קאָ־זאַקן האָט געמיטן דעם פאָלוואַרק און אַוועקגעריטן איבער די פאַרהאַרטעוועטע קאָלעס פון צעקנייטשטן וועג.

דער סאָטניק האָט אַוועקגעפירט די אויסשפּיר־אָפּטיילונג אויף אַ וויאָרסט דרײַ און זיך אָפּגעשטעלט, קאָנטראָלירנדיק אויף דער מאַפּע. די קאָזאַקן זענען זיך צונויפגעריטן אין אַ קופּע רייכערן. גריגאָרי איז אַראָפּגעשטיגן פון פערד לויזער מאַכן דעם פּאַס פון זײַן זאָטל, נאָר דער וואַכמייסטער האָט אַ בלינצל געטון אויף אים מיט די אויגן.

— איך וועל דיר דאָ באַלד אַרײַנצײַלן! אויפן פערד אַרויף!

דער סאָטניק האָט פֿאַרדרייכערט און לאַנג געפּוצט דעם בינאָקל, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פֿון פוטלאַר. פֿאַר זיי איז געלעגן די ווייטקייט, פֿאַרכאַפּט פֿון דער מיטאָג־היץ, רעכטס האָט זיך געציינדלט דער שמאָלער פּאַס וואַלד און אין אים האָט זיך אַריינגעשטאָכן דער פֿאַרשניצטער וועג. אַן אַנדערהאַלבן ווי־אָרסט פֿון זיי האָט זיך געזען דאָס דערפֿל און דערלעבן — דער קרימלעכער, ליימיק־משופּעדיקער ברעג פֿון טייכל און גלאָזיקער קילער וואַסער־שפּיגל. דער סאָטניק האָט לאַנג געקוקט דורכן בינאָקל, באַטאַפּנדיק מיט די אויגן די אָפּגעשטאָרבענע גאַסן אָן מענטשן, וואָס האָבן געפּוסטעוועט, ווי אַ בית־עולם. עס האָט געלאָקט די רייצנדע בלויע וואַסער־סטעזשקע.

— דאָס איז, מסתּמא, קאָראָלעווקאָ. — דער סאָטניק האָט אָנגעוויזן מיט די אויגן אויפֿן דערפֿל.

דער וואַכמייסטער איז צוגעריטן צו אים שווייגנדיק. דער אויסדרוק פֿון זיין פּנים האָט אָן ווערטער געזאָגט: „איר דאַרפֿט בעסער וויסן, אונזער אויפֿגאַבע איז אַ קליינע".

— לאָמיר אַהינפֿאָרן — האָט דער סאָטניק אומזיכער געזאָגט, באַהאַלטנדיק דעם בינאָקל און פֿאַרקרימענדיק זיך, ווי פֿון ציינוויטיק.

— מיר וועלן זיך נישט אָנשטויסן אויף זיי, אייער וואויל־געבוירנהייט?

— מיר וועלן זיין פֿאָרזיכטיק. נו, רירן מיר.

פּראָכאָר זיקאָוו האָט זיך באַמיט צו האַלטן וואָס נענטער פֿון גריגאָריען. זייערע פֿערד זענען געגאַנגען צוזאַמען. אין דער פּוסטער גאַס זענען זיי אַריינגעריטן מיט אומרו אין האַרץ. יעדעס פֿענסטער האָט געשראָקן מיט אָפּרעכענונג, יעדע געעפֿנטע טיר פֿון אַ שפּייכלער האָט, ביים קוקן אויף איר, אַרויסגערופֿן אַ געפֿיל פֿון ווילדער איינזאַמקייט און עקלהאַפֿטן שוידער איבער דער חוט־השדרה. ווי מאַגנעט האָבן דעם בליק צוגעצויגן די פֿאַרקנס און ראָוועס. זיי זענען אַריינגעריטן ווי רויב־חיות, — אַזוי באַ־

ווייזן זיך אין אַ בלויער ווינטער־נאַכט וועלף אין אַ ישוב, — אָבער די גאַסן זענען געווען פּוסט. עס איז געהאָנגען אַ טויבע שטילקייט. פון אַ געעפנט פענסטער פון איין הויז האָט זיך דערהערט דאָס נאַיִווע קלינגען פון אַ וואַנט־זייגער. דאָס קלינגען האָט אָפּגעהילכט ווי אַ שיסעריי, און גריגאָרי האָט באַמערקט, ווי דער סאָטניק, וואָס איז געריטן פאָרויס, האָט אַ ציטער געטון און מיט דער האַנט פיבערהאַפט זיך אַ כאַפּ געטון צום רעוואָלווער־טאַש.

אין דאָרף איז נישט געווען קיין לעבעדיק נפש. די אויסשפּיר־אָפּטיילונג איז אַריבערגעריטן דאָס טייכל, דאָס וואַסער האָט דערגרייכט די פערד ביז די בייכער, זיי זענען גערן געגאַנגען אין וואַסער און גייענדיק געטרונקען, מיט די צוימען אין די מיילער, אונטערגעטריבן דורך די רייטער. גריגאָרי האָט גיריק זיך איינגעקוקט אין אויפגערודערטן וואַסער; אַזוי נאָענט און דאָך נישט צוטריטלעך, האָט עס געצויגן צו זיך מיט אומבאַזיגבאַרער קראַפט. ווען ס'וואָלט מעגלעך געווען, וואָלט ער אַראָפּגעשפּרונגען פון זאָטל, זיך אין אָנטון געלייגט אונטערן דרימלדיקן געמירמל פון שטראָם, אַז זיין רוקן און די פון שווייס נאַסע ברוסט זאָלן געקילט און געקרעפּטיקט ווערן.

נאָכן דאָרף האָט פון בערגל זיך געזען אַ שטאָט: פּירעקיקע קוואַרטאַלן, געמויערטע הייזער, גלייך געשניטענע גערטענער, שפּיצן פון קלויסטערס.

— דאָרט זענען זיי! — האָט ער אויסגעשריגן, באַוועגנדיק מיט די פינגער פון דער לינקער האַנט.

דער וואַכמייסטער און נאָך אים די קאָזאַקן זענען איינציקווייז אַרויפגעריטן אויפן שפּיץ בערגל, וואָס איז פאַרטרוקנט געווען פון דער זון, און זיך איינגעקוקט. איבער די גאַסן, וואָס האָבן פונדאַנען אויסגעזען קליין, האָבן געשטראָמט מענטשן, די קלענערע געסלעך זענען פאַרשטאָפּט געווען מיט פּראָוויאַנט־וועגענער, עס האָט געווימלט פון רייטער. גריגאָרי האָט מיט פאַרשמורעטע

אויגן געקוקט פון אונטער דער האַנט אַפּער, ער האָט אפילו אונ־טערגעשיידט די גרויע פרעמדע קאָליר פון די מונדירן. לעבן דער שטאָט האָבן גרוי געשימערט די פריש־אויסגעגראָבענע שוצגראָבנס, איבער זיי האָט געשוויבלט מיט מענטשן.

— אַזוי פיל זענען זיי... — האָט פראָכאָר מיט פאַרוואונדע־רונג אַרויסגערעדט.

די איבעריקע האָבן געשוויגן, פאַרדריקט אין דער פויסט פון איין געפיל. גריגאָרי האָט זיך איינגעהערט אין אָפּטן קלאַפּן פון זיין האַרץ (ווי עמעצער, אַ קלײנער, נאָר שווערער, וואָלט דאָרט אין דער לינקער זייט ברוסט געטופּעט אויף איין אָרט) און זיך איבערצייגט, אַז ער ווערט באַהערשט גאָר פון אַן אַנדער גע־פיל ביים קוקן אויף דידאָזיקע פרעמדע מענטשן, ווי דעמאָלט אויף די מאַנעווורעס, זעענדיק דעם „שונא".

דער סאָטניק האָט מיטן שרייבפּענדל געמאַכט געוויסע באַ־מערקונגען אין זיין מיליטערישן ביכל. דער וואַכמייסטער האָט אַראָפּגעטריבן די קאָזאַקן פון בערגל, זיי צוגעאיילט, אַרויפגע־ריטן צום סאָטניק. יענער האָט אַ רוף געטון גריגאָריען מיט אַ פינגער.

— מעליעכאָוו!

— איך בין דאָ.

גריגאָרי איז אַרויפגעגאַנגען אויפן בערגל, זיך אויסגלייכנדיק די פאַרשטאַרטע פיס. דער סאָטניק האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַפּיר, איינגעלייגט אין פירן.

— דו האָסט דאָס בעסטע פערד. צום פּולק־קאָמאַנדיר אין גאַלאָפּ.

גריגאָרי האָט באַהאַלטן דאָס פּאַפּיר אין דער בוזעם־קעשענע און אַראָפּגעגאַנגען צום פערד, אַראָפּלאָזנדיק דאָס רעמעטל פון היטל איבער דער גאָמבע.

דער סאָטניק האָט אים נאָכגעקוקט, ביז גריגאָרי איז אויפ־

געזעסן אויפן פערד און אַ קוק געטון אויפן געקראַטעוועטן דעקל פון האַנט־זייגער.

דאָס פולק האָט זיך שוין דערנענטערט צו קאָראָלעווקאָ, ווען גריגאָרי האָט זיך אומגעקערט מיט דער מיטטיילונג.

דער פולקאָווניק קאַלעדין האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל דעם אַדיוטאַנט, און ער האָט אַוועקגאַלאָפירט צו דער ערשטער סאָטניע.

די פירטע סאָטניע איז געפלאָסן איבער קאָראָלעווקאָ און שנעל, ווי אויף די איבונגען, זיך פונאַנדערגעשיט נאָכן דאָרף. פון בערגל מיט די קאָזאַקן פון דער דריטער אָפטיילונג איז צוגעריטן דער סאָטניק סעמיאָנאָוו.

די סאָטניע האָט אויסגעגלייכט די רייע. די פערד האָבן גע־וואָרפן מיט די קעפ, — די פליגן האָבן זיי געביסן; די ציימלעך האָבן געקלונגען. אין דער האַלב־מיטאָגדיקער שטילקייט האָט טויב אָפגעקלונגען דאָס טופען פון דער ערשטער סאָטניע, וואָס איז דורכגעריטן די לעצטע הייף פון דאָרף.

דער אונטערעסאַול פּאָלקאָווניקאָוו איז אויף זיין געשיקט טאַנצנדיק פערד אַרויסגעריטן פאַרן פראָנט; שטייף פאַרציענדיק די לייצן, האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט הינטערן שווערד־רי־מען. גריגאָרי האָט מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם געוואַרט אויף דער קאָמאַנדע. אין לינקן פלאַנג האָבן ווייך אָפּגעקלונגען די קאָ־פיטעס פון דער ערשטער סאָטניע, וואָס האָט צוגרייטנדיק זיך פו־נאַנדערגעשיט.

דער אונטערעסאַול האָט אַרויסגעכאַפּט די שווערד פון דער שייד, די קלונג האָט בלוילעך־מאַט אַ פינקל געטון.

— סאָ־אָ־אָט־ניאַ־אַ־אַ־אַ! — די שווערד האָט זיך אַ בייג גע־טון רעכטס, לינקס און הענגען געבליבן פאָרויס איבער די אָנגע־שפיצטע אויערן פון פערד. „אין דער ברייט זיך פונאַנדערשיטן און פאָרויס", — האָט גריגאָרי אין געדאַנק איבערגעזעצט די שטומע

קאָמאַנדע. — די פּיקעס צום קאַמף, די שווערדן אַרויס, אין אַטאַקע מאַרש־מאַרש! — האָט דער עסאַול אָפּגעהאַקט די קאָמאַנדע און אַ לאָז געטון דאָס פערד.

טויב האָט אַ קרעכץ געטון די ערד, געקרייציקט אונטער דער מענגע קאָפּיטעס. גריגאָרי האָט קוים באַוויזן אָנצובייגן די פּיקע (ער איז אַריינגעפאַלן אין דער ערשטער רייע), ווי זיין פערד, פאַרכאַפּט פון אָנגעטראָגענעם שטראָם רייטערס, האָט זיך אַ ריס געטון און אַוועק אין פולן טעמפּאָ. פאָרויס האָט געשימערט אויפן גרויען פאָן פון פעלד דער אונטערעסאַול פּאָלקאָווניקאָוו. אָן אָפּהאַלט איז אַקעגנגעלאָפן דער שוואַרצער קלין פון דער אַקער־ערד. די ערשטע סאָטניע האָט אַרויסגעוואָיעט מיט אַ דערשיטערנדיק צעוויגט שרייען, דאָס שרייען האָט זיך אַריבערגעטראָגן צו דער פערטער סאָטניע. די פערד האָבן קנוילנדיק צונויפגענומען די פיס און זיך אויסגעשטרעקט, צוריקוואַרפנדיק קלאַפּטערס הינטער זיך. דורכן שאַרפן געפייפעריי אין די אויערן האָט גריגאָרי דערהערט דאָס קניילן פון די נאָך ווייטע שאָסן. די ערשטע קויל האָט אַ זשוזשע געטון ערגעץ אינדערהייך, דאָס מאָטאָנע געפייפעריי פון די קוילן האָט דורכגעאַקערט די גלאָזיקע טריבקייט פון הימל. גריגאָרי האָט ביז ווייטיק צוגעדריקט צו זיין זייט די הייסע שטאַנג פון דער פּיקע, די האַנט האָט אים געשוויצט, ווי זי וואָלט אָנגעשמירט געווען מיט אַ גליטשיקער פליסיקייט. דאָס פייפן פון די פליענדיקע קוילן האָט אים גענייט אַראָפּצובייגן דעם קאָפּ צום נאַסן האַלז פון פערד, אין דער נאָז אַריין האָט אים געזעצט אַ שאַרפער ריח פון פערדישן שוויס. ווי דורך די פאַרלאָפענע גלעזער פון בינאָקל, האָט ער געזען די טונקל־ברוינע רייע שוצגראָבנס, די גרויע מענטשן, וואָס זענען געלאָפן צו דער שטאָט. אַ מאַשין־געווער האָט אָן אָפּרו געזיפּצט מיט קוילן, וואָס זענען זיך צעלאָפן ווי אַ פעכער איבער די קאָזאַקישע קעפּ; זיי האָבן אויפגעהויבן וואַטענע קנוילן שטויב פאַר די פיס פון די פערד און הינטער זיי.

דאָרט אינמיטן פון גריגאָריעס ברוסט־קאַסטן, איז ווי פאַרשטאַרט געוואָרן דאָס, וואָס האָט ביז צו דער אַטאַקע אייליק גע־

טריבן דאָס בלוט: ער האָט גאָרנישט געפילט, חוץ אַ קלינגען אין די אויערן און אַ ווייטיק אין די פינגער פון לינקן פוס.

דער פון שרעק קאַסטרירטער געדאַנק האָט אין מוח געוויקלט אַ שווערע גליווערנדיקע קנויל.

דער ערשטער איז אַראָפּגעפאַלן פון פערד דער פענריך לאַכאָווסקי. אויף אים איז אַרויפגעריטן פּראָכאָר.

אומקוקנדיק זיך, האָט גריגאָרי פאַרחתמעט אין זכרון אַ שטיקל פון געזעענעם: פּראָכאָרס פערד, וואָס איז אַריבערגעשפּרונגען איבערן ליגנדיקן פענריך, האָט אויסגעשטירעט די ציין און געפאַלן מיט אַ פאַרבויגענעם האַלז. פּראָכאָר איז אַראָפּגעפלויגן דערפון, אַרויסגעוואָרפן פון זאָטל דורך אַ שטויס. מיט אַ שטיכעל, ווי מיט אַ דימענט אויף גלאָז, האָט גריגאָריעס זכרון אויסגעקריצט און באַהאַלטן אויף לאַנג די ראָזע יאַסלעס פון פּראָכאָרס פערד מיט די אויסגעשטשירעטע פּליטעס ציין, פּראָכאָרן, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן ווי אַ פּלאַץ און צעטרעטן געוואָרן דורך די קאָפּיטעס פון קאָזאַקס פערד, וואָס האָט געגאַלאָפּירט הינטער אים. גריגאָרי האָט נישט געהערט שרייען, נאָר פאַרשטאַנען לויט פּראָכאָרס פּנים, וואָס איז צוגעדריקט געוואָרן צו דער ערד מיטן צעקרומטן מויל און די אַרויסגעקראָכענע אויגן פון די לעכער, אַז ער האָט געשריגן אוממענטשלעך ווילד. מען איז נאָך געפאַלן. קאָזאַקן און פערד זענען געפאַלן. דורך דער בעלמע פון די טרערן, וואָס זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורכן ווינט, האָט גריגאָרי געזען פאַר זיך דאָס גרויע ווימלען פון די עסטרייכער, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די שוצגראָבנס.

די סאָטניע, וואָס האָט זיך אַ לאָז געטון פון דאָרף אין אַ געשלאָסענער רייע, האָט זיך צעשיט, צעבראָקלט און אויסגעקרומט. די פעדערשטע, צווישן זיי גריגאָרי, זענען צוגעריטן צו די שוצגראָבנס, די איבעריקע האָבן געטופּעט ערגעץ פון הינטן.

אַ הויכער ווייס-ברעמיקער עסטרייכער, מיט אַן אַראָפּגערוקטער קעפּי איבער די אויגן, האָט, אַן אָנגעכמורעטער, זיצנדיק

אויף דער קני, אויסגעשאָכן גלייך צו גריגאָריען. דאָס הייסע בלוט האָט אָפּגעבריט זיין באַק. גריגאָרי האָט אָנגעשטעלט די פּיקע און אַ פּאַרצי געטון די לייצן מיטן גאַנצן כּוח. דער קלאַפּ איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז די פּיקע, וואָס האָט דורכגעשטאָכן דעם אויפשפּרינגענדיקן עסטרייכער, איז אַריין אין אים ביז אין דער העלפט. גריגאָרי האָט נישט באַוויזן נאָכן געבן דעם קלאַפּ זי אַרויסצורייסן און, אונטער דער שווערקייט פון פאַלנדיקן קערפּער, זי אָפּגעלאָזט, פילנדיק דורך איר אַ קאָנוואולסיוו ציטערן און זעענדיק, ווי דער עסטרייכער, וואָס האָט זיך איינגאַנצן אַרונטערגעבראָכן (עס האָט זיך געזען בלויז דער שאַרפער קלין פון זיין נישט געגאָלטער גאָמבע), פלאָנטערט און דראַפּעט מיט די אויסגעבויגענע פינגער דאָס האָלץ פון דער פּיקע. צענעמענדיק די פינגער, האָט גריגאָרי מיט דער פאַרשטאַרטער האַנט אַרומגעקלאַמערט דאָס הענטל פון דער שווערד.

די עסטרייכער זענען געלאָפן אין די גאַסן פון דער פּאָרשטאָט. דערזעענדיק זיי צונויפגעזעמלטע אין די גרויע מונדירן, האָבן די קאָזאַקישע פערד זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס.

די ערשטע מינוט נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעלאָזט די פּיקע, האָט גריגאָרי אויסגעדרייט דאָס פערד, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס. זיין אויג האָט אויפגעכאַפּט דעם אויסגעשטשירעטן וואַכמייסטער, וואָס איז אים פאַרבייגעריטן. גריגאָרי האָט מיט דער פלאַך פון דער שווערד אַ זעץ געטון זיין פערד. עס האָט פאַרבויגן דעם האַלז און אים אַ טראָג געטון איבער דער גאַס.

לענגאויס די אייזערנע שטאַכעטן פון גאָרטן, איז מיט וואַקלדיקע טריט, אַ צעטומלטער, געלאָפן אַן עסטרייכער אָן אַ ביקס, מיט דער קעפּי פאַרדריקט אין דער פויסט. גריגאָרי האָט געזען זיין שיפן נאַקן, דעם נאַסן זוים פון קאָלנער ביים האַלז. ער האָט אים דעריאָגט. צעפלאַקערט פון משוגעת, וואָס האָט זיך געשאַפן

אַרום, האָט ער זיך פאַרמאָסטן מיט דער שווערד. דער עסטרייכער איז געלאָפן לענגאויס די שטאַכעטן. גריגאָריען איז אומבאַקוועם געווען צו שלאָגן אים פון דער לינקער זייט, אָבער ער האָט זיך אָנגעבויגן פון זאָטל און, האַלטנדיק די שווערד קרימלעך אין דער האַנט, זי אַראָפּגעלאָזט איבערן עסטרייכערס שלייף. יענער האָט, נישט שרייענדיק, צוגעדריקט די הענט צו דער וואונד און שנעל זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו די שטאַכעטן. נישט פאַרהאַלטנדיק דאָס פערד, האָט גריגאָרי דורכגאַלאָפּירט; ער האָט אויסגעדרייט און צוריקגעריטן אין לייכטן טעמפּאָ. דאָס פּירעקיקע, פון שרעק אויסגעצויגענע פּנים פון עסטרייכער האָט זיך געטונקלט, ווי גאָס-אייזן. ער האָט געהאַלטן די הענט לענגאויס די נענט און אָפּט באַוועגט מיט די אַש-פאַרביקע ליפּן. די שווערד, וואָס איז גליטשיק אַ פאַל געטון, האָט אָפּגעטעסעט די הויט פון זיין שלייף; די הויט איז אַראָפּגעהאָנגען, ווי אַ רויט שטיקל שמאַטע איבער דער באַק. דאָס בלוט האָט קרימלעך אַראָפּגעשטראָמט אויף זיין מונדיר.

גריגאָרי האָט זיך צונויפגעטראָפן מיטן עסטרייכערס בליק. זויף אים האָבן שטאַר געקוקט אויגן, פאַרגאָסענע מיט טויט-אַנגסט. דער עסטרייכער האָט פּאַמעלעך אויסגעבויגן די קני, אין זיין האַלז האָט געכאָרכלט אַ הייזעריק כריפּען. פאַרזשמורענדיק זיך, האָט גריגאָרי אַ פאָכע געטון מיט דער שווערד. דער ברייט-פאַרמאָסטענער קלאַפּ האָט צעשפּאַלטן דעם שאַרבן. דער עסטרייכער איז אַ פאַל געטון, צעשפּרייטנדיק די הענט, ווי ער וואָלט זיך אויסגעגליטשט; טויב האָבן זיך אָנגעקלאַפּט די העלפטן פון מוח-קאַסטן אָן די שטיינער פון ברוק. דאָס פערד האָט שנאָרכנדיק אַ שפּרונג געטון און אַרויסגעטראָגן גריגאָריען אינמיטן גאַס אַריין.

איבער די גאַסן איז דאָס קנאַלן פון דער שיסעריי געוואָרן אַלץ זעלטענער. פאַרביי גריגאָריען האָט אַ פאַרשוימט פערד דורכ-געשלעפּט אַ טויטן קאָזאַק. זיין פוס איז שטעקן געבליבן אין רייט-אייזן און דאָס פערד איז געלאָפן, וואַרפנדיק מיטן צעקלאַפּטן נאַ-קעטן קערפּער איבער די שטיינער.

גריגאָרי האָט בלויז געזען דעם רויטן שטרייף פון לאַמפּאַס און די צעריסענע גרינע בלוזע, וואָס האָט זיך צונויפגעקנוילט איבערן קאָפּ.

אַ מוטנעקייט האָט ווי בליי פאַרגאָסן דעם מוח. גריגאָרי איז אַראָפּ פון פערד און אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ. פאַרביי אים האָבן דורכגאַלאָפּירט די קאָזאַקן פון דער דריטער סאָטניע, וואָס זענען אונטערגעקומען. מען האָט אויף אַ שינעל דורכגעטראָגן אַ פאַרוואונדעטן און אייליק פאַרבייגעטריבן אַ מחנה געפאַנגענע עסטרייכער. זיי זענען געלאָפן צונויפגעטוליעט אין אַ גרויער סטאַדע, און מרה-שחורהדיק ווילד האָט געקלונגען דאָס קלאַפּן פון זייערע געקאָוועטע שיך. זייערע פּנימער האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין גריגאָריעס אויגן אין אַ געגליווערטן פלעק פון ליימקאָליר. ער האָט אָפּגעלאָזט די לייצן און, אַליין נישט ווייסנדיק נאָכוואָס, צוגעגאַנגען צום עסטרייכישן סאָלדאַט, וועלכן ער האָט דערהרגעט. יענער איז געלעגן אויפן זעלבן אָרט, ביי דער אייזערנער פאַרצוימונג, מיט אַן אויסגעשטרעקטער שמוציקער ברוינער האַנט, ווי נאָך אַ נדבה. גריגאָרי האָט אים אַ קוק געטון אין פּנים אַריין. דאָס פּנים האָט אים אויסגעזען קליין, כּמעט קינדעריש, נישט געקוקט אויף די אַראָפּגעהאָנגענע וואָנסעס און פאַרמאַטערטן, — פון ליידן אָדער פריערדיקן נישט פריידיקן לעבן, — אויסגעקרומטן שטרענגן מויל.

— העי, דו! — האָט אַן אומבאַקאַנטער קאָזאַקן-אָפיציר אויסגעשריגן אינמיטן גאַס.

גריגאָרי האָט אַ קוק געטון אויף זיין ווייסער, פאַרשטויבטער קאָקאַרדע און מיט שטרויכלענדיקע טריט אַוועקגעגאַנגען צום פערד. פלאָנטערנדיק-שווער איז געווען זיין גאַנג, ווי ער וואָלט אויף די פּלייצעס געטראָגן אַ משא איבער די כּוחות; עקל און צווייפל האָבן פאַרקלעמט זיין נשמה. ער האָט אָנגענומען מיט דער האַנט דאָס געציינדלטע רייט-אייזן און לאַנג נישט געקאָנט אונטערהייבן דעם שווער-געוואָרענעם פוס.

VI

די רעזערוו־קאָזאַקן פון טאַטערישן כוטאָר און די איבער־קע כוטאָרס האָבן צומאָרגנס נאָכן אַרויסטרעטן פון דער היים געגעטכטיקט אין כוטאָר יעיאַ. די קאָזאַקן פון הינטערשטן עק כו־טאָר האָבן זיך געהאַלטן אָפגעזונדערט פון די אייבערשטע, דערי־בער זענען פּיעטראָ מעליעכאָוו, אַניקושקאַ, כריסטאָניאַ, סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו, טאָמילין איוואַן און די איבעריקע געשטאַנען אויף איין קוואַטיר. דער באַלעבאָס — אַ הויכער געבראָכענער זקן, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער טערקישער קריג — האָט פאַרפירט אַ שמועס מיט זיי. די קאָזאַקן זענען שיין געלעגן אויף די אויסגע־בעטע געלעגערס איבער די ליידיקע ערטער פון דער קיך און דער שטוב און געררייכערט דאָס לעצטע מאָל פאַרן שלאָף.

— אויף דער מלחמה, זיידעשי.

— זי וועט, מסתמא, נישט ענלעך זיין צו דער טערקישער? אַצינד איז דאָך גאָר אַנדער געווער.

— אַלצאיינס. איין טייוול! מען האָט אין דער טערקישער אָן אַ שיעור מענטשן אומגעברענגט, און דאָ וועט אויך אויסקומען דאָס אייגענע צו טון, — האָט טאָמילין בייז אַ בורטשע געטון, אַליין נישט וויסנדיק אויף וועמען.

— דו, ליבינקער, פּלוידערסט אָן אַ זין, גאָר אַן אַנדערע מלחמה וועט זיין.

— אוודאי, — האָט כריסטאָניאַ מיט אַ פוילן גענעץ באַשטע־טיקט, פאַרלעשנדיק דעם פּאַפּיראָס אויפן נאָגל.

— מיר וועלן זיך שלאָגן אַ ביסל, — האָט פּיעטראָ מעליע־כאָוו אַ גענעץ געטון, זיך איבערגעצלמט דאָס מויל און איבער־געדעקט מיטן שינעל.

— איך וועל אייך, זינדעלעך מיינע, אָט־וואָס בעטן. זייער שטאַרק בעטן. און איר זאָלט מיין וואָרט געדענקען, — האָט דער אַלטער אָנגעהויבן.

פיעטראָ האָט פאַרבויגן די פאָלע פון שינעל און זיך צוגע־הערט.

— געדענקט איינס: ווילסט לעבן בלייבן, פון טויט־קאַמף אַ גאַנצער אַרויס — מוזסטו דעם מענטשלעכן אמת אָפּהיטן.

— וואָסערן? — האָט געפרעגט סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו, וועלכער איז געלעגן אין עק. ער האָט אומצוטרוילעך אַ שמייכל געטון. ער האָט אָנגעהויבן שמייכלען, ווי נאָר מען האָט האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דער מלחמה. זי האָט אים געלאָקט, און די אַלגעמיינע בהלה, די פרעמדע ווייטיק האָט איינגעשטילט זיין אייגענע.

— אָט וואָסערן: קיין פרעמדס אויף דער מלחמה נעם נישט — דאָס איז איינס. קיין פרויען, גאָט באַהיט, פאַרטשעפּע נישט, און נאָך אַ תפילה אַזעלכע דאַרף מען קענען.

די קאָזאַקן האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען, גענומען רעדן אַלע אינאיינעם.

— מען וואָלט צופרידן געווען דאָס אייגענע נישט צו פאַר־לירן, נישט נאָר פרעמדס נישט צו נעמען.

— און ווי אַזוי קאָן מען פרויען נישט פאַרטשעפּען? מיט געוואַלט — דאָס פאַרשטיי איך — דאָס טאָר מען נישט, אָבער מיט גוטן?

— וועסט דען אויסהאַלטן?

— טאַקע אַזוי?

— און די תפילה — וואָסערע איז?

דער זיידע האָט שטרענג אָנגעשטעלט די אויגן, געענטפערט אַלע אינאיינעם:

— קיין פרויען טאָר מען בשום אופן נישט פאַרטשעפּען. לגמרי נישט! וועסט נישט אויסהאַלטן — וועסטו דעם קאָפּ פאַר־

לירן אָדער אַ וואונד באַקומען. דערנאָך וועסטו חרטה האָבן, אָבער עס וועט שוין שפּעט זיין. די תּפילה וועל איך אייך איבער-געבן. איך האָב די גאַנצע טערקישע מלחמה דורכגעמאַכט, דער טויט איז ווי אַ רוקזאַק אויף די פּלייצעס געהאָנגען, און איך בין דאָך לעבן געבליבן צוליב דערדאָזיקער תּפילה.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב, אַ זוך געטון אונטערן שענקל מיט די הייליקע בילדער און אַריינגעבערענגט אַן אָפּגעבליאַ-קעוועטן, פון אַלטקייט טונקל-געוואָרענעם בויגן פּאַפּיר.

— אָט. שטייט אויף, שרייבט איבער. מאָרגן וועט איר דאָך, מסתּמא, נאָך פאָרן קרייען פון די הענער אין וועג אַריין זיך אַוועקלאָזן.

דער זיידע האָט מיט דער האַנט אויסגעגלייכט איבערן טיש דעם צעקנייטשטן בויגן פּאַפּיר און אַוועקגעגאַנגען. דער ערשטער האָט זיך אויפגעהויבן אַניקושקאַ. אויף זיין גאָל ווייבעריש פּנים האָבן געציטערט קרומע שאָטנס פון פייער, דעם באַוועגטן דורכן ווינט, וואָס איז אַריינגעדרונגען דורך דער שפּאַרע אין פענסטער. עס זענען געזעסן און האָבן איבערגעשריבן אַלע, חוץ סטיעפּאַנען. אַניקושקאַ, וועלכער האָט דער ערשטער פאַרענדיקט, האָט צונויפ-געקנוילט דאָס אויסגעריסענע זייטל פון העפט און עס אָנגעבונדן אָן שנירל איבערן צלם. סטיעפּאַן האָט אים פאַרטשעפּעט מיטן פוס און פון אים חוזק געמאַכט.

— דו האָסט פאַר די לייז אַ היים איינגעאָרדנט. אין שנירל איז זיי נישט באַקוועם זיך צו פּרוכפּערן, האָסטו זיי אַ פּאַפּירענע כאַטע אויפגעשטעלט. אָט וואָס!

— דו, חכם, גלייבסט נישט, שוויג-זשע! — האָט דער אַל-טער שטרענג אים איבערגעשלאָגן. — דו שטער נישט קיין מענטשן און לאַך נישט פון דער אמונה. עס איז אַ חרפּה און אַ זינד!

סטיעפּאַן איז שמייכלענדיק פאַרשוויגן געוואָרן; פאַרגלעטנ-דיק די שווערן איינדרוק, האָט אַניקושקאַ געפרעגט דעם אַלטן:

— דאָרט אין דער תּפילה רעדט זיך אויך וועגן אַ שפּיז און אַ פייל. נאָכוואָס איז דאָס ?

— די תּפילה פאַר אַן אָנגריף — דאָס איז נישט אין אונזערע צייטן געשאַפן געוואָרן. דאָס האָט מיין פאַרשטאָרבענער זיידע פון זיין זיידן באַקומען. און אפשר שטאַמט זי פון נאָך פריער. אין די אַלטע צייטן איז מען דאָך מיט שפּיזן געגאַנגען מלחמה האַלטן, און אויך מיט פיילן.

מען האָט איבערגעשריבן די תּפילות לויטן אויסוואַל, וועל־כע וועמען איז געפעלן געוואָרן.

אַ תּפילה פאַר וואָפן.

האַר אין הימל, שיק מיר דיין ברכה. עס ליגט אַ ווייסער שטיין אויף אַ באַרג, אַזוי גרויס ווי אַ פערד. ווי עס גייט אין דעם שטיין קיין וואַסער נישט אַריין, אַזוי זאָל אויך אין מיר, דעם קנעכט פון גאָט, און אין די חברים מיינע, און אין פערד מיינעם קיין פייל און קיילעכל נישט אַריין. ווי דער האַמער שפּרינגט פון דער קאָוואַדלע אָפּ, אַזוי זאָל אויך פון מיר דאָס קניי־לעכל אָפּשפּרינגען ; ווי די קערנער דרייען זיך, אַזוי זאָל אויך מיך קיין פייל נישט דערגרייכן, נאָר דרייען זאָל זי זיך. די זון און די לבנה לייכטן תּמיד, אַזוי זאָל אויך איך, דער קנעכט פון גאָט, דורך זיי גע־שטאַרקט זיין. נאָכן באַרג שטייט אַ פּאַלאַץ, וועל איך דעם פּאַלאַץ פאַרשליסן, די שליסלען אין ים אַריינ־וואַרפן, אונטערן ווייסן, הייסן שטיין אַלטאָר באַהאַלטן, וואָס נישט קיין מכשף ווייסט פון אים, נישט קיין מכשפה, נישט קיין שוואַרצער*, נישט קיין

* מאָנאַך.

שוואַרצע*. ווי פון אָקעאַן, דעם ים, קאָן דאָס וואַ-
סער נישט אַנטלויפן, ווי ס'איז דאָס געלע זאַמד נישט
איבערצוציילן, אַזוי זאָל אויך מיך, דעם קנעכט פון
גאָט, קיין זאַך נישט אָנרירן. אין נאָמען פון פאָטער,
און זון, און הייליקן גייסט. אמן.

אַ תפילה פאַר אַ קאַמף.

עס איז דאָ אַ ים-אָקעאַן, אויף דעם ים-אָקעאַן
איז דאָ אַ ווייסער שטיין אַ ל ט אָ ר , אויף דעם
שטיין אַ ל ט אָ ר איז דאָ אַ שטיינערנער מאַן פון
דריי מאָל ניין דורות. דעם קנעכט פון גאָט, און די
חברים מיינע — טו אָן אין שטיינערנע מלבושים פון
מזרח ביז מערב, פון דער ערד ביזן הימל; פון אַ
שאַרפער שווערד, פון אַ פיקע און אַ פייל, פון גע-
האַרטעוועט און נישט געהאַרטעוועט שטאָל, פון אַ מע-
סער, אַ האַק און אַ האַרמאַטן-קול; פון בלייערנו
קוילן און שליידער-וואָפן; פון אַלע פיילן, באַפעדער
טע מיט דער פעדער פון אַן אָדלער, פון אַ שוואַן
פון אַ גאַנז, פון אַ פאַווע, פון אַ קראָ; פון די טער-
קישע שלאַכטן, פון די קרימער און עסטרייכישע, פון
וואַנדערנדיקן שונא, דעם טאָטערישן און ליטווישן,
דייטשישן און קאַלמיקישן. הייליקע פאָטערס און הימ-
לישע כוחות, באַשיצט מיך, דעם קנעכט פון גאָט. אמן.

אַ תפילה פאַר אַן אָנגריף.

אַלעררייַנסטע הערשערין, הייליקע געטלעכע מו-
טער און האַר אונזערער יעזוס קריסטוס. שיק אַראָפ

---

* מאָנאַכין.

דיין ברכה, האַר, אויפן קנעכט פון גאָט, וואָס גייט
אין אָנגריף, און אויף די חברים מיינע, וואָס געפינען
זיך צוזאַמען מיט מיר. אין אַ וואָלקן היל זיי איין,
מיט דיין הימלישן הייליקן האָגל פון שטיינער צוים
זיי אַרום. הייליקער דמיטרי סאָסלוצקי, באַשיץ מיך,
דעם קנעכט פון גאָט, און די חברים מיינע פון אַלע
פיר זייטן; קיין שלעכטע מענטשן זאָלן נישט שיסן,
מיט קיין שפיז נישט שטעכן און מיט קיין בערדיש*
נישט שלאָגן; נישט שטעכן, מיט קיין טעמפ געווער
נישט פאַרטייבן, מיט קיין האַק נישט האַקן, מיט קיין
שווערדן נישט טייטן; נישט שטעכן, מיט קיין מעסער
נישט שטעכן און נישט שניידן; נישט קיין אַלטן, און
נישט קיין יונגן, און נישט קיין ברוינעם, און
נישט קיין שוואַרצן; נישט קיין גאָטלאָזער, נישט
קיין מכשף און נישט קיין שום אַנדערער כישופמאַכער.
אַלץ גייט אַצינד אויף מיר, דעם קנעכט פון גאָט,
דעם פאַריתומטן און פאַרמשפטן. אויפן ים, אויפן
אָקעאַן, אויפן אינזל בויאַן, שטייט אַ סלופּ אַן איי-
זערנער, אויף דעם סלופּ שטייט אַ מאַן אַן אייזערנער,
מיט אַ שטעקן אַן אייזערנעם אונטערגעשפּאַרט, און
פאַרהאַרטעוועט אייזן, שטאָל און בלוי בליי, און
פאַרשידענע אַנדערע זאַכן צום שיסן: „גיי-זשע, דו,
אייזן, אין דיין מאַמע-ערד אַריין און מייד אויס דעם
קנעכט פון גאָט, און די חברים מיינע, און דאָס פערד
מיינס. די פייל, פון האָלץ פאַרשניצט, אין וואַלד
אַריין, און די פעדער אין איר מאַמע-פויגל אַריין,
און דער קליי אין פיש אַריין". באַשיץ מיך, דעם

* ברייטע האַק, טיילמאַל מיט אַ שפּיץ אויף דער לאַנגער
האַנטאַבע.

קנעכט פון גאָט, מיט דיין גאָלדענער וואָפן-שילד פון דעם שניט פון אַ שווערד און פון אַ ביקסן-שאָס, פון אַ האַרמאַטן-קויל, און פון אַ שפּיז, און פון אַ מע-סער. זאָל מיין קערפּער זיין שטאַרקער פון אַ פּאַנ-צער. אמן.

עס האָבן אַוועקגעפירט די קאָזאַקן אויפן לייב אונטער די העמדער די איבערגעשריבענע תּפילות. זיי האָבן זיי צוגעבונדן צו די שנירלעך, צו די מוטערלעכע ברכות, צו די קניפּלעך מיטן ביסעלע היימישער ערד, אָבער דער טויט האָט געשטעמפּלט אויך די, וואָס האָבן מיט זיך די תּפילות מיטגעפירט.

זייערע טויטע גופים זענען פאַרפוילט געוואָרן אויף די פעל-דער פון גאַליציע און מזרח-פּרייסן, אין די קאַרפּאַטן און אין רו-מעניען, — אומעטום, וואו נאָר די הימלען האָבן רויט געפלאַמט פון דער מלחמה און עס האָט זיך אויסגעלייגט דער קאָפּיטע-שפּור פון די קאָזאַקישע פערד.

VII

געוויינטלעך האָט מען פון די אייבערשטע סטאַניצעס פון דאָנער קרייז — פון דער יעלאַנער, וויעשענסקער, מיגולינער און קאַזאַנער — גענומען די קאָזאַקן אין די *11-12* קאָזאַקישע אַרמיי-פּולקן אַריין און אין דער אַטאַמאַנער לייב-גוואַרדיע.

אין *1914* יאָר האָט מען אַ טייל קאָזאַקן פון דער וויעשענ-סקער סטאַניצע, וואָס זענען גערופן געוואָרן צו מיליטער-דינסט, איבער עפּעס אַריינגעגאָסן אין דריטן דאָנער קאָזאַקן-פּולק, אויפן נאָמען פון יערמאַק טימאָפעיעוויטש*. דאָסדאָזיקע פּולק איז באַ-

* אזוי האָט געהייסן דער „דעראָבערער פון סיביר", דער וויכטיק-

שטאַנען אויסשליסלעך פון די קאָזאַקן פון אוסט-מיעדוויעדיצער קרייז. צווישן די לעצטע איז אויך אַריינגעפאַלן אין דריטן פולק מיטקאַ קאָרשונאָוו.

צוזאַמען מיט געוויסע טיילן פון דער דריטער קאַוואַלעריע-דיוויזיע איז דאָס פולק געשטאַנען אין ווילנע. אין יוני זענען די סאָטניעס אַרויסגעטרעטן פון דער שטאָט אויף די לאַנקעס אַרויף.

עס איז געווען אַ כמורנער זומער-טאָג. די שווימענדיקע וואָלקנס האָבן זיך צונויפגעשלאָסן אין הימל און פאַרשטעלט די זון. דאָס פולק האָט זיך באַוועגט אין מאַרש-אָרדענונג. עס האָט גערעוועט דער אָרקעסטער. די הערן אָפיצירן אין זומערדיקע היטלען פון כאַקי-קאָליר און לייכטע וועג-מאַנטלען זענען גע-ריטן צוזאַמען. איבער זיי האָט בלוי זיך געשלענגלט דער פּאַפּי-ראָסן-רויך.

פון ביידע זייטן וועג האָבן די פויערן און באַבעס אין קאָ-לירטע טיכער געשניטן דאָס גראָז און געקוקט פון אונטער דער האַנט אַפער אויף די קאָזאַקן-קאָלאָנעס. די פערד האָבן געגלאַנצט פון שוויס. צווישן זייערע פיס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ געבלעכע שוים און דאָס לייכטע ווינטל, וואָס האָט געווייעט פון דרום-מזרח, האָט נישט אָפגעטרוקנט דעם שוויס, נאָר נאָך גערדיכטער געמאַכט די פאַרנע דושנעקייט.

אינמיטן וועג, נישט ווייט פון עפּעס אַ דערפל, האָט צו דער פינפטער סאָטניע זיך צוגעטשעפּעט אַן אייניעריקער זשרע-באַק. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון אַ זייטיקן וועג, דערזען די גערדיכטע מאַסע פערד, פריילעך אַ הירזשע געטון און זיך געלאָזט

סטער פאַרשטייער אין ערשטן פעריאָד פון דער צאַריש-רוסישער קאָלאָ-ניאַל-פּאָליטיק, וואָס האָט געשאַפן דעם יסוד פאַר דער פאַגראָמירונג פון די סיבירישע פעלקער.

לויפן אַקעגן זיי. זיין ווײדל, וואָס האָט נאָך נישט פאַרלוירן די יוגנטלעכע פּוכיקייט, איז פאַרהויבן געווען אין אַ זייט, פון אונטער די געטאָקטע קאָפּיטע-מושלעס האָט זיך אַפּערגעבלעזלט אַ גרויער שטויב און אָפּגעזעצט אויפן צעקנייטשטן גראָז. ער איז צוגעשפּרונגען צו דער ערשטער אָפּטײלונג און נאָריש אַ שטויס געטון מיט דער מאָרדע אונטער דער פּאַכווע פון וואַכמייסטערס פערד. דאָס פערד האָט אַ שליידער געגעבן מיטן זאָד, אָבער זיך נישט אַנטשלאָסן אַ שטויס צו טון, אפּנים געשוינט.

— אַוועק, צוציק דו! — דער וואַכמייסטער האָט זיך פאַרמאָסטן מיטן ראַפּניק.

די קאָזאַקן האָבן זיך צעלאַכט, דערפרייט פון היימישן ליבן אָנבליק פון זשרעבאָק. דאָ איז געשען אַ נישט פאַרגעזעענע זאַך: דער זשרעבאָק האָט זיך חוצפּהדיק אַריינגעשטופּט צווישן די רייען פון דער אָפּטײלונג, און די אָפּטײלונג איז צערודערט געוואָרן, האָט פאַרלוירן איר רעגולערע קאָמפּאַקטע פאָרם. די פערד, וואָס זענען אונטערגעטריבן געוואָרן דורך די קאָזאַקן, האָבן אומאַנטשלאָסן זיך געדרייט אויפן זעלבן אָרט. דער זשרעבאָק, וואָס איז דורך זיי געשטויסן געוואָרן, איז געגאַנגען זײַטיק און זיך באַמיט אַ ביס צו טון דעם פערד, וואָס האָט זיך געפונען צום נאָענטסטן פון אים.

עס איז אונטערגעריטן דער סאָטניע-קאָמאַנדיר.

— וואָס איז דאָ אַזוינס?

אויפן אָרט, וואו דער אומגעלומפּערטער זשרעבאָק האָט זיך אַריינגעקריגן, זענען די פערד געגאַנגען זייטיק און געשנאָרכט. די קאָזאַקן האָבן שמייכלענדיק אים געשלאָגן מיט די נאַהייקעס, די אָפּטײלונג איז אינגאַנצן צעפאָרן געוואָרן, פון הינטן האָבן געשפּאַרט די איבעריקע און אין דער זייט וועג האָט פון עק סאָטניע, אַן אָנגעצונדענער, געלאָפירט דער אָפיציר פון דער אָפּטײלונג.

— וואָס איז דאָ אַזוינס? — האָט דער סאָטניע-קאָמאַנדיר

אַרויסגעדונערט, אָנדרייענדיק דאָס פערד אין דער סאַמע געדיכ־
טעניש אַריין

— אָט דער זשרעבאָק...

— האָט זיך אינמיטן אַריינגעקריגן...

— עס איז אים גאָרנישט אַרויסצוטרייבן, דעם טייוול!...

— מיט דער נאַהייקע דערלאַנג אים! וואָס שוינסטו אים?

די קאָזאַקן האָבן שולדיק געשמייכלט, פאַרציענדיק די לייצן
און פאַרהאַלטנדיק די צערייצטע פערד.

— וואַכמייסטער! הער סאָטניק, וואָס איז דאָס פאַר אַ טייוול?
ברענגט אין אָרדענונג אייער אָפּטיילונג, נאָך דאָס האָט גע־
פעלט!...

דער סאָטניע־קאָמאַנדיר איז אַוועקגעריטן אין דער זייט.
זיין פערד האָט זיך אַ שטרויכל געטון און אַריינגעפאַלן מיט די
הינטערשטע פיס אין ראָוו ביי דער זייט וועג. ער האָט עס דער־
לאַנגט די שפּאָרן און אַרויסגעשפּרונגען אויף דער צווייטער זייט
ראָוו, אויפן וואַל, וואָס איז פאַרוואַקסן געווען מיט ווילד־קרויד
און געל־שוימיקן רומיאַנעק. אינדערווייטנס האָט די גרופּע אָפיציר
זיך פאַרהאַלטן. דער מאַיאָר, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ, האָט אַ
צי־געטון פון אַ פלעשל, און זיין האַנט איז מיט פאָטערלעכער
צערטלעכקייט געלעגן אויפן צירלעך־געשמידטן האָרן פון זאָטל.

דער וואַכמייסטער האָט צעטיילט די אָפּטיילונג, מיט מיאוסע
זידלווערטער צעזעגעטריבן דעם זשרעבאָק פון וועג. די אָפּטיילונג
האָט זיך צונויפגעשלאָסן. אַנדערטהאַלבן הונדערט פאָר אויגן האָבן
געקוקט, ווי דער וואַכמייסטער האָט נאָכגעיאָגט דעם זשרעבאָק, זיך
אונטערהייבנדיק אויף די רייט־אייזנס, און דער זשרעבאָק האָט, דאָ
זיך פאַרהאַלטן, זיך צודריקנדיק מיט דער שמוציקער זייט פון
פאַרטרוקנטער מיסט־קאָרע צום וואַכמייסטערס הויכן פערד, דאָ זיך
אָפּגעטראָגן, פאַרהייבנדיק דעם וויידל, און דער וואַכמייסטער האָט
אים בשום אופן נישט געקאָנט דערגרייכן מיט דער נאַהייקע איבערן
רוקן, נאָר כסדר געטראָפן איבערן בעזעמל פון וויידל. דער וויידל

האָט אונטער די קלעפּ פון דער נאַהייקע זיך אַראָפּגעלאָזט, און אין אַ רגע אַרום האָט אים ווידער דער ווינט אונטערגעהויבן.

די גאַנצע סאָטניע האָט געלאַכט. עס האָבן געלאַכט די אָפּי־צירן. אפילו אויפן מרה־שחורהדיקן פּנים פון עסאַול האָט זיך אויך באַוויזן עפּעס ענלעכס צו אַ קרומען שמייכל.

אין דער דריטער רייע פון דער ערשטער אָפּטיילונג איז גע־ריטן מיטקאַ קאָרשונאָוו מיט מיכאַיל איוואַנקאָוו, דעם קאָזאַק פון קאַרגינער כוטאָר פון דער וויעשענסקער סטאַניצע, און דער אוסט־כאָפּערצער קאָזמאַ קריוטשקאָוו. דער ברייט־פּנימדיקער און ברייט־פּלייציקער איוואַנקאָוו האָט געשוויגן, קריוטשקאָוו מיטן צו־נאָמען — קעמל, דער געשטופּלטער, קרעמפּער קאָזאַק, האָט זיך גע־טשעפּעט צו מיטקען. קריוטשקאָוו איז געווען אַן „אַלטער" קאָ־זאַק, דאָס הייסט, ער האָט שוין געדינט דאָס לעצטע יאָר און, לויט די נישט געשריבענע געזעצן פון פּולק, געהאַט. דאָס רעכט, ווי יעדער „אַלטער" קאָזאַק, אונטערצוטרייבן די יונגע, אויסצומושטירן זיי, פאַר איטלעכער נאַרישקייט אַריינצוצייל־ן שמיץ. עס איז געווען באַשטימט אַזוי: אַ פאַרשולדיקטן קאָזאַק פון 1913 יאָר — דרייצן שמיץ, פון 1914 יאָר — פערצן. די וואַכמייסטערס און אָפיצירן האָבן אונטערגעשטיצט אַזאַ אָרדענונג, האַלטנדיק, אַז מיט דעם פלאַנצט מען איין אין קאָזאַק דעם באַ־גריף פון חשיבות פאַר די עלטסטע, נישט בלויז לויטן ראַנג, נאָר אויך לויטן עלטער.

קריוטשקאָוו, וועלכער האָט נישט לאַנג באַקומען אַ בענדל אַלס קאַנצעלאַריע־שרייבער, איז געזעסן אין זאָטל אַן אָנגעבויגע־נער, האָרבענדיק, ווי אַ פויגל, די שיפּע אַקסלען. ער האָט מיט פאַרזשמורעטע אויגן געקוקט אויף אַ גרויען בייכיקן וואָלקן און געפרעגט ביי מיטקען, נאָכאַמענדיק מיטן קול דעם אומגעלומפּערטן סאָטניע־קאָמאַנדיר, דעם עסאַול פּאָפּאָוו:

— ע... זאָג מיר, קאָרשונאָוו, ווי אַזוי רופט מען ענזער סעטניע־קעמענדיר?

מיטקאַ, וועלכער האָט שוין נישט איינמאָל אַריינגעכאַפּט שמיץ פאַר זיין ווידערשפּעניקן און עקשנותדיקן כאַראַקטער, האָט אַרויפגעצויגן אַ חשיבותדיקע מינע אויפן פּנים.

— עסאַול פּאָפּאָוו, הער אַלטער קאָזאַק!

— ווי עזוי?

— עסאַול פּאָפּאָוו, הער אַלטער קאָזאַק!

— נישט דעס פרעג איך, דו זאָג מיר, ווי עזוי די קעזעקן רופן אים?

איוואַנקאָוו האָט שטרענג אַ מרוגע געטון אויף מיטקען, אַרויסרוקנדיק די שמייכלענדיק-גראָבע ליפּן. מיטקאַ האָט זיך אומגעקוקט און דערזען דעם עסאַול פּאָפּאָוו, וואָס איז פון הינטן צוגעריטן.

— נו? ענטפער! — קריוטשקאָוו האָט זיך פאַרזשמורעט.

— עסאַול פּאָפּאָוו רופט מען אים, הער אַלטער קאָזאַק.

— פערצן שמיץ. זאָג, מנוול!

— איך ווייס נישט, הער אַלטער קאָזאַק.

— לאָמיר נאָר קומען אויף די לאַנקעס, — האָט קריוטשקאָוו שוין אַצינד אַ זאָג געטון מיט זיין אייגן קול, — וועל איך דיר שוין אַריינשיטן! ענטפער, ווען מען פרעגט דיך!

— איך ווייס נישט.

— וואָס-זשע, אויסוואורף, דו ווייסט נישט ווי זיין צונאָמען איז?

מיטקאַ האָט פון הינטן געהערט דאָס פּאַרזיכטיקע, גנבישע זיך דערנענטערן פון עסאַולס פערד און געשוויגן.

— נו? — קריוטשקאָוו האָט זיך בייז פאַרזשמורעט.

פון הינטן אין דער רייע האָט מען זיך איינגעהאַלטן צעלאַכט. נישט פאַרשטייענדיק פון וואָס מען לאַכט, אָננעמענדיק דאָס געלעכטער אויף זיין חשבון, האָט קריוטשקאָוו זיך אָנגעצונדן.

— קאָרשונאָוו, געדענק!... מיר וועלן קומען — וועל איך דיר אַ האַלבן הונדערטער אַריינציילן!

מיטקאַ האָט אַ הייב געטון מיט די פּלייצעס, זיך אַנט־שלאָסן.

— שוואַרצער באָטשאַן!

— נו, דאָס איז עס דאָך טאַקע.

— קריו־יו־וטשקאָוו! — האָט מען אַ רוף געטון פון הינטן.

דער הער אַלטער קאָזאַק האָט אַ ציטער געטון אין זאָטל און זיך אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע.

— וואָס טרעכסטו דע אויס, דו אויסוואורף איינער? — האָט דער עסאַול פּאָפּאָוו אַ זאָג געטון, אויסגלייכנדיק זיין פערד מיטן פערד פון קריוטשקאָוון. — וואָס לערנסטו דע אַ יונגן קעזעק, אַ?

קריוטשקאָוו האָט געמרוגעט מיט פאַרזשמורעטע אויגן. אַ געדיכטע באָרדאָ־רויטקייט האָט פאַרגאָסן זיינע באַקן. פון הינטן האָט מען זיך געשטיקט פון געלעכטער.

— ווען האָב איך פאַראַיאָרן געלערנט? אָן ווען מאָר־דע האָב איך דעם נאָגל צעבראָכן?... — דער עסאַול האָט דער־נענטערט צו קריוטשקאָווס נאָז דעם לאַנגן פאַרשווירענעם נאָגל פון זיין קליינעם פינגער און אַ רודער געטון מיט די וואָנסעס.

— איך זאָל דאָס מער נישט העון, פאַרשטייסט, ברודערקע דו מיינער?

— צו באַפעל, אייער וואוילגעבוירנהייט, איך פאַרשטיי!

דער עסאַול איז־פאַמעלעך אַוועקגעריטן און פאַרהאַלטן דאָס פערד, דורכלאָזנדיק די סאָטניע. די פערטע און פינפטע סאָטניע האָבן זיך אַ לאָז געטון אין פאַרשנעלערטן טעמפּאָ.

— סאָטניע, אין שנעל־געלויף!...

קריוטשקאָוו האָט זיך גלייך געמאַכט דעם רעמעט ביי דער שליפע, זיך אומגעקוקט אויף דעם הינטערשטעליק־געבליבענעם עסאַול, און אויסגלייכנדיק די פּיקע, נאַריש אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— גיי רעד מיט דעם שוואַרצן באָטשאַן! פונוואַנען האָט ער זיך דערנומען אַהער?

איינגעאַנצן אַ פאַרשוויצטער פון לאַכן, האָט איוואַנקאָוו דער־ציילט:

— ער איז לאַנג געריטן הינטער אונז. ער האָט אַלץ גע־הערט. אפנים דערפילט וועגן וואָס מע רעדט.

— וואָלסט מיר כאַטש אַ וואונק געטון, שוטה.

— און וואָס גייט עס מיך אָן.

— עס גייט דיך נישט אָן? אַהאַ, פערצן שמיץ איבערן גאָלן!

די סאָטניעס האָבן זיך פונאַנדערגעשיט איבער די אַרומיקע הויפן. בייטאָג האָבן זיי געשניטן קאָניטשינע און היי פאַר די לאַנד־ווירטן, ביינאַכט אויף דער צוגעטיילטער לאָנקע געפאַשעט די גע־פענטעטע פערד, ביי די רויכיקע פייערן געשפילט אין קאָרטן, זיך דערציילט מעשיות, אַרומגעשטיפט.

די קאָזאַקן פון דער זעקסטער סאָטניע האָבן געאַרבעט אַלס פּאַ־ראָבקעס ביים רייכן פּוילישן גוטבאַזיצער שניידער. די אָפיצירן האָבן געוווינט אין דער אָפיצינע, געשפּילט אין קאָרטן, געשיכורט, אין חברותא געפלירטעוועט מיטן פאַרוואַלטערס טאָכטער. די קאָזאַקן האָבן אויפגעשטעלט דעם לאַגער דריי ווייאָרסט פון דאָרף. אין די פרימאָרגנס איז געקומען צו זיי אויף זיין רייט־בריטשקע דער הער פאַרוואַלטער. דער גראָבער חשיבותדיקער שליאַכטשיץ איז אַראָפּ־געגאַנגען פון דער בריטשקע, אויסגלייכנדיק די פאַרשטייפטע דיקע פיס, און באַגריסט די קאָזאַקן מיטן פאָכען פון זיין ווייס היטל מיטן לאַקירטן דאַשעק.

— קום מיט אונז שניידן, פּריץ!

— קום דאָס פעטס אַ ביסל אויפרודערן!

— נעם די קאָסע! אַז נישט, וועט דיך דער שלאַק טרעפן!... — האָט מען געשריגן פון די ווייס־העמדערדיקע קאָ־זאַקן־רייען.

דער פּריץ האָט זייער קאַלטבלוטיק געשמייכלט, זיך ווישנ־

דיק דעם רויטן פּליך מיט זיין געזיימט טיכל, און געגאַנגען מיטן וואַכמייסטער באַשטימען נייע חלקים לאַנקע צום שניידן.

מיטאָג־צייט איז געקומען די קיך. די קאָזאַקן האָבן זיך אָפּ־געוואַשן און געגאַנגען נאָך ברויט.

זיי האָבן געגעסן שווייגנדיק, פּאַרדעם זענען אין האַלבּ־שעהדיקן אָפּרו נאָך מיטאָג פּאַרפּירט געוואָרן געשפּרעכן.

— דאָס גראָז איז דאָ געמיין. גאָר קיין פאַרגלייך נישט צו אונזער גראָז פון סטעפּ.

— קיין ספּאָריש* איז כמעט נישטאָ.

— ביי אונז אויפן דאָן איז שוין אַצינד נאָכן היי־שניט.

— מיר וועלן אויך שוין באַלד פאַרענדיקן. נעכטן איז גע־ווען דער מולד, דער רעגן וועט דאָס היי איינגעצן.

— אַ קאַרגער פּאָליאַק. ער וואָלט פאַר דער אַרבעט כאָטש צו פלעשל אויף אַ פאַרשוין געשטעלט.

— האָ־האָ־האָ! ער וועט דיר שטעלן...

— פּאַרוואָס, ברידערלעך, איז דאָס אַזוי: אַז וואָס מער עושר — אַלץ מער קמצן.

— דאָס פרעג ביים צאַר.

— און ווער האָט דעם גוטבאַזיצערס טאָכטער געזען?

— וואָס איז דען?

— אַ פליי־שי־קע מויד!

— שעפּסן־פּעטס?

— אָט־אָט...

— איך וואָלט זי רויערהייט געפרעסן...

— איך ווייס נישט, צי דאָס איז אמת, צי נישט: מען זאָגט, אַז ס׳האָט זיך עמעצער צו איר פון קייסערלעכן הויף גע־שדכנט?

* אַזאַ געוויקס.

— וואָס דען, אַ פראָסטן וועט אַזאַ ביסן אָנקומען?

— חברה, כ׳האָב היינט געהערט פלוידערן, אַז ס׳וועט אפשר ביי אונז פאָרקומען אַן אַלערהעכסטע רעווי.

— די קאַץ האָט נישט וואָס צו טון, וועט זי...

— נו, הער שוין אויף, טאַראַס!

— גיסט אפשר צו רייכערן, אַ?

— אַ בעלן אויף פרעמדס, טייוול, גיי מיט דער לאַנגער האַנט פאַר דער צערקווע זיך אַוועקשטעלן!

— זעט נאָר, חברה, פיעדאָטקעס ליולקע איז גאָר אַ גוטע און רייכערט דאָך נישט.

— בלויז אַש איז אין איר געבליבן.

— דו, ברודער, נעם דיר די אויגן אין דער האַנט אַריין, אין איר איז נאָך אַזוי פיל פייער דאָ, ווי ביי אַ גוטער נקבה!

מען איז געלעגן אויף די בייכער, גערייכערט. די אַנט־בלויזטע רוקנס אויף רויט זיך געסמאַליעט. אין דער זייט האָבן אַ פינף אַלטע קאָזאַקן זיך אויסגעפרעגט ביי איינעם פון די יונגע:

— פון וועלכער סטאַניצע ביסטו?

— פון דער יעלאַנער.

— פון די ציגנבעק, הייסט עס?

— יאָ.

— און אויף וואָס פירט מען דאָרט זאַלץ ביי אייך?

נישט ווייט איז אויף אַ דערע געלעגן קריוטשקאָוו קאָזמאַ, זיך געלאַנגווײלט, געדרייט מיט אַ פינגער די שיטערע וואָנסעס.

— אויף פערד.

— און אויף וואָס נאָך?

— אויף אָקסן.

— נו, און פיש פון קרים אויף וואָס פירט מען? דו ווייסט דאָך מסתמא, עס זענען פאַרהאַן אַזעלכע אָקסן מיט בערגלעך אויפן רוקן, זיי פרעסן דערנער: ווי רופט מען זיי עס?

— קעמלען.

— אָכאָ־כאָ־כאַ־כאַ !...

קריוטשקאָוו האָט זיך פויל אָפּגעהויבן א צוגעגאַנגען צום פאַרשוואַלדיקטן. האָרבענדיק די אַקסלען ווי אַ קעמל און אויס־שטרעקנדיק דעם שאַפראַן־ברוינעם האַלז מיטן גאָרגל־קנאָפּ, האָט ער אויפן וועג אַראָפּגענומען דעם פּאַסעק.

— לייג דיך.

און אין די פאַרנאַכטן, אין דער אָפּאַלענער* יוני־טונקלקייט, אין פעלדביים פייער:

איז געפאָרן אַ קאָזאַק אין פרעמד, אין דער ווייטער,
געפאָרן געשווינד אויף זיין ברוינלעכן פערד,
זיין לאַנד דאָס געליבטע פאַרלאָזט שוין אויף אייביק...

שלוכצט דאָס זילבערנע טענאָרל, און די בעסער בעטן אויס אַ סאַמעטענעם, געדיכטן טרויער:

צו זען זיין היים איז אים מער נישט באַשערט...

דער טענאָר פאַרנעמט זיך ביסלעכווייז אַלץ העכער, רירט אָן די איידלסטע סטרונעס פון האַרץ.

זיין יונגע קאָזאַטשקע, פאַרנאַכט און פרימאָרגן, —
זי שטייט אַלץ צו צפון פאַרהויבן דעם בליק,
זי פרעגט ביי דער ווייטקייט, פאַרזונקען אין זאָרגן,
צי קומט נישט איר האַרציק־געליבטער צוריק.

און אַ סך שטימען גיסן זיך צונויף אין דעם ליד. דערפאַר איז עס אַזוי געדיכט און האַרב, ווי אַ פאַלעסיער ברייע.

---

* אַזאַ שטיין, וואָס לייכט אין דער פינסטערניש מיט אַ בלוילעכן, אָדער רעגנבויגנדיקן אָפּגלאַנץ.

נאָר דאָרטן, וואו גרויזאַם עסווירבלען און הוליען
די פרעסט מיט די ווינטן אין ווילדן געדריי,
וואו סאָסנעס און יאָדלעס זיך אימהדיק טוליען —
די ביינער פון קאָזאַק שוין פוילן אין שניי.

די שטימען דערציילן אַזוי פשוט וועגן קאָזאַקישן לעבן, און דער טענאָר, די באַגלייט־שטימע, פלאַטערט ווי אַ לערכע איבער דער אויפגעטייעטער ערד אין אַפּריל.

דער קאָזאַק האָט פאַרן טויט תחנונימדיק געבעטן:
„אַ בערגל ערד צוקאָפּנס שיט מיר אָן —

צוזאַמען מיט אים גייען אויס די בעסער פון בענקשאַפט:

און זאָל אַ קאַלינע פון היימלאַנד אויף דעם בערגל וואַקסן
און אייביק בליען אין דער זון".

ביים צווייטן פּייער איז דער עולם שיטערער, און דאָס ליד — אַן אַנדערס:

אַך, פון ים דעם שטורמישן, דעם אַזאָווישן —
שיפן שווימען צום דאָן.
ס'קערט זיך אום אַהיים
אַ יונגער אַטאַמאַן.

ביים דריטן פּייער, אַ ביסל ווייטער, אונטערהוסטנדיק פון רויך, שפּינט דער פּיפּיקער סאָטניע־דערציילער זייער שיין די פּע־דעם פון זיין מעשהלע. מען הערט זיך צו מיט כּסדרדיקער אויפ־מערקזאַמקייט. בלויז דעמאָלט, ווען דער העלד פון דער דערציי־לונג דרייט זיך באַזונדערס פלינק אַרויס פון די נעצן, וואָס ווערן אים אונטערגעשטעלט דורך די מאָסקאַלעס און נישטגוטע, שי־

מערט אויף אין ליכט פון פייער די ווייסקייט פון עמעצנס אַ האַנט, עס דערהערט זיך אַ פּאַטש איבער דער כאָליעווע פון אַ שטיוול, און אַ פאַרוויכערט הוסטנדיק קול שרייט אויס מיט באַגייסטערונג:

— אַך, אין זיין געפגרטער מאַמען אַריין, דאָס איז שוין איינמאָל אַ שטיקל אַרבעט!

און ווידער — דאָס פליסנדיקע, נישט איבערגעריסענע קול פון דערציילער.

אַ וואָך נאָכדעם, ווי דאָס פולק איז אָנגעקומען אויף די לאָנקעס, האָט דער עסאַול פּאָפּאָוו גערופן דעם קאָוואַל פון דער סאָטניע און דעם וואַכמייסטער.

— ווי זען אויס די פערד? — צום וואַכמייסטער.

— נישקשה, אייער וואוילגעבוירנהייט, אפילו זייער גוט. די איינגעפאַלענע ערטער אויף די רוקנס האָבן זיך אויסגעגלייכט. זיי פאַרריכטן זיך.

דער עסאַול האָט אָנגעשפּיצט זיין שוואַרצע וואָנסע, ווי אַ ווייזערל (פונדאַנען האָט טאַקע געשטאַמט דער צונאָמען דער — שוואַרצער באָטשאַן) און געזאָגט:

— אַ בעפעל פון פעלק-קעמענדיר אָפּצווייסן די רייט-אייזנס און מונדשטוקן. ס'וועט זיין אַן אַלערהעכסטע רעווי פון פעלק. אַלץ זאָל גלאַנצן. יעדעס זאָטל און אַלעס איבעריקע. ס'זאָל זיין אַ נחת און תענוג אויף אַלע קעזעקן צו קוקן. וועו, ברודערקע די מיינער, וועט דאָס פאַרטיק זיין?

דער וואַכמייסטער האָט אַ קוק געטון אויפן קאָוואַל. דער קאָוואַל האָט אַ קוק געטון אויפן וואַכמייסטער. ביידע האָבן אַ קוק געטון אויפן עסאַול.

דער וואַכמייסטער האָט געזאָגט:

— איך מיין, אַז אויף זונטיק, אייער וואוילגעבוירנהייט? — און חשיבותדיק אַ באַריר געטון מיטן פינגער די פון טיטון פאַרגרינטע וואָנסע.

— געדענק־זשע! — האָט דער עסאַול שטרענג געוואָרנט.

מיט דעם זענען דער וואַכמייסטער מיטן קאָוואַל אַוועקגע־גאַנגען.

פון דעם טאָג אָן האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צו דער אַלערהעכסטער רעווי. איוואַנקאָוו מיכאַיל, דער זון פון קאַר־גינער קאָוואַל, — אַליין אַ גוטער קאָוואַל, האָט צוגעהאָלפן ווייסן די רייט־אייזנס און מונדשטוקן, די איבעריקע האָבן זאָרגפעלטיק געקעמט די פערד, גערייניקט די ציימלעך, מיט געריבענעם ציגל געפוצט די מעטאַלענע טיילן פון די געשפאַנען.

אין אַ וואָך אַרום האָט דאָס פולק געגלאַנצט ווי אַ נייער פערציקער*. ס'האָט בלישטשענדיק געפינקלט אַלץ, אָנהייבנדיק פון די פערדס קאָפּיטעס ביז די פנימער פון די קאָזאַקן. שבת האָט דער פולק־קאָמאַנדיר, דער פולקאָווניק גרעקאָוו, באַטראַכט דאָס פולק און געדאַנקט די הערן אָפיצירן און קאָזאַקן פאַר דער טיכ־טיקער צוגרייטונג און בראַוון אויסזען.

עס האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט דאָס בלויע געוועב פון די יולי־טעג. עס האָבן זיך פאַרבעסערט די קאָזאַקישע פערד פון דער ועטיקער פאַשע. בלויז די קאָזאַקן אַליין זענען באַאומרויִקט גע־ווען, עס האָט זיי געפרעסן דער וואָרעם פון השערות; מען זעט נישט, מען הערט נישט וועגן דער אַלערהעכסטער רעווי... די וואָך איז אַריבער אין גערעדערייען אַלץ אויף דער זעלבער טעמע, אין געיעג, אין צוגרייטונג. ווי מיט אַ שייט האָלץ איבערן קאָפּ האָט אַ שלאָג געטון דער באַפעל — אַרויסטרעטן קיין ווילנע.

— אָוונטצייט זענען זיי שוין דאָרט געווען. אַ צווייטער באַפעל צו די סאָטניעס: איבערלאָזן אין צעכהויז** די קעסטלעך מיטן קאָ־זאַקישן האָב־און־גוטס און זיך צוגרייטן צום מעגלעכן אַרויס־מאַרש.

---

* אַמאָליקע רוסישע מטבע.

** מיליטערישער מאַגאַזין.

— אייער וואוילגעבוירנהייט, נאָכוואָס איז דאָס ? — האָבן די קאָזאַקן זיך באַאומרויִקט, וועלנדיק געוואויר ווערן דעם אמת פון די אָפטיילונג־אָפיצירן.

די אָפיצירן האָבן געהויבן מיט די פלייצעס. זיי וואָלטן אַליין באַצאָלט אַ זעקסער, עס זאָל זיי עמעצער דעם אמת זאָגן.

— איך ווייס נישט.

— מאַנעוורעס וועלן זיין אין קייסערס אָנוועזנהייט ?

— ס׳איז דערווייל אומבאַוואוסט.

אַזוי האָבן די אָפיצירן געענטפערט — די קאַזאַקן צו באַרויִקן. דעם 19־טן יולי האָט דער שליח פון פולק־קאָמאַנדיר באַוויזן פאַר־אַכט אַריינצושעפטשען דעם קאַזאַק פון דער זעקסטער סאָטניע, מריכינען, וואָס האָט גראָד געהאַט דיזשור אין שטאַל :

— מלחמה, פעטערשי !

— זאָגסט ליגנט ? !...

— ווי גאָט איז אמת, אָבער דו מאַך אַ שווייג !

אינדערפרי איז דאָס פולק אויסגעשטעלט געווען אין דיוויזיע־אָרדענונג. די פענסטער פון די קאַזאַרמעס האָבן מאַט גע־בלינצלט מיט זייערע פאַרשטויבטע שייבן. דאָס פולק האָט אין פו־לער צוגרייטונג געוואַרט אויפן קאָמאַנדיר.

פאַר דער זעקסטער סאָטניע רייט אַרויס אויף זיין שלאַנק פערד דער עסאַול פּאָפּאָוו. מיט דער לינקער האַנט אין דער ווייסער האַנטשקע פאַרציט ער די לייצן. דאָס פערד דרייט אַן זייטיק דעם קאָפּ, אויסבייגנדיק דעם קלעכקן האַלז, און קראַצט די מאָרדע אָן קנופּ פון די ברוסט־מוסקולן.

דער פולקאָווניק איז אַפּערגעריטן פון הינטערן ווינקל פון קאַזאַרמע־בנין, זייטיק זיך אָוועקגעשטעלט מיטן פערד פאַרן פראָנט. דער אַדיוטאַנט האָט אַרויסגענומען דאָס טיכל, עלעגאַנט אויס־בייגנדיק דעם קליינעם געפלעגטן פינגער, אָבער נישט באַוויזן זיך

אויסצושנייצן. אין דער קלאַנגלאָז־רוישנדיקער שטילקייט האָט דער פּולקאָווניק אַ וואָרף געטון:

— קאָזאַקן... — און הערשעריש צוגעצויגן צו זיך די אַלגע־מיינע אויפמערקזאַמקייט.

„דאָס איז עס", — האָט איטלעכער אַ טראַכט געטון. די אומגעדולד קעגן אויפרודערונג איז אַלץ געשפּאַנטער געוואָרן. מיטקאַ קאָרשונאָוו האָט מיטן קנאַפּעל בייז אַ שטויס געטון זיין פערד, וואָס האָט געביטן די פיס. לעבן אים אין דער רייע, ווי איינגע־מויערט אין זאָטל, איז פאַרשטאַרבן געבליבן איוואַנקאָוו, זיך איינגעהערט, ווי אין אַ גענעץ צעעפנט דאָס דרייעקיקע מויל מיט די שוואַרצע, נישט גלייכע ציין. נאָך אים האָט זיך געזשמורעט, מיט געהאַרבעטע אַקסלען, קריוטשקאָוו, נאָך ווייטער האָט ווי אַ פערד געדרייט מיט די האַרטע אויערן לאַפּין, נאָך אים האָט זיך געזען די צעראַכטע געגאָלטע גאָמבע פון שטשעגאָלקאָוון.

— ...דייטשלאַנד האָט אונז דערקלערט מלחמה.

איבער די גלייכע רייען — אַ געשאָרך, ווי איבער אַ פעלד פון צייטיקן גערעטן וואָלט הוליענדיק אַ ווינט־כוואַליע דורכגע־גאַנגען. שאַרף האָט אַ שניט געטון דאָס געהער דער אויסגעשריי פון אַ פערדיש הירזשען. פאַרקיילעכיקטע אויגן און פירעקיקע שוואַרצקייט פון געעפנטע מיילער — אין דער זייט אַריין פון דער ערשטער סאָטניע: דאָרט, אין לינקן פלאַנג, האָט אַ פערד זיך צעהירזשעט.

דער פּולקאָווניק האָט נאָך גערעדט. צעשטעלנדיק אין ניי־טיקי סדר די ווערטער, האָט ער זיך באַמיט אָנצוצינדן דאָס גע־פיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ, אָבער פאַר אויגן פון די טויזנטער קאָזאַקן האָט נישט דאָס זייד פון די פרעמדע מיליטערישע פענער שאַרכנדיק זיך פאַרבויגן צו די פיס, נאָר זייער אייגן וואָכעדיק, האַרב־בלוטיק לעבן האָט בהלהדיק געשריגן אויפן קול: די ווייבער, די קינדער, די געליבטע, די נישט אָפּגעשניטענע תבואה, די פאַר־יתומטע כוטאָרס, די סטאַניצעס.

„אין צוויי שעה אַרום פאַרלאָדענען אין די עשעלאָנען". דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין איט-לעכנס זכרון.

די ווייבער פון די אָפיצירן, וואָס זענען געשטאַנען אין קופּ-קעלעך פונדערוווייטנס, האָבן געוויינט אין די טיכלעך אַריין, די קאָזאַקן זענען גרופּעסווייז אַוועקגעריטן צו דער קאַזאַרמע. דער סאָטניק כאָפּראָוו האָט כמעט אויף די הענט געטראָגן זיין מעוברתדיק ווייב, די בלאָנד-האָריקע פּאָלקע.

צום וואָקזאַל איז דאָס פּולק געגאַנגען מיט לידער. זיי האָבן פאַרטייבט דעם אָרקעסטער. און ער איז אין האַלבן וועג, אַ פאַר-שעמטער, פאַרשוויגן געוואָרן. די אָפיצירישע ווייבער זענען געפאָרן אין דראָזשקעס, איבער די טראָטואַרן האָט זיך געשוימט אַ פאַר-ביקער עולם, די פערדישע קאָפּיטעט האָבן אויפגעהויבן אַ ווייסן שטויב, ווי פון שטיין-זאַמד, און אויסלאַכנדיק זיך פון אייגענעם און פרעמדן אומגליק, ציקנדיק מיטן לינקן אַקסל אַזוי, אַז זיין בלויע שליפע האָט כסדר פיבערהאַפט זיך געבערגלט, האָט דער פאַר-זינגער געוואָרפן די פרעכע ווערטער פון אויסגעלאַסענעם קאָזאַ-קישן ליד:

איך, מיידעלע שיינס, האָב אַ העכטל געכאַפּט...

די סאָטניע האָט בכיוון צונויפגעגאָסן דידאָזיקע ווערטער און, אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון די פריש-געקאָוועטע פערד-קאָפּיטעס, געטראָגן צום וואָקזאַל און די רויטע וואַגאָן-כאַטעס דאָס איינציקע, וואָס איר איז געבליבן — דאָס ליד.

> אַ העכטל, אַ העכטל, אַ העכטל געכאַפּט...
> מיך, מיידעלע שיינס, האָט דער קוכער געטאַפּט —
> ביים קאָכן, ביים קאָכן דער קוכער געטאַפּט.

פון עק סאָטניע, אינגאַנצן אַ פּורפּור-רויטער פון לאַכן און זשענירטקייט, האָט צו די זינגערס געאיילט אויף זיין פערד דער

פּאָלק-אַדיוטאַנט. דער פּאַרזינגער האָט זיך צעיאַכמערט, נאָכגע-לאָזט די לייצן, ציניש אונטערגעוואָונקען צו די פּרויען אויף די טראָטואַרן, וואָס האָבן מחנותווייז באַגלייט די קאָזאַקן, און איבערן אָנגעצונדענעם בראָנז פון זיינע באַקן איז צו די שוואַרצע וואָנסע-לעך געראָנען נישט קיין שווייס, נאָר אַ ביטערער פּיאָלאָן-עקסטראַקט.

. . . . . .
. . . . . .

אויפן טאָר, אָנזאַמלענדיק דאַמף, האָט דראָענדיק-ניכטער גע-רעוועט דער לאָקאָמאָטיוו.

. . . .
. . . .
. . . .

עשעלאָנען... עשעלאָנען... עשעלאָנען... עשעלאָנען אָן אַ שיעור!

איבער די אַרטעריעס פון לאַנד, איבער די אייזערנע באַן-וועגן צו דער מערב-גרענעץ, טרייבט דאָס אויפגעווירבלטע רוס-לאַנד דאָס בלוט פון אירע גרויע שינעלן.

VIII

אין שטעטל טאַרזשאָק האָט מען דאָס פּולק צעטיילט אויף סאָטניעס. די זעקסטע סאָטניע איז אויפן באַפעל פון דיוויזיע-שטאַב צוועקגעשיקט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון דריטן פוסגייער-קאָרפּוס און, דורכגייענדיק אין מאַרש-אָרדענונג ביזן שטעטל פּע-ליקאַלי, האָט זי אַרויסגעשטעלט וואַך-פּאָסטנס.

די גרענעץ איז נאָך געהיטן געוואָרן דורך אונזערע גרע-נעץ-אָפּטיילונגען. עס זענען אָנגעקומען אָפּטיילונגען פון פוסגייער

און אַרטילעריע. דעם 24־סטן יולי זענען אין שטעטל אַריין אָנגע־קומען אַ באַטאַליאָן פון 108־טן גליעבאָווער פולק און אַ באַטאַרייע. אין נאָענטן אַלעקסאַנדראָווער פאָלוואַרק האָט זיך געפונען אַ וואַך־פּאָסטן פון ניין קאָזאַקן אונטער דער אָנפירונג פון אוריאַדניק פון דער אָפּטיילונג.

אין דער נאַכט אויפן 27־סטן האָט דער עסאַול פּאָפּאָוו אַרויס־גערופן צו זיך דעם וואַכמייסטער און דעם קאָזאַק אַסטאַכאָוו.

אַסטאַכאָוו האָט זיך אומגעקערט אין דער אָפּטיילונג אַריין ווען עס איז שוין געווען פינסטער. מיטקאַ קאָרשונאָוו האָט נאָר וואָס צוריקגעברענגט זיין פערד פון אָנטרינקען.

— דאָס ביסטו, אַסטאַכאָוו ? — האָט ער אַ רוף געטון.

— איך. און וואו איז קריוטשקאָוו מיט דער חברה ?

— דאָרט אין דער כאַלופּע.

אַסטאַכאָוו, דער גרויסער, שווערער און שוואַרצער קאָזאַק, האָט פאַרזשמורעט די קורצזיכטיקע אויגן און אַריינגעגאַנגען אין דער כאַלופּע. לעבן טיש, ביים נאַפט־לעמפל, האָט שטשעגאָלקאָוו זיך פאַרראָכטן דעם צעריסענעם שוך מיט אַ דראָטווע. קריוטשקאָוו איז געשטאַנען לעבן אויוון מיט פאַרלייגטע הענט אויפן רוקן און אונטערגעוואונקען צו איוואַנקאָוון, אָנווייזנדיק אויפן אויפגעדרע־לענעם וואַסערזוכטיקן באַלעבאָס, וואָס איז געלעגן אויפן בעט. זיי האָבן נאָרוואָס זיך אויסגעלאַכט, און איוואַניאָווס ראָזע באַקן האָ[?] נאָך געציטערט פון געלעכטער.

— גוט־מאָרגן, חברה, מיטן טאָג־צוגלייך אַרויסרייטן אויפן וואַך־פּאָסטן.

— וואוהין ? — האָט שטשעגאָלקאָוו געפרעגט און, פאַר־קוקנדיק זיך, אַראָפּגעלאָזט די חזיר־האָר, וואָס ער האָט נאָך נישט געהאַט אַריינגעדרייט אין דער דראַטווע.

— אין שטעטל ליובאָוו.

— ווער וועט פאָרן ? — האָט מיטקאַ קאָרשונאָוו געפרעגט, אַריינקומענדיק און אַוועקשטעלנדיק דעם עמער ביי דער שוועל.

— עס וועלן פאָרן מיט מיר שטשעגאָלקאָוו, קריוטשקאָוו, רוואַטשעוו, פאַפּאָוו און דו איוואַנקאָוו.

— און איך, פאַוולישט?

— דו, מיטרי, וועסט בלייבן.

— נו, כאַפּט אייך דער טייוול.

קריוטשקאָוו איז אָפּגעטרעטן פון אויוון; זיך קנאַקנדיק אויס־געצויגן און געפרעגט ביים באַלעבאָס:

— וויפיל וויאָרסט רעכנט זיך צו דעם שטעטל ליובאָוו?

— פיר מייל.

— דאָ נאָענט, — האָט אַסטאַכאָוו געזאָגט און, זעצנדיק זיך אויף דער באַנק, אויסגעטון דעם שטיוול. — וואו טרוקנט מען דאָ די אָניצע אויס?

זיי זענען אַרויסגעריטן פאַרטאָג. ביים ברונעם אין עק שטעטל האָט אַ באָרוועס מיידל געשעפּט וואַסער מיט אַן עמער. קריוטש־קאָוו האָט פאַרהאַלטן דאָס פערד.

— גיב אַ טרונק, ליבינקע!

דאָס מיידל האָט זיך צוגעהאַלטן דאָס לייוונטענע קליידל מיט דער האַנט, דורכגעגאַנגען די קאַלוזשע מיט ראָזע פיס און שמייכלענדיק מיט די גרויע אויגן אונטער די געדיכטע ברעמען, אים דערלאַנגט דעם עמער.

קריוטשקאָוו האָט געטרונקען, זיין האַנט, וואָס האָט גע־האַלטן דעם שווערן עמער אינדערלופטן, האָט געציטערט פון אָנ־שטרענגונג; אויפן רויטן לאַמפּאַס זענען שנירלדיק געפאַלן טראָפּנס.

— זאָל דיך קריסטוס מציל זיין, גרויאויגיקע!

— און דיך יעזוס באַגלייטן.

זי האָט צוגענומען דעם עמער און אַוועקגעגאַנגען, זיך אומ־קוקנדיק, שמייכלענדיק.

— וואָס שטשירעסטו די ציין, פאָר־מיט מיט מיר!

קריוטשקאָוו האָט זיך אַ רוק געטון אויפן זאָטל, ווי מאַכנ־דיק אַן אָרט פאַר איר.

— ריר! — האָט אַסטאַכאָוו, אַוועקריידנדיק, אויסגעשריגן.

— זיך פאַרקוקט? — האָט רוואַטשעוו זייטיק אַ וואָרף גע־טון אַ עפאָטישן בליק אויף קריוטשקאָוון.

— די פיס זענען ביי איר אַזוי רויט, ווי דער קראָפּ ביי אַן אינדיק, — האָט קריוטשקאָוו זיך צעלאַכט, און אַלע האָבן ווי לויט אַ באַפעל זיך אומגעקוקט. דאָס מיידל האָט זיך אַנגעבויגן אי־בערן ברונעם, אַרויסשטעלנדיק דעם שטייף־אָפּגעצויגענעם צע־טיילטן הינטן, צעשפּרייטנדיק די דיקע פיס מיט די רויטע לידקעס.

— כ׳וואָלט חתונה געהאַט... — האָט פאַפּאָוו אַ זיפץ געטון.

— לאָז, וועל איך דיך מיטן ראַפּניק איינמאָל חתונה מאַכן, — האָט אַסטאַכאָוו פאַרגעלייגט.

— מיטן ראַפּניק...

— דו היצסט דיך, ווי אַ זשרעבאָק?

— מען וועט אים מוזן קאַסטרירן!

— מיר וועלן אים, ווי אַ בוהיי, אונטערבינדן.

זיך אויסלאַכנדיק, זענען די קאָזאַקן שנעל אַוועקגעריטן. פון נאָענטן בערגל האָט זיך באַוויזן אין טאָל און איבער דער שיפּוע פון באַרג דאָס שטעטל ליובאָוו. הינטער די רוקנס פון די קאָזאַקן האָט פון באַרג־אָפּער זיך געפעדערט די זון. אין דער זייט האָט אויפן טעפעלע פון אַ טעלעגראַפן־סלופּ אַ לערכע זיך געקליבן אַוועקצוזעצן.

אַסטאַכאָוו, וואָס האָט נאָרוואָס געהאַט געענדיקט די שול פאַר אונטעראָפיצירן, איז באַשטימט געוואָרן אַלס אָנפירער פון וואַך־פּאָסטן. ער האָט אויסגעקליבן דאָס אָרט פאַר זיין קוואַטיר אין לעצטן הויף, וואָס איז געלעגן אָפּגעזונדערט, אין דער זייט פון דער גרענעץ. דער באַלעבאָס, אַ געגאָלטער, קרומפיסי־קער פּאָליאַק, אין אַ ווייסן פילצענעם הוט — האָט אַריינגעפירט

די קאָזאַקן אין דער סטאָדאָלע און זיי געווינן וואו אָוועק־צושטעלן די פערד. הינטער דער סטאָדאָלע, נאָכן שיטערן פלויטל, האָט זיך געגרינט אַ שטיק קאָניטשינע. די משופּע־דיקייט איז האַרבענדיק אַוועקגעלאָפן ביזן נאָענטן וואַלד, דערנאָך האָבן ווייס געשימערט תּבֿואה־פעלדער, איבערגעשניטענע דורכן וועג, און ווידער גרינע, גלאַנציקע שטיקער קאָניטשינע. הינטער דער סטאָדעלע ביים ראָוו האָט מען דיזשורירט אין אַ רייע מיטן בינאָקל. די איבעריקע זענען געלעגן אין דער קילער סטאָדעלע. עס האָט דאָרט געשמעקט מיט פאַרלעגענער תּבֿואה, מעקענע־שטויב, מייזן־צוואה און זיסלעכן פאַרשימלטן ריח פון ערד־זשאַווער.

איוואַנקאָוו האָט זיך אָפּגעקליבן אַן אָרט אין פינסטערן ווינקל ביים אַקער און דאָרט געשלאָפן ביז אָוונט. מען האָט אים אויפגעוועקט ביי זון־אונטערגאַנג. קריוטשקאָוו האָט אָנגענומען אַ שטיקל הויט אויף זיין האַלז, אַ צי געטון און געזאָגט:

— זיך אויסגעפּאַשעט אויף קאַזיאָנע קעסט, זיך אָנ־געפרעסן, דער אינדיק! שטיי אויף, ליידיקגייער, גיי די דייטשן היטן!

— טשעפּע נישט, קאָזמאַ!

— שטיי אויף!

— נו, הער שוין אויף! נו, טשעפּע נישט. איך וועל באַלד אויפשטיין.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַן אָנגעשוואָלענער, אַ רויטער אַ דריי געטון מיטן קיילעכיקן קאָפּ אויפן קורצן האַלז, וואָס אי־פּעסט געזעסן צווישן די ברייטע אַקסלען; סמאָרקענדיק מיט דער נאָז (ער האָט זיך פאַרקילט, ליגנדיק אויף דער פייכטער ערד) איבערגעבונדן דעם פּאַטראָנטאַש און נאָכגעשלעפּט די ביקס צום אַרויסגאַנג. ער האָט געטוישט שטשעגאָלקאָוון און, אויפהייבנדיק דעם בינאָקל צו די אויגן, לאַנג געקוקט אויף צפון־מערבֿ, צום וואַלד.

דאָרט האָט אונטערן ווינט זיך געכוואַליעט דער ווייסער ים זאַנגען־קעפּ און אויפן שמאָלן פּאַס אָלכע־וואַלד איז פלייצנ־דיק געפאַלן דאָס פורפור־ליכט פון דער פאַרגייענדיקער זון. נאָכן שטעטל, אין טייכל (עס איז געלעגן ווי אַ בלויע שיינע דוע) האָבן אַרומשמיפנדיק זיך געבאָדן קינדער. אַ פרוי מיט אַ קאָנטראַלט־שטימע האָט אַ רוף געטון: „סטאַסיאַ! — סטאַ־אַ־אַסיאַ! — קום אַהער!" — שטשעגאָלקאָוו האָט זיך אָנגעדרייט צו פאַררייכערן און, אָוועקגייענדיק, געזאָגט:

— זעסט ווי רויט די זון פאַרגייט. דאָס איז אויף ווינטן

— אויף ווינטן — האָט איוואַנקאָוו מסכים געווען.

ביינאַכט זענען די פערד געשטאַנען אויסגעזאָטלטע. אין שטעטל זענען די פייערן צוזאַמען מיטן גערויש פאַרלאָשן געוואָרן. צומאָרגנס אינדערפרי האָט קריוטשקאָוו אַרויסגערופן איוואַנקאָוון פון דער סטאָדעלע.

— לאָמיר גיין אין שטעטל אַריין.

— נאָכוואָס?

— עפּעס עסן, טרינקען.

— ווער ווייסט, — איז איוואַנקאָוו מסופק געווען.

— איך זאָג דיר. איך האָב געפרעגט דעם באַלעבאָס. אָט אין דער כאַלופּע — זעסט דאָרט דעם שפייכלער מיטן דאַכעווקע־דאַך? — קריוטשקאָוו האָט אָנגעוויזן מיטן שוואַרץ־באַנאָגלטן פינ־גער. — דאָרט ביים ייד איז דאָ ביר, גייסט?

זיי זענען געגאַנגען. עס האָט זיי נאָכגעשריגן אַסטאַכאָוו, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון דער סטאָדעלע־טיר.

— וואוהין?

קריוטשקאָוו, וואָס איז געווען מיט איין ראַנג העכער פון אַסטאַכאָוון, האָט זיך אַ בייזער געטון.

— מיר וועלן באַלד קומען.

— קומט צוריק, חברה!

— האָוקע נישט!

דער אַלטער באַפּיאַהטער ייד, מיטן איבערגעקערטן אויגן־לעדל, האָט אויפגענומען די קאָזאַקן מיט אַ סך מאָל פאַרנייגן זיך.

– ביר איז דאָ?

– שוין נישטאָ, הער קאַזאַק.

– מיר ווילן פאַר געלט.

– יעזוס מאַריאַ*, צי וואָלט איך דען... אַך, הער קאָזאַק, גלייבט אַן ערלעכן ייד; ס'איז שוין נישטאָ קיין ביר!

– זאָגסט ליגנס, ייד!

– אָבער, הער קאָזאַק! איך האָב דאָך שוין געזאָגט.

– אָט וואָס...– האָט קריוטשקאָוו אים בייז איבערגעשלאָגן או אַריינגעשטעקט די האַנט נאָכן אויסגעריבענעם בייטעלע אין דער קעשענע פון די שאַראַוואַרן.

– דו גיב אונז, וואָרים איך וועל אָנהייבן מיט בייזן!

דער ייד האָט צוגעדריקט מיטן קליינעם פינגער די מטבע אויף דער האַנטפלאַך, אַראָפּגעלאָזט דאָס איבערגעקערטע אויגן־לעדל און אַרויסגעגאַנגען אין הויז אַריין.

אין אַ מינוט אַרום האָט ער אַריינגעבראַכט אַ פּייכטע, מיט מעקענע, באַדעקטע פלאַש בראָנפן.

– און דו האָסט געזאָגט, אַז ס'איז נישטאָ. עך, דו פאָטערל!

– איך האָב געזאָגט, אַז קיין ביר איז נישטאָ.

– גיב עפּעס צו פאַרבייסן.

קריוטשקאָוו האָט מיט אַ פעטשל אַרויסגעזעצט דעם קאָרק און אָנגעגאָסן דאָס שעלעכל ביזן אויסגעשטשערבעטן ראַנד.

---

* דער מחבר האָט דאָ, אפנים, געהאַט אַ טעות: אים איז, מסתמא, נישט באַקאַנט געווען, אַז אַ באַפּיאַהטער ייד שווערט זיך נישט מיט יעזוס מאַריאַ. (איבערז.)

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען האַלב-שיכּורע. קריוטשקאָוו האָט צוגעטאַנצט און געדראָעט מיט דער פויסט אין די פענסטער אַריין מיט די ברייט-אויפגעריסענע דערשראָקענע שוואַרצע אויגן.

אין דער סטאָדעלע האָט געגענעצט אַסטאַכאָוו. הינטער דער וואַנט האָבן די פערד געגריזשעט דאָס פייכטע היי.

אין אָוונט איז אַוועקגעריטן מיט אַ באַריכט פּאָפּאָוו. דער טאָג איז אַריבער אין ליידיקגיין.

אָוונט. נאַכט. איבערן שטעטל אינדערהייך — ווי אַ גע-שפּאָלטענע וואונד — דאָס געלע ברוכשטיק פון דער יונגער לבנה.

פון צייט-צו-צייט פאַלט אין סאָד הינטערן הויז אַ צייטיקע פּרוכט פון אַן עפּל-בוים. עס הערט זיך דאָס פייכטע פאַלן. אַרום האַלבער נאַכט האָט איוואַנקאָוו דערהערט אַ פערדיש טופּען איבער דער גאַס פון שטעטל. ער איז אַרויסגעקראָכן פון סאָד, זיך איינגעקוקט, אָבער אַ וואָלקן האָט אַרומגענומען די לבנה ווי מיט אַ באַנד: מען זעט גאָרנישט איבערן גרויען נישט דורכזיכטיקן שלייער.

ער האָט שטורכענדיק אויפגעוועקט קריוטשקאָוון, וואָס איז געשלאָפן ביים אַריינגאַנג פון דער סטאָדעלע.

— קאָזמאַ, רייטערס קומען אָן! שטיי-אויף.

— פונוואַנען?

— דורכן שטעטל.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען. איבער דער גאַס, אַ פופציק קלאַפטער ווייט, האָט דייטליך אָפּגעקלונגען דאָס קלאַפּן פון פערדישע פּאַדקאָוועס.

— לאָמיר אַריינלויפן אין סאָד. פון דאָרט וועט מען בעסער הערן.

פאַרביי דעם הויז — אַ שנעל גערייטערי צום סעדל. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן ביי דער פאַרצוימונג. אַ טויב גערעדעריי,

עס קלינגען רייט-אייזנס, עס סקריפּען זאָטלען. געגנטער. עס זען זיך אומדייטלעכע פיגורן פון רייטערס.

מען רייט צו פיר אין אַ ריי.

— ווער רייט?

— און דו וועמען דאַרפסטו? — האָט זיך אָנגערופן אַ טע-נאָרל פון דער פּעדערשטער ריי.

— ווער רייט? איך וועל שיסן! — קריוטשקאָוו האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן שלאָס פון דער ביקס.

— טררר, — האָט איינער פאַרהאַלטן דאָס פערד און צוגע-ריטן צו דער פאַרצוימונג.

— דאָס איז אַן אָפּטיילונג פון דער גרענעץ-וואַך. דאָ איז אַ פּאָסטן, וואָס?

— אַ פּאָסטן.

— פון וועלכן פּאָלק?

— פון דריטן קאָזאַקישן.

— מיט וועמען רעדסטו דאָרט, טרישין? — האָט מען געפרעגט פון דער פינסטערניש.

דער צוגעריטענער האָט געענטפערט:

— דאָס איז אַ קאָזאַקן-פּאָסטן, אייער וואוילגעבוירנהייט.

צו דער פאַרצוימונג איז צוגעריטן נאָך איינער.

— גוטן אָוונט, קאָזאַקן!

— גוטן אָוונט, — האָט איוואַנקאָוו נישט באַלד געענט-פערט.

— איר זענט שוין דאָ לאַנג?

— פון נעכטן אָן.

דער צווייטער, וואָס איז צוגעריטן, האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע, פאַררייכערט, און קריוטשקאָוו האָט דערזען אַן אָפיציר אין אוניפאָרם פון דער גרענעץ-וואַך.

— אונזער פּולק איז אָפּגענומען געוואָרן פון דער גרע-נעץ, — האָט אַ זאָג געטון דער אָפיציר, פאַרציענדיק דעם רויך

פֿון פּאַפּיראָס... — נעמט אין אַכט, אַז איר זענט אַצינד פּראַקטיקע. דער שונא קאָן נאָך מאָרגן דאָ אָנקומען.

— וואוהין־זשע רייט איר, אייער וואוילגעבוירנהייט? — האָט קריוטשקאָוו געפֿרעגט, נישט אַראָפּנעמענדיק דעם פֿינגער פֿון ציינגל.

— מיר דאַרפֿן צוויי ווייאָרסט פֿונדאַנען זיך פֿאַראייניקן מיט אונזער עסקאַדראָן. נו, רירט, חברה! אַלדאָס גוטס, קאָזאַקלעך!

— אין אַ גוטער שעה.

דער ווינט האָט אומרחמנותדיק אַראָפּגעריסן די ביינוועלנע וואָלקן־באַנד פֿון דער לבנה, און אויפֿן שטעטל, אויף די קופּעס סעדער, אויפֿן שטרויענעם דאַך פֿון דער סטאָדעלע, אויף דער אָפּטיילונג, וואָס איז געריטן באַרג־אַרויף, האָט ווי געלער אייטער אַ פֿלייץ געטון אַ טויטע ליכטיקייט.

איינדערפֿרי איז אַוועקגעריטן מיט אַ באַריכט צו דער סאָטניע רוואַטשעוו. אַסטאַכאָוו האָט זיך דורכגערעדט מיטן באַלעבאָס, און ער האָט פֿאַר אַ נישט גרויסן פּרייז דערלויבט אָ־צושניידן קאָניטשינע פֿאַר די פֿערד. די קאָזאַקן האָט געשראָקן דאָס, וואָס זיי זענען געבליבן פּנים קעגן פּנים מיטן שונא. פֿריער, ווען זיי האָבן געוואוסט, אַז פֿאַר זיי געפֿינט זיך די גרענעץ־וואַך, האָבן זיי נישט געהאַט דאָס געפֿיל פֿון אָפּגעריסנקייט און איינזאַמקייט; דעריבער האָט עס זיך אַרויסגעוויזן אַזוי שטאַרק, ווען זיי זענען געוואויר געוואָרן, אַז די גרענעץ איז געבליבן אָפֿן.

דעם באַלעבאָס׳ לאָנקע האָט זיך געפֿונען נישט ווייט פֿון דער סטאָדעלע. אַסטאַכאָוו האָט באַשטימט צום שניידן איוואַנקאָוון מיט שטשעגאָלקאָוון. דער באַלעבאָס, אין ווייסן פּילצענעם הוט, האָט זיי אַוועקגעפֿירט אויף זיין לאָנקע. שטשעגאָלקאָוו האָט געשניטן, איוואַנקאָוו האָט צונויפֿגעשאַרט דאָס פֿייכטע שווערע גראָז און עס געפּאַקט אין די פֿוראַזשירקעס* אַריין. אין דער צייט האָט אַסטאַכאָוו אָבסערווירט דורכן בינאָקל דעם וועג, וואָס האָט גע־

* שנור־זעק אויף פֿוראַזש פֿאַר די פֿערד.

פירט צו דער גרענעץ, און דערזען לויפן פון דער דרום-מערבדיקער זייט אַ יינגל איבערן פעלד. דאָס יינגל האָט ווי אַ טונקל-גרויער נישט אויסגעקראָכענער האָז זיך געקייקלט פון בערגל אַראָפּ און נאָך פונדערווייטנס עפּעס געשריגן, פאָכענדיק מיט די לאַנגע אַרבל פון רעקל. ער איז צוגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער און, דרייענדיק מיט די קיילעכיקע אויגן, אויסגעשריגן:

— קאָזאַק, קאָזאַק, איזש געקומען דער דייטש! דער דייטש איזש געקומען, אָט-אָט.

ער האָט אויסגעשטרעקט דעם אַראָפּהענגענדיקן עק פון זיין לאַנגן אַרבל, און אַסטאַכאָוו, וואָס האָט זיך אַ כאַפּ געטון צום בינאָקל, האָט דערזען אין די קיילעכיקע גלעזער אַ ווייטע געדיכטע גרופּע רייטערס. נישט אָפּרייסנדיק פון די אויגן דעם בינאָקל, האָט ער זיך צעשריגן:

— קריוטשקאָוו!

יענער איז אַרויסגעשפּרונגען פון די קרומע טירן פון דער סטאָדעלע און זיך אַרומגעקוקט.

— לויף, גיב אַ רוף די חברה. די דייטשן. אַ דייטשישער פאָרפּאָסטן!

ער האָט געהערט דאָס טופּען פון לויפנדיקן קריוטשקאָוון און אַצינד דורכן בינאָקל שוין דייטלעך געזען די קופּקע רייטערס לענגאויס דעם געלבלעכן שטרייף פון דער לאָנקע.

ער האָט אפילו אונטערגעשיידט די ברוינע פאַרב פון זייערע פערד און די טונקל-בלויע קאָליר פון די מונדירן. זיי זענען געווען מער ווי צוואָנציק מאַן, געריטן אין אַן ענגער נישט פאָרמירטער גרופּע; געריטן פון דער דרום-מערבדיקער זייט, בשעת דער באַאָבאַכטער האָט זיך געריכט אויף זיי פון צפון-מערב. זיי האָבן איבערגעשניטן דעם וועג און זיך אַ לאָז געטון באַלכסונדיק איבערן ראַנד פון טאָל, אין וועלכן ס'איז צעוואָרפן געווען דאָס שטעטל ליובאָוו.

צוויסרוקנדיק דאָס שפּיצל פון דער פאַרביסענער צונג דורך די געקנייטשטע ליפּן און סאָפּענדיק פון אָנשטרענגונג, האָט איוואַנ-

קאָוו געפּאַקט אין דער פוראַזשירקע אַריין אַ באַרג גראָז. לעבן אים, פּיפּקענדיק דאָס ליולקעלע, איז געשטאַנען דער באַלעבאָס, דער פּאָליאַק. ער האָט אַריינגערוקט די הענט אין פּאַסעק און פון אונטער די ראַנדן פון זיין הוט, אַן אָנגעכמורעטער, זיך צוגעקוקט, ווי שטשעגאָלקאָוו האָט געשניטן.

— דאָס איז דען אַ קאָסע? — האָט יענער געזידלט, בייז זיך פאַרמעסטנדיק מיט דער קאָסע, וואָס איז גיכער ענלעך געווען צו אַ קינדער-שפּילעכל, — דו שניידסט מיט איר?

— איך שנייד — האָט דער פּאָליאַק געענטפערט, פאַרהאַלטנ-דיק מיט דער צונג דעם אַרומגעביסענעם מונדשטוק פון ליולקעלע, און אַפּערגענומען איין פינגער פון אונטערן פּאַסעק.

— מיט דער קאָסע דיינער קאָן מען נאָר ביי אַ באָבע אויפן באַוואַקסענעם אָרט שניידן!

— או-הום, — האָט דער פּאָליאַק מסכים געווען.

איוואַנקאָוו האָט פאַרצויגן די פוראַזשירקע. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, — און אומקוקנדיק זיך, דערזען לויפן קריוטשקאָוו אי-בערן פעלד. יענער איז געלאָפן, אונטערהאַלטנדיק זיך די שווערד מיט דער האַנט און פלאָנטערנדיק מיט די פיס איבערן געבערגלטן פעלד.

— וואַרפט אַוועק!

— וואָס איז געשען? — האָט שטשעגאָלקאָוו געפרעגט, אַריינ-שטעקנדיק די קאָסע מיט דער שאַרף אין דער ערד.

— די דייטשן!

איוואַנקאָוו האָט אַרויסגעלאָזט די פוראַזשירקע. דער באַלע-באָס האָט זיך אָנגעבויגן, ווי די קוילן וואָלטן שוין געפלויגן אי-בער אים, און כמעט גראַבלענדיק מיט די פינגער די ערד, אַוועק-געלאָפן צום הויז.

זיי האָבן קוים באַוויזן צוצוקומען צו דער סטאָדעלע און פאַרסאַפּעטע אַרויפצושפּרינגען אויף די פערד, ווי זיי האָבן דער-זען אַ ראָטע רוסישע סאָלדאַטן, וואָס זענען אָנגעקומען פון דער זייט פון פעליקאַלי אין שטעטל אַריין. די קאָזאַקן האָבן זיך אַ לאָז

געטון זיי אַקעגן. אַסטאַכאָוו האָט געמאָלדן דעם ראָטע-קאָמאַנדיר, אַז איבערן בערגל, אויסמיידנדיק דאָס שטעטל, דערנענטערט זיך אַן עסטרייכישער פאָרפּאָסטן. דער קאַפּיטאַן האָט שטרענג אַ קוק געטון אויף די שפּיצן פון זיינע שטיוול, וואָס זענען באַדעקט געווען מיט אַ דינעם שטויב, און געפרעגט:

— וויפיל זענען זיי?

— מער ווי צוואָנציק מאַן.

— רייט זיי אַקעגן, און מיר וועלן זיי פונדאַנען באַשיסן. — ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער ראָטע, באַפוילן זיך פונאַנדער-צושיטן און אין שנעלן מאַרש אַוועקגעפירט די סאָלדאַטן.

ווען די קאָזאַקן זענען אַרויפגעקומען אויפן בערגל, האָבן די דייטשן זיך שוין געהאַט געפעדערט, שנעל רייטנדיק און אי-בערשניידנדיק דעם וועג צו פעליקאָלי. פאָרויס האָט זיך געזען אַן אָפיציר אויף אַ העל קאַשטאַנעוואַטע פערד מיט אַ קורצן ווידל.

— נאָכיאָגן! מיר וועלן זיי צוטרייבן צום צווייטן וואַך-פּאָסטן! — האָט אַסטאַכאָוו קאָמאַנדעוועט.

דער רייטער פון דער גרענעץ-וואַך, וואָס איז צוגעשטאַנען צו זיי אין שטעטל, איז הינטערשטעליק געבליבן.

— וואָס איז, ברודער? האָסט מורא געקריגן? — האָט אַסטאַ-כאָוו אַ געשריי געטון, זיך אויסדרייענדיק.

דער רייטער פון דער גרענעץ-וואַך האָט אַ פאָכע געטון מיט דער האַנט און פאַמעלעך אָנגעהויבן אַראָפּרייטן אין שטעטל אַריין. די קאָזאַקן האָבן זיך באַוועגט אין שנעלן טעמפּאָ. אפילו מיטן בלויזן אויג האָט מען שוין אַצינד דייטלעך געקאָנט זען דעם בלויען אוניפאָרם פון די דייטשע דראַגונער. זיי זענען געריטן מיט אַ דראָבנעם שנעלן טריט אין דער ריכטונג פון צווייטן פּאָסטן, וואָס איז געווען איינקוואַטירט אין פאָלוואַרק, אַ דריי וויאָרסט פון שטעטל, און אַלע מאָל זיך אומגעקוקט אויף די קאָזאַקן. דער שטח, וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט, איז כסדר קלענער געוואָרן.

— מיר וועלן זיי באַשיסן! — האָט אַסטאַכאָוו הייזעריק אַ זאָג געטון, אַראָפּשפּרינגענדיק פון זאָטל.

זיי האָבן זיך אַרומגעוויקלט די לייצן אַרום די הענט און שטייענדיקערהייט געגעבן אַ זאַלפּ. איוואַנקאָווס פערד האָט זיך גע־שטעלט אויף די הינטערשטע פיס און אומגעוואָרפן דעם רייטער. זאַלנדיק, האָט ער געזען, ווי איינער פון די דייטשן האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון פערד: לכתחילה האָט ער פויל זיך אָנגעהויבן בייגן אין אַ זייט אַריין, און פּלוצלינג, פאַרוואַרפנדיק די הענט, אַראָפּגעפאַלן. די דייטשן האָבן זיך נישט פאַרהאַלטן, נישט אַרויס־גענומען די ביקסן פון די שייטן, זיך אַ לאָז געטון, איבערגייענ־דיק אין גאַלאָפּ. זיי האָבן זיך פונאַנדערגעשיט. דער ווינט האָט באַ־וועגט די לייוונטענע פענדלעך אויף זייערע פּיקעס. אַסטאַכאָוו איז דער ערשטער אַרויפגעשפּרונגען אויפן פערד. די נאָהייקעס האָבן בסדר זיך געהויבן. דער דייטשער רייטער־פּאַטראָל האָט שאַרף זיך אַ פאַרדריי געטון לינקס, און די קאָזאַקן, פאַרפאָלגנדיק זיי, האָבן דורכגאַלאָפּירט אַ פערציק קלאַפטער ווייט פון אַראָפּגעפאַלענעם דייטש. ווייטער האָט זיך געצויגן אַ געבערגלטע געגנט, דורכגע־שניטן פון נישט טיפע ראָוועס, געפּעלבלט דורך צייניקע וועלדלעך. ווי נאָר די דייטשן זענען אַרויס פון טאָל אויף דער צווייטער זייט — זענען די קאָזאַקן אַראָפּ פון די פערד און ווידער זיי נאָכגעשאָסן צו עטלעכע מאָל. קעגנאיבער דעם צווייטן פאָסטן האָבן זיי אַראָפּ־געוואָרפן נאָך איינעם.

— אַראָפּגעפאַלן! — האָט קריוטשקאָוו אַ געשריי געטון, אויפהייבנדיק דעם פוס צום רייט־אייזן.

— פון פאָלוואַרק וועלן זיך באַלד באַווייזן אונזערע, דאָ איז דער צווייטער פּאָסטן... — האָט אַסטאַכאָוו אַ בורטשע געטון, אַריינרוקנדיק מיטן געלן פינגער פון רייכערן אַ נייעם זאַץ קוילן אין מאַגאַזין פון דער ביקס. די דייטשן זענען איבערגעגאַנגען אין רעגולערן טעמפּאָ. דורכרייטנדיק, האָבן זיי געקוקט אויפן פאָל־וואַרק. אָבער דער הויף איז געווען פוסט, די דאַכעווקע־דעכער פון די בנינים זענען אומזעטיק געלעקט געוואָרן דורך דער זון. אַסטאַכאָוו האָט אויסגעשאָסן פון פערד אַראָפּ.

דער דייטש, וואָס איז עטוואָס הינטערשטעליק געבליבן,

האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געגעבן די שפּאָרן דעם פערד.

ערשט שפּעטער איז קלאָר געוואָרן, אַז די קאָזאַקן פון צווייטן פּאָסטן זענען אַוועקגעגאַנגען ביינאַכט, געוואויר ווערנדיק, אַז אַ האַלבע וויאָרסט ווייט פון פּאָלוואַרק זענען די טעלעגראַף־דראָטן איבערגעשניטן.

— מיר וועלן זיי צוטרייבן צום ערשטן פּאָסטן! — האָט אַסטאַכאָוו אויסגעשריגן, זיך אויסדרייענדיק צו די איבעריקע.

און אַצינד ערשט האָט איוואַנקאָוו באַמערקט, אַז ביי אַסטאַכאָוון שיילט זיך די נאָז, אַז אַ דין שטיקל שעלעכל הענגט איבער זיינע נאָזלעכער.

— פאַרוואָס פאַרטיידיקן זיי זיך נישט? — האָט ער מיט זאָרג געפרעגט, זיך גלייך מאַכנדיק די ביקס אויפן רוקן.

— וואַרט צו... — האָט שטשעגאָלקאָוו אַ וואָרף געטון, אָטעמענדיק ווי אַ פאַרקאַטערט פערד.

די דייטשן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין ערשטן טאָל אַריין, זיך נישט אומקוקנדיק. אויף דער צווייטער זייט האָט זיך געשוואַרצט דאָס פעלד, פאַרוואַקסן מיט ווילד־גראָז און שיטערע דערנער־קוסטעס. אַסטאַכאָוו האָט פאַרהאַלטן דאָס פערד, פאַררוקט דאָס היטל, אָפּגעווישט מיט דער צווייטער זייט האַנט די שוויס־טראָפּנס. ער האָט באַטראַכט די איבעריקע; אויסשפּייענדיק אַ פאַרטרוקנט שטיקל שפּייעכץ, האָט ער געזאָגט:

— איוואַנקאָוו, רייט צו צום טאָל און זע וואו זיי זענען.

איוואַנקאָוו, אַ ציגל־רויטער, מיט אַ נאַסן רוקן פון שוויס, האָט גיריק באַלעקט די פאַרטרוקנטע ליפּן און אַוועקגעריטן.

— ס'וואָלט גוט געווען צו פאַררייכערן — האָט קריוטשקאָוו שעפּטשענדיק געזאָגט, אָפּיאָגנדיק אַ זשוק מיט דער נאַהייקע.

איוואַנקאָוו איז געריטן טריט ביי טריט, זיך אונטערהייבנדיק אויף די רייט־אייזנס און אַראָפּקוקנדיק אין טאָל אַריין. פריער האָט ער דערזען די זיך וויגנדיקע שפּיצן פון די פּיקעס, דערנאָך האָבן זיך פּלוצלינג באַוויזן די דייטשן, וואָס האָבן אויסגעדרייט די פערד, און זיך אַ לאָז געטון אין אָנגריף באַרג־אַרויף. פאָרויס,

מאָלעריש אויפגעהויבן די שווערד, איז געריטן דער אָפיציר. אין מאָמענט, ווען ער האָט אויסגעדרייט דאָס פערד, האָט איוואַנקאָוו פאַרחתמעט אין זכרון דאָס אָנוואָנסיקע אָנגעכמורעטע פּנים פון אָפיציר, זיין שלאַנקע פיגור, וואָס איז פעסט געזעסן אין זאָטל. ווי אַ האָגל איבערן האַרץ — דאָס טופּעריי פון די דייטשישע פערד. איוואַנקאָוו האָט ביז ווייטיק אין רוקן דערפילט דאָס ביייסיקע אָטעמען פון טויט. ער האָט האַסטיק אַ פאַרקירעווע געטון דאָס פערד, שווייגנדיק זיך אַ לאָז געטון צוריק.

אַסטאַכאָוו האָט נישט באַוויזן איינצולייגן דעם טיטון-בייטל, אים אַראָפּגעלאָזט לעבן דער קעשענע.

קריוטשקאָוו, דערזעענדיק די דייטשן הינטער איוואַנקאָווס פּלייצעס, האָט זיך אַ לאָז געטון דער ערשטער. די דייטשן פון רעכטן פלאַנג האָבן זיך באַמיט אָפּצושניידן איוואַנקאָוון דעם וועג. זיי האָבן אים דעריאָגט מיט אַ מערקווירדיקער שנעלקייט. ער האָט געשמיסן דאָס פערד מיט דער נאַהייקע, זיך אומקוקנדיק. אַ קרום קאָנוואולסיוו ציטערן האָט צונויפגעצויגן זיין גרוי-געוואָרן פּנים, אַרויסגעזעצט די אויגן פון די אָרביטן. סאָרויס, אָנגעבויגן איבערן זאָטל האָרן, האָט גאַלאָפּירט אַסטאַכאָוו. הינטער קריוטשקאָוון און שטשעגאָלקאָוון האָט זיך געווירבלט אַ גרויער שטויב.

„אָט! אָט! ער דעריאָגט מיך!“ האָט געגליווערט אַ געדאַנק אין זיין מוח, און איוואַנקאָוו האָט נישט געטראַכט וועגן פאַרטיידיקונג; ער האָט איינגעקנוילט זיין גרויסן פולן קערפּער, צוגעפּאַלן מיטן קאָפּ צו דער גזשיווע פון פערד.

עס האָט אים דעריאָגט אַ הויכער, געלבלעכער דייטש. אים אַ שטופּ געטון מיט דער פּיקע אין רוקן. דער שפּיץ האָט דורכגעשטאָכן דעם רעמענטענעם פּאַסיק און קרימלעך, אויף אַ האַלבער ווערשקע, אַריינגעדרונגען אין לייב.

— ברידער, קערט זיך אום!! — האָט איוואַנקאָוו אַ מבולבלער אַ געשריי געטון און אַרויסגעכאַפּט די שווערד פון דער שייד. ער האָט אָפּגעווענדט דעם צווייטן קלאַפּ, וואָס איז אָנגעשטעלט געווען אין זיין זייט אַריין און, אונטערהייבנדיק זיך אויף

די רייט-אייזנס, אַ זעץ געטון מיט דער שווערד איבער די פּליי-
צעס דעם דייטש, וואָס איז געריטן פון דער לינקער זייט. מען
האָט אים אַרומגערינגלט. אַ הויך דייטשיש פערד האָט מיט דער
ברוסט זיך אָנגעשטויסן אָן דער זייט פון זיין פערד, שיער עס נישט
אומגעוואָרפן, און איוואַנקאָוו האָט אויג אין אויג דערזען די
שרעקלעכע צעטומלטקייט פון פרעמדנס פּנים.

דער ערשטער איז צוגעריטן אַסטאַכאָוו. מען האָט אים אָפּ-
געשטופּט אין אַ זייט. ער האָט געפאָכעט מיט דער שווערד און
זיך געדרייט אויפן זאָטל, אַן אויסגעשטשירעטער, אַ געענדער-
טער אויפן פּנים, ווי אַ מת. איוואַנקאָוון האָט מען אַ ראַץ געטון
מיט אַ שפּיץ שווערד איבערן האַלז. פון דער לינקער זייט איז
אויסגעוואַקסן אַ דראַגונער איבער אים, און מאַט האָט אין די אויגן
אַ בלינצל געטון אַ פאַרהויבענע שווערד אין דער לופט. איוואַנקאָוו
האָט אונטערגעשטעלט זיין שווערד ; דאָס שטאָל פון די שווערדן
האָט אַ פייף געטון. פון הינטן האָט מען מיט אַ פּיקע אונטערגע-
הויבן זיין וואָפן-רימען, פאַרעקשנט אים געשטופּט און אַראָפּגע-
ריסן פון אַקסל. פאַרן פאַרהויבענעם קאָפּ פון פערד האָט געשי-
מערט דאָס שווייסיקע דערהיצטע פּנים פון אַ פּיגעוואַטן נישט
יונגן דייטש. דער דייטש האָט מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענער ציטערנ-
דיקער ליפּ אומגעלומפּערט געדרייט מיט דער שווערד, באַמיענדיק
זיך צו טרעפן איוואַנקאָוון אין האַרץ אַריין. די שווערד האָט נישט
דערגרייכט, און אַוועקוואַרפנדיק זי, האָט דער דייטש זיך אַ כאַפּ
געטון צו דער ביקס אין געלן פוטלאַר, וואָס איז צוגעשטעפּעט גע-
ווען צו זיין זאָטל, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אָפּט-מרוגענדיקע, דערשראָ-
קענע, ברוינע אויגן פון איוואַנקאָוון. ער האָט נישט באַוויזן אַרויס-
צוציִען די ביקס, ווי קריוטשקאָוו האָט אים איבערן פערד דער-
גרייכט מיט דער פּיקע, און צערייסנדיק דעם טונקל-בלויען מונדיר
אויף זיין ברוסט, האָט דער דייטש, אַ פאַרוואָרפענער אַהינטער,
מיט שרעק און פאַרוואונדערונג אַרויסגעקרעכצט :

— מיין גאָט !

אין דער זייט האָבן אַ מאַן אַכט דראַגונער אַרומגערינגלט

קריוטשקאָוון, זיי האָבן אים געוואָלט נעמען לעבעדיקערהייט, אָבער ער האָט אויפגעהויבן דאָס פערד אויף די הינטערשטע פיס, זיך געדרייט מיטן גאַנצן קערפּער, זיך אָפּשלאָגנדיק מיט דער שווערד אַזוי לאַנג, ביז מען האָט זי אים אַרויסגעקלאַפּט. דעמאָלט האָט ער אַרויסגעכאַפּט די פּיקע ביי אַ נאָענטן דייטש און זי אָנגעשטעלט, ווי אויף די איבונגען.

די אָפּטרעטנדיקע דייטשן האָבן געהאַקט איבער איר מיט די שווערדן. לעבן אַ נישט גרויסן דרייעק פון ליימיק־זאַמדיקער ערד האָבן זיי זיך צונויפגעזעמלט, אויסגעמישט און געוויגט, ווי אונטער אַ ווינט אין גערוּנגל. ווילד־געוואָרענע פון שרעק, האָבן די קאָזאַקן און דייטשן געשטאָכן און געהאַקט איבער אַלץ, וואָס איז זיי אונטערגעקומען: איבער פּלייצעס, איבער הענט, איבער פערד און וואָפן... מבולבלע פון טויט־אַנגסט, זענען די פערד אַרויף איינס אויפן אַנדערן, אומגעלומפּערט זיך צונויפגעשטויסן. באַהערשנדיק זיך, האָט איוואַנקאָוו עטלעכע מאָל געפּרוווט דערלאַנגען איבערן קאָפּ דעם דראַגונער מיטן לאַנגן בלייכן פּנים, וואָס האָט אים אָנגעגריפן, נאָר די שווערד איז געזאַלן אויף די שטאָלערנע ראַנדן פון זיין קאַסקע און זיך אַראָפּגעגליטשט.

אַסטאַכאָוו האָט דורכגעריסן די רינג און אַרויסגעשפּרונגען, אָפּגייענדיק מיט בלוט. אַ דייטשישער אָפיציר האָט אים נאָכגעיאָגט. אַראָפּכאַפּנדיק די ביקס פון דער פּלייצע, האָט אַסטאַכאָוו במעט גלייך אין דער ברוסט אַריין מיט אַ שאָס אים דערהרגעט. דאָס האָט גורם געווען צום מאָמענט פון איבערברוך אין גערוּנגל. די דייטשן, אַלע פאַרוואונדעטע פון די אומגעלומפּערטע קלעפּ, פאַרלירנדיק דעם אָפיציר, האָבן זיך פונאַנדערגעשיט, דערווייטערט. מ׳האָט זיי נישט פאַרפאָלגט. נישט נאָכגעשאָסן. די קאָזאַקן זענען גלייך אַוועקגעריטן צום שטעטל פּעליקאַלי, צו דער סאָטניע; די דייטשן האָבן אויפגעהויבן זייער פאַרוואונדעטן חבר, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון זאָטל, און זיך דערווייטערט צו דער גרענעץ.

אָפּרייטנדיק אַן ערך אַ האַלבע ווערסט, האָט איוואַנקאָוו זיך אַ וואַקל געטון.

— איך בין שוין... איך פאַל!... — ער האָט פאַרהאַלטן דאָס פערד, נאָר אַסטאַכאָוו האָט אַ ריס געטון ביי דער לייץ.

— רייטן!

קריוטשקאָוו האָט זיך אויסגעשמירט דאָס פּנים מיט בלוט, זיך געטאַפּט די ברוסט. אויף דער קורטקע האָבן זיך געריטלט נאַסע פלעקן.

אין פּאָלוואַרק, וואו ס'האָט זיך געפונען דער צווייטער פּאָסטן, האָבן זיי זיך צעטיילט אין צוויי גרופּעס.

— רייטן רעכטס, — האָט אַסטאַכאָוו געזאָגט, אָנווייזנדיק אויפן זומפּ צווישן די אָלכע־ביימלעך, וואָס האָט צוּבערהאַפּט זיך געגרינט נאָכן הויף.

— ניין, לינקס! — האָט קריוטשקאָוו זיך געעקשנט.

זיי זענען זיך פונאַנדערגעריטן. אַסטאַכאָוו מיט איוואַנקאָוון זענען אָנגעקומען אין שטעטל אַריין שפּעטער. אין עק האָבן גע־וואַרט אויף זיי די קאָזאַקן פון זייער סאָטניע.

איוואַנקאָוו האָט נאָכגעלאָזט די לייצן, אַראָפּגעשפּרונגען פון זאָטל, זיך אַ וואַקל געטון און אומגעפאַלן. פון זיין פאַרשטייפטער האַנט האָט מען קוים געקאָנט אַרויסנעמען די שווערד.

אין אַ שעה אַרום איז כמעט די גאַנצע סאָטניע אַרויסגעריטן צום אָרט, וואו דער דייטשישער אָפיציר איז דערהרגעט געוואָרן. די קאָזאַקן האָבן אַראָפּגענומען פון אים די שטיוול, דאָס אָנטון און דאָס געווער, זיך געדרענגט, באַטראַכטנדיק דאָס יונגע אָנגעכמורע־פּנים פון דערהרגעטן, וואָס איז שוין געל געוועזן. דער אוסט־כאָ־פּערעץ טאַראַסאָוו האָט באַוויזן אַראָפּצונעמען פון דערהרגעטן דעם זייגער מיטן זילבערנעם דעקל און באַלד אים פאַרקויפט דעם או־ריאַדניק פון דער אָפּטיילונג. אין פּאָרטפעל האָט מען געפונען אַ ביסל געלט, אַ בריוו, אַ לאָק בלאָנדע האָר אין אַ קאָנווערט און אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ מיידל מיט גאַוודיק־שמייכלענדיקע ליפּן.

IX

דאָס האָט מען שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ העלדנטאַט. קריוטשקאָוו, דער ליבלינג פון פּולק־קאָמאַנדיר, האָט לויט זיין רעלאַציע באַקומען אַ געאָרגי. זיינע חברים זענען געבליבן אין שאָטן. דעם העלד האָט מען אַוועקגעשיקט אין דיוויזיע־שטאַב, וואו ער האָט זיך שוין אַזוי אַרומגעשלענדערט ביזן סוף פון דער מלחמה, באַקומענדיק די איבעריקע דריי קרייצן דערפאַר, וואָס פון פּעטער־בורג און מאַסקווע זענען געקומען קוקן אויף אים איינפלוסרייכע דאַמען און הערן אָפיצירן. די דאַמען האָבן געאָכצט, די דאַמען האָבן מכבד געווען דעם דאָנער קאָזאַק מיט טייערע פּאַפּיראָסן און נאַשוואַרג, און ער האָט לכתחילה זיי דערציילט אַ סך שרעקלעכע זאַכן און דערנאָך, אונטער דער וואוילטעטיקער השפּעה פון די שטאַב־נאָכשלעפּערס מיט אָפיצירישע שליפעס, זיך געמאַכט דערפון אַ גוט־באַצאָלטע פּראָפעסיע: דערציילט וועגן „העלדנטאַטן", געדיכט מאַכנדיק די פאַרבן ביז שוואַרצקייט, געהאַקט מיט געוויסנלאָזע ליגנט, און די דאַמען האָבן זיך אַנטציקט, מיט באַגייסטערונג געקוקט אויפן געשטופלטן רוצחישן פּנים פון העלדישן קאָזאַק. אַלע האָבן זיך געפילט גוט און אָנגענעם.

אין דער קוואַטיר אַריין איז אָנגעקומען דער קייסער, און מען האָט אים אַהינגעפירט קריוטשקאָוון צו באַקוקן. דער געלבלעכער שלעפעריקער קייסער האָט באַטראַכט קריוטשקאָוון, ווי אַ פערד, אַ מרוגע געטון מיט די זויערע אויגנלעדלעך, ווי זעקעלעך, און אים אַ קלאַפּ געגעבן איבער דער פּלייצע.

— אַ כוואַט אַ קאָזאַק! — און, — אויסדרייענדיק זיך צו דער סוויטע: — גיט מיר סעלצער־וואַסער.

קריוטשקאָווס באַטשופּרינטער קאָפּ איז נישט אַראָפּגעגאַנגען פון די ציייטונגס־שפּאַלטן און זשורנאַלן. עס זענען געווען פּאַפּיראָסן מיט קריוטשקאָווס פּאָרטרעט. דאָס ניזשערגאָראָדער סוחרטום האָט אים אונטערגעטראָגן אַ גאָלדענע שווערד.

דער מונדיר, וואָס איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון דייטשישן אָפיציר, וועלכן אַסטאַכאָוו האָט דערהרגעט, איז צוגעשלאָגן געוואָרן צו אַ ברייט ברעט פון דיקטע, און אַריינזעצנדיק אין אויטאָמאָביל איוואַנקאָוון און דעם אַדיוטאַנט מיטן דאָזיקן ברעט, איז דער גענעראַל פאָן־רענענקאַמף אַרומגעפאָרן פאַרן פראָנט פון מיליטער, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען אויף די פעדערשטע פּאָזיציעס, און געהאַלטן פלאַמענדיקע קאַזיאָנע רעדעס.

און געווען איז אַזוי: עס האָבן זיך באַגעגנט אויפן שלאַכטפעלד מענטשן, וואָס זייערע הענט זענען נאָך נישט געוואוינט געווען אומצוברענגען ענלעכע צו זיך, זיי האָבן אין חיהשער שרעק, וואָס איז זיי באַפאַלן, זיך צונויפגעשטויסן אַרויף איינער אויפן אַנדערן, בלינד געהאַקט מיט די שווערדן, פאַרשענדט זיך אַליין און די פערד, און זיך צעלאָפן, דערשראָקענע פון שאָס, וואָס האָט דערהרגעט אַ מענטש, זיך פונאַנדערגעריטן, מאָראַליש צעקאַליעטשעטע.

דאָס האָט מען אָנגערופן אַ העלדנטאַט.

X

דער פראָנט האָט זיך נאָך נישט געהאַט אויסגעלייגט, ווי אַ פיל־וויאָרסטיקע, נישט־נאָכגיביקע שלאַנג. אויף דער גרענעץ האָבן זיך צעפלאַקערט קאַוואַלערישע צוזאַמענשטויסן און שלאַכטן. די ערשטע טעג נאָכן דערקלערן מלחמה, האָט די דייטשישע אָנפירונג אַרויסגעלאָזט שפיר־הערנער — שטאַרקע קאַוואַלעריע־פּאַטראָלן, וואָס האָבן באַאומרויִקט אונזערע אָפּטיילונגען, זיך דורכגליטשנדיק פאַרביי די פּאָסטנס, אויספאָרשנדיק דעם שטח און די צאָל פון שונאס מיליטערישע אָפּטיילונגען. פאַרן פראָנט פון ברוסילאָווס אַכטער אַרמײ איז געגאַנגען די צוועלפטע קאַוואַלעריע־דיוויזיע, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל קאַלעדין. אַ ביסל לינקער, אַריבערגייענדיק די עסטרייכישע גרענעץ, האָט זיך גערוקט די עלטע קאַוואַלעריע־דיוויזיע. אירע טיילן, וואָס האָבן נאָך אַ שלאַכט פאַרנומען לעשניוו און בראָד, האָבן זיך געטאָפּטשעט אויף אײ

אָרט, — די עסטרייכער האָבן באַקומען פאַרשטאַרקונג, און די אונ־גאַרישע קאַוואַלעריע האָט כּסדר אָנגעגריפן אונזער רייטער־מיליטער, עס באַאומרויִקט און געשטויסן צו בראָד־צו.

גריגאָרי מעליעכאָוו האָט נאָך דער שלאַכט הינטער דער שטאָט לעשניוו שווער אינערלעך דורכגעליטן די ווייטיק, וואָס האָט אים געפּייניקט. ער איז שטאַרק אָפּגעמאָגערט געוואָרן, האָט פאַרלוירן אויף דער וואָג, אָפט בשעת די מאַרשן און אין דער רו־צייט, שלאָפנדיק אָדער דרימלענדיק, געזען פאַר זיך דעם עס רייכער, יענעם, וועלכן ער האָט ביי די אייזערנע שטאַכעטן דערהרגעט. אומגעוויינטלעך אָפט האָט ער איבערגעלעבט אין חלום יענעם ערשטן געראַנגל, און באַשווערט פון זכרונות, אפילו געפילט דאָס קאָנוואולסיווע ציטערן פון זיין רעכטער האַנט, וואָס האָט אַרומגעקלאַמערט דאָס האָלץ פון דער פּיקע; אויפוואַכנדיק, האָט ער לאַנג געטריבן פון זיך דעם חלום, פאַרשטעלנדיק מיט דער האַנט די ביז ווייטיק פאַרזשמורעטע אויגן.

די צייטיקע תבואה איז צעטרעטן געוואָרן דורך די פערד, איבער די פעלדער האָבן זיך אויסגעלייגט שפּורן פון שאַרף־שפּיציקע פּאָדקאָוועס, ווי אַ האָגל וואָלט דורכגעגאַנגען איבער גאַנץ גאַליציע. די שווערע סאָלדאַטישע שטיוול האָבן איינגעטרעטן די וועגן, שאַבּירט די שאָסייען, אויסגעמישט די אויגוסט־בלאָטע.

דאָרט, וואו די שלאַכטן זענען פאָרגעקומען, איז דאָס כּמורנע פּנים פון דער ערד צעלעכערט געוואָרן, ווי פון פּאָקן, דורך די האַרמאַטן־קוילן; עס האָבן געזשאַווערט אין איר, בענקענדיק נאָך מענטשלעך בלוט, די שפּליטערס אייזן און שטאָל. אין די נעכט האָבן איבער די האָריזאָנטן ווי העגט זיך געשטרעקט רויטע לונעס, ווי זוי־פאַרגאַנגען האָבן געפלאַקערט דערפער, הויפן, שטעטלעך. אין אויגוסט, — ווען דאָס אויבסט און די לעצטע תבואות הייבן אָן צייטיק ווערן, — האָט דער הימל, אָפּגעריייניקט דורכן ווינט, אָן אַ שמייכל זיך געגרויסט, און די זעלטענע טעג פון שיין־וועטער האָבן געמאַטערט מיט זייער פאַרנעקייט.

עס זענען געווען די לעצטע טעג פון אויגוסט. אין די סע־

דער האָט דאָס בלאָט שוין אָנגעהויבן שטאַרק געל ווערן, פון שטענגל אָן מיט דער שטערבלעכער רויטקייט זיך אָנגעגאָסן, און דיביימער האָבן פונוויטנס אויסגעזען ווי זיי וואָלטן מיט געפּלאַצטע וואונדן באַדעקט געווען און מיטן רויטן בלוט פון האָלץ זיך באַגאָסן.

גריגאָרי האָט מיט אינטערעס זיך צוגעקוקט צו די ענדערונ־גען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין זיינע חברים פון דער סאָטניע. פּראָכאָר זיקאָוו, וואָס האָט זיך נאָרוואָס אומגעקערט פון לאַזאַרעט מיט אַ טיפן שראַם פון דער געקאָוועטער קאָפּיטע אויף דער באַק, האָט נאָך אויפגעהאַלטן אין די ווינקלען פון זיינע ליפּן די ווייטיק און צעטומלטקייט, און אָפּט געמרוגעט מיט די ווילדע קעלבערנע אויגן. יעגאָרקאַ זשאַרקאָוו האָט ביי יעדער געלעגנהייט זיך גע־זידלט מיט עקלהאַפטע ווערטער, נאָך מער ווי פריער גע־רעדט ניבול־פּה און געשאָלטן אַלץ אויף דער וועלט; יעמעליאַן גראָשעוו, דער ערנסטער און טיכטיקער קאָזאַק, וואָס האָט געשטאַמט פון זעלבן כוטאָר וואָס גריגאָרי, איז אינגאַנצן אַזוי ווי קאַנטיק און שוואַרץ געוואָרן; ער האָט אומגעלומפּערט געלאַכט, און זיין לאַכן איז געווען געצוואונגען, מרה־שחורהדיק. די ענדערונגען האָבן זיך געזען אויף יעדנס פּנים, איטלעכער האָט אויף זיין שטייגער גע־טראָגן און געהאָדעוועט אין זיך די אייזערנע זריעה, וואָס די מלחמה האָט פאַרזייעט, און אַלע אינאיינעם, יונגע קאָזאַקן, וואָס זענען נאָרוואָס אַרויסגעריסן געוואָרן פון די סטאַניצעס און כוטאָרס, האָבן דערמאַנט אָן די שטענגלעך פון נאָרוואָס אָפּגעשניטן גראָז, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן וועלקן און ענדערן זיינע קאָנטורן.

דאָס פּולק, וואָס איז אַרויסגעפירט געוואָרן פון דער פראָנט־ליניע, איז געשטאַנען אויף אַ דריי־טאָגיקן אָפּרו און דערפילט גע־וואָרן דורך די פאַרשטאַרקונגען, וואָס זענען אָנגעקומען פון דאָן. די סאָטניע האָט זיך נאָרוואָס געקליבן צו גיין באָדן אין הויפּישן סטאַוו, ווי פון דער כטאַציע, וואָס האָט זיך געפונען דריי וויאָרסט פון גוט, איז אַרויסגעריטן אַ גרויסע אָפּטיילונג רייטער.

ביז די קאָזאַקן פון דער דריטער סאָטניע זענען צוגעקומען צו דער גרעבליע, האָט די אָפּטיילונג, וואָס איז אַרויסגעריטן פון

דער סטאַציע, זיך שוין אַראָפּגעלאָזט פון באַרג, און מ׳האָט שוין אַצינד דייטלעך געקאָנט זען, אַז די רייטער זענען קאָזאַקן. פּראָכאָר זיקאָוו האָט, אויסבייגנדיק זיך, אויסגעטון די קורטקע אויף דער גרעבליע; אויסגלייכנדיק דעם קאָפּ, האָט ער זיך איינגעקוקט.

— אונזערע, דאָנער.

גריגאָרי האָט מיט פאַרזשמורעטע אויגן געקוקט אויף דער קאָלאָנע, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום גוט.

— דאָס זענען רעזערוויסטן.

— מסתמא פאַרשטאַרקונג פאַר אונז.

— מ׳נעמט שוין, אפנים, פון צווייטן רעזערוו.

— קוקט נאָר, חברה? דאָס איז דאָך סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו! דאָרט אין דער דריטער רייע! — האָט גראָשעוו אויסגעשריגן און אַ קורצן סקריפּענדיקן לאַך געטון.

— מ׳נעמט שוין זיי אויך.

— און דאָרט איז אַניקושקאַ!

— גרישקאַ! מעליעכאָוו! דיין ברודער, אָט איז ער. האָסט אים דערקענט?

— דערקענט.

— מיר קומט מאָהאַריטש, שלעפּער, איך האָב אים דער ערשטער דערקענט.

פאַרקנייטשנדיק די הויט אויף די באַקנביינער, האָט גריגאָרי זיך איינגעקוקט, וועלנדיק דערקענען דאָס פערד אונטער פּיאָטערן. „אַ נייעס געקויפט״, — האָט ער אַ טראַכט געטון און איבערגעפירט דעם בליק אויפן ברודערס פּנים, דעם מאָדנע געענדערטן צוליבן נישט לאַנגן זען זיך, דעם אָפּגעברענטן, מיט די אונטערגעשוירענע וואָנסעס פון ווייץ־קאָליר און די פון דער זון אָפּבליאַקירטע זילבערדיקע ברעמען. ער איז אים אַקעגנגעגאַנגען, אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל און פאָכענדיק מיט דער האַנט, ווי אויף די איבונגען. נאָך אים האָבן פון דער גרעבליע זיך אַ לאָז געטון די האַלב־אויסגעטועטע קאָזאַקן, ברעכנדיק די הוילע שטעקעלעך פון די ראָר־געוויקסן ביים סטאַוו.

אַרומקרייזלענדיק דעם סאָד, האָט די רעזערוו-סאָטניע זיך דערנענטערט צום הויף, וואו דאָס פּאָלק איז איינקוואַטירט געווען. עס האָט זי געפירט אַ באַיאָרטער פעסטער עסאַול, מיט אַ פריש געגאָלטן קאָפּ און הילצערן-האַרטע, ענערגיש-אויסגעבויגענע געגאָלטע ליפּן.

„ער איז, מסתמא, אַ הייזעריקער און בייזער“, — האָט גריגאָרי אַ טראַכט געטון, שמייכלענדיק צום ברודער און באַטראַכטנדיק כּלאחר-יד די שטאַרק אויסגעבויגענע פיגור פון עסאַול און דאָס האָרבינאָזיקע פערד אונטער אים, וואָס איז, אַפּנים, געווען פון דער קאַלמיקישער ראַסע.

— סאָטניע ! — האָט דער עסאַול אַ בריל געטון מיט אַ ריין געשטאָלט קול — אין קאָלאָנע-אָפּטיילונגען, מיטן לינקן אַקסל פאָרויס, מאַרש !

— וואָס מאַכסטו, ברידערקע ! — האָט גריגאָרי אויסגעשריגן, שמייכלענדיק צו פּיאָטערן, אַ פריידיק-אויפגערודערטער.

— דאַנקען גאָט. צו אייך געקומען. נו, ווי גייט עס ?

— נישקשה.

— לעבסט ?

— דערווייל.

— אַ גרוס פון די אייגענע.

— וואָס מאַכן זיי דאָרט ?

— זיי זענען געזונט.

זיך אָנשפּאַרנדיק מיט דער האַנט אָן זאָד פון היפּשן העלקאַשטענעוואַטן פערד, האָט פּיעטראָ מיטן גאַנצן קערפּער זיך אויסגעבויגן אַהינטער, געבלאָנזשעט מיט די שמייכלענדיקע אויגן איבער גריגאָריען, אַוועקרייטנדיק ווייטער ; — עס האָבן אים פאַרשטעלט די פאַרשטויבטע פּלייצעס פון אַנדערע, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע.

— וואָס מאַכסטו, מעליעכאָוו ! אַ גרוס פון כוטאָר.

— אויך דו צו אונז ? — האָט גריגאָרי זיך געשטשירעט, דערקענענדיק מישקאַ קאָשעוואָי לויטן גאָלדיקן קלומפּן פון זיין טשופּרינע.

— צו אייך. מיר זענען, ווי הינער אויף פּראָסע.

— וועסט דיך אָנפּיקן ! גיכער וועט מען דיך אָנפּיקן.

— נו-נו !

פון דער גרעבליע האָט אויף איין פוס געהינקט יעגאָרקאַ זשאַרקאָוו. ער האָט געקוקט זייטיק, — ווי הערנער צעשפּרייט די שאַראָוואַרן, באַמיענדיק זיך אַריינצוטרעפן מיטן פוס אין נאָכהענגענדיקן הויז.

— וואָס מאַכט איר, סטאַניצע־לײַט!
— טיו־יו־ו! דאָס איז דאָך זשאַרקאָוו יעגאָרקאַ.
— העי, דו, זשרעבאָק, מען האָט דיך געפּענטעט?
— וואָס מאַכט דאָרט די מאַמע?
— זי לעבט.
— זי לאָזט דיך גריסן, און קיין פּעקל האָבן מיר נישט מיטגענומען — אַזוי איך שווער געווען.

יעגאָרקאַ האָט מיט אַן אומגעוויינטלעך ערנסט פּנים אויסגעהערט דעם ענטפער און מיטן נאַקעטן הינטן זיך אַ זעץ געטון אויפן גראָז, באַהאַלטנדיק דאָס צערודערטע פּנים, נישט אַרייַנטרעפנדיק מיטן ציטערנדיקן פוס אין הויז.

הינטער דער בלוי־געפאַרבטער פאַרצוימונג זענען געשטאַנען די האַלב־אויסגעטוענע קאָזאַקן, און אויף דער צווייטער זייט האָט איבערן וועג, וואָס איז געווען אויסגעזעצט מיט קאַשטאַן־ביימער, זיך באַוועגט אין הויף אַריין די סאָטניע — די פאַרשטאַרקונג, וואָס איז אָנגעקומען פון דאָן.

— סטאַניצע, זײַ באַגריסט!
— דו ביסט נישט אַמאָל דער שדכן אַלעקסאַנדער?
— דער אייגענער.
— אַנדרעי! אַנדרעי! דו טייוול, מיט די לאַנגע אויערן, דערקענסט מיך נישט?
— העי, דו, מיליטערמאַן, אַ גרוס פון וויב!
— זאָל דיר גאָט באַצאָלן.
— און וואו געפינט זיך דאָ באָריס ביעלאָוו?
— אין וועלכער סאָטניע איז ער געווען?
— אין דער פערטער, מסתמא.
— און פונוואַנען איז ער אַליין?
— פון זאַטאָן, דער וויעשענסקער סטאַניצע.
— נאָכוואָס דאַרפסטו אים? — פאַלט אַריין אין אויפגעכאַפּטן שמועס אַ דריטער.
— מסתמא דאַרף איך דאָך אים. אַ בריוו פיר איך פאַר אים.
— אים, ברודער, האָט מען אַנומלט הינטער ראַיבראָד דערהרגעט.
— וואָס רעדסטו?...
— ערנוואָרט! אין מיינע אויגן. אונטער דער לינקער ברוסט האָט די קויל געטראָפן.
— ווער דאָ פון אייך איז פון שוואַרצן טייכל?

— נישטאָ אַזעלכער, פאַר וויטער.

די סאָטניע האָט פאַרנומען דעם עק און זיך אויסגעשטעלט אינמיטן הויף. די גרעבליע איז געדיכט באַדעקט געוואָרן מיט די קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט צום באָדן.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען אויך צוגעגאַנגען די נאַרוואָס אָנגעקומענע פון דער רעזערוו-סאָטניע. גריגאָרי האָט זיך אַוועקגעזעצט צוזאַמען מיטן ברודער. דאָס ווײַך-געוואָרענע, געפּלאַצטע לײַם פון דער גרעבליע האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ שווערן ריח פון נבלה, פון פײַכטקייט. בײַ די ברעגן פון סטאַוו האָט ווי גרין גראָז זיך פונאַנדערגעבליט דאָס געדיכטע וואַסער. גריגאָרי האָט געקנאַקט אין די פאַלבן פון זײַן העמד די בלוטלאָזע, פוילע לײַז און דערציילט:

— איך, פּיעטראָ, האָב מײַן נשמה אומגעבערענגט. איך בין אַצינד ווי אַ האַלב-טויטער... ווי כ'וואָלט צווישן מילשטיינער געווען, — זיי האָבן מיך צעמאָלן און אויסגעשפּיגן. — זײַן קול האָט זיך געקלאָגט, איז געווען געבראָכן, און דער טיפער קנייטש (מיט אַ געפּיל פון אינערלעכער שרעק האָט אים פּיעטראָ נאַרוואָס באַמערקט) איז קרימלעך אַראָפּגעפּלאָסן פון זײַן שטערן, אַן אומבאַקאַנטער, און געשראָקן מיט עפּעס אַן ענדערונג, מיט אַ פרעמדקייט.

— ווי אַזוי איז דאָס געשען? — האָט פּיעטראָ געפרעגט, אַראָפּציִענדיק דאָס העמד און אַנטבלויזנדיק דעם ווײַסן קערפּער מיטן גלײַך אָנגעצייכנטן שטרײַף פון אָפּגעברענטן האַלז.

— זעסט דאָך ווי אַזוי, — האָט גריגאָרי אָנגעהויבן שנעל רעדן, און זײַן קול איז אָ געזאַגט געוואָרן מיט צאָרן, — מען האָט די מענטשן אָנגערייצט, און — קום זיי נישט פאַר די אויגן! ערגער פון וועלף זענען זיי געוואָרן. בלויז שנאה אַרום. מיר דאַכט זיך אַצינד, אַז ווען איך וואָלט אַ מענטש אַ ביס געטון — וואָלט ער משוגע געוואָרן.

— דיר איז שוין אויסגעקומען... צו דערהרגענען?

— שוין אויסגעקומען!... — האָט גריגאָרי כמעט אויסגעשריגן, צונויפגעקנוילט און אַ וואָרף געטון דאָס העמד צו די פיס. דערנאָך האָט ער לאַנג געריבן מיט די פינגער דעם האַלז, ווי ער וואָלט בעוואָלט אַראָפּשטופּן אַ וואָרט, וואָס איז אים דאָרט שטעקן געבליבן, און געקוקט אין דער זײַט.

— רעד! — האָט פּיעטראָ באַפוילן, אויסמײַדנדיק און מורא האָבנדיק זיך צו באַגעגענען מיטן ברודער מיט די אויגן.

— מיך דערהרגעט דאָס געוויסן. איך האָב הינטער לעשניוו

דערשטאָכן איינעם מיט דער פּיקע. אין אויפרעגונג... אַנדערש וואָלט דאָס אוממעגלעך געווען... און פאַרוואָס האָב איך דעם צווייטן דערהרגעט?

— נו?

— נו, נו, האָב איך בחינם דערהרגעט אַ מענטש, און די נשמה איז אַצינד קראַנק אין מיר, צוליב אים, דעם מנוול. ער חלומט זיך מיר ביינאַכט, דער אויסוואורף. צי בין איך דען שולדיק.

— דו ביסט נאָך נישט פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, דאָס וועט מיט דער צייט קומען.

— אייער סאָטניע באַשטייט פון רעזערוו? — האָט גריגאָרי געפרעגט.

— פאַרוואָס? ניין, מיר זענען אין זיבנאונצוואָנציקסטן פּולק.

— און איך האָב געמיינט — אַז איר זענט געשיקט געוואָרן אַלס פאַרשטאַרקונג פאַר אונז.

— אונזער סאָטניע ווערט צוגעשפּאַנט צו עפּעס אַ דיוויזיע פוסגייער, דאָס דעריאָגן מיר זי, אָבער מיט אונז איז אויך גע־גאַנגען אַ רעזערוו־אָפּטיילונג, יונגע האָט מען געטריבן צו אייך.

— אַזוי. נו, לאָמיר זיך אויסבאָדן.

גריגאָרי האָט איילִיק אויסגעטון די שאַראָוואַרן, אַרויפגעגאַנ־גען אויפן בערגל פון דער גרעבליע, אַ ברוינער, אַ שלאַנקער, עט־וואָס אַ געבויגענער און געעלטערטער אין פּיעטראָס אויגן איבער דער צייט פון דער צעשיידונג. אויסשטרעקנדיק די הענט, האָט ער מיטן קאָפּ זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער; דאָס שווערע גרינס פון דער כוואַליע האָט זיך פאַרשלאָסן איבער אים און זיך צעגאַנגען אין רעדלעך. ער איז געשוואומען צו דער גרופּע שטיפנדיקע קאָ־זאַקן אינמיטן סטאַוו, לייכט פּאַטשנדיק מיט די הענט איבערן וואַ־סער, פויל באַוועגנדיק מיט די אַקסלען.

פּיעטראָ האָט לאַנג אַראָפּגענומען דאָס צלמל פון האַלז און די תּפילה, וואָס איז איינגענייט געווען אין זעקעלע מיט דער מוטערס ברכה. דאָס שנירל האָט ער אַרונטערגעלייגט אונטערן העמד, אַריינ־געגאַנגען אין וואַסער מיט פאָרזיכטיקן ווידערווילן, זיך באַנעצט די

ברוסט, די פּלייצעס, אַ קרעכץ געטון, זיך אונטערגעטוקט און גענומען שווימען, דעריאָגנדיק גריגאָריען; אָפּטייַלנדיק זיך, זענען זיי צוזאַמען געשוואומען צום צווייטן ברעג, וואָס איז געווען זאַמדיק און באַוואַקסן מיט קוסטעס.

דאָס באַוועגן זיך האָט אָפּגעקילט, באַרויִקט, און גריגאָרי, שאַרנדיק דאָס וואַסער מיט די אָרעמס, האָט גערעדט איינגעהאַלטן, אָן דער פריערדיקער לײַדנשאַפט:

— די לייַז האָבן מיך אויפגעגעסן. פון בענקשאַפט. איך וואָלט אַצינד געוואָלט אַ ביסל אין דער היים זיין: איך וואָלט אַזוי אַוועקגעפלויגן, ווען איך וואָלט פליגל געהאַט. כאָטש מיט איין אויג אַ קוק צו טון. נו, וואָס הערט זיך דאָרט?

— נאַטאַליאַ איז ביי אונז.

— האַ?

— זי לעבט.

— און טאַטע-מאַמע וואָס מאַכן?

— נישקשה. און נאַטאַליאַ וואַרט נאָך אַלץ אויף דיר. זי האָפט נאָך אַלץ, אַז דו וועסט דיך אומקערן צו איר.

גריגאָרי האָט אַ פּאָרסקע געטון און שווייגנדיק אויסגעשפּיגן דאָס וואַסער, וואָס איז אים אין מויל אַריין. אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, האָט פּיעטראָ זיך באַמיט אים אַריינצוקוקן אין די אויגן.

— דו שרייב איר כאָטש צו גריסן צו די בריוו. זי אָטעמט דאָך בלויז מיט דיר.

— וואָס-זשע... זי וויל דאָס צעריסענע צונויפבינדן?

— ווי אַזוי זאָל איך עס דיר זאָגן... דער מענטש לעבט מיט זיין האָפענונג. אַ טייער ווייבעלע. אַ שטרענגע. זי האַלט זיך זייער אָרנטלעך. זי זאָל דאָס אַ שטיף טון אָדער עפּעס אַנדערש — דאָס גייט נישט ביי איר.

— זי וואָלט געדאַרפט חתונה האָבן.

— דו רעדסט מאָדנע!

— גאָרנישט מאָדנע. אַזוי דאַרף זיין.

— דאָס איז אייער זאַך. איך מיש מיך נישט אין דעם.

— און דוניאשקאַ ?

— אַ כלה־מיידל, ברודער ! זי איז אין דעם יאָר אַזוי אויס־געשאָסן, אַז דו וואָלסט זי נישט דערקענט.

— נו ? — האָט גריגאָרי, שוין אַצינד אַ הייטערער, זיך גע־וואונדערט.

— ווי גאָט איז אמת. מען וועט זי חתונה מאַכן, און אונ־ז וועט אפילו נישט אויסקומען די וואָנסעס אין בראָנפן איינצוטינ־קען. זיי וועלן נאָך דערהרגענען, די אויסוואורפן !

— ס׳איז דען אַ גרויסע זאַך !

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן זאַמד און זיך אַנידערגע־לייגט צוזאַמען, אַנגעשפּאַרט אויף די עלנבויגנס, וואַרעמענדיק זיך אויף דער זון, וואָס איז אַלץ הייסער געוואָרן. עס איז פאַרבייגע־שוואומען פאַר זיי מישקאַ קאָשעוואָי.

— קום אַריין אין וואַסער, גרישקאַ !

כ׳וועל נאָך ליגן אַ ביסל, וואַרט.

פאַרגראָבנדיק אַ זשוקל אין זאַמד, האָט גריגאָרי גע־פרעגט :

— וועגן אַקסיניען האָסטו עפּעס געהערט ?

— מיט אַ צייט צוריק, איידער מ׳האָט מלחמה דערקלערט, האָב איך זי געזען אין כוטאָר.

— נאָכוואָס איז זי דאָרט אַהינגעקומען ?

— צום מאַן די זאַכן אָפּנעמען.

גריגאָרי האָט אַ הוסט געטון און פאַרגראָבן דאָס זשוקל, אַרויפשאַרנדיק מיטן קאַנט פון דער האַנט אַ בערגעלע זאַמד דערויף.

— האָסט נישט גערעדט מיט איר ?

— איך האָב מיך בלויז באַגריסט.

— זי איז אַזאַ קיילעכיקע, אַ פריילעכע. עס לעבט זיך אפּנים, גוט אויף פּריצישע קעסט.

— נו, און סטיעפּאַן ?

— ער האָט איר אָפּגעגעבן די שמאַטעס. זיך נישט שלעכט באַגאַנגען מיט איר. אָבער דו היט דיך פאַר אים. גיב אַכטונג, מיר

האָבן די קאָזאַקן געזאָגט, אַז סטיעפּאַן האָט פּלומרשט שיכורער־הייט געדראָעט: ער וועט אין דער ערשטער שלאַכט דיר אַ קויל געבן.

— אַהאַ.

— ער וועט דיר נישט מוחל זיין.

— איך ווייס.

— איך האָב מיר אַ פערד געקויפט, — האָט פּיעטראָ דעם שמועס געענדערט.

— איר האָט די אָקסן פאַרקויפט?

— די פּליכיקע. פאַר הונדערט אַכציק. געקויפט פאַר הונדערט פופציק. עס קומט נישט צו דיינעם. אין צוצקאַן געקויפט.

— און די תבואה ווי אַזוי?

— גוט. נישט באַוויזן אַראָפּצונעמען. צום מיליטער צוגענומען.

דער שמועס איז אַריבער אויף דער באַלעבאָסישקייט, פאַר־לירנדיק די שפּאַנונג. גריגאָרי האָט גיריק איינגעזאַפּט אין זיך די היימישע נייעסן. ער האָט אין דער מינוט געלעבט מיט זיי, ענלעך צום פריערדיקן, הייטערן און פשוטן בחור.

— נו, לאָמיר זיך אין וואַסער אָפּקילן — אין אָנטון, — האָט פּיעטראָ פאָרגעלייגט, אַראָפּשאַרנדיק דאָס זאַמד פון פייכטן בויך און ציטערנדיק. די הויט אויף זיינע פּלייצעס און הענט איז גע־רונצלט געוואָרן.

זיי זענען אַהיימגעגאַנגען אַ גאַנצע חברה. ביים פּלויט, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם סאָד פון הויף, האָט זיי דעריאָגט סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו. ער האָט גייענדיק זיך צעקעמט מיט אַ ביי־נערן קעמל די צעשויבערטע טשופּרינע, זי אַרונטערמאַכנדיק אונ־טערן דאַשעק, און זיך אויסגעגלייכט מיט גריגאָריען.

— וואָס מאַכסטו, גוטער ברודער!

— און וואָס מאַכסטו, — גריגאָרי האָט זיך פאַרהאַלטן, אויפ־נעמענדיק אים מיט אַ פאַרלוירענעם, עטוואָס שולדיקן בליק.

— האָסט מיך פאַרגעסן?

— כמעט.

— און איך דיך געדענק יאָ, — האָט סטיעפּאַן וויציק אַ

שמייכל געטון און דורכגעגאַנגען, זיך נישט אָפּשטעלנדיק; ער האָט אַרומגענומען בײַ דער פּלייצע דעם קאָזאַק מיט די שליפּעס פון אַן אוריאַדניק, וואָס האָט געשפּאַנט פאָרויס.

ווען ס'איז שוין פינסטער געוואָרן, איז פון דיוויזיע-שטאַב דערהאַלטן געוואָרן אַ טעלעפאָנאָגראַמע מיט אַ באַפעל אַרויסצו-מאַרשירן אויף דער פּאָזיציע. דאָס פולק האָט זיך פאַרנומען אפשר אין אַ פערטל שעה; דערפולט מיט מענטשן, איז עס מיט לידער געגאַנגען פאַרשטעלן דעם דורכריס, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך דער מאַדיאַרישער קאַוואַלעריע.

ביים געזעגענען זיך האָט פּיעטראָ אַרײַנגערוקט דעם ברודער אין דער האַנט אַ בויגן פּאַפּיר, צוזויפגעלייגט אין פירן.

— וואָס איז דאָס? — האָט גריגאָרי געפרעגט.

— איך האָב דיר אַ תּפילה איבערגעשריבן. נעם...

— זי העלפט?

— לאַך נישט, גריגאָרי.

— איך לאַך נישט.

— נו, זײַ געזונט, ברודער. זײַ געזונט. לויף נישט פאָרויס, די היציקע ווערן שנעל געהרגעט! היט דיך דאָרט! — האָט פּיעטראָ נאָכגעשריגן.

— און די תּפילה?

פּיעטראָ האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

ביז עלף אַ זייגער זענען זיי געגאַנגען, נישט אָננעמענדיק קיין שום פאָרזיכטס-מיטלען. דערנאָך האָבן די וואַכמייסטערס פו-נאַנדערגעטראָגן אַ באַפעל איבער די סאָטניעס: צו גיין וואָס שטילער און אויפהערן רייכערן.

איבערן ווייטן פּאַס וואַלד האָבן כסדר אויפגעפלאַקערט פּיאָ-לעט-רויכיקע ראַקעטן.

סוף פון דריטן בוך.

מיכאיל שאלאכאוו

דער שטילער דאָן

ראָמאַן

פון רוסיש: שלמה שיינבערג

יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

1936 וואַרשע

מיכאיל שאָלאָכאָוו

דער שטילער דאָן

דאָס פערטע בוך

פון רוסיש: שלמה שיינבערג

יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

וואַרשע 1936

Druk. „GRAFIA", Warszawa, Nowolipki 7 tel. 11.87-52.

XI

אַ בישט גרויס נאָטיק־ביכל אין אַ סאַפיאַן־הילע פון דעמבעקאָליר. די ווינקלען זענען אָפּגעריבן און איינגעבראָכן: לאַנג האָט עס דער אינהאַבער געטראָגן אין טאַש. די זייטלעך זענען באַשריבן מיט אַ פּאַרציקט קרום כתב.

. . . .

„...פון אַ געוויסער צייט אָן האָט זיך ביי מיר געשאַפן אָט די באַדערפעניש זיך אויסצושמועסן אויפן פּאַפּיר. איך וועל פירן אַ מין „טאָג־בוך" פון אַ פּענסיאָן־שילער. קודם־כל וועגן מיר: אין פעברואַר, איך געדענק נישט וועלכע דאַטע, האָט מיך באַקענט מיט איר לאַנדסמאַן, דער סטודענט באָיאַרישקין. איך האָב מיך באַגעגנט מיט אים ביים אַריינגאַנג אין אַ קינאָמאַטאָגראַף. ווען באָיאַרישקין האָט אונז באַקענט, האָט ער געזאָגט: „דאָס איז אַ פריילין פון דער וויעשענסקער סטאַניצע. דו, טימאָפעי, באַצי דיך צו איר גוט. ליזאַ — איז אַ זעלטן מיידל". כ׳געדענק, איך האָב עפּעס אַ זאָג געטון אומקלאָרס און אַ ווײַלע געהאַלטן אין דער האַנט איר ווייכע פייכטע האַנט. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מיין באַקאַנטשאַפט מיט עליזאַוועטאַ מאָכאָוואַ. אַז זי איז אַ לייכט מיידל, האָב איך דערקענט פון ערשטן בליק: ביי אַזעלכע פרויען רעדן די אויגן מער, ווי מען דאַרף. איך בין מיך מודה, אַז זי האָט געמאַכט אויף מיר אַ נישט אָנגענעמען איינדרוק: קודם־כל, די ווייכע פייכטע האַנט. איך האָב קיינמאָל נישט באַגעגנט, ביי מענטשן זאָלן אַזוי שוויצן די הענט, און דערנאָך — די אויגן, אייגנטלעך זייער שיינע אויגן, מיט אַזאַ שאַטירונג פון נוס־קאָליר, אָבער אייגנצייטיק נישט אָנגענעמע.

פריינט וואָסיאַ, איך שרייב בכיוון מיט אַ קלאָרן סטיל, באַ־
מי מיך אפילו צו זיין בילדעריש, כדי אין מאָמענט, ווען דאָס
„טאָג־בוך” וועט אַריינפאַלן צו דיר קיין סעמיפּאַלאַטינסק (איך האָב
אַ געדאַנק: נאָכן פאַרענדיקן די ליבעס־אינטריגע, וואָס איך האָב
פאַרפירט מיט עליזאַוועטאַ מאָכאָווא, דיר עס איבערצושיקן.
כ'לעבן, דאָס לייענען דעם דאָקומענט וועט דיר פאַרשאַפן נישט
ווייניק פאַרגעניגן), זאָלסטו האָבן אַ פּינקטלעכע פאָרשטעלונג וועגן
דעם, וואָס איז פאָרגעקומען. איך וועל באַשרייבן אין אַ כראָ־
נאָלאָגישן סדר. האָב איך מיך באַקענט מיט איר, און מיר זענען
אין דרייען געגאַנגען זען עפּעס אַ סענטימענטאַל נאַריש קינאָ־
בילד. באָיאַרישקין האָט געשוויגן (אים האָט ווי־געטון אַ באַק־צאָן,
ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט), און איך האָב זייער אומגעלומפּערט
געפירט דעם שמועס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר זענען
לאַנדסלייט, ד. ה., שכנים לויט די סטאַניצעס, און טוישנדיק זיך
מיט בשותפותדיקע זכרונות וועגן דער שיינקייט פון די סטעפּי־
שע פּייזאַזשן און דעסגלייכן, זענען מיר פאַרשוויגן געוואָרן. איך,
אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, האָב אומגעצוואונגען געשוויגן,
זי האָט נישט געפילט די מינדסטע זשעני־רטקייט פון דעם, וואָס
אונזער שמועס איז אָפּגעהאַקט געוואָרן. איך בין געוואויר געוואָרן
פון איר, אַז זי איז אַ מעדיקערין פון צווייטן קורס, שטאַמט פון
סוחרים און האָט זייער ליב שטאַרקע טיי און אַסמאָלאָווס טיטון.
ווי דו זעסט, זייער קאָרגע ידיעות אויף צו דערקענען אַ מיידל
מיט אויגן פון נוס־קאָליר. ביים געזעגענען זיך (מיר האָבן זי צוגע־
פירט ביז אַ טראַמוויי־סטאַציע), האָט זי געבעטן אַריינצוקומען
צו איר. דעם אַדרעס האָב איך מיר פאַרשריבן. איך רעכן מיך
אַריינצוכאַפּן דעם *28*־סטן אַפּריל.

29 אַפּריל

איך בין היינט געווען ביי איר. זי האָט מיך מכבד געווען
מיט טיי און כאַלווע. אין גרונט גענומען — אַ טשעקאַווע מיידל,

אַ שאַרפע צונג, גאַנץ קלוג, עס שמעקט בלויז פון איר מיט אַרציבאַשעווישטשינע*, מען פילט דאָס אפילו פונדערווייטנס. איך בין געקומען פון איר שפּעט. איך האָב מיר אָנגעשטופּט פּאַפּיראָסן און געטראַכט וועגן זאַכן, וואָס האָבן אַבסאָלוט נישט געהאַט קיין שייכות צו איר, — קלאָר גערעדט, וועגן געלט. מיין אָנצוג איז שרעקלעך אָפּגעטראָגן געוואָרן, קיין „קאַפּיטאַל" האָב איך נישט. אין אַלגעמיין — צרות.

1 מאַי.

דערדאָזיקער טאָג האָט זיך אויסגעטיילט דורך אַ געשעעניש. מיר האָבן אין סאָקאָלניקי אין אַ מאָמענט פון פּשוטסטן צייט־פאַרטרייב אָנגעטראָפן אויף אַן אַוואַנטורע: פּאָליצייַ און אַן אָפּטיילונג קאָזאַקן פון אַ מאַן צוואָנציק האָבן צעטריבן אַ מאַי־פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער. איין שיכורער האָט אַ קלאַפּ געטון מיט אַ שטעקן אַ פערד פון אַ קאָזאַק, און יענער האָט געלאָזט אין גאַנג די נאַהייקע. איך בין צוגעגאַנגען און זיך אַריינגעמישט. עס האָבן מיך אויפגעברויזט די איידלסטע געפילן, ערנסט גערעדט. איך האָב מיך אַריינגעמישט און געזאָגט דעם קאָזאַק, אַז ער איז אַ חמור־קאָפּ און נאָך עפּעס ענלעכס. יענער האָט זיך שוין פאַרמאָסטן אויך אויף מיר מיט דער נאַהייקע, נאָר איך האָב מיט געוויגנדיקער פעסטקייט געזאָגט, אַז איך אַליין בין אויך אַ קאָזאַק פון דער קאַמיענסקער סטאַניצע און קאָן אים אַזוי אַריינצייל, אַז דער רוח זאָל אים נעמען. דער קאָזאַק איז געווען אַ גוטמוטיקער, אַ יונגער; די דינסט האָט אים, אַפּנים, נאָך נישט געהאַט פאַרדאָרבן.

---

*) אַ ר צ י ב אַ ש ע ו ו (1878 — 1927), אַ בורזשואַזער שרייבער און דראַמאַטורג, מחבר פון ווערק, וואָס זענען געווידמעט הויפּטזעכלעך דעם פּראָבלעם פון געשלעכט און זענען דורכגעדרונגען מיט מרה-שחורהדיקע שטימונגען. ער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג ביי דער בורזשואַזער אינטעליגענץ אין דער צייט פון דער רעאַקציע.

ער האָט געענטפערט, אַז ער שטאַמט פון דער אוסט־כאָפּערער סטאַניצע און איז אַ גוטער פויסטן־שלעגער. מיר זענען זיך צעגאַנ־גען פרידלעך. ווען ער וואָלט מיט עפּעס אַרויסגעטרעטן קעגן מיר, וואָלט אויסגעבראָכן אַ געשלעג און נאָך עפּעס ערגערס פאַר מיין פּערזאָן. מיין אַריינמישן זיך דערקלערט זיך דורך דעם, וואָס אין אונזער קאָמפּאַניע איז געווען עליזאַוועטאַ, און אין איר קעגנוואַרט באַפאַלט מיך אַזאַ ייִנגלישער פאַרלאַנג זיך אַרויסצוווייזן אין עפּעס אַ „העלדן־טאַט". איך פאַרוואַנדל מיך אין מיינע אייגענע אויגן אין אַ האָן און פיל ווי אונטערן היטל וואַקסט אויס ביי מיר אַן אומגעזעענער רויטער קאַם... אָט צוואָס איך בין דערגאַנגען.

3 מאַי.

אַ שטימונג פון שיכורן. צו דעם אַלעם איז נישטאָ קיין געלט. ביים צעטיילן זיך, פּשוט גערעדט, אונטערן קראַק, האָבן די הויזן זיך שטאַרק צעריסן, געפּלאַצט ווי אַן איבערצייטיקער אַרבוז פון יענער זייט דאָן. די האָפענונג, אַז דאָס פאַר־נייעכץ וועט זיך האַלטן, איז צווייפלהאַפט. אַזוי קאָן מען אויך צונויפנייען אַן אַרבוז. עס איז געקומען וואָלאָדקאַ סטיערזשניעוו. מאָרגן גיי איך אויף די לעקציעס.

7 מאַי.

כ'האָב דערהאַלטן פון טאַטן געלט. ער זידלט מיך אין בריוו, נאָר מיך הייבט דאָס נישט אָן צו אַרן. ווען דער טאַטע וואָלט געוואוסט, ווי די מאָראַלישע דאַך־באַלקנס זענען ביים זון אונטערגעפוילט געוואָרן... איך האָב מיר געקויפט אַן אָנצוג. מיין שנופּס ציט צו די אויפמערקזאַמקייט אפילו פון די פורמאַנעס. כ'האָב מיך ראַזירט אין אַ ראַזירעריי אויף דער טווערסקער. איך בין אַרויסגעקומען פון דאָרט ווי אַן אויפגעפרישטער סוביעקט פון אַ גאַלאַנטעריע־געשעפט. אין ראָג פון דער סאַדאָוועט־טריומפאַלער גאַס האָט אַ שמייכל געטון צו מיר אַ פּאָליציאַנט. אַזאַ

אויסוואורף! ס׳איז, מסתמא, דאָ עפּעס בשותּפותדיקס צווישן אים און מיר ביי אַזאַ אויסזען? און מיט דריי חדשים צוריק? איבע־דיקנס, עס לוינט נישט איבערצוואַרפן די וועש פון דער געשיכטע. איך האָב געזען עליזאַוועטען צופעליק, אין פענסטער פון אַ טראַמוויי. זי האָט געפּאָכעט מיט איר טיכל און געשמייכלט. זעסט, ווי איך זע אויס!

8 מאַי.

„דער ליבע איז יעדע עלטער אונטערטעניק". איך זע פּטדר פאַר מיר דאָס מויל פון טאַטיאַנעס מאַנעלע, וואָס איז צעעפנט, ווי אַ האַרמאַטן־לופע. מיר האָט זיך שטאַרק געגלוסט פון דער גאַלע־ריע אַ שפּיי טון אים אין מויל אַריין. און ווען עס קומט מיר אויפן רעיון דידאָזיקע פראַזע, באַזונדערס איר סוף: „אונ־טער־טע־ניק..." — צעשפּרייט מיינע באַקן אַ פיבערהאַפּט געגעצן, וואָס דערנעמט זיך פון נערוועזיטעט, לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן.

אָבער עס גייט] אין דעם, וואָס איך בין אין מיין עלטער פאַרליבט. איך שרייב די שורות, און די האָר שטעלן זיך מיר קאַ־פויער... איך בין געוועזן ביי עליזאַוועטען. זי האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי פאַרשטייט נישט, און זיך באַמיט אַרויפצופירן דעם שמועס אויף אַנדערע רעלסן. צי איז נישט אַמאָל נאָך צו־פרי? עך, טייוול, דער אָנצוג האָט דעם גאַנצן ענין פאַרפּלאָנ־טערט!... איך גיב אַ קוק אין שפּיגל — מיר איז זיך נישט אַקעגנצושטעלן: לאָמיך, טראַכט איך, אַלץ אַרויסזאָגן. ביי מיר איז עפּעס די געזונטע אויסגערעכנטקייט שטאַרקער פון אַלעם איבעריקן. אויב איך וועל מיך אַצינד נישט דערקלערן, וועט אין צוויי חדשים אַרום זיין שוין צו שפּעט; די הויזן וועלן זיך אָפּטראָגן און פאַרפּעצט ווערן אויף אַזאַ אָרט, אַז יעדע דערקלערונג וועט שוין זיין אַ זינלאָ־זיקייט. איך שרייב און בין אַליין אַנטציקט פון מיר: ווי קלאָר עס האָבן זיך פאַראייניקט אין מיר אַלע בעסטע געפילן פון די בעסטע מענטשן פון אונזער עפּאָכע. איר געפינט דאָ אי די צאַרט־פלאַמענ־

דיקע ליידנשאַפט, אי „די שטים פון האַרטן שכל". אַ ווינעגרעט פון וואוילטאַטן, חוץ אַלע איבעריקע מעלות.

איך האָב דאָך נישט פאַרענדיקט מיט איר דעם צוגרייטונגס־שמועס. עס האָט געשטערט די באַלעאָסטע פון צימער, וואָס האָט זי אַרויסגערופן אין קאָרידאָר אַריין, און איך האָב געהערט, ווי זי האָט געבעטן ביי איר אַ הלוואה. זי האָט אָפּגעזאָגט, בשעת זי האָט יאָ געהאַט געלט. איך האָב דאָס געוואוסט אויף זיכער און מיר פאָרגעשטעלט איר פּנים, ווי זי האָט מיט אַ וואָרהאַפטיק קול אָפּגעזאָגט, און אירע אויגן זענען דערביי געווען פון נוס־קאָליר און זייער אויפריכטיקע. דער חשק צו רעדן וועגן ליבע איז פאַרשוואונדן ביי מיר.

13 מאַי.

איך בין טאַקע אויף אַן אמת פאַרליבט. אין דעם איז שוין נישטאָ קיין שום ספק. אַלע סימנים זענען קלאָר. מאָרגן דערקלער איך מיך. מיין ראָל האָב איך דערווייל נישט אויפגעקלערט.

14 מאַי.

דער ענין האָט אָנגענומען אַן אומגעריכטע ווענדונג. ס'איז געווען אַ רעגן, אַזאַ וואַרעמער, אַן אָנגענעמער. מיר זענען גע־גאַנגען איבער דער גאַס, אויף וועלכער עס וואוינט די מאָכאָוואַ, אַ קרומער ווינט האָט זיך אַרומגעטריבן איבער די טראָטואַר־פּליטעס. איך האָב גערעדט און זי איז געגאַנגען שווייגנדיק, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי זי וואָלט פאַרזונקען געווען אין גע־דאַנקען. פון היטעלע האָבן אַראָפּגעטריפט אויף איר באַק רעגן־טראָפּנס. און זי איז געווען הערליך. איך וועל איבערגעבן אונזער שמועס:

*) אַ מין פראַנצויזישע זופּ.

— עליזאַוועטאַ סערגעיעווגאַ, איך האָב אייך אַרויסגעזאָגט, וואָס איך פּיל. איר האָט דאָס וואָרט.

— איך צווייפל אין דער וואָרהאַפטיקייט פון אייערע געפילן.

איך האָב אויפן נאַרישסטן אופן אַ הייב געטון מיט די אַקסלען און געזאָגט, אַז איך בין גרייט צו שווערן אָדער עפּעס ענלעכס. זי האָט געזאָגט:

— הערט, איר האָט גערעדט מיטן לשון פון טורגעניעווס העלדן. איר וואָלט דאָס געמאַכט פּשוטער.

— פּשוטער קאָן איך נישט. איך האָב אייך ליב.

— וואָס־זשע?

— איר האָט דאָס וואָרט.

— איר ווילט, איך זאָל אייך ענטפערן מיטן אייגענעם?

— איך וויל אַן ענטפער.

— זעט איר, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש... וואָס קאָן איך אייך זאָגן? איר געפעלט מיר אַ ביסעלע. איר זענט זייער אַ הויכער.

— איך וועל נאָך צוּוואַקסן, — האָב איך צוגעזאָגט.

— אָבער מיר קענען זיך נאָך אַזוי ווייניק, דאָס פאַרבינדעגען צוזאַמען...

— מיר וועלן צוזאַמען אויפעסן אַ פּוד זאַלץ, וועלן מיר נענטער דערקענען איינער דעם אַנדערן.

זי האָט מיט דער ראָזער האַנט זיך אָפּגעווישט די נאַסע באַקן און געזאָגט:

— מילא, לאָמיר זיך צונויפגיין. מיר וועלן לעבן אַ ביסל — וועלן מיר זען. נאָר גיט מיר צייט צו פאַרענדיקן מיט מיין פריערדיקער סימפּאַטיע.

— ווער איז ער? — האָב איך מיך פאַראינטערעסירט.

— איר קענט אים נישט. אַ געוויסער דאָקטאָר, אַ ווענעראָלאָג.

— ווען וועט איר זיין פריי ?

— איך האָף, אז פרייטיק.

— מיר וועלן וואוינען צוזאַמען ? דאָס הייסט אין איין צימער ?

— יאָ, דאָס וועט זיין באַקוועמער. איר וועט זיך אַריבער-ציִען צו מיר.

— פאַרוואָס ?

— איך האָב זייער אַ באַקוועם צימער. ס׳איז ריין, און די באַלעבאָסטע איז אויך אַ סימפּאַטישע.

איך האָב מיך נישט קעגנגעשטעלט. אין ראָג פון דער טווער-סקער האָבן מיר זיך צעשיידט. מיר האָבן זיך געקושט צו דער גרויסער פאַרוואונדערונג פון עפּעס אַ דאַמע.

וואָס וועט מיר ברענגען דער מאָרגנדיקער טאָג ?

22 מאַי.

איך לעב איבער די האָניג-טעג. די „האָניג-שטימונג" איז היינט פאַרטונקלט געוואָרן דורך דעם, וואָס ליזאַ האָט מיר גע-זאָגט, איך זאָל טוישן די וועש. באמת טאַקע, מיין וועש — איז אַן אָפּגעטראָגענער קאָשמאַר. אָבער דאָס געלט, דאָס געלט... מיר גיבן אויס מיינס, איך האָב נישט אַזוי פיל. מען וועט מוזן זוכן אַרבעט.

24 מאַי.

היינט האָב איך באַשלאָסן צו קויפן וועש, נאָר ליזע האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ נישט פאָרגעזעענער הוצאה. איר האָט זיך שרעקלעך פאַרגלוסט צו עסן מיטאָג אין אַ גוטן רעסטאָראַן און זיך קויפן זיידענע זאָקן. מיר האָבן געגעסן און געקויפט, אָבער איך בין אין פאַרצווייפלונג : מיט מיין וועש איז אויס !

27 מאי.

זי שעפּט מיך אויס. איך בין פיזיש אויסגעליידיקט און ענ־לעך צו אַ נאַקעטער שטאַנג פון אַ ביר־רויז. דאָס איז נישט קיין פרוי, נאָר אַ פייער מיט רויך!

2 יוני.

מיר האָבן היינט אויפגעוואַכט ניין אַ זייגער. די פאַרשאָל־טענע געוואוינהייט צו באַוועגן מיט די פינגער פון די פיס האָט געבראַכט צו פאָלגנדע רעזולטאַטן: זי האָט אָפּגעדעקט די קאָלדרע און לאַנג באַטראַכט מיין סטאָפּע. זי האָט אַזוי רעזומירט אירע באַאָבאַכטונגען:

— דו האָסט נישט קיין פוס, נאָר אַ פערדישע קאָפּיטע. נאָך ערגער! און דערנאָך די האָר אויף די פינגער, פו! — זי האָט פיבערהאַפּט־איבלדיק אַ שוידער געטון מיט די פּלייצעס, זיך איינ־געטוליעט אין דער קאָלדרע און אויסגעדרייט צו דער וואַנט.

איך האָב מיך געפילט פאַרשעמט. איך האָב איינגעקורטשעט די פיס און זי אַ ריר געטון ביי דער פּלייצע.

— ליזאַ!

— לאָזט מיך אָפּ!

— ליזאַ, דאָס האָט דאָך קיין זין נישט. איך קאָן דאָך נישט ענדערן די פאָרם פון מיין פוס, ער איז דאָך נישט געמאַכט גע־וואָרן אויף באַשטעלונג, און וואָס שייך דער באַוואַקסנקייט, זענען די האָר נאַריש, זיי וואַקסן אומעטום. דו וואָלסט אָלס מעדיקערין געדאַרפט קענען די געזעצן פון דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג.

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן פּנים. די אויגן פון נוס־קאָליר האָבן באַקומען אַ בייזע שאַטירונג.

— איר זאָלט מיר שוין היינט קויפן אַ פּראָשעק צו שוויס: פון אייערע פיס טראָגט זיך אַ ריח פון נבלה!

איך האָב דרייסט באַמערקט, אַז זי האָט תמיד פייכטע הענט. זי האָט פאַרשוויגן, און אויף מיין נשמה, אויסדריקנדיק זיך אין

הויכן סטיל, איז געפאַלן אַ שאָטן, ווי פון אַ וואָלקן... דאָ גייט נישט אין די פיס און נישט אין דער באַוואָקסנקייט.

4 יוני

היינט האָבן מיר זיך געשיפט אין אַ שיפל איבערן טייך מאָסקווע. מיר האָבן זיך דערמאָנט אָן דאָן. עליזאַוועטאַ פירט זיך אויף אומווערדיק: זי האַלט אין איין חוזק מאַכן פון מיר, טיילמאָל אויף אַ זייער גראָבן אופן. ענטפערן איר מיטן זעלבן — הייסט איבעררייסן, און דאָס גלוסט זיך מיר נישט. נישט געקוקט אויף אַלץ, ווער איך צו איר אַלץ מער צוגעבינדן. זי — איז פשוט אַ צעבאַלעוועטע פרוי. איך האָב מורא, אַז מיין ווירקונג וועט זיין נישט גענוגנדיק, כדי גרינטלעך צו ענדערן איר כאַראַקטער. אַ ליב נאַריש מיידל. דערביי אַ מיידל, וואָס האָט געזען אַזעלכע זאַכן, וועגן וועלכע איך ווייס בלויז פון הערן. צוריקוועגס האָט זי מיך אַריינגעשלעפט אין אַן אַפטייק־סקלאַד און, שמייכלענדיק, געקויפט טאַלק און נאָך עפּעס אַ מין פאַסקודסטווע.

— דאָס וועסטו באַנוצן צום שווייס.

איך האָב מיך פאַרנייגט זייער גאַלאַנט און געדאַנקט.
דאָס איז קאָמיש, אָבער אַזוי איז עס געווען.

7 יוני.

שוין צו אָרים איז איר גייסטיק פאַרמעג. אין אַלעם איבעריקן קאָן זי יעדן איינעם לערנען.

יעדן טאָג פאָרן שלאָף וואַש איך מיר די פיס מיט הייס וואַסער, באַשפּריץ זיי מיט אָדעקאָלאָן און באַשיט זיי מיט אַ מין פּראָשעק.

16 יוני.

מיט יעדן טאָג ווערט זי אַלץ אומדערטרעגלעכער. זי האָט

נעכטן דאָס ערשטע מאָל באַקומען אַ היסטערישן אַטאַק. מיט אַזעל־כע איז שווער זיך איינצולעבן.

18 יוני.

קיין שום געמיינזאַמס! מיר רעדן אויף פאַרשידענע לשונות. דאָס איינציקע, וואָס אונז פאַרייניקט — איז דאָס בעט. אַ קאַסטי־רירט לעבן.

היינט אינדערפרי האָט זי מיר אַרויסגענומען געלט פון קע־שענע צו גיין קויפן זעמל אין געוועלבל און אָנגעטראָפן אויף דעם ביכעלע. זי האָט עס אַרויסגענומען.

— וואָס האָסטו דאָ?

מיך איז באַפאַלן אַ היץ. וואָס וועט זיין, אויב זי וועט אַ בלעטער טון אַ צוויי־דריי זייטלעך? איך האָב געענטפערט און אַליין זיך געוואונדערט אויף דער נאַטירלעכקייט פון מיין קול.

— אַ ביכעלע פאַר אַריטמעטישע חשבונות.

זי האָט עס גלייכגילטיק צוריק אַריינגעלייגט און אַרויסגע־גאַנגען. מען דאַרף זיין פאָרזיכטיקער. שאַרפזיניקייטן אויג אויף אויג זענען גוט בלויז דעמאָלט, ווען עס לייענט זיי נישט קיין פרעמדער.

פאַר מיין פריינט וואַסיאַ — אַ קוואַל פון פאַרוויילונג.

21 יוני.

איך בין פאַרוואונדערט פון עליזאַוועטען. זי איז אַלט 21 יאָר. ווען האָט זי באַוויזן אַזוי אויסגעלאַסן צו ווערן? פון וואָסער פאַמיליע שטאַמט זי, וואָס פאַר אַ דערציִונג האָט זי באַקומען, ווער האָט צוגעלייגט די האַנט צו איר אַנטוויקלונג? דאָס זענען די פראַגן, וואָס אינטערעסירן מיך זייער. זי איז טייוולאָניש שיין. זי שטאָלצירט מיט דער פולקאָמענהייט פון אירע קערפערלעכע פאַר־מעגן. אַ קולט פון זעלבסטפאַרערונג, — קיין שום אַנדערע זאַך עק־זיסטירט נישט. איך האָב עטלעכע מאָל געפרווט מיט איר רעדן

ערנסט... ס׳איז לייכטער אַן אַלט־גלויביקן איבערצוצייגן אַז ס׳איז נישטאָ קיין גאָט, איידער צו ענדערן איר כאַראַקטער.

דאָס צוזאַמענלעבן ווערט זינלאָז און נאַריש. פונדעסטוועגן שלעפּ איך אָפּ דאָס צעגיין זיך. איך בין מודה, אַז נישט געקוקט אויף אַלעם, געפעלט זי מיר דאָך. זי איז אַריינגעוואַקסן אין מיר.

24 יוני.

און דאָס קעסטעלע האָט זיך גאַנץ פּשוט געעפנט. מיר האָבן היינט גערעדט אינטים, און זי האָט מיר געזאָגט, אַז איך באַפרידיק זי נישט פיזיש. דאָס צעגיין זיך איז נאָך נישט פאָרמולירט געוואָרן. די טעג וועט עס, מסתמא, געשען.

26 יוני.

אַ זשרעבאָק וואָלט מען געדאַרפט פאַר איר פון דער סטאַניצע־שטאַל.

אַ זשרעבאָק!

28 יוני.

מיר איז שווער זיך מיט איר פונאַנדערצוגיין. זי האָט מיך איינגעזויגן, ווי אַ זומפּ. מיר זענען היינט געפאָרן אויף די וואָראָביאָווער בערג. זי איז געזעסן אין נומער ביים פענסטער, און די זון איז דורכן געשניצטן קאַרניז געפאַלן אויף אַ לאָק פון אירע האָר. די האָר, וואָס האָבן די קאָליר פון גאָלדענע מטבעות. אָט האָסטו אויך אַ שטיקל פּאָעזיע!

4 יולי.

איך האָב אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט. עליזאַוועטע האָט מיך אַוועקגעוואָרפן. איך האָב היינט געטרונקען ביר מיט סטערזשניעוון.

נעכטן האָבן מיר געטרונקען בראָנפן. איך בין מיך צעגאַנגען מיט עליזאַוועטען, ווי עס פּאַסט פאַר קולטורעלע מענטשן, קאָרעקט. אָן איבעריקע טענות. היינט האָב איך זי געזען אויף דער דימיטראָוו־קע מיט אַ יונגנמאַן אין זשאָקעי־שטיוועלעך. זי האָט קוים געענט־פערט אויף מיין באַגריסונג. דאָ איז שוין צייט צו פאַרענדיקן די נאָטיצן — דער קוואַל איז אויסגעשעפּט.

30 יולי.

עס קומט אויס גאָר אומגעריכט זיך צו נעמען צו דער פּע־דער. מלחמה. אַן אויסברוך פון פּערדישן ענטוזיאַזם. פון יעדן האַרטן הוט אויף אַ קאָפּ, ווי פון אַ פאַרשיווע הונט, אַווירט אויף אַ וויאָרסט ווייט דער פּאַטריאָטיזם. די יונגעלייט זענען צערודערט און איך בין דערפרייט. מיך פרעסט אַ בענקשאַפט נאָכן פאַרלוי־רענעם גן־עדן. נעכטן האָב איך אויף צעפּיקעניש געזען אין חלום עליזאַוועטען. זי האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שפּור פון בענק־שאַפט. מען וואָלט זיך געדאַרפט צעשטרייען.

1 אויגוסט.

דער אומרו האָט זיך איינגעשטילט. עס האָט זיך אומגעע־קערט דאָס פריערדיקע, די בענקשאַפט. איך זייג זי, ווי אַ קינד אַ סאָסקע.

3 אויגוסט.

אַרויסמאַרש! איך גיי אויף דער מלחמה. נאַריש? זייער. בזיונדיק?

געגנוג שוין, איך האָב דאָך מיך נישט וואו אַהינצוטון. כאָטש אַ ביסל נייע איינדרוקן. מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך נישט געפילט דידאָזיקע איבערגעזעטיקטקייט. איך עלטער מיך, אפּנים.

7 אויגוסט.

איך שרייב אין וואַגאָן. מיר זענען נאָר וואָס אַרויסגעפאָרן פון וואָראָניעזש. מאָרגן שטייגן מיר אויס אין קאַמענסק. איך האָב פעסט באַשלאָסן: איך גיי פאַרן „גלויבן, קייסער און פאָטערלאַנד".

12 אויגוסט.

מען האָט מיר איינגעאָרדנט אַ פייערלעכע געזעגענונג. דער אַטאַמאַן האָט געמאַכט אַ כוסה און געהאַלטן אַ פלאַמענדיקע רעדע. דערנאָך האָב איך אים אַריינגעשעפטשעט אין אויער: „איר זענט אַ שוטה, אַנדרעי קאַרפּאָוויטש!" ער האָט זיך געוואונדערט און באַליידיקט, אַז די באַקן זענען אים אַזש גרין געוואָרן. ער האָט גיפטיק אַרויסגעצישעט: „און דאָס איז אַ געבילדעטער. איר זענט נישט אַמאָל פון יענע, וועלכע מיר האָבן אין טויזנט ניינהונדערט פינפטן יאָר מיט די נאַהייקעס אַריינגעציילט?" איך האָב געענטפערט, — אַז, צו מיין באַדויערונג, „נישט פון יענע", — און אים געעצהט צוצושטיין צו די עסדעקעס. דער טאַטע האָט געוויינט און זיך געכאַפּט קושן, און פון דער נאָז העגנגען אים פלעכטלעך. אָרימער, ליבער טאַטע! דיך וואָלט מען געדאַרפט אין מיין הויט אַריינזעצן. איך האָב אים אין שפּאַס פאָרגעלייגט צו גיין מיט מיר, און ער האָט דערשראָקן אויסגעשריגן: „וואָס רעדסטו, און די באַלעבאַטישקייט?" מאָרגן פאָר איך אַרויס אויף דער סטאַציע.

13 אויגוסט.

דאָ און דאָרט איז די תבואה נאָך נישט אַראָפּגענומען. אויף די בערגלעך ווייזן זיך פעטע האָזן. זיי זענען שטאַרק ענלעך צו יענע דייטשן אויף דער ביליקער ליטאָגראַפיע, וועלכע קוזמאַ קריוטשקאָוו שטעכט אַרויף אויף דער פּיקע. איך האָב מיר געלעבט, בין געוועזן געזונט, האָב שטודירט מאַטעמאַטיק און אַנדערע עקזאַקטע ווויסנשאַפטן און קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז איך וועל ווערן אַזאַ „שאָוויניסט". איך וועל שוין אין פּולק מיט די קאָזאַקן זיך דורכשמועסן.

22 אויגוסט.

ערגעץ אויף אַ סטאַנציע האָב איך געזען די ערשטע פּאַר־טיע געפאַנגענע. אַ שלאַנקער עסטרייכישער אָפיציר איז מיט ספּאָרטמענישער האַלטונג, באַגלייט פון קאָנוואָי געגאַנגען אין דער ריכטונג פון וואָקזאַל. צוויי פריילינס, וואָס האָבן שפּאַצירט אויפן פּעראָן, האָבן אַ שמייכל געטון צו אים. ער האָט, גייענדיק, זייער פלינק זיך פאַרנייגט און זיי געשיקט אַ לופט־קוש.

ער איז אפילו אין געפאַנגענשאַפט געווען גלאַט ראַזירט, גאַלאַנט, די שטערנדלעך אויפן קאָלנער האָבן געגלאַנצט. איך האָב אים באַגלייט מיטן בליק: אַ שיינער יונגער חברהמאַן, אַ ליב חבריש פנים. באַגעגן דיך מיט אַזעלכן, און די האַנט וועט די שווערד נישט אויפהייבן.

27 אויגוסט.

היימלאַזע, היימלאַזע, היימלאַזע... אַלע וועגן זענען פאַרנו־מען פון מחנות היימלאַזע און זעלנער.

ס'איז דורכגעגאַנגען דער ערשטער סאַניטאַר־צוג. אויף דער סטאַנציע איז פון אַ וואַגאָן אַרויסגעשפּרונגען אַ יונגער סאָלדאַט. זיין פנים איז באַנדאַזשירט. מיר האָבן פאַרפירט אַ שמועס. ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן דורך אַ שראַפּנעל. ער איז שרעקלעך צופרידן, וואָס ער וועט שוין מסתמא נישט דאַרפן דינען, אַן אויג איז אים באַשעדיקט. ער לאַכט.

27 אויגוסט.

איך בין אין מיין פּולק. דער פּולק־קאָמאַנדיר איז זייער אַ וואוילער אַלטיטשקער. אַ קאָזאַק, פון די אונטערשטע ברעגן פון דאָן. דאָ שמעקט שוין מיט בלוט. ווי מען שמועסט, וועט מען אי־בערמאָרגן אַרויסטרעטן אויף דער פּאָזיציע. מיין דריטע אָפּטיי־לונג פון דער דריטער סאָטניע באַשטייט פון קאָזאַקן פון דער

קאָנסטאַנטינאָווער סטאַניצע. גרויע חברה. בלויז איינער איז אַ וויצלער און זינגער.

28 אויגוסט.

מיר טרעטן אַרויס. היינט דונערט דאָרט באַזונדערס שטאַרק. דער איינדרוק איז אַזעלכער, ווי עס רוקט זיך אָן אַ שטורעם און עס הערט זיך אַ ווייט דונערן. איך האָב אפילו אַ צי געטון מיט דער נאָז, צי עס שמעקט נישט מיט רעגן? אָבער דער הימל איז — אַ סאַטינאַרטיקער, אַ ריינינקער.

מיין פערד האָט נעכטן אָנגעהויבן לאָמען, עס האָט זיך צע־קלאַפּט אַ פוס אין ראָד פון דער פעלד־קיך. אַלץ איז ניי, אומגע־ווינטלעך, און איך ווייס נישט פון וואָס אָנצוהייבן, פון וואָס צו שרייבן.

30 אויגוסט.

נעכטן איז נישט געווען קיין צייט צו פאַרשרייבן. איך שרייב אַצינד זיצנדיק אין זאָטל. עס שאָקלט, און די אותיות קומען אַפּער פון אונטערן בליישטיפט צעדרייט, קריפּלהאַפט. מיר פאָרן אין דרייען מיט פוראַזשירקעס נאָך גראָז.

אין איצטיקן מאָמענט פּאַקן די אַנדערע צוויי און איך ליג אויפן בויך און „פיקסיר" מיט פאַרשפּעטיקונג דאָס נעכטיקע. נעכטן האָט דער וואַכמייסטער טאָלאָקאָניקאָוו אונז געשיקט זעקס מאַן אין פאַטראָל (ער רופט מיך מיט פאַראַכטונג „סטודענט": „העי דו, סטודענט, דיין פערד פאַרלירט אַ פאָדקאָווע און דו באַמערקסט גאָרנישט"?) מיר זענען דורכגעריטן אַ האַלב־פאַרברענט שטעטל. ס'איז הייס. די פערד און מיר זענען נאַס. ס'איז שלעכט, וואָס די קאָזאַקן מוזן אויך אין זומער טראָגן טוכענע שאַראָוואַרן. נאָכן שטעטל האָב איך אין אַ ראָוו געזען דעם ערשטן געהרגעטן. אַ דייטש. די פיס ביז איבער די קניִען אין ראָוו, איז ער געלעגן מיטן פנים אַרויף. איין האַנט איז פאַרבויגן געווען הינטער זיין

רוקן און אין דער צווייטער האָט ער געהאַלטן אַ מאַגאַזין פון ביקסן־קוילן. קיין ביקס איז לעבן אים נישט געלעגן. דער איינ־דרוק איז געווען אַ שרעקלעכער. איך לעב אויף אין זכרון דאָס געזעענע, און אַ שוידער גייט מיר דורך איבערן רוקן... ער האָט זיך געפונען אין אַזאַ פּאָזע, ווי ער וואָלט פריִער געזעסן מיט אַראָפּגעהאָנגענע פיס אין ראָוו אַריין און דערנאָך זיך אַנידערגע־לייגט אָפּרוען. אַ גרויער מונדיר, אַ קאַסקע. איך בין אַזוי צעטומלט געווען פון אָט דער ערשטער איבערלעבונג, אַז איך געדענק נישט זיין פנים. איך האָב געזען בלויז די גרויסע געלע מוראַשקעס, וואָס זענען אַרומגעקראָכן איבער זיין געלן שטערן און, די פאַרגלייזטע צונויפגעזשמורעטע אויגן. די קאָזאַקן האָבן, פאַרבייררייטנדיק, זיך געצלמט. איך האָב געקוקט אויפן קליינעם פלעק בלוט אויף זיין רעכטער זייט מונדיר. די קויל האָט אים געטראָפן אין דער רעכטער זייט אַריין און דורכגעהאַקט. פאַרבייררייטנדיק, האָב איך באַמערקט פון דער לינקער זייט, דאָרט וואו די קויל איז אַרויס, — אַ פלעק און אַן אויספלוס פון בלוט אויף דער ערד — אַ סך גרע־סער, און פון מונדיר איז געווען אויסגעריסן אַ שטיק.

איך בין פאַרבייגעריטן, שוידערנדיק. אָט אַזוי זעט דאָס אויס...

דער עלטסטער אוריאַדניק, מיטן צונאָמען טרונדאַלעי, האָט זיך באַמיט צו הייבן אונזער געפאַלענע שטימונג, דערציילט אַן אויסגעלאַסענעם אַנעקדאָט, אָבער ביי אים אַליין האָבן די ליפּן געציטערט...

אַ האַלבע וויאָרסט פון שטעטל — ווענט פון עפּעס אַ פאַר־ברענטער פאַבריק, ציגלנע ווענט מיט פאַרראויכערטע שוואַרצע שפּיצן. מיר האָבן מורא געהאַט צו רייטן גלייך איבערן וועג, ווייל ער איז געלעגן לענגאויס דידאָזיקע אַש־חורבות, און האָבן באַ־שלאָסן זיי אויסצומיידן, מיר זענען אַוועקגעריטן זייטיק, און אין דעם מאָמענט האָט מען פון דאָרט אָנגעהויבן אויף אונז צו שיסן. דער קלאַנג פון ערשטן שאָס, ווי בזיונדיק דאָס זאָל נישט זיין, האָט מיך שיער נישט אַרויסגעוואָרפן פון זאָטל. איך האָב מיך אָנגע־

כאַפּט אָן זאָטל־האָרן, אינסטינקטיוו אָנגעבויגן און אַ צי געטון ביי די לייצן. מיר זענען געריטן צום שטעטל פאַרביי דעם ראָוו מיטן דערהרגעטן דייטש און צו זיך געקומען ערשט דעמאָלט, ווען מיר האָבן שוין געהאַט דאָס שטעטל הינטער זיך. דערנאָך האָבן מיר זיך אומגעקערט. מיר האָבן זיך געאײַלט. די פערד האָבן מיר איבערגעלאָזט ביי צוויי מאַן פון אונזער גרופּע און אַליין זענען מיר זאַלבעפערט אַוועק צום ראָוו אין עק שטעטל. מיר האָבן זיך אָנגעבויגן און געגאַנגען איבער דעמדאָזיקן ראָוו. איך האָב נאָך פונוויטנס דערזען די פיס פון דערהרגעטן דייטש אין די קורצע געלע שטיוול, שאַרף פאַרבויגענע אין די קניִען. איך בין דורכגעגאַנגען פאַר אים מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם, ווי פאַר אַ שלאָפנדיקן און ווי איך וואָלט מורא געהאַט, איך זאָל אים נישט אויפוועקן. אונטער אים האָט פייכט געגרינט דאָס איינגעקנייטשטע גראָז...

מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן אין ראָוו, און אין עטלעכע מינוט אַרום זענען פון הינטער די חורבות פון דער פאַרברענטער פאַבריק אין אַ גענזן־רייע אַרויסגעריטן ניין דייטשישע אולאַנער... איך האָב זיי דערקענט לויטן אוניפאָרם. דער אָפיציר האָט, אָפּטײַלנדיק זיך, עפּעס אויסגעשריגן מיט אַ הויך שאַרף קול, און זייער גרופּע האָט זיך אַ לאָז געטון אין אונזער ריכטונג. די חברהלייט שרייען, כ׳זאָל זיי צוהעלפן פּאַקן דאָס גראָז. איך גיי.

30 אויגוסט.

איך וויל דערציילן ביזן סוף, ווי אַזוי איך האָב דאָס ערשטע מאָל געשאָסן אויף אַ מענטש. ווען די דייטשישע אולאַנער האָבן זיך אַ לאָז געטון צו אונז (ווי אַצינד זע איך פאַר די אויגן זייערע גרין־גרויע מונדירן, די קופּער־קאָליר פון אַ יאַשטשערקע, די גלאַנציקע דאַשקעס פון זייערע היטן, די וויגנדיקע פּיקעס מיט די פענדעלעך).

הינטער די אולאַנער זענען געווען טונקל־קאַשטענעוואַטע

פערד. איך האָב צוליב עפּעס איבערגעפּירט מיין בליק אויפן אָנ־שיט פון ראָוו און דערזען אַ גרויסן שמאַראַגדענעם זשוק. ער איז אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן און אָנגענומען קריפּלהאַפּטע פאַרמען. ער איז אַוועקגעקראָכן, באַוועגנדיק די גרויע שטענגלעך, אין דער ריכטונג פון מיין עלענבויגן, וואָס איז געווען אָנגעשפּאַרט אָן אויסגעטרוקנטן קרישלדיקן ליים פון אָנשיט, זיך אַרויפגע־גראַבלט אויפן אַרבל פון מיין האַקי־בלוזע, שנעל אַראָפּגע־קראָכן אויף דער ביקס און פון דער ביקס אויפן רעמעט. איך האָב מיך צוגעקוקט צו זיין וואַנדערן און דערהערט דעם אוריאַד־ניק טרונדאַלס אָפּגעריסן קול: „שיסט, וואָס טוט זיך מיט אייך!?"

איך האָב פעסטער אָנגעשפּאַרט דעם עלענבויגן, פאַרזשמו־רעט דאָס לינקע אויג, דערפילט, אַז מיין האַרץ ווערט אָנגע־שוואָלן און אַזוי גרויס ווי דער שמאַראַגדענער זשוק. אין קאַרב פון ציל־פונקט, אויפן פאָן פון אַ גרוילעך־גרינעם מונדיר האָט גע־ציטערט אַ פליגעלע. לעבן מיר האָט אויסגעשאָסן טרונדאַלעי. איך האָב אַ דריק געטון דאָס צינגל און דערהערט דאָס פייפנדיקע פליען פון מיין קויל. איך האָב, מסתמא, צו נידעריק געצילט, ווייל די קויל האָט, פאַרטשעפּענדיק זיך, אויפגעהויבן רויכלעך שטויב פון די בערגלעך. דער ערשטער שאָס אויף אַ מענטש. איך האָב אויסגעשאָסן דעם גאַנצן מאַגאַזין, נישט צילנדיק, גאַרנישט זעענ־דיק פאַר זיך. איך האָב דאָס לעצטע מאָל אַ רוק געטון דאָס שלאָס, אַ קלאַפּ געגעבן, פאַרגעסנדיק, אַז איך האָב שוין נישט קיין קוילן אין דער ביקס, און ערשט דעמאָלט אַ קוק געטון אויף די דייטשן. זיי זענען אין זעלבן סדר, וואָס פריער, געריטן צו־ריק. דער אָפיציר צום לעצט. זיי זענען געווען ניין, און איך האָב געזען דעם טונקל־קאַשטענעוואַטן הינטן פון אָפיצירס פערד און דאָס מעטאַלענע רייפל אויפן שפּיץ פון זיין אולאַנער־הויט.

2 סעפּטעמבער.

ביי טאָלסטאָיען אין „מלחמה און שלום" איז דאָ אַן אָרט,

וואו ער רעדט וועגן דער ליניע צווישן צוויי פיינטלעכע אַרמייען — דער ליניע פון אומבאַוואוסטקייט, וואָס טיילט כּלומרשט אָפּ די לעבעדיקע פון די טויטע. דער עסקאַדראָן, אין וועלכן ניקאָלאַי ראָסטאָוו האָט געדינט, גייט אין אָנגריף, און ראָסטאָוו צייכנט אָן אין זיין געדאַנק דידאָזיקע ליניע. מיר האָט באַזונדערס שאַרף זיך דערמאַנט היינט דאָסדאָזיקע אָרט פון ראָמאַן, ווייל מיר האָבן היינט פאַרטאָג אַטאַקירט די דייטשישע הוזאַרן... זייערע אָפּטיילונגען, אויסגעצייכנט געשטיצט דורך דער אַרטילעריע, האָבן פון אינדערפרי אָן אָנגעגריפן אונזערע פוסגייער. איך האָב געזען, ווי אונזערע זעלנער, — דאַכט זיך, דער 241-סטער און 273-סטער פוסגייער-פולק — זענען אַנטלאָפן אין פאַניק. זיי זענען געוועזן פולשטענדיק דעמאָראַליזירט אין רעזולטאַט פון אַ נישט געלונגענער אַטאַקע, ווען צוויי פולקן אָן אַרטילערישער אונטערשטיצונג זענען געגאַנגען אין אָנגריף און אָפּגעשטויסן געוואָרן דורכן שונאס פייער און פאַרניכטעט געוואָרן כּמעט ביז אַ דריטל פון זייער גאַנצן צוזאַמענשטעל. אונזערע פוסגייער זענען פאַרפאָלגט געוואָרן דורך די דייטשישע הוזאַרן. דאָ איז אַריינגעפירט געוואָרן אין דער שלאַכט אונזער רעזערוו-פולק, וואָס איז געשטאַנען לענגאויס דעם אויסגעהאַקטן פאַס וואַלד. אָט ווי אַזוי איך געדענק די דאָזיקע שלאַכט. מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון דאָרף טישוויטש דריי אַ זייגער אינדערפרי. די פאַרטאָגיקע פינסטערניש איז געדיכטער געוואָרן. עס האָט שטאַרק געשמעקט מיט סאָסנע-נאָדלען און האָבער-זאַנגען. דאָס פולק האָט זיך באַוועגט, צעטיילט אויף סאָטניעס. פון זייטיקן וועג האָט מען זיך פאַרנומען לינקס און געריטן איבערן זאַנגען-פעלד. די פערד זענען געגאַנגען פאָרסקענדיק, אַראָפּשאָקלענדיק מיט די קאָפּיטעס דעם זאַפטיקן טוי פון די האָבער-זאַנגען.

עס איז געווען קיל אפילו אין שינעל. דאָס פולק האָט לאַנג זיך געשלעפּט איבערן פעלד, און ערשט אין אַ שעה אַרום איז פון שטאַב אָנגעקומען אַן אָפיציר און איבערגעגעבן אַ באַפעל דעם קאָמאַנדיר. אונזער אַלטער האָט מיט אַן אומצופרידן קול אַרויס-

געגעבן די קאָמענדע, און דאָס פּאָלק האָט גלייך פאַרקירעוועט צום וואַלד. מיר האָבן אין קאָלאָנע־אָפּטיילונגען ענג זיך צונויפגע־דריקט אין שמאָלן וואַלד־פּאַס. ערגעץ לינקס פון אונז האָט גע־זאָטן די שלאַכט. עס זענען טעטיק געווען די דייטשישע באַטאַ־רייעס, אורטיילנדיק לויטן אָפּקלאַנג, אין אַ גרויסער צאָל. די קלאַנגען פון דער שיסעריי האָבן זיך געוואַקלט. עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז איבער אונז ברענען די שמעקנדיקע סאָסנע־נאָדלען. מיר זענען געווען צוהערער ביזן אויפגאַנג פון דער זון. דערנאָך האָט אַ ציטער געטון אַ „הורא", אַ פלעגמאַטישער, אַזאַ נעבעכדי־קער, אַ בלוטלאָזער, און — אַ שטילקייט, דורכגעדרונגען מיט דער ריינער אַרבעט פון די מאַשין־געווערן. אין דער מינוט האָבן אַזוי כּאָטיש זיך געפלאָנטערט די געדאַנקען; דאָס איינציקע, וואָס איך האָב מיר אין דעם מאָמענט פאָרגעשטעלט, קלאָר און דייט־לעך ביז שניידנדיקער ווייטיק, — איז געווען דאָס פילגעשטאַלטי־קע פּנים פון אונזערע פוסגייער, וואָס זענען געגאַנגען אין צע־שיטע רייען אין אָנגריף.

איך האָב געזען די זאַק־אַרטיקע גרויע פיגורן אין די פלאַכע היטלען פון האַקי־קאָליר, אין די גראָבע, נידעריקע סאָלדאַטישע שטיוול, וואָס האָבן געטאָפּטשעט איבער דער אָסיענדיקער ערד, און געהערט דאָס דייטלעכע הייזעריקלעכע געלעכטערל פון די דיי־טשישע קוילן־וואַרפעס, וואָס האָבן איבערגעאַרבעט דידאָזיקע לע־בעדיקע שווייסיקע מענטשן אין פּגרים. צוויי פּולקן זענען צע־ריבן געוואָרן און אַנטלאָפן, אַוועקוואַרפנדיק דאָס געווער. האַרט אין רוקן האָט זיי פאַרפאָלגט אַ פּולק דייטשישע הוזאַרן. מיר האָבן זיך געפונען אין זייער פלאַנג אויף אַ שטח פון 300 קלאַפטער אָדער נאָך ווייניקער. אַ קאָמענדע. מיר זענען מאָמענטאַל גרייט. איך הער דעם איינציקן קאָלטן, ווי מיט אַ צום פאַרצויגענעם: „מאַרש־מאַרש!" — און מיר פליען. די אויערן פון מיין פערד זע־נען צוגעדריקט אַזוי פעסט, אַז מ'וואָלט זיי, דאַכט זיך, נישט גע־קאָנט מיט אַ האַנט אָפּרייסן. איך קוק מיך אום — הינטער מיר איז דער קאָמאַנדיר מיט צוויי אָפיצירן. אָט איז זי, די ליניע, וואָס

טיילט אָפּ די לעבעדיקע פון די טויטע. אָט איז ער, דער גרויסער אומזין!

די הוזאַרן צעפלאָנטערן זייערע רייען און דרייען זיך אויס צוריק. אין מיינע אויגן האָט דער סאָטניק טשערניעצאָוו דער־הרגעט אַ דייטשישן הוזאַר. איך האָב געזען, ווי אַ קאָזאַק פון דער זעקסטער סאָטניע, וואָס האָט דעריאָגט אַ דייטש, איז אַריינגעפאַלן אין שגעון און גענומען האַקן זיין פערד איבערן הינטן. פון אונטער דער פאָכענדיקער שווערד איז שטיקערווייז אָפּגעשפּרונגען די הויט. ניין, דאָס איז אומזין! דאָס האָט גאָר קיין נאָמען נישט! נאָכ־דעם, ווי מיר האָבן זיך אומגעקערט, האָב איך געזען טשערניע־צאָווס פּנים — קאָנצענטרירט, איינגעהאַלטן־פריילעך, — ער איז געזעסן ביי אַ פּרעפעראַנס, און נישט אין זאָטל, נאָכן דערהרגענען אַ מענטש. ער וועט ווייט גיין דער סאָטניק טשערניעצאָוו. ער איז אַ פּעיִקער.

4 סעפּטעמבער.

מיר געפינען זיך אויף אָפּרו. צום פראָנט רוקט זיך די פיר־טע דיוויזיע פון צווייטן קאָרפּוס. מיר שטייען אין שטעטל קאָבילי־נאָ. היינט אינדערפרי זענען איבערן שטעטל אין פאָרסירנדיקן מאַרש דורכגעגאַנגען טיילן פון דער עלפטער קאָזאַקן־דיוויזיע. אויף מערב קומען פאָר שלאַכטן. די קאַנאָנאַדע הערט נישט אויף. נאָך מיטאָג בין איך געגאַנגען צום לאַזאַרעט. אין מיין אָנוועזנהייט איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פאַרוואונדעטע. די סאַניטאַרן, אויס־לאָדנדיק אַ וואָגן אויף פיר רעדער, האָבן צוגעשמייכלט. איך גיי צו. אַ געשטופלטער הויכער זעלנער, קרעכצנדיק און שמייכלענ־דיק, קריכט אַראָפּ ביי דער מיטהילף פון אַ סאַניטאַר. „אָט, קאָ־זאַקל — זאָגט ער, ווענדנדיק זיך צו מיר, — אָט האָט מען מיר אַריינגעשיט אַ ביסל אַרבעס אין הינטן. פיר שראַפּנעל־קיילעכ־לעך האָב איך געקריגן”. דער סאַניטאַר פרעגט אים: „דער שראַפּ־נעל האָט אויפגעריסן פון הינטן?” — „וואו דאָרט פון הינטן, איך

אַליין בין הינטערוויילעכטס געגאַנגען אין אָנגריף". פון דער כאַלופּע איז אַרויסגעקומען אַ קראַנקן-שוועסטער. איך האָב אַ קוק געטון אויף איר, און אַ שוידערן האָט מיך גענייט זיך אָנצושפּאַרן אָן וואָגן. די ענלעכקייט צו עליזאַוועטען איז געווען אַן אומגעוויינטלעכע. די זעלבע אויגן, דער אָוואַל פון פּנים, די נאָז, די האָר. אפילו דאָס קול איז געווען ענלעך. אפשר דאַכט זיך מיר נאָר אַזוי? אַצינד וועל איך, וואָרשיינלעך, אין יעדער איינציקער געפינען אַן ענלעכקייט צו איר.

5 סעפּטעמבער.

אַ מעת-לעת האָבן מיר געפּאַשעט די פערד געפּענטעטע, און אַצינד ווידער אַהין. פּאַקטיש בין איך צעבראָכן. דער טרומייטערער רופט צו זאָטלען. אָט אין וועמען איך וואָלט אין איצטיקן מאָמענט מיט צופרידנקייט אויסגעשאָסן!...

• • • • • • • • • •

גריגאָרי מעליעכאָוון האָט דער פּולק-קאָמאַנדיר געשיקט אַלס פאַרבינדער אין שטאַב אַריין. פאַרביירייטנדיק דאָס אָרט פון די נישט לאַנג פאָרגעקומענע שלאַכטן, האָט גריגאָרי דערזען ביים סאַמע שאָסיי אַ דערהרגעטן קאָזאַק. ער איז געלעגן צוגעטוליעט מיטן בלאָנדן קאָפּ צום שאַבער פון שאָסיי, וואָס איז אויסגעשטשערביעט געווען פון די פערדישע פּאָדקאָוועס. גריגאָרי איז אַראָפּ פון פערד און, צוהאַלטנדיק זיך די נאָז (פון טויטן האָט געשלאָגן מיט אַ זיסלעך-געדיכטן מתים-ריח), האָט ער אים באַזוכט. אין אַ קעשענע פון זיינע שאַראָוואַרן האָט ער געפונען דאָסדאָזיקע נאָטיץ-ביכל, אַ שטיקל כעמישע בלייפעדער און אַ בייטעלע. ער האָט אַראָפּגענומען פון אים דעם פּאַטראָן-טאַש און כלאחר-יד געוואָרפן אַ בליק אויף זיין בלייך, פייכט פּנים, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן זיך פונאַנדערלייגן. אויף די שלייפן און אין נאָז-גריבל צווישן די אויגן האָט עס פייכט, סאַמעטאַרטיק זיך געשוואַרצט און אויפן שטערן,

אין קרימען קנייטש פון דער טויטער, קאָנצענטרירטער פאַרזונקענקייט, האָט זיך געטונקלט שטויב.

גריגאָרי האָט איבערגעדעקט דאָס פּנים פון טויטן מיט אַ באַטיסטן טיכל, וואָס ער האָט געפונען אין זיין קעשענע, און אַוועקגעריטן אין שטאַב אַריין, אַלע מאָל זיך אומקוקנדיק. דאָס ביכל האָט ער איבערגעגעבן אין שטאַב די שרייבערס, און זיי האָבן עס אין חברותא איבערגעלייענט און חוזק געמאַכט פון פרעמדנס קורצן לעבן און זיינע ערדישע ליידנשאַפטן.

XII

די עלפטע קאַוואַלעריע-דיוויזיע איז נאָכן פאַרנעמען לעשניוווו מיט שלאַכטן דורכגעגאַנגען סטאַניסלאַוועשיק, ראַדזשיווילאָוו, בראָד און דעם 15-טן אויגוסט זיך אויסגעשפרייט לעבן דער שטאָט קאַמיאָנקאַ-סטרומילאָוו. פון הינטן איז געגאַנגען די אַרמיי, עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף די וויכטיקסטע סטראַטעגישע פונקטן אָפּטיילונגען פון פוסגייער, עס זענען זיך צונויפגעקומען אויף די שייד-וועגן שטאַבן און טאַבאָרן. פון באַלטיק אָן האָט ווי אַ טויט-ברענגענדיקע שנור זיך אויסגעלייגט דער פראָנט. אין די שטאַבן זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן פּלענער פאַר אַ ברייטן אָנגריף, איבער די לאַנד-קאַרטעס האָבן זיך געמוטשט די גענעראַלן. עס זענען אַרומגעריטן, פונאַנדערפירנדיק שלאַכט-באַפעלן, אָרדינאַנסן, הונדערטער טויזנטער זעלנער זענען געגאַנגען אויפן טויט...

די אויסשפּיר-גרופּעס האָבן געמאָלדן, אַז צו דער שטאָט דערנענטערן זיך באַדייטנדע קאַוואַלערישע כּוחות פון שונא. אין די וועלדלעך ביי די וועגן האָבן אויסגעבראָכן צוזאַמענשטויסן, די קאָזאַקן-פּאַטרולן האָבן פאַרפירט געפעכטן מיטן שונאס אויסשפּיר-אָפּטיילונגען.

מעליעכאָוו גריגאָרי האָט די גאַנצע צייט פון מאַרש, נאָך דער צעשיידונג מיטן ברודער, זיך באַמיט און נישט געקאָנט געפינען

קיין שטיץ-פּונקט אין זיין נשמה, זיך צו באַפרייען פון די קרענק-לעכע מחשבות און צוריקגעווינען די פריערדיקע רויִקייט פון געמיט. מיט דער לעצטער מאַרש-סאָטניע האָט מען צוגעטיילט צום פּולק די קאָזאַקן פון דריטן רעזערוו. איינער פון זיי, דער קאָזאַק פון דער קאַזאַנער סטאַניצע, אַלעקסעי אוריופּין, איז אַריינ-געפאַלן אין איין אָפּטיילונג מיט גריגאָריען. אוריופּין איז געווען אַ הויכער, אַ קרעמפּער, מיט אַן אַרויסגערוקטן אונטערשטן קין און קאַלמיקישע אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס; זיינע פריילעכע דרייסטע אויגן האָבן תמיד געלאַכט; נישט געקוקט אויף זיין עלטער, האָט ער געלויכטן מיט אַ פּליך; בלויז אין די זייטן פון נאַקעטן, מיט ביילן באַזעצטן, בולטן שאַרבן, האָבן זיך געקרייזלט שיטערע, בלאָנ-דע האָר. פון ערשטן טאָג אָן האָבן אים די קאָזאַקן אַ צונאָמען געגעבן „באַטשופּרינטער”. הינטער בראָד האָט דאָס פּולק נאָך דער שלאַכט גערוט אַ מעת-לעת. גריגאָרי איז איינקוואַטירט געווען מיטן באַטשופּרינטן. זיי האָבן פאַרפירט אַ שמועס:

— דו, מעליעכאָוו ביסט עפּעס אַן אָפּגעבליאַקעוועטער.

— פאַרוואָס אַן אָפּגעבליאַקעוועטער? — גריגאָרי האָט זיך אָנגעכמורעט.

— אַ שוואַכער, אַזוי ווי אַ קראַנקער, — האָט דער באַטשופּ-רינטער אויסגעטייטשט.

זיי האָבן געפּאַשעט די געפּענטעטע פערד, געריייכערט, זיך אָנלענענדיק אָן אַלטן, מיט מעך-באַוואַקסענעם פּלעטל. איבער דער גאַס זענען צו פיר אין אַ רייע געריטן הוזאַרן, הינטער די פּלעטער האָבן זיך געוואַלגערט נישט אויפגערוימטע פּגרים (אַרויסשטויסנדיק די עסטרייכער, האָט מען זיך געשלאָגן אין די גאַסן פון דער פאָרשטאָט), אַ רויך מיט אַ טשאַד האָט זיך געטראָגן פון אונטער די חורבות פון דער פאַרברענטער שול. אַ גרויסן חורבן און שוידערלעכע וויסטקייט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די שטאָט אין דער בין-השמשותדיקער שעה, וואָס האָט אַזוי רייך זיך געטונקען אין פאַרבן.

— איך בין אַ געזונטער, — גריגאָרי האָט, נישט קוקנדיק אויפֿן באַטשופּרינטן, אַ שפּיי געטון.

— זאָגסט ליגנט! איך זע.

— וואָס זעסטו?

— דו האָסט מורא, פּאַרקאָטערטער? פֿאַרן טויט האָסטו מורא?

— ביסט אַ נאַר, — האָט גריגאָרי געזאָגט מיט פֿאַראַכטונג, און, זשמורענדיק זיך, געקוקט אויף די נעגל.

— זאָג: האָסט דערהרגעט אַ מענטש? — האָט דער באַטשופּרינטער אַ זאָג געטון, שאַרף אַריינקוקנדיק גריגאָריען אין פּנים.

— דערהרגעט, נו?

— די נשמה יאָכצט?

— יאָכצט?... — האָט גריגאָרי אַ שמייכל געטון.

דער באַטשופּרינטער האָט אַרויסגעכאַפּט די שווערד פֿון דער שייד.

ווילסט, וועל איך דיר דעם קאָפּ אָפּהאַקן!

— און דערנאָך?

— כ׳וועל דערהרגענען און קיין קרעכץ נישט טון, — נישטאָ קיין רחמנות אין מיר! — דעם באַטשופּרינטנס אויגן האָבן געלאַכט, נאָר גריגאָרי האָט לויטן קול, לויטן ווילדן ציטערן פֿון זיינע נאָזלעכער דערקענט, אַז ער רעדט ערנסט.

— דו ביסט אַ ווילדער, אַ מאָדנער, — האָט גריגאָרי געזאָגט, אויפֿמערקזאַם באַטראַכטנדיק דעם באַטשופּרינטנס פּנים.

— דו האָסט אַ שיטער האַרץ. און דער באַקלאַנאָווער קלאַפּ איז דיר באַקאַנט? קוק!

דער באַטשופּרינטער האָט אויסגעקליבן אַן אַלטע בעריאָזקע, וואָס איז געוואַקסן אין דער פּאַליסאַדע, און אָנגעהויבן גיין אויף איר, אַ געהאָרבעטער, צילנדיק זיך אויף איר מיט די אויגן. זיינע

לאַנגע, אָדערדיקע, אין די פויסט-געלענקען אומגעווייַנקלעך-ברייטע הענט זענען אַראָפּגעהאָנגען אומבאַוועגלעך.

— קוק!

ער האָט זיך פאַמעלעך פאַרמאָסטן מיט דער שווערד און, אַראָפּצעצנדיק זיך, מיט שרעקלעכער קראַפט פלוצלינג אַ קרימלעכן פאָכע געטון. די בעריאָזקע, אָפּגעשניטן אויף צוויי אַרשין פון וואָרצל, איז געפאַלן, זיך פאַרטשעפּענדיק מיט די צווייגן אָן די נאַקעטע רעמען פון די פענסטער און ראַצנדיק די וואַנט פון הויז.

— האָסט געזען? לערן דיך. באַקלאַנאָוו איז געווען אַן אַטאַמאַן, האָסט געהערט פון אים? זיין שווערד — איז אין קאַרב פאַרגאָסן געווען מיט קוועקזילבער; אויפהייבן זי איז שווער, אָבער זי צעהאַקט — אַ פערד אויף דער העלפט. אָט וואָס!

גריגאָרי האָט לאַנג נישט געקאָנט זיך איינאיבן אין דער קאָמפּליצירטער טעכניק פון דעם קלאַפּ.

— דו ביסט אַ שטאַרקער, נאָר אין האַקן אַ שלימזל. אָט אַזוי דאַרף מען, — האָט דער באַטשופרינטער אים געלערנט, און זיין שווערד האָט קרום פאָכענדיק מיט אומגעהייערער קראַפט געטראָפן אין ציל.

— אַ מענטש האַק דרייסט. ער איז ווייך, דער מענטש, ווי טייג, — האָט דער באַטשופרינטער געלערנט, לאַכנדיק מיט די אויגן. — דו טראַכט נישט, ווער און וואָס. דו — ביסט אַ קאָזאַק, דיין זאַך איז — האַקן, נישט פרעגנדיק. אין קאַמף דערהרגענען אַ שונא — איז אַ הייליקע זאַך. פאַר יעדן דערהרגעטן איז דיר גאָט מוחל איין עבירה, פונקט ווי פאַר אַ שלאַנג. קיין לעבעדיקע זאַך אָן באַדערפעניש טאָר מען נישט אומברענגען, — אַ קאַלב, אַ שטייגער, אָדער עפּעס אַנדערש, — אָבער אַ מענטש פאַרניכט. ער איז אומווירדיק, דער מענטש... אומריין, שטינקט אויף דער ערד, לעבט אויפן שטייגער פון אַ משוגענער שוואָם.

אויף גריגאָריעס דערווידערונגען האָט ער זיך פאַרקרומט און עקשנותדיק פאַרשוויגן געוואָרן.

גריגאָרי האָט מיט פאַרוואונדערונג באַמערקט, אַז פאַרן באַטשופרינטן האָבן אָן אַ סיבה מורא אַלע פערד. ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו די באַריערן, — האָבן די פערד געציקט מיט די אויערן, זיך צונויפגעטוליעט אין אַ קופּע, ווי נישט קיין מענטש, נאָר אַ חיה וואָלט זיך דערנענטערט צו זיי. הינטער סטאַניסלאַוו־טשיק, אָנגרייפנדיק איבער אַ וואַלדיקער און זומפּיקער געגנט, איז די סאָטניע געגייט געווען זיך צוצואיילן. די אָנטרייבער האָבן גענומען די פערד און אַוועקגעריטן מיט זיי אין טאָל אַריין, וואו זיי זענען געווען געשיצט. דעם באַטשופרינטן איז אויסגעקומען אָנצוטרייבן, נאָר ער האָט זיך עקשנותדיק אָפּגעזאָגט.

— אוריופּין, דו צויגן־אייטער, וואָס מאַכסטו הינטישע שטיק? פאַרוואָס נעמסטו נישט די פערד? — איז אָנגעפאַלן אויף אים דער אוריאַדניק פון דער אָפּטיילונג.

— זיי האָבן מורא פאַר מיר. בנאמנות! — האָט ער פאַרזי־כערט, שמייכלענדיק, ווי תמיד, מיט די אויגן.

ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין אָנטרייבער, מיט זיין פערד איז ער זיך באַגאַנגען ליבלעך, שטאַרק עס אָפּגעהיטן, נאָר גריגאָרי האָט תמיד באַמערקט: ווי נאָר דער באַלעבאָס האָט זיך דערנענטערט צום פערד, לויט זיין געוואוינהייט נישט באַוועגנדיק מיט די צוגעדריקטע הענט צו די זייטן, — איז איבערן פערדס רוקן ווי אַ כוואַליע דורכגעלאָפן אַ שוידער; דאָס פערד האָט זיך באַאומרויִקט.

— זאָג מיר, דו גאָטספאָרכטיקער, פאַרוואָס פלאַטערן אַזוי די פערד פאַר דיר? — האָט אים גריגאָרי איינמאָל געפרעגט.

— ווער ווייסט זיי. — דער באַטשופרינטער האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס. — איך בין גוט צו זיי.

— שיכורע דערקענט מען לויטן ריח; זיי האָבן מורא, און דו ביסט דאָך ניכטער.

— איך האָב אַ האַרט האַרץ, זיי פילן דאָס.

— דו האָסט אַ וועלפּיש האַרץ, און אפשר גאָר קיין האַרץ נישט, מען האָט דיר אָנשטאָט דעם אַריינגעלייגט אַ שטיינדל.

— אפשר, — האָט דער באַטשופּרינטער גערן מסכים געווען.

הינטער דער שטאָט קאַמיאָנקאַ־סטרומילאָוואָ איז די גאַנצע דריטע אָפּטיילונג צוזאַמען מיטן אָפיציר אַרויסגעריטן אין פּאַטראָל: מיט אַ טאָג צוריק האָט אַ טשעכישער איבערלויפער מיטגעטיילט דער אָנפירונג וועגן דער דיסלאָקאַציע* פון די עסט־רייכישע מיליטער־טיילן און דער פאָרשטייענדיקער קאָנטר־אַטאַקע אויף דער ליניע האַרשאַ־סטאַווינסק; עס האָט זיך געפאָדערט אַ כסדרדיקע אָבסערוואַציע פון וועג, איבער וועלכן עס איז פאַרגע־זען געוואָרן דער איבערמאַרש פון שונאס חילות; צו דעם צוועק האָט דער אָפיציר פון דער אָפּטיילונג אין עק וואַלד איבערגע־לאָזט פיר קאָזאַקן מיטן אוריאַדניק פון דער אָפּטיילונג, און מיט די איבעריקע אַוועקגעריטן צו די דאַכעווקע־דעכער פון עפּעס אַ דערפל, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון הינטערן באַרג.

אין עק וואַלד, לעבן אַן אַלטער שפּיציקער קאַפּליצע מיט אַ פאַרזשאַווערט קריסטוס־בילד זענען געבליבן גריגאָרי מעליעכאָוו, דער אוריאַדניק און די יונגע קאָזאַקן — סיליאַנטיעוו, דער באַ־טשופּרינטער און מישקאַ קאָשעוואָי.

— אַראָפּ פון די פערד, חברה, — האָט דער אוריאַדניק באַפוילן. — קאָשעוואָי, פיר אַוועק די פערד הינטער יענע סאָסנעס, — נו יאָ, הינטער יענע, די געדיכטערע.

די קאָזאַקן זענען געלעגן הינטער אַן אָפּגעבראָכענער פאַר־דאַרטער סאָסנע און גערייכערט; דער אוריאַדניק האָט נישט אָפּ־געריסן די אויגן פון בינאָקל. אַ צען טריט פון זיי האָט זיך גע־כוואַליעט דאָס נישט־אָפּגעשניטענע קאָרן, וואָס האָט שוין פאַר־לוירן די קערנער. די פון ווינט אויסגעליידיקטע זאַנגען האָבן זיך

---

* איינשפּרייטונג.

געהאָרבעט און טרויעריק געשאָרכט. אַ האַלבע שעה זענען די קאָזאַקן אָפּגעלעגן, זיך דורכוואַרפנדיק מיט פוילע פראַזן. ערגעץ דאָרט רעכטס פון שטאָט האָט אומאויפהערלעך זיך געוויגט די האַרמאַטן־שיסעריי. גריגאָרי איז צוגעקראָכן צום קאָרן און, אויס־קלויבנדיק זיך פולע זאַנגען, זיי אָנגעריבן אויף דער האַנט און געקייעט די האַרטע איבערצייטיקע קערנער.

— דאַכט זיך, די עסטרייכער! — האָט דער אוריאַדניק מיט אַ האַלב קול אויסגעשריגן.

— וואו? — איז סילאַנטיעוו אויפגעשפרונגען.

— אָט דאָרט, פון וואַלד אַרויס. מער רעכטס קוק!

אַ גרופּע רייטער איז אַרויסגעריטן פון הינטערן ווייטן וועלדל. אָפּשטעלנדיק זיך, האָבן זיי לאַנג באַטראַכט דאָס פעלד מיט די ווייט־אַרויסגערוקטע פּאַסן וואַלד, דערנאָך אַוועקגעריטן אין דער ריכטונג פון די קאָזאַקן.

גריגאָרי איז צוגעקראָכן צו דער סאָסנע.

— מיר וועלן זיי צולאָזן נענטער און געבן אַ זאַלפּ. צוגרייטן די ביקסן, חברה! — האָט דער אוריאַדניק פיבערהאַפט געשעפטשעט.

די רייטער, פאַרקירעווענדיק רעכטס, זענען געריטן טריט־ביי־טריט. די פיר קאָזאַקן זענען געלעגן הינטער דער סאָסנע, פאַרהאַלטנדיק דעם אָטעם.

— ...אַוכט, קאַפּראַל! — האָט דער ווינט דערטראָגן אַ יונג מעלאָדיש קול.

גריגאָרי האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ: זעקס אונגאַרישע הוזאַרן, אין שיינע, מיט שנורן אויסגענייטע קורטקעס, זענען גע־ריטן אין אַ גרופּע. דער פעדערשטער, אויף אַ שוואַרץ גרויס פערד, האָט געהאַלטן אויף דער האַנט די ביקס און נישט הויך געלאַכט מיט אַ באַס.

— דעק — האָט דער אוריאַדניק אַ שעפּטשע געטון.

„הו־הו־האָק!" — האָט דער זאַלפּ אַ הילך געטון.

„אַקאַ־קאַ־קאַ — קאַ־אַק!" — האָט דער עכאָ פון הינטן זיך צעבילט.

— וואָס טוט איר? — האָט קאָשעוואָי דערשראָקן אַ געשריי געטון פון הינטער די סאָסנעס אָפּער און — אויף די פערד: — טרררר, פאַרשאָלטענער! משוגע געוואָרן! שטיי איין, טייוול! — זיין קול האָט אָפּגעקלונגען הויך־אויסניכטערנדיק.

די הוזאָרן זענען געריטן, צעשיטנדיק זיך אין אַ רייע איבערן זאַנגען־פעלד. איינער פון זיי, דער, וועלכער איז געריטן פאָרויס אויף אַ זאַט שוואַרץ פערד, האָט געשאָסן אינדערהייך. דער לעצטער, וואָס איז הינטערשטעליק געבליבן, איז צוגעפאַלן צום האַלז פון פערד און זיך אַלעמאָל אומגעקוקט, האַלטנדיק זיין קעפּי אין דער לינקער האַנט.

דער באַטשופּרינטער איז אויפגעשפּרונגען און דער ערשטער זיך געלאָזט לויפן, פלאָנטערנדיק זיך מיט די פיס צווישן די זאַנגען, האַלטנדיק די ביקס אין דער האַנט. אַ הונדערט טריט ווייט האָט זיך געוואָרפן אַ געפאַלן פערד. דערלעבן איז אָן אַ היטל געשטאַנען אַן אונגאַרישער הוזאַר און זיך געריבן די צעקלאַפּטע קני מיט דער האַנט. ער האָט עפּעס אַ געשריי געטון נאָך פונדערוויטנס און אויפגעהויבן די הענט, זיך אומקוקנדיק אויף זיינע חברים, וואָס זענען אַוועקגעריטן.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי שנעל, אַז גריגאָרי איז צו זיך געקומען ערשט דעמאָלט, ווען דער באַטשופּרינטער האָט שוין צוגעפירט דעם געפאַנגענעם צו דער סאָסנע.

— טו אויס, מלחמה־האַלטער! — האָט ער אַ געשריי געטון, ברוטאַל אַ שלעפּ געבנדיק די שווערד צו זיך.

דער געפאַנגענער האָט פאַרלוירן געשמייכלט און גענומען זיך פאָרען. ער האָט מיט גרייטקייט אָנגעהויבן אויסטון דעם רעמעט, זיינע הענט האָבן שטאַרק געציטערט, און אים איז בשום אופן נישט געלונגען אויפצושפּיליען דעם שנאָל. גריגאָרי האָט

אים פאָרזיכטיק צוגעהאָלפן, און דער הוזאַר — אַ יונגער, אַ שלאַנ־קער, מיט פוכיקע באַקן און אַ קליין ווערצעלע אין ווינקל פון דער אייבערשטער געגאָלטער ליפ, האָט דאַנקבאַר אַ שמייכל גע־טון צו אים און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט כלומרשט זיך דערפרייט, וואָס מען האָט אים באַפרייט פון געווער, אַ זוך געטון אין די קעשענעס, באַטראַכטנדיק די קאָזאַקן, אַרויסגענומען דעם לעדערנעם טיטון־בײטל און עפּעס אַ מירמל געטון, פאָרלייגנדיק מיט באַוועגונגען צו רייכערן.

— ער איז מכבד, — האָט דער אוריאַדניק אַ שמייכל גע־טון און אַליין שוין אָנגעטאַפּט דאָס פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר אין קעשענע.

— לאָמיר פאַררייכערן פון פרעמדן, — האָט סילאַנטיעוו אַ לאַך געטון.

די קאָזאַקן האָבן פאַרדרייט פּאַפּיראָסן און פאַררייכערט. דער שוואַרצער פּייקע־טיטון האָט האַרב אַ שלאָג געטון אין קאָפּ אַריין.

— וואו איז זיין ביקס ? — האָט, גיריק פאַרציענדיק, גע־פרעגט דער אוריאַדניק.

— אָט איז זי, — האָט דער באַטשופּרינטער אָנגעוויזן אויפן געלן רעמעט אויף זיין אָרעם.

— מ'דאַרף אים אַוועקפירן אין דער סאָטניע אַריין. אין שטאַב ווייטיקט מען זיך, מסתמא, אין אַ צונג. ווער פירט אים אַוועק, יאַטן, — האָט דער אוריאַדניק געפרעגט, שטיקנדיק זיך פון רויך און באַטראַכטנדיק די קאָזאַקן מיט מוטנע אויגן.

— איך וועל אים אַוועקפירן, — האָט דער באַטשופּרינטער זיך אַרויסגערופן.

— נו, פיר זשע.

דער געפאַנגענער האָט, קענטיק, פאַרשטאַנען, ער האָט אַ שמייכל געטון מיט אַ קרומען נעבעכדיקן שמייכל ; באַהערשנדיק־

זיך, האָט ער זיך גענומען פּאָרען, איבערגעקערט די קעשענעס און געשטעקט די קאָזאַקן אין די הענט אַריין צעקוועטשטן פּייכטן שאַקאַלאַד.

— רוסין* איך... רוסין... ניין אַוסטריץ! — ער האָט אי־בערגעדרייט די ווערטער, קאָמיש זשעסטיקולירט און אַלץ געשטעקט דעם שמעקנדיקן ווייכן שאָקאָלאַד די קאָזאַקן אין די הענט אַריין.

— געווער האָסטו נאָך עפּעס? — האָט אים דער אוריאַד־ניק געפרעגט. — דו בעלעמעטשע נישט, מיר וועלן סיי־ווי נישט פאַרשטיין. אַ ליוואָרוועט איז דאָ? באַק־באַק איז דאָ? — (דער אוריאַדניק האָט נאָכגעמאַכט, ווי מען גיט אַ דריק ביי אַ צינגל).

דער געפאַנגענער האָט שנעל אַ דריי געטון מיטן קאָפּ.

— נישטאָ! נישטאָ!

ער האָט גערן זיך געלאָזט באַזוכן, זיינע פוכיקע באַקן האָבן געציטערט. פון די צעריסענע רייט־הויזן אויף די קני איז גערונען בלוט. עס האָט זיך געזען אויפן ראָזן לייב אַן אָפּגעריבע־נע וואונד. ער האָט צוגעלייגט צו איר דאָס נאָז־טיכל, זיך געקרימט, געשמאַקעט מיט די ליפן, אומאויפהערלעך גערעדט... זיין קעפּי איז געלעגן לעבן דערהרגעטן פערד. ער האָט געבעטן אַ דערלויי־בעניש צו גיין נעמען די קאָלדרע, די קעפּי און דאָס נאָטיץ־ביפל; ער האָט דאָך דערין די פאָטאָגראַפיע פון זיינע עלטערן. דער או־ריאַדניק האָט בחינם זיך באַמיט אים צו פאַרשטיין און האָפנונגס־לאָז אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— פיר אים אַוועק.

דער באַטשופרינטער האָט גענומען ביי קאָשעוואָיען זיין פערד,

---

* אַזוי האָבן זיך גערופן די אוקראַינער, וואָס האָבן באַוואוינט מזרח־גאַליציע.

אויפגעזעסן, זיך גלייכמאַכנדיק דעם רעמעט פון דער ביקס, און אַ ווייז געטון מיט דער האַנט:

— גיי, זעלנער, אויך מיר אַ מלחמה־פירער, יעדריאָנאַ מאַטריאָנאַ!

אויפגעהייטערט פון זיין שמייכל, האָט דער געפאַנגענער אויך אַ שמייכל געטון, און שפּאַנענדיק ביי דער זייט פון פערד, אפילו מיט חניפהדיקער פאַמיליאַרישקייט אַ פּאַטש געגעבן איבערן באַטשופּרינטנס האַרטער כאַליעווע מיט דער האַנט. יענער האָט שטרענג אָפּגעוואָרפן זיין האַנט, אַ צי געגעבן ביי די לייצן, אים דורכלאָזנדיק פאָרויס.

— גיי, טייוול! דו טרייבסט גאָר שפּאַס מיט מיר?

דער געפאַנגענער האָט שולדיק גענומען זיך צוויילן, געגאַנגען שוין ערנסט, אָפּט זיך אומקוקנדיק צו די געבליבענע קאָזאַקן. זיין בלאָנדע טשופּרינע האָט טראָציק געשטאַרט אויף זיין שפּיץ קאָפּ. אַזעלכער איז ער אויך פאַרבליבן אין גריגאָריעס זכרון — די אויף די אַקסלען אָנגעהאָנגענע אויסגענייטע הוזאַרן־קורטקע, די בלאָנדע אויפגעשטעלטע טשופּרינע און דער זיכערער בראַווער גאַנג.

— מעליעכאָוו, גיי נעם אַראָפּ דאָס זאָטל פון זיין פערד. — האָט דער אוריאַדניק באַפוילן און מיט באַדויערונג אַ שפּיי געטון אויפן שטיקל פּאַפּיראָס, וואָס האָט אים שוין געבריט די פינגער.

גריגאָרי האָט אַראָפּגענומען דאָס זאָטל פון דער־הרגעטן פערד, צוליב עפּעס אויפגעהויבן דאָס נישט ווייט ליגנדיקע היטל. ער האָט אַ שמעק געטון צום אונטערשלאַק, דערפילט אַ האַרבן ריח פון ביליקן זייף און שווייס. ער האָט געטראָגן דאָס זאָטל, געהאַלטן אין דער לינקער האַנט די הוזאַרישע קעפּי. זיצנדיק טשיפּקע ביי דער סאָסנע, האָבן די קאָזאַקן גענישטערט אין די טאַשן, באַטראַכט דאָס ניי־פאָרמיקע זאָטל.

— דער טיטון זיינער איז גוטער, מען האָט געדאַרפט ביי

אים אויף נאָך אַ פּאַפּיראָס בעטן, — האָט סילאַנטיעוו באַ־
וויערט.

— יאָ, וואָס אמת, איז אמת, דער טיטון איז גוטער.

— ווי ער וואָלט זיס געווען, גלעט ווי פּוטער איבער דער קעל... — דער אוריאַדניק האָט אַ זיפץ געטון ביים דערמאָנען זיך און אַראָפּגעשלונגען דאָס שפּייעכץ.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט פון הינטער דער סאָסנע זיך באַוויזן דער קאָפּ פון אַ פערד. דער באַטשופּרינטער איז געריטן צוריק.

— נו?... — איז דער אוריאַדניק דערשראָקן אויפגעשפּרונ־
גען. — האָסט אים אָפּגעלאָזט?

פּאָכענדיק מיט דער נאַהייקע, איז דער באַטשופּרינטער צו־
געריטן, אַראָפּגעשטיגן פון פערד, זיך אַ צי געטון, אויסגלייכנדיק די פּלייצעס.

— וואו האָסטו אַהינגעטון דעם עסטרייכער? — האָט דער אוריאַדניק, צוגייענדיק, געפרעגט.

— וואָס קריכסטו? — האָט דער באַטשופּרינטער זיך אַ ביי־
זער געטון. — ער האָט אָנגעהויבן לויפן... געוואָלט אַנטלויפן...

— האָסטו אים אָפּגעלאָזט?

— מיר זענען אַריינגעקומען אין אויסגעהאַקטן פּאַס וואַלד, האָט ער אָנגעהויבן לויפן... האָב איך אים דערהרגעט...

— זאָגסט ליגנט! — האָט גריגאָרי אַ געשריי געטון. — אומזיסט דערהרגעט!

— וואָס רייסטו זיך? וואָס גייט עס דיך אָן?

דער באַטשופּרינטער האָט אויפגעהויבן זיינע אייזיקע אויגן אויף גריגאָריען.

— וואָ־אָ־אָס? — גריגאָרי איז פּאַמעלעך אויפגעשטאַנען, גע־
נומען זוכן מיט טרייסלענדיקע הענט אַרום זיך.

— קריך נישט, וואו מען דאַרף נישט! פאַרשטאַנען, האַ?

קריך נישט! — האָט דער באַטשופּרינטער שטרענג איבערגעחזרט.

אָנכאַפּנדיק די ביקס ביים רעמעט, האָט גריגאָרי פלינק זי פאַרוואָרפן צום אַקסל.

זיין פינגער האָט געציטערט, נישט אָנטרעפנדיק אויפן צינגל, דאָס גרוי געוואָרענע פּנים האָט זיך אויסטערליש פאַרקרימט.

— נו־נוו! — האָט דער אוריאַדניק דראָענדיק אויסגעשריגן, צולויפנדיק צו גריגאָריען.

אַ שטויס איז פאַרלאָפן דעם שאָס, און די קויל, אַראָפּהאַקנדיק נאָדלען פון די סאָסנעס, האָט עלאַסטיש־דין זיך צעוואָיעט.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט קאָשעוואָי אַרויסגעקרעכצט.

סילאַנטיעוו, ווי ער איז געזעסן מיטן צעעפנטן מויל, אַזוי איז ער זיצן געבליבן.

שטויסנדיק גריגאָריען אין דער ברוסט אַריין, האָט דער אוריאַדניק אים אויסגעריסן די ביקס, נאָר דער באַטשופּרינטער האָט נישט געענדערט זיין פּאָזע: ער איז נאָך אַלץ אַזוי געשטאַנען, פריי אַרויסגעשטעלט דעם פוס, זיך האַלטנדיק מיט דער לינקער האַנט ביים פּאַסעק.

— שיס נאָכאַמאָל:

— כ׳וועל דיך דערהרגענען!... — האָט גריגאָרי זיך אַ וואָרף געטון צו אים.

— וואָס איז דאָס מיט אייך?... וואָס איז דאָ אַזוינס?... איר ווילט געשטעלט ווערן פאַרן געריכט, דערשאָסן ווערן? לייג אַוועק דאָס געווער!... — האָט דער אוריאַדניק אַ רעווע געטון און, אָפּשטופּנדיק גריגאָריען, זיך אַוועקגעשטעלט מיט אויסגעשפּרייטע הענט צווישן זיי.

— זאָגסט ליגנט, וועסט נישט דערהרגענען! — האָט דער באַטשופּרינטער איינגעהאַלטן געלאַכט, טרייסלענדיק דעם אַרויסגעשטעלטן פוס.

[illegible]יריקצוועגס, שוין בין־השמשות־צייט, האָט גריגאָרי דער [illegible] באַמערקט אין אויסגעהאַקטן פּאַס וואַלד דעם קערפּער פון דערהרגעטן. ער איז צוגעריטן, אויסמיידנדיק די איבעריקע, פאַרהאַלטן דאָס שנאָרכענדיקע פערד און זיך איינגעקוקט: אויפן געקרייזלטן מעך, מיט אַ ווייט אַרויסגעוואָרפענער איבערגעקערטער האַנט, איינגעגראָבן מיטן פּנים אין מעך, איז אויסגעשטרעקט געלעגן דער דערהרגעטער. אויפן גראָז האָט, ווי אַ האַרבסט־בלאַט, טונקל זיך געגעלט זיין האַנטפלאַך. דער מוראדיקער קלאַפּ, וואָס איז, לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן, געגעבן געוואָרן פון הינטן, האָט צעשפּאָלטן דעם עסטרייכער אויף צווייען, פון אַקסל קרימלעך ביזן גאַרטל.

די קאָזאַקן זענען געריטן שווייגנדיק ביזן אָרט, וואו די סאָטניע איז איינקוואַרטירט געווען. דער בין־השמשות איז געדיכטער געוואָרן. דאָס ווינטל האָט געטריבן פון מערב אַ שוואַרצן פּוכיקן וואָלקן. פון ערגעץ אַ בלאָטיק אָרט האָט זיך געטראָגן אַ האַרבער ריח פון זומפּ, פון זשאַווערדיקער פייכטקייט, פון פוילעניש; עס האָט געשריגן אַ זומפּ־פויגל. די דרימלענדיקע שטילקייט איז איבערגעריסן געוואָרן דורכן קלינגען פון די פערדישע געשפּאַנען, צופעליקן קלאַפּ פון אַ שווערד אָן אַ זאָטל, קנאַקן פון די נאָדלצווייגלעך אונטער די פערדישע קאָפּיטעס. איבערן וואַלד־פּאַס האָבן אויף די שטאַמען פון די סאָסנעס זיך געלאָשן די טונקל־בראָנזיקע שפּורן פון דער פאַרגאַנגענער זון. דער באַטשופּרינטער האָט אָפּט געריכערט. דאָס טליִענדיקע פייערל האָט באַלויכטן זיינע גראָבע פינגער מיט די בולטע שוואַרצע נעגל, וואָס האָבן אַרומגעקלאַמערט דעם פּאַפּיראָס.

דער וואָלקן איז אָנגעשוואָומען איבערן וואַלד, אונטערשטרייכנדיק, געדיכטער מאַכנדיק די אויף דער ערד אָנגעוואָרפענע, אָפּבליאַקירטע, אומגעהייער טרויעריקע פאַרבן פון אָוונט.

XIII

די אָפּעראַציע צו פאַרנעמען די שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן פאַרטאָג. די פוסגייער־אָפּטיילונגען, האָבנדיק אין די פלאַנגען און הינטן רעזערוו די קאַוואַלעריע, האָבן געדאַרפט אָנהייבן דעם אָנגריף מיטן טאָג צוגלייך. ערגעץ איז פאָרגעקומען אַ צערודערונג: צוויי פולקן פוסגייער זענען נישט געקומען אין דער צייט; דער *211* שיכער־פולק האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג זיך איבערצוּוואַרפן אויפן לינקן פלאַנג; בשעת דער אַקציע פון אַרומרינגלען, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן דורך אַ צווייט פולק, האָט צו אייגענע באַטאַרייע עס באַשאָסן; עס האָט זיך געשאַפן אַ צעמישונג, דער פאַרניכטנדיקער פלאָנטער האָט צעדרייט די פלענער און דעם אָנגריף האָט געדראָעט זיך צו פאַרענדיקן, אויב נישט מיט קיין מפּלה פון די אָנגרייפנדיקע, איז יעדנפאַלס מיט אַ דורכפאַל. איידער די פוסגייער־אָפּטיילונגען האָבן זיך איבערגעטאַשט און די אַרטילעריע האָט אַרויסגעקריגן די געשפּאַנען מיט די האַרמאַטן, וואָס זענען צוליב עמעצנס אַ פאַראָרדענונג אַריינגעפירט געוואָרן ביינאַכט אין זומפּ, איז דערווייל די עלפטע דיוויזיע געגאַנגען אין אָנגריף. די וואַלדיקע, זומפּיקע געגנט האָט נישט דערלויבט צו אַטאַקירן דעם שונא מיט אַ ברייטן פראָנט, און אויף געוויסע אָפּשניטן איז די עסקאַדראָנען פון אונזער קאַוואַלעריע אויסגעקומען צוגיין אין אַטאַקע אין אָפּטיילונגען. די פערטע און פינפטע סאָטניעס פון *12* פולק זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין רעזערוו, די איבעריקע זענען שוין אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער כוואַליע פון אָנגריף, און צו די געבליבענע האָט אין אַ פערטל שעה אַרום זיך דערטראָגן אַ ליאַרעם און אויפטרייסלענדיקער יאָמערלעכער געוואָי:

„ררר־אַ־אַ־אַ־אַ — ר־אַ־אַ־אַ — ררר־אַ־אַ־אַ!...

— אונזערע האָבן געריררט!

— זיי האָבן זיך אַ לאָז געטון.

— דער קוילנוואַרפער שיט אַלץ געדיכטער.

— ער שניידט מסתמא אויס אונזערע...

— זיי זענען שטיל געבליבן, האַ?

— זיי דערנענטערן זיך, הייסט עס.

— באַלד וועלן מיר אויך אַריין אין טאַנץ, — האָבן די קאָזאַקן מיט הפסקות זיך דורכגעשמועסט.

די סאָטניעס זענען געשטאַנען אויף אַ וואַלד־לאָנקע. די הויכע סאָסנעס האָבן געשטאָכן אין די אויגן. כמעט לויפנדיק, איז פאַרבייגעגאַנגען אַ ראָטע סאָלדאַטן. דער כוואַטסקע פעלדפעבל האָט זיך פאַרהאַלטן; דורכלאָזנדיק די לעצטע רייען, האָט ער הייזעריקלעך אויסגעשריגן:

— נישט אויסקרימען די רייען!

די ראָטע האָט פאַרבייגעטאָפּטשעט, קלינגענדיק מיט די מאַניערקעס און פאַרשוואונדן הינטער די אָלכע־קוסטעס.

פון גאָר ווייט, פון הינטער דער וואַלדיקער שיפּוע, איז, דערווייטערנדיק זיך, ווידער געקומען צו שווימען דאָס אָפּגעשוואַכטע ליאַרמענדיקע שרייען: — „ראַ־אַ־אַ — אורר־ררראַ־אַ־אַ!... אַ־אַ־אַ" — און מיטאַמאָל, ווי אָפּגעשניטן, איז דאָס שרייען דערשטיקט געוואָרן. עס איז אַנטשטאַנען אַ געדיכטע איבלדיקע שטילקייט.

— אָט ווען זיי זענען צוזאַמענגעקומען!

— זיי ממיתן איינער דעם אַנדערן... זיי שטעכן זיך!...

אַלע האָבן זיך אָנגעשטרענגט איינגעהערט, נאָר די שטילקייט איז געשטאַנען אַן אומדורכדרינגלעכע. אין רעכטן פלאַנג האָט געזייעט

פעלד־פלאַשן.

טויט צווישן די אָנגרייפנדיקע די עסטרייכישע קאַוואַלעריע און געדיכט האָבן געשטעפּט דאָס געהער די קוילנוואַרפעס.

מעליעכאָוו גריגאָרי האָט באַטראַכט זיין אָפּטיילונג. די קאָזאַקן האָבן זיך דענערווירט, די פערד זענען געווען אומרויִק, ווי פליגן וואָלטן זיי געביסן. דער באַטשופּרינטער האָט אויפגעהאָנגען זיין היטל אויפן זאָטל־האָרן און זיך געווישט דעם בלוילעכן, שווייסיקן פּליך. לעבן גריגאָריען האָט גיריק זיך אָנגעטרונקען מיט מאַכאָרקע־רויך מיטקאַ קאָשעוואָי. אַלע זאַכן אַרום האָבן אויסגעזען דייטלעך און אומגעוויינטלעך רעאַל, — אַזוי געשעט, ווען מען שלאָפט נישט אַ גאַנצע נאַכט.

די סאָטניעס זענען אָפּגעשטאַנען אין רעזערוו אַ שעה דריי. דאָס שיסעריי האָט זיך איינגעשטילט און אָנגעוואַקסן מיט נייער קראַפט. איבער זיי האָט פאַרבייגערוישט און געמאַכט עטלעכע קרייזן עפּעס אַן אַעראָפּלאַן. ער האָט זיך געדרייט אויף אַן אומדערגרייכבאַרער הויך און אַוועקגעפלויגן אויף מזרח, פאַרנעמענדיק זיך אַלץ העכער; אונטער אים האָבן אין דער בלויקייט געפלאַטערט מילכיקע רויכלעך פון די אויפגעריסענע שראַפּנעלן: מען האָט געשאָסן פון אַ זעניט־האַרמאַט.

דעם רעזערוו האָט מען אַריינגעפירט אין דער שלאַכט מיטאָג־צייט. עס איז שוין אויסגערייכערט געווען דער גאַנצער זאַפּאַס מאַכאַרקע, די מענטשן זענען פאַרמאַטערט געוואָרן פון וואַרטן, ווען ס'איז אָנגעקומען דער הוזאַרן־אָרדינאַנס. דער קאָמאַנדיר פון דער פירטער סאָטניע האָט גלייך אַרויסגעפירט די סאָטניע אויפן אויסגעהאַקטן פּאַס וואַלד און זי אַוועקגעפירט ערגעץ זייטיק (גריגאָריען האָט זיך געדאַכט, אַז זיי רייטן צוריק). אַ מינוט צוואָנציק זענען זיי געריטן איבערן געדיכטן וואַלד, נישט אָפּהיטנדיק די אָרדענונג. צו זיי האָבן אַלץ נענטער זיך צוגערוקט די קלאַנגען פון דער שלאַכט; ערגעץ נישט וויט, פון הינטן, האָט איילִיק געזעצט אַ באַטאַרייע; איבער זיי האָבן ליאַרמענדיק און גריילצנדיק, גובר זייענדיק דער ווידערשטאַנד פון דער לופט, זיך

דורכגעטראָגן האַרמאַטן־קוילן. די סאָטניע, צעטיילט דורכן בלאָנ־זשען איבערן וואַלד, האָט זיך אַרויסגעשיט אויף אַ פריי אָרט. אַן ערך אַ האַלבע וויאָרסט פון זיי האָבן אין עק וואַלד אונגאַרישע הוזאַרן אויסגעהרגעט די באַדינונג פון אַ רוסישער באַטאַרייע.

— סאָטניע, פאַרמירן זיך!

זיי האָבן נישט באַוויזן פונאַנדערצושיטן זיך:

— סאָטניע, די שווערדן אַרויס, אין אַטאַקע מאַרש־ע־מאַרש!

אַ בלויער פלייץ־רעגן פון שווערד־קלינגען. פאַרשנעלערנדיק דעם טריט, איז די סאָטניע איבערגעגאַנגען אין גאַלאָפּ.

לעבן געשפּאַן פון עקסטן האַרמאַט האָבן זיך געפּאָרעט אַ מאַן זעקס אונגאַרישע הוזאַרן. איינער פון זיי האָט געשלעפּט ביי דער צוים די ווילד־געוואָרענע פערד; דער צווייטער האָט זיי גע־שלאָגן מיט דער שווערד; די איבעריקע, וואָס זענען אַראָפּ פון די פערד, האָבן זיך באַמיט צו רירן דעם האַרמאַט פון אָרט, שטופּנ־דיק ביי די ספּריכעס פון די רעדער. אין דער זייט איז אויף אַ קאָבילע פון שאָקאָלאַד־קאָליר מיט אַ קורצן וויידל אַרומגעריטן אַן אָפיציר. ער האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן. די אונגאַרן האָבן דער־זען די קאָזאַקן, אַוועקגעוואָרפן דאָס געווער און, אַרויפכאַפּנדיק זיך אויף די פערד, אַוועקגעריטן.

„אָט אַזוי, אָט אַזוי, אָט אַזוי!" — האָט גריגאָרי געציילט אין געדאַנק דאָס שפּרינגען פון זיין פערד. זיין פוס האָט אויף אַ רגע פאַרלוירן דאָס רייט־אייזן, און, פילנדיק די נישט זיכערע האַל־טונג אין זאָטל, האָט ער מיט אינערלעכער שרעק זיך באַמיט עס צו דערכאַפּן; ער האָט זיך אָנגעבויגן, עס דערכאַפּט, אַריינגע־רוקט דעם שפּיץ שטיוול און, אויפהייבנדיק די אויגן, דערזען דעם האַרמאַט מיט די זעקס געשפּאַנטע פערד; אויף דער פעדערשטער פּאָר — אַ דערהרגעטן רייטער מיט די הענט אַרום דעם פערדס האַלז און דאָס העמד פאַרגאָסן מיט בלוט און מאַרך. די קאָפּי־טעס פון פערד האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן כאָרכלענדיקן צעממיתטן

קאַנאָניר אונטער אים. לעבן איבערגעקערטן קאַסטן פון די קוילן זענען געלעגן נאָך צוויי, — דער דריטער — אויסגעשטרעקט איבערן לאַפעט*. אויסמיידנדיק גריגאָריען, איז סילאַנטיעוו געריטן פאָרויס. אים האָט כמעט גלייך אין האַרץ אַריין דערשאָסן אַן אונגאַרישער אָפיציר אויף אַ פערד מיט אַ קורצן ווײַדל. אונטערשפרינגענדיק אויפן זאָטל, האָט סילאַנטיעוו אָנגעהויבן פאַלן, כאַפּן, אַרומנעמען די בלויע ווייטקייט מיט די הענט... גריגאָרי האָט אַ צי געטון ביי די לייצן, באַמיענדיק זיך צו פאַרלויפן פון דער רעכטער זייט, עס זאָל אים אויסקומען צו דער האַנט און באַקוועמער זיין צו שלאָגן; באַמערקנדיק זיין מאַנעוור, האָט דער אָפיציר אויסגעשאָסן פון אונטער דער האַנט אַפּער. ער האָט אויסגעשאָסן אויף גריגאָריען דעם גאַנצן רעוואָלווער-מאַגאַזין און אַרויסגעכאַפּט די שווערד. דריי שרעקלעכע קלעפּ האָט ער, אַפּנים אַ גוטער פעכטער, אָפּגעשלאָגן שפּילעוודיק. גריגאָרי איז מיט אַ צעקרומט מויל אָנגעפאַלן אויף אים צום פירטן מאָל, זיך אויפשטעלנדיק אין די רייט-אייזנס (זייערע פערד האָבן גאַלאָפּירט כמעט צוזאַמען, און גריגאָרי האָט געזען דעם אונגאַרס אַש-גרויע, שטייפע, געגאָלטע באַק און דעם אויסגענייטן נומער אויפן קאָלנער פון זיין מונדיר), ער האָט אָפּגענאַרט דעם אונגאַרס וואַכזאַמקייט דורך אַ פאַלשן פאַרמעסט, און ענדערנדיק די ריכטונג פון קלאַפּ, אַריינגעשטאָכן די שפּיץ שווערד צווישן זיינע אַקסל-ביינער, דעם צווייטן קלאַפּ האָט ער אים דערלאַנגט איבערן האַלז, וואו עס ענדיקט זיך דער חוט-השדרה. אַראָפּלאָזנדיק די הענט מיט דער שווערד און די לייצן, האָט דער אונגאַר זיך אויסגעגלייכט, אויסגעבויגן די ברוסט, ווי פון אַ ביס, און אַ פאַל געטון אויפן האָרן פון זאָטל. פילנדיק אַ וואונדערלעכע פאַרלייכטערונג, האָט גריגאָרי אים נאָך אַ זעץ געטון איבערן קאָפּ. ער האָט געזען, ווי די שווערד האָט ביז איבערן קאַרב זיך איינגעגעסן אין זיין ביין איבערן אויער.

---

* דאָס געשטעל, אויף וועלכן דער האַרמאַט איז צוגעפעסטיקט.

אַ שרעקלעכער קלאַפּ איבערן קאָפּ פון הינטן האָט אַרויסגע־ריסן גריגאָריען דאָס באַוואוסטזיין. ער האָט דערפילט אין מויל אַ הייסע געזאַלצנקייט פון בלוט און פאַרשטאַנען, אַז ער פאַלט, — פון ערגעץ אין דער זייט, זיך דרייענדיק, איז שנעל געלאָפן אַקעגן אים דאָס אָפּגעשניטענע פעלד.

אַ האַרטער שטויס ביים פאַלן האָט אים אויף אַ רגע אומ־געקערט דאָס באַוואוסטזיין. ער האָט געעפנט די אויגן; זיי זענען פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט. אַ טופּעריי ביים אויער און דאָס שווע־רע סאָפּען פון אַ פערד: „כאַפּ, כאַפּ, כאַפּ!" ער האָט צום לעצטן מאָל געעפנט די אויגן, דערזען צעשפּרייטע, ראָזע נאָזלעכער פון אַ פערד, עמעצנס אַריינגעזעצטן שטיוול אין אַ רייט־אייזן. „גע־ענדיקט" — האָט ווי אַ שלענגל זיך אַ גליטש געטון אַ פאַרלייכטערנ־דיקער געדאַנק. אַ גערויש און אַ שוואַרצע פּוסטקייט.

XIV

אין די ערשטע טעג פון אויגוסט האָט דער סאָטניק יעווגעני ליסטניצקי באַשלאָסן זיך איבערצוטראָגן פון דער לייב־גוואַרדיע פון אַטאַמאַנישן פּולק אין וועלכן ס'איז קאָזאַקן־פּולק אַריין פון דער אַרמיי. ער האָט אָפּגעגעבן אַ ראַפּאָרט, און אין משך פון דריי וואָכן אויסגעפּועלט פאַר זיך אַ באַשטימונג אין איינעם פון די פּולקן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער אַקטיווער אַרמיי. דורכ־פירנדיק די פאָרמאַליטעטן, האָט ער פאַרן אַרויספאָרן פון פּעטער־בורג אינפאָרמירט דעם פאָטער וועגן אָנגענומענעם באַשלוס דורך אַ קורצן בריוו:

פאָטער, איך האָב מיך משתדל געווען וועגן איבערפירן מיך פון אַטאַמאַנישן פּולק אין דער אַרמיי אַריין. היינט האָב איך באַקומען די באַשטימונג און פאָר אַוועק צו דער דיספּאָזיציע פון קאָמאַנדיר פון צווייטן קאָרפּוס. איך וועט, מסתמא,

פאַרוואונדערן מיין אַנגענומענער באַשלוס, אָבער איך דער־קלער אים אויף פאָלגענדן אופן: מיר זענען דערווידער געוועזן די באַדינגונגען, אין וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו לעבן. פאַראַדן, אויפנאַמען, וואַכן — אָט די גאַנצע הויפישע דינסט איז מיר איבלדיק געוואָרן. דאָס אַלץ האָט זיך מיר צוגעגעסן ביז חלשות, עס בענקט זיך נאָך אינטענסי־ווער טעטיקייט, און אויב איר ווילט — נאָך עפּעס אַ העלדנ־טאַט. מען דאַרף זיך משער זיין, אַז אין מיר האָט זיך אָנ־גערופן דאָס רומפולע בלוט פון די ליסטניצקיס, פון יענע, וועלכע האָבן, אָנהייבנדיק פון דער פאָטערלענדישער מלחמה, אַריינגעפלאָכטן לאָרבערן אין קראַנץ פון רוסישן וואָפן. איך פאָר אויפן פראָנט, און בעט אייער ברכה. מיט אַ וואָך צו־ריק האָב איך געזען דעם קייסער פאַרן אַוועקפאָרן אין דער הויפּט־קוואַרטיר. איך פאַרגעטער דעמדאָזיקן מענטש. איך בין געשטאַנען אויף וואַך אין פאַלאַץ. ער איז געגאַנגען מיט ראָדזיאַנקאָ, און, דורכגייענדיק פאַרביי מיר, אַ שמייכל גע־טון, אָנגעוויזן אויף מיר מיט די אויגן און אַ זאָג געטון אויף ענגליש: „אָט איז מיין רומפולע גוואַרדיע, מיט איר וועל איך אין דער געהעריקער צייט שלאָגן די קאָרט פון ווילהעלמען". איך פאַרגעטער אים, ווי אַ פענסיאָן־מיידל. איך שעם מיך נישט אייך מודה צו זיין אין דעם, אפילו נישט געקוקט דערויף, וואָס איך בין שוין אַריבער די 28. מיך רעגן שטאַרק אויף די הויפישע רכילות, וואָס נעמען אַרום, ווי מיט שפינוועבס, דעם ליכטיקן נאָמען פון מאָ־נאַרך. איך גלייב נישט אין זיי און קאָן אין זיי נישט גלייבן. די טעג האָב איך שיער נישט דערשאָסן דעם עסאַול גראָמאָוו דערפאַר, וואָס ער האָט אין מיין קעגנוואַרט גע־וואַגט זיך אויסצודריקן מיט גרינגשעצונג וועגן זיין קייסער־לעכער מאַיעסטעט. דאָס איז נידערטרעכטיק, און איך האָב אים געזאָגט, אַז בלויז מענטשן, וואָס אין זייערע אָדערן פליסט פויעריש בלוט, קאָנען זיך דערנידעריקן צו שמוציקע

רכילות. דערדאָזיקער אינצידענט איז פאָרגעקומען אין דער אָנוועזנהייט פון עטלעכע אָפיצירן. מיך איז באַפאַלן אַ ווילד דער צאָרן. איך האָב אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און געוואָלט אויסברענגען איין קויל אויף אַ כאַם, נאָר די חברים האָבן מיך אַנטוואָפנט. מיט יעדן טאָג איז מיר אַלץ שווערער געוואָרן צו בלייבן אין דעם רינשטאָק. אין די גוואַרדיע־פולקן — באַזונדערס אין אָפיצירנטום — איז נישטאָ יענער עכטער פּאַטריאָטיזם, עס איז שרעקלעך צו זאָגן — איז נישטאָ קיין ליבע צו דער דינאַסטיע. דאָס איז נישט קיין אַדל, נאָר אַן ערב־רב. מיט דעם, אין גרונט גענומען, דערקלערט זיך מיין איבעררייס מיטן פולק. איך קאָן נישט זיין נאָענט צו מענטשן, צו וועלכע איך באַציי מיך נישט מיט קיין אַכטונג. נו, דאַכט זיך, שוין אַלץ. אַנט־שולדיקט פאַר דער געוויסער נישט געבונדנקייט, איך אייל מיך, מען דאַרף פּאַקן דעם טשעמאָדאַן און פאָרן צום קאָ־מענדאַנט. זייט געזונט, פאָטער. פון דער אַרמיי וועל איך שרייבן אַן אויספירלעכן בריוו.

אייער יעווגעני.

דער צוג קיין וואַרשע איז אָפּגעגאַנגען 8 אַ זייגער אין אָוונט. ליסטניצקי איז צוגעפאָרן מיט אַ דראָזשקע צום וואָקזאַל. פון הינטן האָט אין די טונקל־בלויע פייערן געשימערט פּעטער־בורג. אויפן וואָקזאַל איז ענג און טומלדיק. די איבערוויגנדיקע מער־הייט באַשטייט פון מיליטער־לייט. דער באַן־טרעגער האָט איינלאָ־קירט ליסטניצקיס טשעמאָדאַן, באַקומען קליינגעלט און געוואונטשן זיין וואוילגעבוירנהייט אַ גליקלעכן וועג. ליסטניצקי האָט אויסגע־טון די שווערד, דעם שינעל, אויפגעפּאַקט און אויסגעשפּרייט אויף דער באַנק די געבלימטע זיידענע קאַווקאַזער קאָלדרע. אונטן, ביים פענסטער, האָט אויסגעלייגט אויפן טישעלע זיין היימישן פראָ־וויאַנט און זיך אונטערגעלענט אַ דאַרער גייסטלעכער מיט אַ פּנים פון אַן אַסקעט. אָפּשאָקלענדיק די ברויט־קרישקעס פון זיין

וואָליקער באָרד, האָט ער מכבד געווען דאָס טונקל־הויטיקע מאָ־גערע מיידל אין אוניפאָרם פון אַ גימנאַזיסטין, וואָס איז געזעסן קעגן אים.

— איר וועט אפשר פאַרזוכן, האַ?

— איך דאַנק אייך.

— זשעניִרט אייך נישט, איר דאַרפט ביי אייער קאָמפּלעקציע* מער עסן.

— אַ דאַנק.

— אָט דידאָזיקע קעז־קיכלעך פאַרזוכט. אפשר וועט איר, הער אָפיציר, פאַרזוכן?

ליסטניצקי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— איר רעדט צו מיר?

— יאָ, יאָ. — דער גייסטלעכער האָט אים דורכגעבויערט מיט זיינע מרה־שחורהדיקע אויגן פון ברוינעם שטיין־קאָליר און גע־שמייכלט בלויז מיט די דינע ליפּן אונטער די אַראָפּגעהאָנגענע שיטערע וואָנסעס.

— אַ דאַנק. איך וויל נישט.

— אַ שאָד. דאָס, וואָס קומט אין מויל אַריין, מאַכט נישט קאַליע. איר פאָרט נישט אַמאָל אין דער אַרמיי אַריין?

— יאָ.

— זאָל אייך גאָט העלפן.

ליסטניצקי האָט אין לייכטן דרימל געהאַט דעם איינדרוק, ווי עס דערטראָגט זיך צו זיין געהער דער געדיכטער באַס פון גייסטלעכן, און עס האָט זיך אים שוין געדאַכט, אַז דאָס רעדט נישט דער גייסטלעכער מיט אַזאַ קלאַנגדיק קול, נאָר דער עסצימער גראַמאָוו.

---

* קערפּער־בוי.

— ...איר ווייסט דאָך: אַ פֿאַמיליע, אָן אָרימע פּאַראַפּיע. פֿאַר איך אַלס גייסטלעכער צום מיליטער. דאָס רוסישע פֿאָלק קאָן זיך נישט באַגיין אָן אמונה. און פֿון יאָר צו יאָר, זעט איר, ווערט די אמונה שטאַרקער. עס זענען דאָ טאַקע אַזעלכע, וואָס גייען אַוועק, נאָר דאָס איז פֿון דער אינטעליגענץ, אָבער דער פּויער האַלט זיך פֿעסט אָן גאָט. יאָ... אַזוי איז עס... — האָט דער באַס אָפּגעזיפֿצט, און — ווידער אַ שטראָם ווערטער, וואָס דרינגען שוין נישט אַריין אין באַוואוסטזיין.

ליסטניצקי איז איינגעשלאָפֿן. דאָס לעצטע, וואָס ער האָט נאָך אויפֿגענומען וואַכעדיקערהייט, איז געווען — דער ריח פֿון פֿריש-געפֿאַרבטן סופֿיט פֿון שמאָלע ברעטלעך און דער אויסגעשריי היני-טערן פֿענסטער:

— מען האָט אָנגענומען אויף באַגאַזש, און מיך גייט עס נישט אָן!

„וואָס האָט מען אָנגענומען אויף באַגאַזש?" — האָט דאָס באַוואוסטזיין זיך אַ רודער געטון, און דער פֿאָדעם האָט אומבאַ-מערקט זיך איבערגעריסן. נאָך די צוויי שלאָפֿלאָזע נעכט איז אים באַפֿאַלן אַ דערפֿרישנדיקער שלאָף. ליסטניצקי האָט אויפֿגעוואַכט, ווען דער צוג איז שוין געהאַט אָפּגעלאָפֿן פֿון פּעטערבורג אַ פֿערציק וויאָרסט. ריטמיש האָבן געקלאַפּט די רעדער — טאַ-טאַ, טאַ-טאַ, דער וואַגאָן האָט זיך געוויגט, באַאומרויִקט דורכן אימפּעט פֿון לאָקאָמאָטיוו, ערגעץ אין אַ שכנישן קופּע האָט מען שטיל גע-זונגען, די לאָמטער האָט געוואָרפֿן קרומע פּיאַלעט-שאָטנס.

דאָס פֿולק, וואוהין דער סאָטניק ליסטניצקי האָט באַקומען די באַשטימונג, האָט געליטן אַ גרויסן פֿאַרלוסט אין די לעצטע שלאַכטן, איז אַרויסגעפֿירט געוואָרן פֿון דער ספֿערע פֿון קאַמף און אַצינד אייליק רעמאָנטירט געוואָרן דורך די פֿערד פֿון רעזערוו און נייע מענטשן.

דער שטאַב פֿון פֿולק האָט זיך געפֿונען אין גרויסן האַנדלס-דאָרף בערעזניאַק. ליסטניצקי איז אַרויסגעגאַנגען פֿון וואַגאָן אויף

עפּעס אַ קליינער סטאַציע אָן אַ נאָמען. דאָרט איז אויך אויסגע־לאָדנט געוואָרן דער פעלד־לאַזאַרעט. אינפאָרמירנדיק זיך ביים דאָקטאָר, וואוהין דער לאַזאַרעט גייט, איז ליסטניצקי געוואויר געוואָרן, אַז ער ווערט איבערגעוואָרפן פון דרום־מערבדיקן פראָנט אויף דעם אָפּשניט און וועט באַלד זיך אַוועקלאָזן לויטן מאַרשרוט בערעזניאַק–איוואַנקאָווא–קרישאָווינסק. דער גרויסער פּורפּורנער דאָקטאָר האָט זיך זייער אומפריינטלעך אָפּגערופן וועגן זיין אומ־מיטלבאַרער אָנפירערשאַפט, געזידלט די שטאַב־לייט פון דער דיוויזיע און, שויבערנדיק די באָרד און פינטלענדיק מיט בייזע אויגן פון הינטער די גאָלדענע פענסנע אָפּער, האָט ער זיין גאַנצע גאַליקע ביטערקייט אויסגעגאָסן פאַרן צופעליקן מיטשמועסער.

— איר קאָנט מיך אפשר מיטנעמען קיין בערעזניאַק ? — האָט אים ליסטניצקי איבערגעשלאָגן אינמיטן רעדן.

— זיצט אויף, סאָטניק, אויף דער צוויי־רעדערדיקער בריטשקע. פאָרט מיט, — האָט דער דאָקטאָר מסכּים געווען, און פאַמיליאַר דרייענדיק אַ קנאָפּ פון סאָטניקס שינעל, זוכנדיק מיטגעפיל, האָט ער געדונערט מיט אַן איינגעהאַלטענעם באַס :

— גיט נאָר אַ טראַכט, סאָטניק : מיר האָבן זיך געשלעפּט צווייהונדערט ווי־אָרסט אין וואַגאָנעס פאַר פּי, כּדי דאָ זיך אַרומ־צודרייען ליידיק, בשעת אויף יענעם אָפּשניט, פונוואַנען מיין לאַ־זאַרעט איז אַריבערגעוואָרפן געוואָרן, זענען צוויי טעג אָנגעגאַנ־גאַנגען די בלוטיקסטע שלאַכטן און ס׳איז געבליבן אַ מאַסע פאַר־וואונדעטע, וועמען ס׳איז שוין נייטיק געווען אונזער הילף. — (דער דאָקטאָר האָט מיט בייזער הנאה איבערגעחזרט : „די בלוּ־טיקסטע שלאַכטן”, אַקצענטירנדיק די „ט” מיט אַ ברומען).

— מיט וואָס לאָזט זיך דערקלערן דידאָזיקע אומאָרדענונג ? — האָט דער סאָטניק זיך פאַראינטערעסירט אויס העפלעכקייט.

— מיט וואָס ? — האָט דער דאָקטאָר איראָניש פאַרצויגן די ברע־מען איבער די פענסנע און אַ רעווע געטון : — מיט דער צעפאָרנקייט, זינלאָזיקייט און נאַרישקייט פון דער אָנפירערשאַפט, אָט מיט וואָס !

זיי זיצן דאָרט, די מנוולים, און פּלאָנטערן. ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל אַרויסגעבן פּאַראָרדענונגען, ס׳איז פּשוט נישטאָ קיין געזונטער שׂכל. איר געדענקט ווערסאַיעווס „נאָטיצן פון אַ דאָקטאָר״? אָט דאָס איז עס! מיר חזרן איבער אין קוואַדראַט*.

ליסטניצקי האָט אַפּסאַלוטירט און זיך געלאָזט גיין צום טראַנספּאָרט. פון הינטן האָט אים נאָכגעקראַקעט דער בייזער דאָקטאָר:

— מיר וועלן פאַרשפּילן די מלחמה, סאָטניק! מיר האָבן ביי די יאַפּאַנער פאַרשפּילט און נישט קליגער געוואָרן. מיר וועלן מיט די היטלען פאַרוואַרפן, וואָס איז דאָ צו רעדן... — און ער איז אַוועקגעגאַנגען איבערן פּלאַנט, שפּרייזנדיק איבער די קאַלוזשעס, פאַרלאָפּענע מיט רעגנבויגנדיקן פעטן גלאַנץ פון נאַפט, און פאַרזאָרגט שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

עס איז שוין טונקל געוואָרן, ווען דער לאַזאַרעט איז אָנגעקומען קיין בערעזניאַק. דער ווינט האָט געשויבערט דאָס געלע שטעכעדיקע שטרוי פון אָפּגעשניטענעם פעלד. אויף מערב האָבן זיך געזאַמלט און פונאַנדערגעגאַנגען וואָלקנס. אינדערהייך האָבן זיי פּיאָלעט זיך געטונקלט, עטוואָס נידעריקער — פאַרלוירן די אויסטערלישקייט פון זייערע פאַרבן און, בייטנדיק דעם טאָן, צאַרט געגאָסן איבערן מאַטן געוועלב פון הימל בעז-בלויע און אַשפּאַרביקע אָפּגלאַנצן. אינמיטן האָט די גאַנצע פאַרמלאָזע מאַסע, ענג צונויפגעדריקט, ווי קריִעס אין אַן אייז-פאַרהאַלטונג, זיך צערוקט, און אין דער עפענונג איז אָן אויפהער געפלאָסן אַן אָראַנזש-פאַרביקער שטראָם פון שקיעה-שטראַלן. דער שטראָם האָט זיך צעשפּריצט ווי אַ פּעכער, שטויבנדיק זיך איבערגעבראָכן, ווערטיקאַל געפאַלן, און אונטער דער עפענונג וואונדערלעך שיין זיך צעשפּילט אין אַן אָרגיע פון רעגנבויגנדיקע שטראַלן.

---

* אין קוואַדראַט — (אין אַלגעברע) ווערט אָנגערופן אַ צאָל, וואָס ווערט געטאָפּלט אויף זיך אַליין. למשל, צוויי מאָל צוויי.

אין ראָוו ביים וועג איז געלעגן אַ דערשאָסן געל פערד. איין הינטערשטער פוס, ווילד פאַרריסן אינדערהייך, האָט געגלאַנצט מיט אַ האַלב־אָפּגעריבענער פּאָדקאָווע. אונטערשפּרינגענדיק אין דער צוויי־רעדערדיקער בריטשקע, האָט ליסטניצקי באַטראַכט דעם טויטן קערפּער פון פערד. דער סאַניטאַר, וואָס איז געפאָרן מיט זיי, האָט אויפגעקלערט, אַ שפּיי געבנדיק אויפן אויפגעקוואָלענעם בויך פון פערד:

— עס האָט מיט האָבער זיך אָנגעפרעסן... איבערגעפרעסן, — האָט ער זיך אויסגעבעסערט, אַ קוק געבנדיק אויפן סאָטניק. ער האָט געוואָלט נאָכאַמאָל אַ שפּיי טון, נאָר אַראָפּגעשלונגען דאָס שפּייעכץ אויס העפלעכקייט און זיך אָפּגעווישט די ליפּן מיטן אַרבל פון דער קורטקע. — עס איז געפּגרט — און אויפרוימען דאַרף מען עס נישט, אָט וואָס פאַר אַ פאָלק די רוסן זענען. ביי די דייטשן, ביי זיי איז נישט ווי ביי אונז.

— און פונוואַנען ווייסטו? — האָט מיט אומבאַגרינדעטן פאַרדרוס געפרעגט ליסטניצקי און אין זעלבן מאָמענט אויך אַזוי גרונטלאָז און שאַרף געהאַסט דאָס גלייכגילטיקע פּנים פון סאַניטאַר מיטן אויסדרוק פון העכערקייט און פאַראַכטונג. דאָס פּנים איז געווען גרוילעך, לאַנגווייליק, ווי אַ סעפּטעמבער־פעלד נאָכן שניט; עס האָט מיט גאָרנישט זיך אונטערגעשיידט פון די טויזנטער אַנדערע פויעריש־סאָלדאַטישע פּנימער; פון יענע, וועלכע ער, דער סאָטניק, האָט באַגעגנט און דעריאָגט אויפן וועג פון פּעטערבורג צום פראָנט. זיי אַלע האָבן אויסגעזען אַזוי אָפּגעבליאַקעוועט, אַ טעמפּע פאַרגליווערטקייט האָט אַרויסגעקוקט פון זייערע גרויע, בלויע, גרינלעכע און אַנדערע אויגן, און זיי האָבן שטאַרק דערמאַנט אָן אָפּגעריבענע אַלטע קופּערנע מטבעות.

— איך האָב אין דייטשלאַנד פאַרברענגט דריי יאָר פאַר דער מלחמה, — האָט דער סאַניטאַר געלאַסן געענטפערט. און אין דער אינטאָנאַציע פון זיין קול האָט זיך געהערט די זעלבע העכערקייט און פאַראַכטונג, וואָס דער סאָטניק האָט אויפגעכאַפּט אין זיין בליק.

— איך האָב געאַרבעט אין קעניגסבערג אין אַ ציגאַרן־פּאַבריק, — האָט דער סאַניטאַר לאַנגווייליק אַרויסגעזיגן, אונטער־טרייבנדיק זיין פערד מיטן קנופּ פון די רעמעט־לייצן.

— נו, שווייג שוין! — האָט ליסטניצקי שטרענג געזאָגט און זיך אויסגעדרייט, באַטראַכטנדיק דעם קאָפּ פון פערד מיט דער אַראָפּגעפאַלענער גריווע איבער די אויגן און די אָנטבלויזטע, מאַט־געוואָרענע יאַסלעס אויף דער זון.

דער פוס פון פערד, וואָס איז פאַרריסן געווען אַרויף, איז געווען אויסגעבויגן אין געלענק פון דער קני, די קאָפּיטע — לייכט געפלאַצט פון די פּאָדקאָווע־נעגל, נאָר דער מושעל גופא האָט דייטלעך געלויכטן מיט אַ בלויליכן גלאַנץ. און דער סאָטניק האָט לויטן פוס, לויט דער דין־געטאָקטער באַקע דערקענט, אַז דאָס פערד איז געווען אַ יונגס און פון אַ גוטער ראַסע.

די צווי־רעדערדיקע בריטשקע, אונטערשפּרינגענדיק איבערן אויסגעהאַקטן זייטיקן וועג, איז אַוועקגעפאָרן ווייטער. עס זענען טונקל געוואָרן די פאַרבן אויפן מערבדיקן הימל־ראַנד, דער ווינט האָט צעטריבן די וואָלקנס. דער פוס פון טויטן פערד האָט זיך געשוואַרצט פון הינטן, ווי אַ קאַפּליצע אָן אַ טורעם. ליסטניצקי האָט אַלץ געקוקט אויף אים, און פּלוצלינג איז אויפן פערד אין אַ רעדל אַראָפּגעפאַלן אַ סנאָפּ שטראַלן, און דער פוס מיט דער גלאַט־געלער שערשטש האָט אויפגעבליט, ווי עפּעס אַ וואונדער־לעכע אָנבלעטערדיקע צווייג, אַ באַצירטע אין אָראַנזש־קאָליר.

שוין ביים אַריינפאָרן קיין בערעזניאַק האָט דער לאַזאַרעט זיך באַגעגנט מיט אַ טראַנספּאָרט פּאַרוואונדעטע.

דער באַיאָרטער געגאָלטער ווייסרוס — דער באַלעבאָס פון ערשטן וואָגן — איז געגאַנגען לעבן פערד, מיט די שטריק־לייצן אין דער האַנט. אויפן וואָגן, אָנגעשפּאַרט אויף די עלענבויגנס, איז געלעגן אַ קאָזאַק אָן אַ היטל מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ. ער האָט געהאַלטן מיד פאַרמאַכט די אויגן, געקייעט ברויט און אויס־געשפּיגן די שוואַרץ־איבערגעקייעטע קאַשע. לעבן אים איז אויפן

בויך געלעגן אַ קאָזאַק. אויף זיין הינטער־חלק האָבן געשטאַרט אומגעלומפערט־צעריסענע הויזן, שטייפע פון פאַרגליווערטן בלוט. דער סאָלדאַט האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און בייז געזידלט. ליסטניצקי האָט זיך דערשראָקן, זיך איינהערנדיק אין דער אינטאָנאַציע פון זיין קול. אַזוי זענען מתפּלל שטאַרק גלויביקע. אויפן צווייטן וואָגן זענען געלעגן אויסגעלייגט אַ מאַן זעקס סאָלדאַטן. איינער פון זיי, אַ פיבערדיק־פרייליכער, האָט דערציילט, זשמורענדיק די רויט־אָנגעצונדענע אויגן.

— ...עס זאָל האָבן געקומען אַ שליח פון זייער קייסער און פאָרגעלייגט צו שליסן שלום. דער עיקר — ער איז אַן ערלעכער מאַן: איך האָף — ער וועט נישט אָפּנאַרן.

— ווער ווייסט, — האָט דער צווייטער געצווייפלט, שאָקלענדיק מיטן קיילעכיקן קאָפּ מיט סימנים פון אַמאָליקער געלזוכט.

— וואַרט צו, פיליפּ, אפשר איז דאָס טאַקע אמת, אַז ער איז געקומען, — האָט מיט אַ ווייכן דיאַלעקט פון דער וואָלגעגעגנט זיך אָנגערופן אַ דריטער, וואָס איז געזעסן מיטן רוקן צו די באַגעגנטע.

אויפן דריטן וואָגן האָבן זיך גערייטלט לאַמפּאַסן פון קאָזאַקישע הימלען. דריי קאָזאַקן זענען באַקוועם געלעגן אויפן ברייטן וואָגן, שווייגנדיק געקוקט אויף ליסטניצקין, און אויף זייערע פאַרשטויבטע שטרענגע פּנימער איז נישט געווען אפילו קיין שאָטן פון יענער חשיבות, וועלכע מען באַמערקט אין די מיליטער־רייען.

— וואָס מאַכט איר, סטאַניצע־לייט! — האָט דער סאָטניק זיי באַגריסט.

— מיר ווינטשן געזונט, — האָט נאַכלעסיק געענטפערט דער עקסטער לעבן אָנטרייבער, אַ שיינער קאָזאַק מיט זילבערנע וואָנסעס און געדיכטע ברעמען.

— פון וועלכן פּולק ? — האָט ליסטניצקי געפרעגט, באַמיִענ־דיק זיך צו דערזען דעם נומער אויפן קאָזאַקס בלויער שליפע.

— פון צוועלפטן.

— וואו געפינט זיך אַצינד אייער פּולק ?

— איך קאָן נישט וויסן.

— און וואו זענט איר פאַרוואונדעט געוואָרן ?

— הינטערן דאָרף דאָ... נישט ווייט.

די קאָזאַקן האָבן זיך עפּעס דורכגעשעפּטשעט און איינער פון זיי, צוהאַלטנדיק מיט דער געזונטער האַנט די פאַרוואונדעטע, וואָס איז פאַרבונדן געוועזן מיט אַ שטיקל לייוונט, איז אַראָפּגעשפּרונ־גען פון וואָגן.

— אייער וואוילגעבוירנהייט, וואַרט־צו אַ רגע. — ער האָט פאָרזיכטיק געטראָגן די דורכגעשאָסענע פּיבערנדיקע האַנט, גע־גאַנגען איבערן וועג, שמייכלענדיק צו ליסטניצקין און וואַקלהאַפּט שטעלנדיק די באָרוועסע פיס.

— איר זענט נישט אַמאָל פון דער וויעשענסקער סטאַניצע ? ליסטניצקי אפשר ?

— יאָ, יאָ.

— האָבן מיר דאָך טאַקע געטראָפן. אייער האייל געבוירנ־הייט, איר וועט אפשר געבן צו פאַררייכערן ? זייט מכבד, ווי גאָט איז אייך ליב, מיר גייען אויס נאָך אַ ביסל טיטון !

ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן דער געפאַרבטער בריטשקע, געגאַנגען דערלעבן, ליסטניצקי האָט אַרויסגענומען דעם פּאָרט־סיגאַר.

— איר וואָלט אונז איבערגעלאָזט אַ צענטליק. מיר זענען דאָך זאַלבעדריט, — האָט דער קאָזאַק מיט געבעט אַ שמייכל געטון.

ליסטניצקי האָט אים אויסגעשיט אין דער ברוינער היפּשער האַנט אַריין דעם גאַנצן זאַפּאַס פון זיינע פּאַפּיראָסן און גע־פרעגט :

— אַ סך פאַרוואונדעטע זענען דאָ אין פּולק?

— אַ צוויי צענטליק.

— די פאַרלוסטן זענען גרויסע?

— אַ סך דערהרגעטע. גיט, אייער וואוילגעבוירנהייט, אַ שטיקעלע פּייער. אַ דאַנק. — פאַררייכערנדיק, איז דער קאָזאַק הינטערשטעליק געבליבן און נאָכגעשריגן דעם אָפיציר: — פון טאַטערישן טוטאָר, לעבן אייער גוט, זענען היינט דריי דערהרגעט געוואָרן. די קאָזאַקן האָט מען צוריקגעצויגן.

ער האָט אַ פּאָכע געטון מיט דער האַנט און געגאַנגען דערטאָגן זיין וואָגן.

דער ווינט האָט געפּעלבלט אויף אים די נישט אַרומגעצאַרטלטע בלוזע פון האַקי-קאָליר.

דער קאָמאַנדיר פון פּולק, צו וועלכן ליסטניצקי איז צוגעטיילט געוואָרן, איז איינגעשטאַנען אין בערעזניאַק ביים גייסטלעכן. דער סאָטניק האָט זיך געזעגנט אויפן פּלאַץ מיטן דאָקטאָר, וואָס האָט גאַסטפריינטלעך אים אָפּגעגעבן אַן אָרט אויף דער צוויי-רעדערדיקער סאַניטאַר-בריטשקע, און זיך געלאָזט גיין, אָפּקלאַפּנדיק אויפן וועג דעם מונדיר פון שטויב און נאָכפרעגנדיק זיך ביי די באַגעגנטע, וואו עס געפינט זיך דער שטאַב פון פּולק. אַנטקעגן אים האָט אַ פלאַמיק-געלער פעלדפעבל געפירט אַ סאָלדאַט אויף קאַראַול. ער האָט סאַלוטירט דעם סאָטניק, נישט פאַרלירנדיק דעם טריט, געענטפערט אויף דער פראַגע און אָנגעוויזן דאָס הויז. אין די צימערן פון שטאַב איז געווען שטיל, ווי אין איטלעכן שטאַב, וואָס געפינט זיך ווייט פון די פעדערשטע פּאָזיציעס. די שרייבערס זענען געזעסן אָנגעבויגן איבערן גרויסן טיש, ביים טרייבל פון פעלד-טעלעפאָן האָט זיך געוויצלט מיטן אומגעזעענעם מיטשמועסער אַן אַלטער עסאַול. אויף די פענסטער פון דער גערוימער כאַטע האָבן געזומזעט פליגן און ווי דאָס יאָמערן פון מוקן האָט גערוישט דאָס ווייטע קלינגען פון טעלעפאָן. אַ קוריער האָט אַוועקגעפירט דעם סאָטניק צום פּולק-קאָמאַנדיר. דער הויכער, פון עפּעס

דענערווירטער פּאָלקאָווניק, מיט אַ דרייעקיקן העפּט אויף דער גאַמבע, האָט אים אויפגענומען אין פּאַרצימער אומפריינטלעך.

— איך בין דער פּאָלק־קאָמאַנדיר, — האָט ער געענטפערט אויף דער פראַגע און, אויסהערנדיק, אַז דער סאָטניק האָט דעם כבוד זיך צו שטעלן צו זיין דיספּאָזיציע, האָט ער שווייגנדיק, מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט, אים איינגעלאַדן אין צימער אריין. נאָכן פאַרמאַכן די טיר הינטער זיך, האָט ער מיט אַ זשעסט פון שטאַרקער מידעקייט זיך גלייך געמאַכט די האָר און געזאָגט מיט אַ ווייך מאַנאָטאָן קול:

— מען האָט מיר נעכטן מיטגעטיילט וועגן דעם פון בריגאַ־דע־שטאַב. ביטע, זעצט זיך.

ער האָט אויסגעפרעגט ליסטניצקין וועגן דער פריערדיקער דינסט, וועגן די נייעסן פון דער הויפּטשטאָט, וועגן וועג; און אי־בער דער גאַנצער צייט פון זייער קורצן שמועס קיין איינמאָל נישט אויפגעהויבן אויף זיין מיטשמועסער די אויגן, וואָס זענען באַשווערט געווען פון עפּעס אַ גרויסער מידעקייט.

„מ׳דאַרף זיך משער זיין, אַז מען האָט אים געגעבן גוט צו שמעקן אויפן פראָנט. ער זעט אויס טויט מיד״, — האָט מיט־פילנדיק אַ קלער געטון דער סאָטניק, באַטראַכטנדיק דעם פּאָלקאָווי־ניקס הויכן קלוגן שטערן. אָבער יענער, ווי ער וואָלט אים גע־וואָלט אַרויספירן פון אַ טעות, האָט זיך אַ קראַץ געטון מיטן הענטל פון דער שווערד אין דער נאָז און געזאָגט:

— גייט, סאָטניק, באַקענט זיך מיט די אָפיצירן, איך בין, זעט איר, נישט געשלאָפן דריי נעכט. חוץ קאָרטן־שפּילן און שיכורן, איז אין דעם העק נישטאָ וואָס צו טון.

ליסטניצקי האָט, סאַלוטירנדיק, פאַרבאָרגן אין שמייכל זיין טיפע פאַראַכטונג. ער איז אַוועקגעגאַנגען, מיט שנאה גדעדנקענ־דיק אָן דער באַגעגעניש, איראָניזירנדיק איבער דעם געפיל פון אַכטונג, וואָס עס האָבן נישט ווילנדיק אַרויסגערופן אין אים דאָס

מידע אויסזען און דער העפט אויף דער ברייטער גאָמבע פון פּולקאָווניק.

XV

די דיוויזיע האָט באַקומען די אויפגאַבע צו פאָרסירן דעם טייך סטיר און לעבן לאָוויטש צו פאַרגיין דעם שונא אין רוקן.

ליסטניצקי האָט אין משך פון עטלעכע טעג זיך צונויפגעלעבט מיט דער אָפיציִרן-גרופּע פון פּולק; אים האָט שנעל אַריינגעצויגן די אַטמאָספערע פון פראָנט, אַרויסשטויסנדיק די געמיטלעכקייט און שטילע רו, צו וועלכער זיין נשמה איז געוואוינט געווען.

די אָפּעראַציע פון פאָרסירן דעם טייך איז אויסגעפירט געוואָרן דורך דער דיוויזיע גלענצנדיק. די דיוויזיע האָט אָנגעגריפן דעם לינקן פליגל פון שונאס באַדייטנדיקע קרעפטן און אויסגעקומען אין זיין רוקן. הינטער לאָוויטש האָבן די עסטרייכער, ביי דער אונטערשטיצונג פון מאַדיאַרישער קאַוואַלעריע, געפּרוווט איבערגיין אין קאָנטר-אַטאַקע, נאָר די קאָזאַקן-באַטאַרייעס האָבן זיי באַהאָגלט מיט שראַפּנעלן, און די דעפאָרמירטע מאַדיאַרישע עסקאַדראָנען האָבן אָפּגעטרעטן אין אומאָרדענונג, פאַרניכטעט דורכן פלאַנג-פייער פון די קוילנוואַרפערס, פאַרפאָלגט פון די קאָזאַקן.

ליסטניצקי איז געגאַנגען מיטן פּולק אין קעגן-אָנגריף, זייער דיוויזיאָן איז באַפאַלן דעם אָפּטרעטנדיקן שונא. די דריטע אָפּטיילונג, מיט וועלכער ליסטניצקי האָט אָנגעפירט, האָט פאַרלוירן איין קאָזאַק א דערהרגעטן און פיר פאַרוואונדעטע. מיט אויסערלעכער רויִקייט איז דער סאָטניק דורכגעריטן פאַרביי לאָשטשענאָוון, ער האָט זיך באַמיט נישט צו הערן זיין הייזעריק נידעריק קול. לאָשטשענאָוו — א יונגער קאָזאַק מיט אַן אָדלער-נאָז פון דער

קראַסנאָקוטער סטאַניצע — איז געלעגן צוגעדריקט צו זיין דערהרגעט פערד, וואָס איז אויף אים אַרויפגעפאַלן. ער איז געווען פאַרוואונדעט פון פאָרנט אין אַן אַקסל, געלעגן שטיל, קרעכצנדיק, און זיך געבעטן ביי די דורכרייטנדיקע קאָזאַקן:

— ברידערלעך, פאַרלאָזט נישט! באַפרייט, ברידערלעך...

דאָס נידעריקע, מיט פיין־אָנגעזאַפטע קול, האָט געקלונגען מאַט, נאָר אין די אויפגעברויזטע הערצער פון די דורכרייטנדיקע קאָזאַקן איז נישט געווען קיין רחמנות, און אויב ס׳איז אַפילו יאָ געווען, האָט עס דער ווילן, נישט לאָזנדיק קומען צום אויסדרוק, געדריקט און געשטיקט. די אָפטיילונג איז פינף מינוט געריטן טריט־ביי־טריט, לאָזנדיק אָפרוען די פערד, וואָס האָבן געסאַפּעט נאָכן שנעלן לויפן. אויף אַ האַלבער ווייאָרסט פון זיי האָבן אָפּגעטרעטן די דעפּאָרמירטע עסקאַדראָנען פון די מאַדיאַרן. צווישן זייערע שיינע אַרומגעזוימטע קורטקעס האָבן געמינייעט די בלוילעךגרויע מונדירן פון די פוסגייער. פון דער שיפּוע פון באַרג האָט זיך אַראַפּעלאָזט דער עסטרייכישער טאַבאָר, איבער אים האָבן, ווי צום געזעגענען, געפלאַטערט די מילכיקע רויכלעך פון די שראַפּנעלן. פון ערגעץ לינקס האָט איבער די פּראָוויאַנט־וואָגנס האַסטיק געשאָסן אַ באַטאַרייע. די קאָלערנדיקע דונערן האָבן זיך אויסגעבעבעט איבערן פעלד, זיך אָפּרופנדיק אין וואַלד מיט אַ סך ווידערקולות.

דער מיליטערישער עלטסטער סעראַפּימאָוו, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן דיוויזיאָן, האָט אַ קאָמאַנדעווע געטון „אין שנעלגעלויף”, און דריי סאָטניעס האָבן זיך פונאַנדערגעשיט, אויסגעצויגן און שוואַר־טרייסלענדיק אַוועקגעריטן. די פערד אונטער די רייטערס האָבן זיך געוויגט, ענלעך צו געל־ראָזע בלומען איז געפאַלן די שוים פון זיי.

די נאַכט האָט מען גענעכטיקט אין אַ קליין דערפל.

צוועלף אָפיצירן פון פולק האָבן זיך צונויפגעדריקט אין איין באַלופּע. דערשלאָגענע פון מידקייט, האָבן זיי זיך הונגעריקע גע־

לייגט שלאָפן. אַרום האַלבע־נאַכט איז געקומען די פעלד־קיך. דער פענריך טשובאָוו האָט אַריינגעבראַנגט אַ קעסעלע באָרשטש, דער פעטער ריח האָט אויפגעוועקט די אָפיצירן, און אין אַ פערטל שעה אַרום האָבן זיי, אַנגעדראָלענע פון שלאָף, שווייגנדיק געגעסן דעם באָרשטש, זיך אָפּנעמענדיק פאַר די צוויי פאַרלוירענע טעג אין דער שלאַכט. נאָך דעם שפּעטן מיטאָג איז פאַרשוואונדן דער שלאָף. די אָפיצירן, שווער־געוואָרענע נאָכן עסן, זענען גע־לעגן אויף די בורקעס, אויפן שטרוי און האָבן גערייכערט.

דער אונטערעסאַול קאַלמיקאָוו, אַ קליינער קיילעכיקער אָפי־ציר, וואָס האָט געטראָגן נישט בלויז אין נאָמען, נאָר אויך אויפן פּנים די סימנים פון דער מאָנגאָלישער ראַסע, האָט גערעדט שאַרף, זשעסטיקולירנדיק:

— די מלחמה איז נישט פאַר מיר. איך האָב פאַרשפּעטיקט געבוירן צו ווערן מיט אַ פיר יאָרהונדערטער. דו ווייסט, פיעטער, — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צום סאָטניק טערעסינצעוו און אַרויסרעדנדיק דאָס וואָרט „פיעטער" מיט אַ שטאַרק אַקצענטיר־טער „יע" אָנשטאָט „יאָ". — איך וועל נישט דערלעבן דעם סוף פון דערדאָזיקער מלחמה.

— הער אויף מיט דער כיראָמאַנטיק — האָט יענער אַ ברום געטון פון אונטער דער בורקע אַפּער.

— דאָס איז נישט קיין שום כיראָמאַנטיק. דאָס איז מיין פאָרבאַשטימטער סוף. איך בין אַן אַטאַוויסט, און בין דאָ, באמונות, איבעריק. ווען מיר זענען היינט געגאַנגען אונטערן פייער, האָב איך געציטערט פון כעס. איך קאָן נישט אויסהאַלטן, ווען איך זע נישט דעם שונא. דאָסדאָזיקע עקלהאַפטע געפיל איז ענלעך צו שרעק. אויף דיר פייערט מען אויף אַ שטח פון עטלעכע וויאָרסט, און דו באַוועגסט דיך אויפן פערד, ענלעך צו אַ דודאַק איבערן סטעפּ אונטערן ציל פון יעגער.

— איך האָב געזען אין קופּאַלקע אַן עסטרייכישע הויביצע. ווער פון אייך, מיינע הערן, האָט געזען? — האָט געפרעגט דער

עסאַול אַטאַמאַנטשיקאָוו, אָפּלעקנדיק פֿון די געלע, ענגליש-אונ־טערגעשוירענע וואָנסעס די ברעקלעך פֿלייש-קאָנסערוון.

— אויסגעצייכנט! די ציל-קאַמער, דער גאַנצער מעכאַניזם — די העכסטע פֿולקאָמענהייט, — האָט באַגייסטערט באַמערקט דער פֿענריך טשובאָוו, וואָס האָט שוין באַוויזן אויסצולײדיקן דאָס צווייטע קעסעלע באָרשטש.

— איך האָב געזען, נאָר פֿאַרשווייג וועגן מײַנע אײַנדרוקן. איך בין אַ פּראָפֿאַן אין אַרטילעריע. לויט מיר זענען אַלע האַר־מאַטן גלײַך, — איטלעכער האָט אַ פּיסק.

— איך בין מקנא די, וועלכע האָבן אין זייער צײַט געקעמפֿט אויפֿן פֿאַרצײַטישן שטייגער, — האָט קאַלמיקאָוו ווײַטער גערעדט, אַצינד זיך שוין ווענדנדיק צו ליסטניצקין. — אין ערלעכן קאַמף זיך אַרײַנשנײַדן אין שונא און צעהאַקן אַ מענטש אויף צווייען — אָט דאָס פֿאַרשטיי איך, און דאָ — דער טײַוול ווייסט עס!

— אין די קומענדיקע שלאַכטן וועט די ראָל פֿון דער קאַ־וואַלעריע דערפֿירט ווערן צו זעראָ.

— ריכטיקער געזאָגט, זי וועט אינגאַנצן נישט עקזיס־טירן.

— נו, דאָס, עלעהיי, איז נאָך נישט אַזוי!

— אָן מינדסטן ספק.

— לאָז געמאַכט, טערעסינצעוו, מ'קאָן דאָך נישט דעם מענטש פֿאַרבײַטן מיט אַ מאַשין, דאָס איז עקסטרעמיטעט.

— איך רעד נישט וועגן מענטש, נאָר וועגן פֿערד. דער מאָ־טאָציקל אָדער אויטאָמאָביל וועט עס פֿאַרבײַטן.

— איך שטעל מיר פֿאָר, אַן אויטאָמאָבילן-עסקאַדראָן.

— נאַרישקייטן! — האָט קאַלמיקאָוו זיך אָנגעצונדן. — דאָס פֿערד וועט נאָך נוצן די אַרמייען. אַן אַבסורדאַלע פֿאַנטאַזיע! וואָס וועט זײַן אין צוויי — דרײַ הונדערט יאָר אַרום, ווייסן מיר נישט, און אַצינד אַלנפֿאַלס איז די קאַוואַלעריע...

— וואָס וועסטו טון, דימיטרי דאָנסקאָי, ווען טראַנשייען וועלן אַרומגאַרטלען דעם פראָנט ? האַ ? אדרבה, ענטפער !

— אַ דורכריס, אַן אָנפאַל, אַ רעיד* אין טיפן רוקן פון שונא. דאָס איז די אַרבעט פון דער קאַוואַלעריע.

— נאַרישקייטן.

— נו, מיר וועלן שוין זען, מײַנע הערן.

— לאָזט שלאָפן.

— הערט, מאַכט אַ סוף צו די וויכוחים, שוין צייט אויפצו־הערן : אַנדערע ווילן דאָך שלאָפן.

דער צעפלאַקעטער וויכוח האָט זיך אײַנגעשטילט. עמעצער אונטער אַ בורקע האָט געשנאָרכט און צוגעפייפט. ליסטניצקי, וועל־כער האָט זיך נישט באַטייליקט אין שמועס, איז געלעגן אויפן רוקן, אַרײַנאָטעמענדיק דעם האַרבן ריח פון אונטערגעבעטן קאָרן־שטרוי. קאַלמיקאָוו האָט זיך איבערגעצלמט און געלייגט לעבן אים.

— שמועסט זיך דורך, סאָטניק, מיטן פרייוויליקן בונטשוק. ער דינט אין אייער אָפטיילונג. אַן אינטערעסאַנטער חברהמאַן !

— מיט וואָס — האָט ליסטניצקי געפרעגט, זיך אויסדרייענ־דיק מיטן רוקן צו קאַלמיקאָוון.

— אַ רוסיפיצירטער קאָזאַק. געוואוינט אין מאָסקווע. אַ פשוטער אַרבעטער, נאָר אויסגעקאָכט אין די אַלע פאַרשידענע פראַגן. אַ טיכטיקער מענטש און אויסגעצייכנטער קענער פון מאַ־שין־געווער.

— לאָמיר שלאָפן — האָט ליסטניצקי פאַרגעלייגט.

— גוט, — האָט קאַלמיקאָוו מסכים געווען, טראַכטנדיק

* אַן אָנפאַל פון באַדייטנדיקע קאַוואַלערישע כוחות אויפן רוקן פון שונא.

יועגן עפּעס אייגנס, און באַוועגנדיק מיט די פינגער פון די פיס, האָט ער שולדיק זיך פאַרקרימט. — איר, סאָטניק, זייט מיר מוחל: דאָס פילט זיך אַזאַ שלעכטער ריח פון מיינע פיס... איך טו נישט אויס די שטיוול, זעט איר, שוין די דריטע וואָך, די שקאַרפּעטן זענען מיר פאַרפוילט געוואָרן פון שווייס... אַזאַ נידערטרעכטיקייט, זעט איר. מען וועט מוזן נעמען אָנוצעס ביי די קאָזאַקן.

— אדרבה, — האָט ליסטניצקי אַ בורטשע געטון, פאַרזינ־קענדיק אין שלאָף.

ליסטניצקי האָט פאַרגעסן אָן שמועס מיט קאַלמיקאָוון, אָבער צומאָרגנס האָט אים דער צופאַל צונויפגעפירט מיטן פרייוויליקן בונטשוק. פאַרטאָג האָט אים דער סאָטניע־קאָמאַנדיר באַפוילן אַרויסצורייטן אין אויסשפּירונג, און אויב ס׳וועט מעגלעך זיין, — זיך צו פאַרבינדן מיט פוסגייער־פּולק, וואָס האָט ווייטער געפירט דעם אָנגריף אויפן לינקן פליגל. ליסטניצקי האָט אין דער פאַר־טאָגיקער האַלב־טונקלקייט געבלאָנזשעט איבערן הויף, וואָס איז פאַרלייגט געווען מיט שלאָפנדיקע קאָזאַקן, און געזוכט דעם אוּ־ריאַדניק פון דער אָפּטיילונג.

— באַשטים פאַר מיר פינף קאָזאַקן אין פּאַטראָל. זאָג, מען זאָל מיר צוגרייטן אַ פערד. מאַך עס שנעל.

אין פינף מינוט אַרום איז צו דער שוועל פון דער כאַלופּע צוגעקומען אַ נישט הויכער קאָזאַק.

— אייער וואוילגעבוירנהייט, — האָט ער זיך געווענדט צום סאָטניק, וואָס האָט זיך אָנגעשיט פּאַפּיראָסן אין פּאָרטסיגאַר אַריין, — דער אוריאַדניק באַשטימט מיך נישט אין פּאַטראָל, ווייל עס איז נישט מיין ריי. דערלויבט איר מיר מיטצו־רייטן?

— ווילסט דיך דערדינען? מיט וואָס האָסטו זיך פאַרזינ־דיקט? — האָט דער סאָטניק געפרעגט, באַמיִענדיק זיך צו באַ־טראַכטן דעם קאָזאַקס פּנים אין דער גרויער פינסטערניש.

— איך האָב מיך מיט גאָרנישט פאַרזינדיקט.

— מילא, פאָר־זשע... — האָט ליסטניצקי באַשלאָסן און איז אויפגעשטאַנען.

— העי, דו! — האָט ער נאָכגעשריגן דעם אַוועקגייענדיקן קאָזאַק, קום נאָר צוריק!

— יענער האָט זיך אומגעקערט.

— זאָג דעם אוריאַדניק...

— מיין פאַמיליע איז בונטשוק — האָט אים דער קאָזאַק איבערגעשלאָגן.

— אַ פרייוויליקער?

— יאָ.

— זאָגט דעם אוריאַדניק, — באַהערשניק זיך נאָך דער מאָמענטאַלער פאַרלוירנקייט, האָט ליסטניצקי ווייטער גערעדט, — ער זאָל... נו, גוט, גייט, איך וועל שוין אַליין זאָגן.

די פינסטערניש איז שיטערער געוואָרן. דער פאַטראָל איז אַרויסגעריטן פון דאָרף און, מיידנדיק די פאָסטן און וואַכן, זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון אָנגעצייכנטן דאָרף אויף דער מאַפע.

אָפרייטנדיק קעגן אַ האַלבער וויאָרסט, האָט דער סאָטניק געלאָזט גיין דאָס פערד טריט־ביי־טריט.

— איר זענט דער פרייוויליקער בונטשוק?

— איך.

— זייט אַזוי גוט און רייט צו נענטער.

בונטשוק האָט אויסגעגלייכט זיין נישט איבעריק גוט פערד מיטן סאָטניקס ריין־ראַסיקן דאָנער.

— פון וועלכער סטאַניצע זענט איר? — האָט ליסטניצקי געפרעגט, באַטראַכטנדיק דעם פראָפיל פון פרייוויליקן.

— פון דער נאָוואָטשערקאַסקער.

— מען קאָן געוואויר ווערן די סיבה, וואָס האָט אייך באַוואויגן צו גיין אַלס פרייוויליקער?

— ביטע, — האָט בונטשוק געענטפערט עטוואָס שפּאָטיש־צעצויגן און אַ קוק געטון אויפן סאָטניק מיט קאַלטע גרינלעכע אויגן. זיין נישט מרוגענדיקער בליק איז געווען האַרט, אומ־בויגזאַם. — מיך אינטערעסירט די מיליטערישע קונסט. איך וויל זי שטודירן.

— אויף דעם זענען דאָ מיליטערישע שולן.

— יאָ, עס זענען דאָ.

— וואָס־זשע ?

— פריער וויל איך פּרוּוון אין דער פּראַקטיק. מיט דער טעאָריע וועל איך מיך שפּעטער באַקענען.

— אייער פּראָפעסיע ביז דער מלחמה ?

— אַן אַרבעטער.

— וואו האָט איר געאַרבעט ?

— אין פּעטערבורג, אין ראָסטאָוו ביים דאָן, אין טולע אין דער וואָפן־פאַבריק. איך וויל בעטן וועגן איבערפירן מיך אין דער אָפּטיילונג פון מאַשין־געווער.

— איר זענט באַקאַנט מיט מאַשין־געווער ?

— איך קען די סיסטעמען פון שאָשן, בערטיע, מאַדסען, מאַקסים, גאָטשקיס, בערגמאַן, וויקער, לויס, שוואַרצלאָזער.

— אָהאָ ! איך וועל איבעררעדן מיטן פּולק־קאָמאַנדיר.

— איך בעט אייך.

דער סאָטניק האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויף בונטשוקס נישט הויכער פעסטער פיגור. ער האָט דערמאַנט אָן יענעם בוים קאַראַיטש, וואָס וואַקסט ביים דאָן : קיין שום באַזונדערס, וואָס זאָל זיך וואַרפן אין די אויגן אַריין, איז אין אים נישט געווען, קיין איין שטריך האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט, — אַלץ איז געווען געוויינטלעך, גרוי, וואָכעדיק, בלויז די שאַרף־פאַרבויגענע קינבאַקן און אויגן, וואָס האָבן אָפּגעשלאָגן דעם באַגעגנטן בליק, האָבן אים אויסגעטיילט פון דער געדיכטער מאַסע אַנדערע פנימער.

געשמייכלט האָט ער זעלטן, מיט די ווינקלען פון די ליפּן, די אויגן זענען פון דעם שמייכל נישט ווייכער געוואָרן, אומצוטריט־לעך געבליבן ביי זייער מאַטן גלאַנץ. ער איז אינגאַנצן קאַרג געווען אויף פאַרבן, קיל צוריקגעהאַלטן, — אַ קאַראַטש, אַ קרומער אייזנ־האַרטער בוים, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן גרויען ליימיק־זאַמ־דיקן באָדן פון דער אומפרײַנטלעכער דאָנער ערד.

אַ געוויסע צייט זענען זיי געריטן שווייגנדיק. בונטשוקס ברייטע האַנט־פלאַכן זענען געלעגן אויפן אָפּגעשיילטן גרינעם זאָטל־האָרן. ליסטניצקי האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס, פאַררײ־כערט פון בונטשוקס שוועבעלע און פון זיין האַנט דערפילט אַ זיסן פעכיקן ריח פון פערדישן שוויס. די ברוינע האָר אויף דער צווײ־טער זייט האַנט זענען געלעגן געדיכט, ווי די שערשטש אויף אַ פערד. ליסטניצקין האָט זיך שטאַרק געוואָלט זיי אַ גלעט געבן. פאַרציִענדיק דעם האַרבן רויך, האָט ער אַ זאָג געטון:

— פון דעם וואַלד וועט איר מיט נאָך אַ קאָזאַק רייטן מיט יענעם וועגל רעכטס. איר זעט?

— יאָ.

— אויב איר וועט אויף אַ מהלך פון אַ האַלבן וויאָרסט נישט אָנטרעפן אויף אונזערע פּוסגייער, וועט איר צוריקרייטן.

— איך הער.

זיי זענען שנעל אַוועקגעריטן. די חברטעס־בעריאָזקעס זע־נען געשטאַנען אָפּגערוקט פון וואַלד אין אַן ענגער קופּע. הינטער זיי האָבן אומעטיק זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין די נישט הויכע סאָסנעס, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן געל ווערן; עס האָבן זיך געקרייזלט די נידעריקע קוסטעס, אומגעלייגטע פון עסטרייכישן טאַבאָר, וואָס איז איבער זיי אַריבערגעפאָרן. רעכטס, פונדערוויטנס האָט געדריקט די ערד דאָס אַרטילערישע דונערן; דאָ אָבער ביי די בעריאָזקעס איז געווען אומגעהייער שטיל. די ערד האָט איינגע־זאַפּט דעם בשפעדיקן טוי, דאָס גראָז האָט זיך געריטלט, בונט־

פאַרביק צעבליט, אָנגעטרונקען מיט די האַרבסטיקע קאָלירן, וואָס האָבן שוין דערצײלט װעגן נאָענטן טויט. ליסטניצקי האָט זיך פאַרהאַלטן בײ די בעריאָזקעס, באַטראַכטנדיק דורכן בינאָקל דאָס בערגל, וואָס האָט זיך געהאָרבעט נאָכן וואַלד. אויפן מעשענעם קעפל פון זײן שווערד האָט זיך אָוועקגעזעצט אַ בין, זיך פוצנדיק די פליגעלעך.

— אַ נאַרישע, — האָט בונטשוק שטיל און מיט באַדויערונג געזאָגט, פאַראורטײלנדיק דעם טעות פון דער בין.

— וואָס ? — האָט ליסטניצקי זיך אָפּגעריסן פון בינאָקל.

בונטשוק האָט אים אָנגעוויזן מיט די אויגן אויף דער בין, און ליסטניצקי האָט אַ שמייכל געטון.

— ביטער וועט זײן איר האָניק, ווי מיינט איר ?

געענטפערט האָט אים נישט בונטשוק. פון ערגעץ פון הינ־טער אַ ווײטער קופּע סאָסנעס האָט אַ קוילנוואַרפער איבערגעריסן די שטילקייט. אַ צעשפּריץ פון וואַיענדיקע קוילן האָט, ווי דאָס דורכדרינגלעכע גאָדערן פון אַ סראָקע, דורכגעניײט די בעריאָזקעס, אויף דער גריווע פון סאָטניקס פערד איז, דרייענדיק און וואַק־לענדיק זיך, אַראָפּגעפאַלן אַ צווייגל, וואָס איז אָפּגעהאַקט געוואָרן דורך אַ קויל.

זיי האָבן גאַלאָפּירט צום דערפל, אונטערטרײבנדיק די פערד מיט אויסגעשרײען און מיט די נאַהײקעס. הינטער זיי האָט אָן איבעררײס דער עסטרײכישער קוילנוואַרפער אויסגעשאָסן אַ גאַנצע באַנד.

שפּעטער איז ליסטניצקין אויסגעקומען נישט איינמאָל זיך צו באַגעגענען מיטן פרײוויליקן בונטשוק, און שטענדיק איז ער איבערראַשט געוואָרן פון דעם אומבויגזאַמען ווילן, וואָס האָט געלויכטן אין בונטשוקס האַרטע אויגן, זיך געוואונדערט און נישט בעקאָנט פאַרשטיין, וואָס עס באַהאַלט זיך אונטער דער פאַרבאָר־גענער אָפּגעשלאָסנקייט, וואָס הענגט ווי אַ וואָלקנדיקער שאָטן אויפן פּנים פון אַזאַ אויסערלעך פּשוטן, נישט אָנזעעוודיקן מענטש.

בונטשוק האָט אויך גערעדט עפּעס נישט דערזאָגנדיק, מיט אַ שמייכל, וואָס איז פאַרדריקט געווען אין די האַרטע ווינקלען פון זיינע ליפּן, ווי ער וואָלט געגאַנגען איבער אַ קרומער געשלענגל־טער סטעזשקע, אויסמיידנדיק אַ געוויסן, אים אַליין באַקאַנטן אמת. מען האָט אים איבערגעפירט אין דער קאָמאַנדע אַריין פון מאַשין־געווער. אין אַן אַנדערהאַלבן וואָכן אַרום (דאָס פולק איז געשטאַ־נען אין אָפּרו אויף אַ מעת־לעת) האָט ליסטניצקי אויפן וועג צום סאָטניע־קאָמאַנדיר דעריאָגט בונטשוקן. יענער איז געגאַנגען פאַר־ביי אַ פאַרברענטער שאָפע, זאָרגלאָז פאָכענדיק מיט דער לינקער האַנט.

— אַ־אַ, פריייוויליקער!

בונטשוק האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און, סאַלוטירנדיק, אָפּגעטרעטן דעם וועג.

— וואוהין גייט איר? — האָט ליסטניצקי געפרעגט.

— צום אָנפירער פון דער אָפּטיילונג.

— גייען מיר דאָך דעם זעלבן וועג, דאַכט זיך?

— דאַכט זיך, אַז יאָ.

זיי זענען געגאַנגען איבער דער גאַס פון חרובן דאָרף אַ געוויסע צייט שווייגנדיק. אין די הייף, אַרום די זעלטן גאַנץ־געבליבענע שייערס, האָבן זיך געפּאָרעט מענטשן, זענען דורכגע־ריטן רייטער, גלייך אין מיטן גאַס האָט גערויכט די פעלד־קיך מיט אַ לאַנגער רייע וואַרטנדיקע קאָזאַקן; פונדערהייך איז גע־פאַלן אַ פוילע דראָבנע פייכטקייט.

— וואָס־זשע, איר שטודירט די מלחמה? — האָט ליסטניצקי געפרעגט, וואַרפנדיק אַ קרומען בליק אויף בונטשוקן, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען עטוואָס פון הינטן.

— יאָ... אוודאי, איך שטודיר זי.

— וואָס קלערט איר צו טון נאָך דער מלחמה? — האָט ליסטניצקי איבער עפּעס געפרעגט, קוקנדיק אויפן פריייוויליקנס

הענט, וואָס זענען באַדעקט געווען מיט אַ טונקעלער פערדישער שערשטש.

— עמעצער וועט שניידן דאָס פּאַרזייעטע, און איך... וועל זען. — בונטשוק האָט פאַרזשמורעט די אויגן.

— וואָס באַטייט דאָס?

— צי איז אייך באַקאַנט, סאָטניק, — (יענער האָט נאָך שאַרפער פאַרזשמורעט די אויגן) — דאָס שפּריכוואָרט: „ווער עס זייעט ווינט, וועט שניידן שטורעם״? מילא.

— איר וואָלט בעסער גערעדט אָן אַלעגאָריעס, קלאָרער.

— ס׳איז אַזוי אויך קלאָר. צום ווידערזען, סאָטניק, איך דאַרף גיין לינקס.

בונטשוק האָט צוגעלייגט די האָריקע פינגער צום דאַשעק פון קאָזאַקישן היטל און זיך פאַרנומען לינקס.

אַ קוועטש געבנדיק מיט די פּלייצעס, האָט ליסטניצקי אים לאַנג באַגלייט מיטן בליק.

„וואָס איז דאָס מיט אים, צי מאַכט ער זיך אָריגינעל אָדער ער איז כּתּם אַ מענטש מיט אַ גערירטן קאָפּ?״ — האָט ער אַן אויפגערעגטער געטראַכט, אַריינגייענדיק אין דער אויפגערוימטער כאַטע פון סאָטניע־קאָמאַנדיר.

XVI

צוזאַמען מיטן צווייטן רעזערוו איז אַוועקגעגאַנגען אויך דער דריטער. די סטאַניצעס און כוטאָרס ביים דאָן זענען געבליבן אָן מענטשן, ווי די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער דאָן־געגנט וואָלט אַרויסגעגאַנגען צום היי־שניט אָדער אַראָפּנעמען די תּבואות פון די פעלדער.

אויף די גרענעצן האָט דאָס יאָר אַ ביטערער שניט זיך צו־

פלאָקערט: דער טויט האָט פאַרשלונגען די אַרבעטער, און נישט איין קאָזאַטשקע האָט שוין אָן אַ טיכל אויפן קאָפּ זיך געזעגנט און באַוויינט איר טויטן: „און געליבטער דו מיינער!... און ביי ווע־מען האָסטו מיך איבערגעלאָזט!...״

זיי האָבן געלייגט, די געליבטע, די קעפּ אויף אַלע פיר זייטן, געגאָסן דאָס רויטע קאָזאַקישע בלוט, און מיט טויטע אויגן, אין שלאָף, פון וועלכן מען שטייט שוין נישט אויף, געפוילט אונטער דער אַרטילערישער פאַניכידע אין עסטרייך, אין פוילן, אין פּרייסן... דער מזרח־ווינט האָט, משמעות, נישט דערטראָגן צו זיי דאָס גע־וויין פון זייערע ווייבער און מאַמעס.

די קרוין פון קאָזאַקנטום האָט פאַרלאָזט די כאַטעס און דאָרט אומגעקומען אין טויט, אין אומפּלייט, אין אכזריות.

אין לינדן סעפּטעמבער־טאָג האָט זיך געטראָגן איבערן טאָ־טערישן כוטאָר דאָס מילך־ווייסע רעגנבויגנדיקע שפּינוועבס, אַזאַ דינס, ווי פון באַנוול־פעדעם. ווי אַן אלמנה האָט געשמייכלט די בלוטלאָזע זון, די שטרענג־צניעותדיקע בלויקייט פון הימל איז גע־ווען אָפּשטויסנדיק־ריין און גאַוותדיק. אויף יענער זייט דאָן, שוין דורכגעוואָרפן מיט געלע פלעקן, האָט געטרויערט דער וואַלד, פון דאָ און דאָרט האָט אַרויסגעקוקט אַן אָפּבליאַקירטער טאָפּאָל, די דעמבעס האָבן פאַרלוירן די שיטערע פיין־געשניצטע בלעטער, בלויז די אַלכע־ביימער האָבן העל געגרינט און געפרייט מיט זייער זאַפטי־קייט דאָס שאַרפע אויג פון דער סראָקע.

דעם טאָג האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפיעוויטש מעליעכאָוו באַ־קומען אַ בריוו פון דער אַקטיווער אַרמיי. דעם בריוו האָט גע־בראַכט פון דער פּאָסט דוניאַשקאַ. ווען דער פּאָסט־מייסטער האָט אים איר אָפּגעגעבן, האָט ער זיך געבוקט, טרייסלענדיק מיטן פּליך, און הכנעהדיק אַ צעשפּרייט געטון די הענט:

— ווי גאָט איז אייך ליב, זייט מיר מוחל, דעם בריוו האָב איך געעפנט. אַזוי טאַקע זאָגט דעם טאַטן: פּירס סידאָראָוויטש האָט דעם בריוו, אַזוי און אַזוי, געעפנט. עס איז אים שטאַרק, זאָגט,

אינטערעסאַנט געווען וועגן דער מלחמה געוואויר צו ווערן, וואָס און ווען... זייט מיר מוחל, און אַזוי טאַקע גיט איבער דעם טאַטן, פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשן.

ער איז, קעגן זיין געוואוינהייט, געווען צערודערט און אַרויס־געגאַנגען באַגלייטן דוניאַשקען, נישט באַמערקנדיק, אַז זיין נאָז איז אויסגעשמירט מיט טינט.

— איר וועט שוין דאָרטן, נו... נישט פאַראיבל נעמען, גאָט באַהיט... איך האָב דאָך דאָס אויס באַקאַנטשאַפט... — האָט ער צעשטרייט נאָכגעבורטשעט דוניאַשקען, זיך געבוקט, און זי האָט אין דעם דערפילט עפּעס אַ וואָרענונג, ווי אַ שטויס.

אַהיימגעקומען איז זי אַן אויפגערעגטע, און לאַנג נישט גע־קאָנט אַרויסקריגן דעם בריוו פון הינטער דער פאַכווע.

— שנעלער שוין, דו !... — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש זי אונטערגעטריבן, זיך גלעטנדיק די ציטערנדיקע באָרד.

אַרויסנעמענדיק דעם בריוו, האָט דוניאַשקאַ איילִיק גע־זאָגט:

— דער פּאָסטמייסטער האָט געהייסן זאָגן, אַז ער האָט אי־בערגעלייענט דעם בריוו אויס אינטערעס, און אַז איר, טאַטע, זאָלט דערויף קיין פאַראיבל נישט האָבן.

— כאַפּט אים דער טייוול! פון גרישקען ? — האָט דער אַלטער אָנגעשטרענגט געפרעגט, סאָפּענדיק דוניאַשקען אין פּנים אַריין. — מסתמא, פון גריגאָריען ? אפשר פון פּיאָטערן ?

— ניין, טאַטע... אַ פרעמדע האַנטשריפט.

— לייען שוין, מאַטער נישט! — האָט איליניטשנאַ אויסגעש־שריגן, שווער זיך צוקייקלענדיק צו דער באַנק (די פיס זענען ביי איר געשוואָלן געוואָרן, און זי האָט זיי קוים נאָכגעשלעפּט, ווי זי וואָלט זיך געקייקלט אויף רעדלעך).

אַ פאַרסאַפּעטע איז געקומען אַריינצולויפן פון הויף נאַ־טאַליע, זיך געשטעלט ביים אויוון, צודריקנדיק מיט די עלנבויגנס

די ברוסט און אויסדרייענדיק דעם האַלז, וואָס איז פאַרשענדט געוועזן פון העפט. אויף אירע ליפּן האָט ווי אַ זונען-פלעק געצי־טערט אַ שמייכל, זי האָט זיך געריכט אויף אַ גרוס פון גרישען און לייכטער, כאָטש כּלאחר־יד, אָנדייטונג וועגן זיך, אַלס באַלוי־נונג פאַר איר הינטישער צוגעבונדנקייט און טריישאַפט.

— דאַריאַ וואו איז? — האָט די אַלטע אַ שעפּטשע געטון.

— שווייגן דאָרט! — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אַרויסגעצישעט. (פון כּעס זענען זיינע אויגן קיילעכיק געוואָרן) און — צו דוניאַשקען: — לייען!

„איך טייל אייך מיט"... — האָט דוניאַשקאַ אָנגעהויבן און, אַראָפּגליטשנדיק זיך פון דער באַנק, ציטעריק אויסגעשריגן מיט אַ געענדערט קול:

— טאַטע! טאַטינקע!... אוי, מאַ־אַ־אַמע! גרישאַ אונזע־רער!... אָך! אָך! גרישען... האָט מען דערהרגעט!

פלאָטערנדיק זיך צווישן די בלעטער פון אַ פאַרטרוקנטער געראַניע, האָט אָן פענסטער זיך אָנגעשלאָגן אַ געשטרייפטע ווילדע בין און געזשוזשעט. אויפן הויף האָט פרידלעך געקוואָקעט אַ הין און דורך דער געעפנטער טיר האָט זיך געהערט אַ וויט קלינ־גענדיק לאַכן פון אַ קינד.

נאַטאַליעס פּנים האָט קאָנוואולסיוו געציטערט און פון אירע ליפּן־ווינקלען האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרשווינדן דער פריער־דיקער ציטערנדיקער שמייכל.

אויפשטייענדיק, פּאַראַליטיש טרייסלענדיק מיטן קאָפּ, האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש מיט ווילדער פאַרשטיינערטקייט גע־קוקט אויף דוניאַשקען, וואָס האָט קראַמפּהאַפט זיך געקורטשעט.

איך טייל אייך מיט, אַז אייער זון, דער קאָזאַק פון 12־טן דאָנער קאָזאַקן־פּולק, גריגאָרי פּאַנטאַלעיעוויטש מעליעכאָוו, איז אין דער נאַכט אויפן 16־טן אויגוסט, ה. י. דערהרגעט געוואָרן אין דער שלאַכט הינטער דער שטאָט

קאַמיאַנקאַ־סטרומילאָווא. אייער זון איז געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט, זאָל דאָס זיין פאַר אייך אַ טרייסט אין אייער גרויסן פאַרלוסט. די געבליבענע זאַכן וועלן איבער־געגעבן ווערן דעם ברודער פּיאָטער מעליעכאָוו. דאָס פערד איז געבליבן ביים פּולק.

קאָמאַנדיר פון דער פערטער סאָטניע
אונטערעסאַול פּאָלקאָווניקאָוו.

אַקטיווע אַרמיי. 18 אויגוסט 1914 יאָר.

נאָכן באַקומען די ידיעה וועגן גריגאָריעס טויט האָט פּאַנ־טעלעי פּראָקאָפּיעוויטש עפּעס מיט איינמאָל זיך נאָכגעלאָזט. ער האָט צוזעענדיק זיך געעלטערט פון טאָג־צו־טאָג. זיין שווערער צו־שטאַנד האָט כסדר פּראָגרעסירט; זיין זכרון איז שוואַך געוואָרן און דער געדאַנק האָט זיך געפּלאָנטערט. ער האָט זיך אַרומגע־דרייט איבער דער כאַטע, אַ געהויקערטער, אַ פאַרשוואַרצטער, ווי גוס־אייזן; דער הייסער בוימלדיקער גלאַנץ פון זיינע אויגן האָט פאַרראַטן זיין גייסטיקע צעטומלטקייט.

דעם בריוו פון סאָטניע־קאָמאַנדיר האָט ער אַליין באַהאַלטן אונטערן הייליקן בילד, און עטלעכע מאָל אין טאָג אַרויסגעגאַנגען אין הויז אַריין, און אַ רוף געטון דוניאַשקען מיט אַ פינגער.

— קום נאָר אַרויס צו מיר.

זי איז אַרויסגעגאַנגען.

— ברענג אַרויס דעם בריוו וועגן גריגאָריען. לייען! — האָט ער באַפוילן, וואַרפנדיק אומרויִקע בליקן אויף דער טיר פון דער שטוב, אין וועלכער איליניטשנאַ האָט זיך געמאַטערט אין טרייסט־לאָזן צער. — דו לייען אַ ביסל שטילער, אַזוי ווי פאַר זיך, — האָט ער כיטרע אונטערגעוואונקען, איינגאַנצן זיך קורטשענדיק און אָנווייזנדיק אויף דער טיר, — שטילער לייען, וואָרים, די מאַמע... גאָט זאָל באַהיטן...

שלינגענדיק די טרערן, האָט דוניאַשקאַ איבערגעלייענט די

ערשטע פּראַזע, און פּאַנטעלעי פּראָקאָפיעוויטש, וואָס איז געוויינט־לעך געזעסן טשיפּקע, האָט ווערטיקאַל אויפגעהויבן די ברייטע שוואַרצע האַנט, ווי אַ פּערדישע קאָפּיטע.

— שטיי! ווייטער וויים איך שוין... טראָג אַריין און לייג אַוועק אונטערן הייליקן בילד... מאַך עס שטילער, וואָרים די מאַמע אונזערע... — ער האָט ווידער עקלהאַפט אונטערגעוואונקען, אײנ־גאַנצן זיך געקורטשעט, ווי די שאָל פון אַ בוים, וואָס ווערט פאַרברענט פון פייער.

ער איז גרוי געוואָרן אין קריזן, אַ בלענדנדיק־ווייסע גרויקייט האָט שנעל באַדעקט זיין קאָפּ מיט פלעקן, דורכגעוואָרפן זיין באָרד מיט פעדעם. ער איז געוואָרן אַ פרעסער, געגעסן אַ סך און ברודיק.

אויפן ניינטן טאָג נאָך דער פּאַניכידע האָט מען איינגעלאַדן דעם פּאָפּ וויסאַריאָן און די משפּחה־לייט אויף דער אבל־סעודה נאָכן דערהרגעטן מיליטערמאַן גריגאָרי. פּאַנטעלעי פּראָקאָפיעוויטש האָט געגעסן שנעל און גיריק, אויף זיין באָרד זענען אין רינגען געלעגן די לאָקשן. איליניטשנאַ, וועלכע האָט די לעצטע טעג זיך צוגעקוקט מיט שרעק צו אים, האָט זיך צעוויינט:

— פאָטער! וואָס איז דאָס מיט דיר?...

— האַ? וואָס? — האָט דער אַלטער זיך אַ כאַפּ געטון, אויפהייבנדיק פון דער שיסל די מאַטע אויגן.

איליניטשנאַ האָט אַ פּאָכע געטון מיט דער האַנט און זיך אַוועקגעדרייט, קנייטשנדיק דאָס געהאָפטענע האַנטוך ביי די אויגן.

— איר עסט, טאַטינקע, ווי איר וואָלט שוין דריי טעג נישט געהאַט געגעסן! — האָט דאַריאַ געזאָגט און אַ פינקל געטון מיט די אויגן.

— איך עס? נו, וועל איך... וועל איך... וועל איך... שוין נישט... — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפיעוויטש זיך פאַרשעמט. ער האָט פאַרלוירן באַטראַכט די זיצנדיקע ביים טיש און, אַ קיי געבנ־

ריק מיט די ליפּן, פאַרשטימט געוואָרן, נישט געענטפערט אויף די פראַגן, געכמורעט זיך.

— האַלט דיך, פּראָקאָפּיטש! וואָס האָסטו דיך עפּעס שוין אַזוי פאַרלוירן, — האָט דער פּאָפּ וויסאַריאָן אים אונטערגעגעבן מוט נאָך דער אבל־סעודה. — זיין טויט איז אַ הייליקער, זיי נישט מהרהר קעגן גאָט, אַלטער. דיין זון האָט פאַרן קייסער און פאָטער־לאַנד דעם דערנער־קראַנץ אָנגענומען, און דו... אַ זינד, פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, אַ זינד נעמסטו אויף דיר... גאָט וועט נישט מוחל זיין.

— איך האַלט מיך אַזוי אויך, פאָטערל... איך האַלט מיך אַזוי אויך. „מיט אַ העלדישן טויט געפאַלן", אַזוי שרייבט דער קאָמאַנדיר.

אַ קוש טוענדיק די האַנט פון גייסטלעכן, איז דער אַלטער צוגעפאַלן צום בייזשטידל פון דער טיר און דאָס ערשטע מאָל אין משך פון דער גאַנצער צייט נאָכן באַקומען די ידיעה וועגן זונס טויט, זיך צעוויינט, שטאַרק זיך טרייסלענדיק.

פון דעם טאָג אָן האָט ער זיך איבערגעבראָכן און גייסטיק באַהערשט.

איטלעכער האָט אויף זיין שטייגער זיך אָפּגעלעקט די וואונד.

נאַטאַליאַ, דערהערנדיק פון דוניאַשקען וועגן גריגאָריעס טויט, איז אַרויסגעלאָפן אויפן הויף. איך וועל מיר דאָס לעבן נעמען! אַצינד איז מיר שוין אַלצאיינס! „שנעלער", — האָט זי אַ געדאַנק געטריבן און מיט פייער געשמיסן. זי האָט זיך געוואָרפן אין דאַריעס הענט און מיט פריידיקער פאַרלייכטערונג פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין, אַבי צו דערווייטערן דעם מאָמענט, ווען דאָס באַוואוסטזיין וועט זיך אומקערן און אַלמעכטיק דערמאַנען דאָס געשעענע. אַ וואָך האָט זי פאַרברענגט אין שאַרפע אָנפאַלן פון חלשות און זיך אומגעקערט אין דער רעאַלער וועלט אַריין אַן אַנ־דערע, אַ פאַרשוויגענע, אַן אויפגעפרעסענע פון דער שוואַרצער

הילפלאָזיקייט... דער שאָטן פון פאַרשטאָרבענעם האָט ארומגעשוועבט אין מעליעכאָווס כאַטע, און די לעבעדיקע האָבן געטרונקען זיין גיפטיקן טויטן־ריח.

XVII

אויפן צוועלפטן טאָג נאָך דער ידיעה וועגן גריגאָריעס טויט האָבן די מעליעכאָווס דערהאַלטן פון פּיאָטערן צוויי בריוו מיטאַמאָל. דוניאַשקאַ האָט זיי איבערגעלייענט נאָך אויף דער פּאָסט — און זיך געטראָגן אַהיים, דאָ ווי אַ שטרויעלע, וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון ווינט, דאָ וואַקלהאַפּט, זיך אָנשפּאַרנדיק אָן די פּלעטער. נישט ווייניק טומל האָט זי אַרויסגערופן איבערן כוטאָר און אַן אומבאַשרייבלעכע צערודערונג אַריינגעטראָגן אין הויז.

— גרישאַ לעבט !... ער לעבט אונזער ליבינקער !... — האָט זי מיט אַ שלוכצנדיק קול געשריגן נאָך פונוויטנס. — פּיעטראָ שרייבט !... גרישאַ איז פאַרוואונדעט און נישט דערהרגעט !... ער לעבט !...

זייט געגריסט, טייערע עלטערן, — האָט פּיעטראָ געשריבן אין בריוו, וואָס איז באַצייכנט געווען מיט דער דאַטע פון 20־סטן אויגוסט. — איך טייל אייך מיט, אַז אונזער גרישקאַ האָט שיִער נישט אָפּגעגעבן גאָט די נשמה, און אַז אַצינד פילט ער זיך, גאָט צו דאַנקען, פריש און געזונט, וואָס מיר ווינטשן אויך אייך, פון ליבן גאָט, געזונט און גליק. הינטער דער שטאָט קאַמיאָנקאַ־סטרומילאָוואָ איז זייער פּולק געווען אין דער שלאַכט, און די קאָזאַקן פון זיין אָפּטיילונג האָבן געזען אין אַן אַטאַקע, ווי עס האָט אים אַ קלאַפּ געגעבן מיט זיין שווערד אַן אונגאַרישער הוזאַר, און גריגאָרי איז אַראָפּגעפאַלן פון פערד, און מער האָבן מיר שוין גאָרנישט געוואוסט, און ווי איך האָב מיך נישט אויס־

געפּרעגט ביי זיי, האָבן זיי מער גאָרנישט געקאָנט דער־ציילן. ערשט שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן פון מישקאַ קאָשעוואָי, — מישקאַ איז געקומען אין אונזער פּולק אַריין אַלס קוריער, אַז גריגאָרי איז אָפּגעלעגן ביז נאַכט, און אַז ביי־נאַכט איז ער צו זיך געקומען און גענומען קריכן. און ער איז געקראָכן אַזוי, ריכטנדיק זיך לויט די שטערן, און אָנ־געטראָפן אויף אונזערס אַ פאַרוואונדעטן אָפיציר. דערדאָזיקער פאַרוואונדעטער אָפיציר איז געווען — אַ פּאָדפּולקאָווניק פון אַ דראַגונער־פּולק, און פאַרוואונדעט געוואָרן איז ער פון אַ האַרמאַטן־קויל אין בויך און אין די פיס. גריגאָרי האָט אים אויפגעהויבן און געשלעפּט אויף זיך זעקס וויאָרסט. און פאַר דעם האָט ער באַקומען אַן אויסצייכענונג — אַ געאָרגי־קרייץ, און באַשטימט געוואָרן אַלס אונטער־אָפיציר. אָט וואָס ! די וואונד ביי גריגאָריען איז אַ קליינע, עס האָט אים אַ ראַץ געטון דער שונא מיט דער שווערד איבערן קאָפּ און אָפּגעטעסעט די הויט, און צעראָפּגעפאַלן איז ער פון פערד און פאַרחלשט געוואָרן. אַצינד געפינט ער זיך צוריק אין מיליטער, — האָט מישקאַ געזאָגט. זייט מיר מוחל, וואָס עס איז אַזוי געשריבן. איך שרייב אויפן זאָטל, און עס שאָקלט שטאַרק.

אין צווייטן בריוו האָט פּיעטראָ געבעטן צו שיקן אים גע־טרוקנטע קערשן פון די „היימישע דאָנער סעדער" און געבעטן מען זאָל אים נישט פאַרגעסן צו שרייבן אָפטער ; ער האָט אויך אויסגעזידלט גריגאָריען דערפאַר, וואָס ער, גרישקאַ, ווי די קאָזאַקן האָבן דערציילט, גיט נישט אַכטונג אויפן פערד, און ער, פּיאָטער, פילט זיך באַליידיקט, ווייל דאָס קאָשטענעוואַטע פערד — איז זיינס, פּיאָטערס, אַן אייגן ראַסאָווע פערד ; ער האָט געבעטן דעם פאָטער אָנצושרייבן גריגאָריען.

איך האָב אים צו וויסן געטון דורך די קאָזאַקן, אַז אויב ער וועט נישט אַכטונג געבן אויפן פערד, ווי אויף זיין

אייגנס, ווען מיר זיך טרעפן און איך וועל אים די מאָרדע ביז בלוט צעהאַקן, כאָטש ער איז אַצינד אַ געאָרגי־קאַוואַלער, —

האָט פּיעטראָ געשריבן, און דערנאָך זענען געקומען אָן אַ שיעור גרוסן, און פון די צעקנייטשטע, פון רעגן פייכט געוואָרענע שורות פון בריוו האָט זיך דייטלעך אַרויסגעפּילט אַ ביטערער טרויער. אפּנים, אַז אויך פּיאָטערן איז נישט לייכט געווען די דינסט.

עס איז אַ רחמנות געווען צו קוקן אויף פאַנטעלעי פּראָ־קאָפּיעוויטשן, דעם אָפּגעבריטן פון פרייד. ער האָט פאַרקוועטשט ביידע בריוו אין דער האַנט, געגאַנגען מיט זיי איבערן כוטאָר, געכאַפּט אַזעלכע, וואָס קענען לייענען, און זיי געבייט צו לייענען, — ניין, נישט פאַר זיך, מיט דער שפּעטער פרייד האָט דער אַלטער זיך געריימט פאַרן גאַנצן כוטאָר.

— אַהאַ ! זעסט שוין, ווער מיין גרישקאַ איז ? האַ ? — ער האָט אויפגעהויבן ווערטיקאַל די קאָפּיטע־האַנט, ווען דער לייענער, וואָס האָט זיך פאַרהאַקט, סילאַביזירנדיק, איז צוגעקומען צו יענעם אָרט, וואו פּיאָטער האָט באַשריבן דעם העלדנטאַט פון גריגאָריען, וואָס האָט געשלעפּט אויף זיך זעקס וויאָרסט דעם פאַרוואונדעטן פּאָדפּולקאָווניק.

— דעם ערשטן קרייץ פון גאַנצן כוטאָר האָט ער באַקומען — האָט דער אַלטער שטאָלצירט און אייפעריק צונעמענדיק די בריוו, האָט ער זיי באַהאַלטן אין אונטערשלאַק פון צעקנייטשטן היטל און ווייטער געגאַנגען זוכן אַ צווייטן, וואָס קען לייענען.

סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש, דערזעענדיק אים דורכן פענסטער פון דער קראָם, איז אַליין אויך אַרויסגעגאַנגען און אַראָפּגענומען דעם הוט.

— קום אַריין, פּראָקאָפּיעוויטש.

ער האָט געדריקט דעם אַלטנס האַנט מיט זיין ווייכער ווייסער האַנט און געזאָגט :

— נו, איך באַגריס דיך, איך באַגריס דיך... קכם... מיט

אַזאַ זון מעג מען שטאָלצירן, און איר האָט אים שוין באַוויזן.
כ'האָב געלייענט וועגן זיין העלדנטאַט אין די צייטונגען.

— מען האָט אויך אין די צייטונגען געשריבן? — האָט פּאַנ־טעלעי פּראָקאָפּיעוויטש טרוקן־ספּאַזמאַטיש זיך געשטיקט.

— ס'איז דאָ אַ ידיעה, איך האָב געלייענט, געלייענט.

סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש האָט אַליין אַראָפּגענומען פון דער פּאָליצע דריי פּערטעלעך פון בעסטן טערקישן טיטון, נישט וועגנ־דיק אָנגעשיט אַ בייטל טייערע קאַרמעלן; איבערגעבנדיק דאָס אַלץ פּאַנטעלעי טראָקאָפּיעוויטשן, האָט ער געזאָגט:

— וועסט שיקן אַ פּעקל גריגאָרי פּאַנטעלעיעוויטשן — שיק אים איבער אַ גרוס פון מיר, צוזאַמען מיט דעם.

— גאָט מיינער! וואָס פאַר אַ כבוד פאַר גרישקען!...
דער גאַנצער כוטאָר רעדט וועגן אים... איך האָב דערלעבט... —
האָט דער אַלטער געשעפּטשעט, אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּלעך פון מאָכאָווס מאַגאַזין. ער האָט זיך אויסגעשנייצט, מיטן אַרבל פון טשעקמען צעקוועטשט אַ קיצלדיקע טרער אויף דער באַק, און אַ טראַכט געטון: „אַפּנים, איך ווער אַלט. לייכט געוואָרן אויף טרערן... עך, פּאַנטעלעי, פּאַנטעלעי, וואָס דאָס לעבן האָט געמאַכט פון דיר? אַ קרעמען־שטיין פריער געווען, אַכט־פּודיקע זעק פון דער באַרקע געטראָגן, און אַצינד? ער האָט מיך אונטערגע־האַקט אַ ביסל, דער גרישקאַ...“

ער האָט געהינקט איבער דער גאַס, צודריקנדיק צו דער ברוסט דעם בייטל קאַרמעלן, און ווידער האָט זיין געדאַנק, ווי אַ מעווע איבער אַ זומפּ, זיך געדרייט אַרום גריגאָריען: עס זענען אים געקומען אויפן רעיון די ווערטער פון פּיאָטערס בריוו. און דאָ האָט ער זיך באַגעגנט מיט זיין מחותּן קאָרשונאָוו. יענער האָט דער ערשטער אַ רוף געטון פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשן.

— העי, מחותּן, וואַרט נאָר צו!

זיי האָבן זיך נישט געזען פון יענעם טאָג אָן, ווען עס איז דערקלערט געוואָרן די מלחמה. זינט גריגאָרי איז אַוועקגעגאַנגען

פונדערהיים, האָבן זיך איינגעשטעלט צווישן זיי באַציִונגען נישט קיין פיינטלעכע, אָבער קיל־אָנגעצויגענע. מיראָן גריגאָריעוויטש איז בייז געווען אויף נאַטאַליען, פאַרוואָס זי דערבידעריקט זיך אַזוי פאַר גריגאָריען, ווארט פון אים אַ נדבה. און אים, מי־ראָן גריגאָריעוויטשן, נייט זי אויך איבערצולעבן די זעלבע דער־נידערונג.

— אַן אויסגעלאַסענע צויג, — האָט ער אין היימישן קרייז געזידלט נאַטאַליען. — זי וואָלט געווען אינדערהיים ביים טאַטן, — נאַדיר־זשע — איז זי גאָר אַוועקגעגאַנגען צו שווער־און שוויגער, זייער ברויט שמעקט איר בעסער. איבער איר, דער בהמה, קומט אויס אויך דעם טאַטן חרפות אויסצושטיין, פאַר מענטשן מיט די אויגן צו פינטלען.

מיראָן גריגאָריעוויטש איז צוגעגאַנגען נאָענט צום מחותן, אים דערלאַנגט די געשפרענקלטע, ווי אַ שיפעלע אויסגעבויגענע האַנט.

— וואָס מאַכסטו, מחותן־לעב ?

— דאַנקען גאָט, מחותן.

— דו האָסט, זע איך, עפּעס איינגעקויפט ?

אַרויסשטעלנדיק די רעכטע פרייע האַנט, האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, אָפּוענדנדיק, אַ דריי געטון מיטן קאָפּ.

— דאָס, מחותן, זענען מתנות פאַר אונזער העלד. סערגעי פּלאַטאָנאָוויטש, דער וואוילטעטער, האָט געלייענט אין די צייטונ־גען וועגן זיין העלדישקייט, און שענקט אים קאַרמעלן און לייכטן טיטון. „שיק, — זאָגט ער, — דיין העלד פון מיר אַ גרוס און די־דאָזיקע מתנות, זאָל ער אויך ווייטער אַזוי זיך אויסצייכענען“. אַ טרער האָט זיך אים אַזש אין אויג געשטעלט, פאַרשטייסט, מחותן ? — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אָן אויפהער זיך גע־רימט און שאַרף געקוקט דעם מחותן אין פּנים אַריין, באַמיִענ־דיק זיך צו זעען, וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס מאַכט אויף אים.

אונטערן מחותנס ווייסע אויגנלעדלעך האָבן זיך געזאַמלט העלע שאָטנס, און זיי האָבן דאָס גורם געווען, אַז זיין אַראָפּגע־לאָזטער בליק זאָל אויסזען שפּאָטיש־שמייכלענדיק.

— אַזוי־וי־וי, — האָט קאָרשונאָוו אַ בורטשע געטון און אָנ־געהויבן אַריבערגיין די גאַס צום געפּלאָכטענעם פּלויט.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אים נאָכגעאיילט און גע־עפּנט דעם בייטל מיט די פינגער, וואָס האָבן פון כעס געציטערט.

— פּאַרזוך אַ קאַרמעל, ער איז מיט האָניק!... — האָט ער גיפּטיק מכבד געווען דעם מחותן, — עס, איך בעט דיך, אין נאָ־מען פון איידעם בין איך דיך מכבד... דיין לעבן איז נישט זיס, ווערסטו עס אפשר זיסער מאַכן, און מיין זון פאַרדינט נאָך אויף אַזאַ כבוד, און אפשר נישט...

— דו טשעפּע נישט מיין לעבן. איך אַליין זאָרג שוין דערפאַר.

— פּאַרזוך, טו מיר אָן דעם כבוד! — האָט פּאַנטעלעי פּראָ־קאָפּיעוויטש זיך געבעטן מיט איבערמעסיקער האַרציקייט, פּאַר־לויפנדיק דעם מחותן דעם וועג. זיינע פאַרבויגענע פינגער האָבן אויפגעוויקלט אַ קאַרמעל, אַראָפּרייסנדיק דאָס דינע זילבערנע פּאַ־פּירל פון אים.

— מיר זענען צו קיין זיסע זאַכן נישט געוואוינט, — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש אָפּגעשטופּט דעם מחותנס האַנט. — מיר זע־נען נישט געוואוינט, די ציין קרישלען זיך ביי אונז פון פרעמדע מתנות. און פאַר דיר, מחותן, איז נישט שיין געווען אַרומצוגיין צונויפנעמען נדבות פאַרן זון. אויב דו נייטיקסט דיך — האָסטו געדאַרפט צו מיר קומען. פאַרן איידעם וואָלט איך געגעבן... נאַ־טאַשקאַ עסט דאָך אייער ברויט... וואָלט מען דיר געדאַרפט אַרויס־העלפן אין דיין נויט.

— קיין נדבות האָט נאָך קיינער ביי אונז אין דער משפחה נישט צונויפגענומען, קלאַפּ נישט, מחותן, מיט דער דעמבענער צונג! דו ביסט אַ צו גרויסער בעל־גאווה, מחותן!... שוין אַ צו

גרויסער !... אפשר דערפאַר, וואָס דו לעבסט רייך, און דיין טאָכ־טער איז צו אונז אַוועקגעגאַנגען ?

— וואַרט נאָר צו ! — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש תּקיפות־דיק אַ זאָג געטון. — מיר האָבן זיך נישט וואָס צו קריגן. איך בין מיך נישט געקומען קריגן, באַרויִק דיך, מחותּן. קום, וועלן מיר אַ ביסל שמועסן. איך האָב צו דיר אַן ענין.

— מיר האָבן נישט וועגן וואָס צו שמועסן.

— מסתּמא האָבן מיר דאָך יאָ. קום.

מיראָן גריגאָריעוויטש האָט אָנגעכאַפּט דעם מחותּן ביים אַרבל פון טשעקמען און זיך אַריינגעדרייט אין אַ זייטיק געסל. זיי האָבן געמיטן די כאַטעס און אַרויסגעקומען אין סטעפּ.

— אין וואָס באַשטייט דער ענין ? — האָט פּאַנטעלעי פּראָ־קאָפּיעוויטש געפרעגט, אַן אויסגעניכטערטער פון אָפּגעקילטן כּעס.

ער האָט קרימלעך אַ קוק געטון אויף קאָרשונאָווס בלייכן פּנים מיט די זומערשפּרענקעלעך. יענער האָט פאַרשאַרצט די לאַנגע פּאָלעס פון סורדוט, זיך געזעצט אויפן אָנשיט פון ראָוו און אַרויסגענומען דעם אַלטן, אין די ברעגן צעדריוולטן, טיטון־בײַטל.

— זעסטו, פּראָקאָפּיטש, דו האָסט דיך געוואָרפן אויף מיר, נישט צו וויסן פאַרוואָס, ווי אַ היציקער האָן, און צווישן אייגענע איז נישט גלייך אַזוי. עפּעס גאָר נישט גלייך אַזוי, האַ ? איך וויל געוואויר ווערן, — האָט ער שוין אָנגעהויבן מיט אַ האַרטן, גרעב־לעכן טאָן, — צי וועט דיין זון נאָך לאַנג אַזוי חוזק מאַכן פון נאַ־טאַליען ? זאָג מיר ?

— דאָס פרעג ביי אים.

— איך האָב ביי אים נישט וואָס צו פרעגן, דו ביסט באַלע־באָס אין דיין כאַטע, דעריבער רעד איך מיט דיר.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געקוועטשט אין דער האַנט

דעם אויפגעוויקלטן קאַרמעל. דער ווייכער צעשמירטער שאָקאָלאַד איז אים געוּנען צווישן די פינגער. ער האָט אָפּגעווישט די האַנט אָן ברוינעם קרישלדיקן ליים פון אָנשיט און שווייגנדיק זיך גענו-מען מאַכן אַ פּאַפּיראָס. ער האָט אָפּגעריסן אַ שטיקל פּאַפּיר, אָנ-געשיט אַ ביסל טערקישן טיטון, און דאָס פּעקל דערלאַנגט דעם מחותּן. מיראָן גריגאָריעוויטש האָט גענומען אָן וואַקלעניש און אויך פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָסל אויפן חשבון פון מאָכאָווס מילדער מתנה. זיי האָבן פאַררייכערט. איבער זיי איז מיט זיין פּרעכטי-קער ברוסט געהאָנגען אַ ווייס-שוימיקער וואָלקן, און צו אים, אין דער אומדערגרייכבאַרער הייך, האָט פון דער ערד זיך געטראָגן אַ וואונדערלעך-צאַרטער, דורכן ווינט געטריבענער, פּאָדעם פון שפּינגעוועב.

דער טאָג האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין. אַ פרידלעכע, אומבאַ-שרייבלעך-זיסע, האָט זיך געוויגט די סעפּטעמבער-שטילקייט. דער הימל, שוין פאַרלוירן זיין זומערדיקן, פול-וואָגיקן גלאַנץ, האָט בלייך זיך געבלויט. דעם ראָוו האָבן באַדעקט מיט פּרעכטיקן פּורפּור, גאָט ווייסט פונוואַנען אָנגעטראָגענע, בלעטער פון אַן עפּל-בוים. נאָכן געכוואַליעטן רוקן פון באַרג האָט זיך פאַרלוירן דער פונאַנדערגעצווייגטער וועג, — אומזיסט האָט ער געלאָקט די מענטשן צו גיין דאָרט אַהין, נאָכן שמאַראַגדענעם, ווי אַ חלום אומקלאָרן, שמאָלן פּאַס האָריזאָנט, אין די אומאויסגעפּאָרשטע ווייט-קייטן, — די מענטשן, צוגעשמידטע צו זייערע וואוינונגען, צו זייער טאָג-טעגלעכקייט, האָבן שווער געהאָרעוועט, אַוועקגעלייגט די כּוחות ביים דרעשן, און דער וועג, — דער מענטשנלאָזער, פאַרבענקטער שליאַך — איז געפלאָסן, דורכשניידנדיק דעם האָרי-זאָנט אין דער אומזיכטבאַרקייט. איבער אים, אויפהייבנדיק דעם שטויב, האָט זיך געטאָפּטשעט דער ווינט.

— לייכטער טיטון, ווי גראָז, — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש געזאָגט, אַרויסלאָזנדיק אַ וואָלקנדל רויך, וואָס איז זיך נישט צעגאַנגען.

— לײַכטער, אָבער... אָנגענעמער, — האָט פֿאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש מסכּים געווען.

— ענטפֿער מיר, מחותּן, — האָט קאָרשונאָוו געבעטן מיט אַ ווייך געוואָרן קול און פֿאַרלאָשן דעם פּאַפּיראָס.

— גריגאָרי שרײַבט וועגן דעם גאָרנישט. ער איז אַצינד פֿאַרוואונדעט.

— איך האָב געהערט...

— וואָס ווײַטער וועט זײַן — ווייס איך נישט. אפשר וועט מען אים אויף אַן אמת דערהרגענען. וואָס־זשע?

— וואָס הייסט, וואָס־זשע, מחותּן?... — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש אומזיכער און נעבעכדיק גענומען פֿינטלען מיט די אויגן. — זי לעבט אַזוי, ווי נישט קיין מיידל, נישט קיין חתונה־געהאַטע, נישט קיין אָרנטלעכע אלמנה — דאָס איז דאָך אַ חרפּה. ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז עס וועט אַזוי געשען, וואָלט איך דאָך אײַך, אַזעלכע מחותּנים, איבער דער שוועל נישט אַריבערגעלאָזט, וואָרים ווי קאָן מען דאָס אַזוי?... עך, מחותּן, מחותּן... יעדן איז זײַן קינד טײַער... דאָס איז בלוט — עס לאָזט נישט רוען...

— וואָס קאָן איך העלפֿן?... — האָט פֿאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש מיט אײַנגעהאַלטענעם כּעס אָנגעהויבן אָנגרײַפֿן. — דו זאָג מיר נאָר, צי בין איך צופֿרידן, וואָס מײַן זון איז פֿון דער היים אַוועקגעגאַנגען? צי איז מיר פֿון דעם עפּעס צוגעקומען? וואָס פֿאַר אַ מענטשן דאָס זענען!

— דו שרײַב אים אָן, — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש טויב דיקטירט, און צום טאַקט פֿון זײַנע רייד האָט געשאָרכט דאָס לײַם, שיטנדיק זיך פֿון אונטער זײַן האַנט אין ברוינע שפּילעוודיקע ריטשקעלעך אין ראָוו אַרײַן, — זאָל ער אײנמאָל פֿאַר אַלעמאָל זאָגן.

— ער האָט אַ קינד מיט יענער...

— וועט ער מיט דער אויך האָבן! — האָט קאָרשונאָוו אויסגעשריגן, רויט ווערנדיק. — צי קאָן מען זיך אַזוי באַגיין מיט אַ לעבעדיקן מענטש, האַ?... זי האָט שוין איינמאָל געוואָלט זיך דאָס לעבן נעמען, און איז אַצינד אַ קאַליקע... צי קאָן מען זי אין קבר אַריינשטופּן, האַ?... צי האָט ער אַ האַרץ פון אַ וואָלף? — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש אַ צישע געטון, זיך אָנכאַפּנדיק מיט איין האַנט ביי דער ברוסט און מיט דער צווייטער צוציִענדיק דעם מחותן ביי דער פּאָלע...

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געסאַפּעט, זיך אָוועקגע־דרייט אין אַ זייט...

— ...זי איז אויסגעטרוקנט געוואָרן נאָך אים, ווייסט נישט פון קיין אַנדער לעבן. זי לעבט דאָך ביי דיר ווי אַ דינסט.

— זי איז אונז טייערער, ווי אַן אייגענע! שווייג דו, — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אַ געשריי געטון און אויפגע־שטאַנען.

זיי זענען זיך צעגאַנגען אין פאַרשידענע זייטן, נישט גע־זעגנטע.

XVIII

אַרויסטרעטנדיק פון די ברעגן, פליסט אַוועק דאָס לעבן אין פאַרשידענע ריכטונגען. עס איז שווער פאָרצוזען, ביי וועלכער ריכטונג עס וועט בלייבן אין זיין פאַרעטערישן, שלויען גאַנג. דאָרט, וואו דאָס לעבן פליסט היינט פלאַך, ווי אַ טייכל פאַרן אויסטרוקענען, אַזוי פלאַך, אַז מען זעט אַרויס דעם נאַקעטן גרונט, — קאָן עס מאָרגן פליסן שטראָמיק־רייך מיט פולע וואַסערן.

ביי נאַטאַליען איז עפּעס פלוצלינג צייטיק געוואָרן אַ באַ־שלוס אַוועקצוגיין קיין יאַגאָדנאָיע צו אַקסיניען — און צוריק אויסבעטן ביי איר גריגאָריען. איר האָט זיך איבער עפּעס געדאַכט,

אַז אַלץ איז אָפּהענגיק פון אַקסיניען, און אויב זי װעט בײַ איר אויסבעטן — װעט גריגאָרי צוזאַמען מיטן פריערדיקן גליק זיך אומקערן. זי האָט זיך נישט פאַרטראַכט, צי דאָס איז אויספירבאַר, און װי אַזוי אַקסיניאַ װעט אויפנעמען איר מאָדנע בקשה. גע־שטויסן דורך אַ געפיל פון אונטערבאַװאוסטזײַן, האָט זי געשטרעבט װאָס שנעלער איר פּלוצלינג־אָנגענומענעם באַשלוס צו פאַרווירק־לעכן אין לעבן. סוף חודש האָבן די מעליעכאָװס דערהאַלטן אַ בריװ פון גריגאָריען. נאָך די גריסן פאַרן פאָטער און דער מוטער האָט ער אויך געשיקט אַ גרוס, צוזאַמען מיט װערטער פון טיפער אַכטונג פאַר נאַטאַליאַ מיראָנאָװנאַ. װאָס פאַר אַן אומבאַקאַנטע סיבה עס זאָל אים נישט האָבן באַװאויגן דאָס צו טון, — איז עס פאַר נאַטאַליען געװען אַ שטויס, און זי האָט זיך געקליבן באַלד דעם ערשטן זונטיק צו גיין קיין יאַגאָדנאָיע.

— װאוהין גייסטו, נאַטאַשאַ? — האָט דוניאַשקאַ געפרעגט, זעענדיק װי נאַטאַליאַ באַטראַכט אויפמערקזאַם און שטרענג איר פּנים פאַרן שטיקל שפּיגעלע.

— איך גיי באַזוכן מײַנע אייגענע, — האָט זי געלייקנט און רויט געװאָרן, באַגרײַפנדיק ערשט אַצינד, אַז זי גייט אויף אַ גרויסער דערנידערונג, אויף גרויסע מאָראַלישע פּיין.

— דו, נאַטאַליאַ, װאָלסט כאָטש איינמאָל אין לעבן אויף אַ פאַרװײַלונג מיט מיר מיטגעגאַנגען, — האָט דאַריאַ געבעטן, זיך פּוצנדיק. — װעסט גיין אין אָװנט?

— איך װייס נישט, מסתּמא נישט.

— עך דו, מאָנאַכין! מיר לעבן דאָך ערשט װען די מענער זענען נישטאָ, — האָט דאַריאַ עזותדיק אַ װאונק געטון און, אַ גראַציעזע, איבערברעכנדיק זיך אין צװייען, באַטראַכט פאַרן שפּיגל דעם אויסגעהאָפטענעם פאָדל פון איר נײַ העל־בלוי קלייד.

זינט פּיאָטער איז אַװעקגעפאָרן, האָט דאַריאַ שטאַרק זיך געענדערט: די אָפּװעזנהייט פון מאַן האָט בולט געװירקט אויף איר, אַ געװיסע אומרויִקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין אירע

אויגן, אין אירע באַוועגונגען, אין איר גאַנג. זי האָט זאָרגעוודיק זיך אויסגעפּוצט אין די זונטיק־טעג, פון די פאַרווײלונגען צוריקגעקומען שפּעט, אַ בייזע, מיט טונקל־געוואָרענע אַפּלען, און זיך געקלאָגט פאַר נאַטאַליען:

— אַן אומגליק, בנאמנות!... מען האָט צוגענומען אַלע לייטישע קאָזאַקן, עס זענען געבליבן אין כוטאָר בלויז קינדער און זקנים.

— וואָס אַרט עס דיך?

— וואָס הייסט, וואָס מיך אַרט? — האָט זיך יענע געוואונדערט. — אויף די פאַרווײלונגען איז נישטאָ אפילו מיט וועמען אַ שטיף צו טון. עס זאָל כאָטש אויסקומען אין דער מיל אַריין אַליין צו פאָרן, וואָרים דאָ קאָן מען פון שווער אויף קיין מינוט זיך נישט אָפּרייסן.

זי האָט מיט צינישער אָפנהאַרציקייט אויסגעפרעגט נאַטאַליען:

— ווי אַזוי קאָנסטו, ליבינקע, אַזוי לאַנג אויסהאַלטן אָן אַ קאָזאַק?

— הער שוין אויף, בושהניצע! — נאַטאַליעס פּנים איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ געדיכטער רויטקייט.

— און עס גלוסט זיך דיר גאָרנישט?

— און דיר, אַפּנים, גלוסט זיך יאָ, האַ?

— אוי גלוסט זיך מיר, ווייבעלע! — האָט דאַריע געלאַכט, רייטלענדיק זיך און ציטערנדיק מיט די שיפע ברעמען־בויגנס. — וואָס זאָל איך דיר לייקענען... איך וואָלט אַצינד אפילו עפּעס אַן אַלטיטשקן אַ ביסל אונטערגעוויגט, בנאמנות! דו גיב נאָר אַ טראַכט, עס איז דאָך שוין צוויי חדשים, זינט פּיאָטער איז נישטאָ.

— דו, דאַריאַ, וועסט נאָך אויף דיר אַ צרה ברענגען.

— הער אויף, בכבודיקע אַלטיטשקע, מיר קענען שוין די שטילע וואַסערלעך. דו וועסט בלויז נישט מודה זיין.

— איך האָב מיך נישט אין וואָס מודה צו זיין.

דאַריאַ האָט זייטיק אַ קוק געטון אויף איר מיט חוזק, בייסנדיק זיך די ליפּן מיט דראָבנע שאַרפע ציין, און דערציילט:

— אַנומלט האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר אויף דער פאַרוויילונג טימאָשקאַ מאַניצקאָוו, דעם אַטאַמאַנס זינדל. ער זיצט און שוויצט אינגאַנצן. איך זע, ער האָט מורא אָנצוהייבן... דערנאָך האָט ער מיר פּאַמעלעך אַרונטערגערוקט די האַנט אונטערן אָרעם, און די האַנט ציטערט. איך האָב מיך געמאַכט נישט וויסנדיק. איך זיץ און שווייג, כאָטש די ניכפּה וואַרפט מיך, וואָרים וואָלט דאָס כאָטש געווען אַ בחור, ווי עס געהער צו זיין, נישט אַזוינער, וואָס קאָן זיך אפילו די נאָז נישט אָפּווישן!... ער איז אַלט זעכצן יאָר, נישט מער, — זעסט, ווען עס לאָזט שוין נישט רוען? איך שווייג, איך זיץ, ער קריכט מיט דער האַנט, קריכט און שעפּטשעט: „קום צו אונז אין שייער אַריין!...״ עך, ווי איך האָב מיך אַ נעם געטון צו אים!...

דאַריאַ האָט פריילעך געלאַכט. אויף איר פּנים האָבן געציטערט די ברעמען, אַ שטראַלנדיק לאַכן האָט געשפּראָצט פון אירע פאַרזשמורעטע אויגן. — איך האָב אים שוין איינמאָל דערלאַנגט! „אַך דו, אַזוינער און אַזעלכער! — בין איך אויפגעשפּרונגען, — ווי קאָנסטו מיר אַזעלכעס פאָרלייגן? דו האָסט שוין לאַנג אויפגעהערט אונטער דיר דאָס ליילעך נאַס צו מאַכן?״ איך האָב אים שוין איינמאָל אַריינגעזאָגט!

די באַציִונגען צווישן איר מיט נאַטאַליען זענען אַצינד געווען פּשוטע און פריינטלעכע. יענע אומפריינטלעכקייט, וועלכע דאַריאַ האָט פריער געפילט צו דער יינגערער שנור, איז אָפּגעווישט געוואָרן, און די פּרויען, פאַרשידענע לויט די כאַראַקטערן, גאָרנישט ענלעכע צו זיך, זענען זיך צונויפגעגאַנגען און געלעבט בשלום.

נאַטאַליאַ האָט זיך אָנגעטון און אַרויסגעגאַנגען פון שטוב.

דאַריאַ האָט זי דעריאָגט אין פאָרהויז.

— דו ווערסט מיר היינט עפענען די טיר?

— איך וועל, מסתמא, נעכטיקן ביי מיינע אייגענע.

דאַריאַ האָט, נאָכטראַכטנדיק, זיך אַ קראַץ געגעבן מיטן קעמל אין דער נאָז און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— נו, גיי. איך האָב נישט געוואָלט בעטן וועגן דעם דוניאַשקען, — איך וועל אפנים שוין מוזן.

נאַטאַליאַ האָט געזאָגט איליניטשנען, אַז זי גייט צו אירע אייגענע, און אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. פון פלאַץ זענען גע־פאָרן וואָגנס פון יריד, מענטשן זענען געגאַנגען פון דער צערקווע. נאַטאַליאַ איז דורכגעגאַנגען צוויי געסלעך און זיך פאַרנומען לינקס. זי איז געגאַנגען שנעל באַרג־אַרויף. אויפן באַרג האָט זי זיך אומ־געקוקט: הינטער איר איז געלעגן דער כוטאָר, פאַרגאָסן אין בלענדנדיקן ליכט פון דער זון, עס האָבן זיך געבלייכט די גע־קאַלעכטע הייזלעך, אויפן משופּעדיקן דאַך פון דער מיל האָבן גע־פינקלט די אָפּגעשפּיגלטע זונען־שטראַלן, און די בלעך האָט גע־גלאַנצט, ווי צעשמאָלצענער גוס.

XIX

די מלחמה האָט אויך פון יאַגאָדנאָיע אַרויסגעריכן די מענטשן. עס זענען אַוועקגעגאַנגען וועניאַמין און טיכאָן, נאָך זיי איז דאָס לעבן געוואָרן נאָך טויבער, שטילער, לאַנגווייליקער. אָנשטאָט וועניאַמינען, האָט דעם אַלטן גענעראַל באַדינט אַקסיניאַ; די ברייט־הינטנדיקע לוקעריאַ, וואָס איז גאָרנישט דאַרער געוואָרן, האָט גענומען אויף זיך אויך די שוואַרצע אַרבעט פון דער קיך און דאָס אַכטונג געבן אויף די עופות. דער זיידע סאַשקאַ האָט צוזאַמען אויסגעפירט די פליכטן פון פערד־מייסטער און גערטנער, בלויז דער קוטשער איז געווען אַ נייער — דער געזעצטער אַלטער קאָ־זאַק ניקיטיטש.

דאָס יאָר האָט דער כּריץ ווינציקער געזייעט. ער האָט אָוועקגעשטעלט אַן ערך צוואָנציק פערד אויף רעמאָנט, און עס זענען געבליבן בלויז די גייעג־פערד און די דריי דאָנער, וואָס האָבן באַדינט די באַלעבאַטישקייט. דער פריץ האָט פאַרברענגט די צייט אין יאַגד, פלעגט מיט ניקיטישן פאָרן אויף דודאַקעס, און אָפט אויפגערודערט די געגנט מיט זיינע יאַגד־הינט.

פון גריגאָריען האָט אַקסיניאַ נישט אָפט באַקומען קורצע בריוו, וואָס האָבן איר מיטגעטיילט, אַז ער לעבט דערוויילע, איז געזונט און פאַרברענגט די צייט אין דער דינסט. צי ער האָט זיך באַהערשט, אָדער נישט געוואָלט אַרויסווייזן אין די בריוו זיין שוואַכקייט, אָבער ער האָט קיין איינמאָל נישט געלאָזט פאַלן קיין וואָרט, אַז עס איז אים שלעכט, אַז ער בענקט. די בריוו האָבן געאָטעמט מיט קילקייט, ווי ער וואָלט זיך גענייט זיי צו שרייבן, בלויז אין לעצטן בריוו האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ פראַזע: „...די גאַנצע צייט אין מיליטער, און עס איז שוין אַזוי ווי נמאס געוואָרן מלחמה צו האַלטן, מיטצופירן מיט זיך דעם טויט אין די לאַסטזעק". אין יעדן בריוו האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויף דער טאָכטער, געבעטן צו שרייבן אים וועגן איר: „...שרייב, ווי מיין טאַניושקאַ וואַקסט, און ווי אַזוי זי זעט אויס? איך האָב נישט לאַנג זי געזעען אין חלום, אַ גרויסע, און אין אַ רויט קלייד".

אַקסיניאַ האָט אויסערלעך שטאַנדהאַפטיק איבערגעטראָגן די צעשיידונג. איר גאַנצע ליבע צו גרישקען האָט זיך איבערגעוואָרפן אויפן קינד, באַזונדערס נאָכדעם, ווי אַקסיניאַ האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס קינד האָט זי טאַקע געהאַט פון גרישקען. דאָס לעבן אַליין האָט דאָס באַוויזן, נישט צום אָפּוועגדן: דעם מיידעלעס טונקל־בלאָנדע האָר זענען אַרויסגעפאַלן, און עס זענען איר אויפסניי אָנגעוואַקסן שוואַרצע און געקרייזלטע; אויך די אויגן האָבן געביטן זייער קאָליר, זיי זענען געוואָרן טונקל און לענגלעכדיק. מיט יעדן טאָג איז דאָס מיידעלע געוואָרן אַלץ ענלעכער צום פאָטער, אפילו דער שמייכל האָט דערמאַנט אָן די

מעליעכאָווס, אָן גרישקען, אָן דעם כאַרציקנדיקן, וואָס ער האָט געהאַט אין זיך. אַצינד האָט אַקסיניאַ אָן ספק דערקענט אין קינד דעם פאָטער און דערפאַר זיך צוגעקלעבט דערצו מיט אַ הייס געפיל, — עס איז שוין נישט געווען אַזוי ווי פריער, ווען זי פלעגט צוגיין צום וויגל און אָפּשפּרינגען, דערקענענדיק אין קינדס פנימל עפּעס אַ ווייטע אָנדייטונג, אַ פונק פון ענלעכקייט צו די פאַרהאַסטע שטריכן פון סטיעפּאַנס פנים.

עס האָבן זיך געזיגן די טעג, און נאָך יעדן טאָג האָט אין אַקסיניעס נשמה זיך אָפּגעזעצט אַ האַרבע ביטערקייט. די שרעק פאַרן לעבן פון געליבטן האָט ווי אַ שאַרפער עקבויער געלעכערט דעם מוח, נישט אָפּגעטרעטן בייטאָג, נישט אויפגעהערט אויך ביינאַכט, און ווען דאָס, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אויף דער נשמה און איז ביז אַ צייט פאַרהאַלטן געוואָרן דורכן ווילן, — האָט דורכגעריסן די טאַמעס: האָט אַקסיניאַ אַ גאַנץ גייענדיקע נאַכט זיך געפּייניקט אין שטומען שרייען, אין טרערן, זיך בייסנדיק די הענט, נישט אויפצוּוועקן דאָס קינד, איינצושטילן דאָס שרייען און צו דערשטיקן די מאָראַלישע ווייטיק דורך דער פיזישער. זי האָט אין דיווינדעלעך אַריינגעווייגט איר לעצט ביסל טרערן, קלערנדיק אין איר קינדערישער נאַיִווקייט: „דאָס איז דאָך גרישקעס קינד, וועט ער מיטן האַרץ דערפילן, ווי שטאַרק איך בענק נאָך אים".

נאָך אַזעלכע נעכט איז זי אויפגעשטאַנען, ווי אַ דערשלאָגענע: דער גאַנצער קערפּער האָט געבראָכן, עקשנותדיק אומדערמידלעך האָבן געקלאַפּט זילבערנע העמערלעך אין די שלייפן, אין די אַראָפּגעלאָזטע, אַמאָל יונגטלעך-פּוכיקע מויל-ווינקלען האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ מענלעכע ביטערקייט. די פיינלעכע נעכט האָבן אַקסיניען געעלטערט...

דעם זונטיק האָט זי דערלאַנגט דעם פריץ פרישטיק און אַ ביסל אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַנעק. צום טויער איז צוגעקומען אַ פרוי. עס האָבן אַ שלאָג געטון פון אונטערן ווייסן טיכל אַפּער

אַזעלכע שרעקלעך־קענטיקע אויגן... די פרוי האָט אָנגענומען די קליאַמקע און אַריינגעגאַנגען אין הויף. אַקסיניאַ איז בלייך גע־וואָרן, דערקענענדיק נאַטאַליען און פּאַמעלעך זיך געלאָזט גיין איר אַנטקעגן. זיי האָבן זיך באַגעגנט אינמיטן הויף. אויף נאַטאַליעס שיך איז געלעגן אַ געדיכטער שטויב פון וועג. זי איז שטיין גע־בליבן, מאַכטלאָז אַראָפּלאָזנדיק די גרויסע אויסגעאַרבעטע הענט; זי האָט שווער געאָטעמט, געפּרוווט און נישט געקאָנט אויסדרייען דעם פאַרקריפּלטן האַלדז. דערפאַר האָט זיך געדאַכט, אַז זי קוקט ערגעץ אין אַ זייט.

— איך בין געקומען צו דיר, אַקסיניאַ... — האָט זי גע־זאָגט, אָפּלעקנדיק די געפּלאַצטע ליפּן מיט דער פאַרטרוקנטער צונג.

אַקסיניאַ האָט אַ שנעלן קוק געטון אויף די פענסטער פון הויז און שווייגנדיק זיך געלאָזט גיין אין דער אָפּטיילונג פון דער דינערשאַפט, אין איר צימער אַריין. נאַטאַליאַ איז איר נאָכגעגאַנ־גען. דאָס שאָרכן פון אַקסיניעס קלייד האָט פיינלעך גערייצט איר געהער.

„פון דער היץ טוט וויי, סמתמא, אין די אויערן", — האָט פון גאַנצן קנויל געדאַנקען זיך אַרויסגעריסן איינער.

דורכלאָזנדיק נאַטאַליען, האָט אַקסיניאַ פאַרמאַכט די טיר. זי איז שטיין געבליבן אינמיטן שטוב, אַרונטערגערוקט די הענט אונטערן ווייסן פאַרטוך. זי האָט זיך אָנגעהויבן שפּילן מיט איר.

— נאָכוואָס ביסטו געקומען? — האָט זי שמייכלהאַפט, כמעט שעפּטשענדיק געפרעגט.

— איך וואָלט געוואָלט אַ טרונק טון... — האָט נאַטאַליאַ געבעטן און אַרומגענומען די שטוב מיט איר שווערן אומבויגזאַמען בליק.

אַקסיניאַ האָט געוואַרט, נאַטאַליאַ האָט מיט אָנשטרענגונג זיך באַמיט צו רעדן העכער.

— דו האָסט מיר צוגענומען דעם מאַן... גיב מיר אָפּ גריי־

גאָריען! דו... האָסט מיר דאָס לעבן צעבראָכן... זעסט, ווי איך זע אויס...

— דעם מאַן ווילסטו? — אַקסיניאַ האָט צונויפגעדריקט די ציין, און די ווערטער — ווי רעגן־טראָפּנס אויף אַ שטיין, — זענען געפאַלן קאַרג. — דעם מאַן ווילסטו? ביי וועמען בעטסטו? נאָכ־וואָס ביסטו געקומען?... צו שפּעט האָסטו דיך דערמאַנט צו קומען בעטן!... צו שפּעט!

זיך אַ וואַקל טוענדיק מיטן גאַנצן קערפּער, איז אַקסיניאַ צוגעגאַנגען צו איר נאָענט און גיפטיק זיך צעלאַכט.

זי האָט שפּאָטיש אַריינגעקוקט אין איר שונאס פּנים. אָט שטייט זי פאַר איר — דאָס געזעצלעכע, אַוועקגעוואָרפענע ווייב, — אַ דערנידעריקטע, אַ דערדריקטע פון צער: אָט די, וואָס צוליב איר האָט אַקסיניאַ פאַרגאָסן אַזוי פיל טרערן, ווען זי האָט זיך צעשיידט מיט גריגאָריען, און געטראָגן אין איר האַרץ אַ בלוטיקע ווייטיק, ווי אַ האַרטן קיזלשטיין, און בשעת זי, אַקסיניאַ, האָט זיך געמאַטערט און אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט, האָט אָט די געצערטלט גריגאָריען און זיכער געלאַכט פון איר, דער שלימזל־דיקער אַוועקגעוואָרפענער געליבטער.

— און דו ביסט געקומען בעטן איך זאָל אים אַוועקוואַרפן? — האָט אַקסיניאַ זיך געשטיקט. — אַך דו, שלאַנג פאַרטייעטע!... דו האָסט פריער ביי מיר צוגענומען גרישקען! דו, און נישט איך... דו האָסט געוואוסט, אַז ער לעבט מיט מיר, פאַרוואָס האָסטו חתונה געהאַט? איך האָב אָפּגענומען דאָס מייניקע, ער איז מיי־נער. איך האָב אַ קינד פון אים, און דו...

זי האָט מיט ברויזנדיקן האַס געקוקט נאַטאַליען אין די אויגן אַריין, אומגעלומפּערט געפאָכעט מיט די הענט און געשיט מיט אָנגעגליטע ווערטער.

— מיינער איז ער, גרישקאַ — און כ׳וועל אים קיינעם נישט אַוועקגעבן!... מיינער! מיינער! דו הערסט? מיינער!... טראָג דיך, דו אומפאַרשעמטע צויג, דו ביסט נישט זיין ווייב, דו ווילסט

ביי אַ קינד דעם פאָטער צונעמען? אַהאַ! פאַרוואָס־זשע ביסטו פריער נישט געקומען? נו, פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען?

נאַטאַליאַ איז זייטיק צוגעגאַנגען צו דער באַנק און זיך אַוועקגעזעצט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין די הענט אַריין און מיט די דלאָניעס זיך צוגעדעקט דאָס פּנים.

— דו האָסט דיין מאַן אַוועקגעוואָרפן... מאַך נישט אַזעלכע קולות...

— חוץ גרישקען, האָב איך נישט קיין מאַן. איז נישטאָ קיינער פאַר מיר אויף דער גאַנצער וועלט.

פּילנדיק, ווי עס קאָכט אין איר דער אָנגעזאַמלטער כּעס, האָט אַקסיניאַ געקוקט אויף דער פּאַסמע גלייכע שוואַרצע האָר, וואָס זענען אַפּערגעפאַלן פון אונטערן טיכל אויף נאַטאַליעס האַנט.

— ער דאַרף דיך נייטיק? זע ווי דער האַלז איז ביי דיר אויסגעקרומט געוואָרן! און דו מיינסט, ער וועט זיך אויף דיר אומקוקן? ווען דו ביסט געזונט געווען, האָט ער דיך אַוועקגעוואָרפן, וועט ער אויף אַ קאַליקע זיך אומקוקן? דו וועסט שוין גרישען נישט זען! אָט וואָס איך זאָג דיר! און טראָג דיך!

אַקסינאַ איז געווען אכזריותדיק. באַשיצנדיק איר נעסט, האָט זי אַצינד איר אָפּגעצאָלט פאַר אַלעם פריערדיקן. זי האָט געזען, אַז נישט געקוקט אויפן לייכט־אויסגעקרומטן האַלז, איז נאַטאַליאַ נאָך אַצינד אויך אַזוי שיין ווי פריער — אירע באַקן און דאָס מויל זענען פריש, נישט צעקנייטשט פון דער צייט. און, — ביי איר, אַקסיניען, האָט דען נישט, צוליב דערדאָזיקער נאַטאַליען, פאַר דער צייט זיך באַוויזן דאָס געוועב פון דינע קנייטשלעך איבער די אויגן?

— דו מיינסט, איך האָב מיר פאַרגעשטעלט, אַז איך וועל אויסבעטן? — האָט נאַטאַליאַ אויפגעהויבן אירע פון פאַרווירטקייט שיכּורע אויגן.

— נאָך וואָס־זשע ביסטו געקומען? — האָט אַקסיניאַ סאָפּענ־דיק געפרעגט.

— די בענקשאַפט האָט מיך געשטופּט

אויפגעוועקט פון די קולות, האָט אויפן בעט, אונטערהייבנ־דיק זיך, אויפגעוואַכט און זיך צעוויינט אַקסיניעס טאָכטער. די מוטער האָט גענומען דאָס קינד אויף דער האַנט, זיך אָוועקגעזעצט און אויסגעדרייט דערמיט צום פענסטער. אינגאַנצן ציטערנדיק, האָט נאַטאַליאַ געקוקט אויפן קינד. אַ טרוקענע ספּאַזמע האָט איר צו־נויפגעדריקט דעם האַלז. מיט קלוגער נייגיריקייט האָבן געקוקט אויף איר פון קינדס פּנים גריגאָריעס אויגן.

זי איז אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַנעק, וויינענדיק און וואַק־לענדיק זיך. אַקסיניאַ איז נישט אַרויסגעגאַנגען זי באַגלייטן. אין אַ מינוט אַרום איז אַריינגעקומען דער זיידע סאַשקאַ.

— וואָס פאַר אַ באַבע איז עס דאָ געווען? — האָט ער גע־פרעגט, קענטיק זיך משער זייענדיק.

— סתם אַזוי, איינע פון כוטאָר.

נאַטאַליאַ איז אָפּגעגאַנגען פון גוט אַ וויאָרסט דריי, און זיך אַנידערגעלייגט אונטער אַ ווילדן דערנער־קוסט. זי איז געלעגן, גאָרנישט טראַכטנדיק, צעשמעטערט פון אומאויסדריקלעכן צער... פאַר אירע אויגן האָבן אומאויפהערלעך געשימערט גריגאָריעס כמורנע שוואַרצע אויגן אויפן פּנים פון קינד.

XX

קלאָר, ביז בלענדנדיקער ווייטיק, האָט גריגאָריען זיך דער־מאַנט דידאַזיקע נאַכט. ער האָט אויפגעוואַכט פאַרטאָג, אַ שאַר געטון מיט די הענט, אָנגעטראָפן אויפן שטעכעדיקן שטרוי פון אָפּ־געשניטענעם פעלד און גענומען קרעכצן פון דער שאַרפער וויי־טיק, וואָס האָט אָנגעפילט זיין קאָפּ. ער האָט מיט אָנשטרענגונג

אונטערגעהויבן די האַנט, זי צוגעצויגן צום שטערן און אָנגעטאַפּט דעם טשוב, וואָס איז האַרט געווען פון פאַרגליווערטן בלוט. ער האָט מיט אַ פינגער באַרירט די ווייכע וואונד, ווי ער וואָלט צו אַ הייסער קויל זיך צוגערירט. ער האָט אַ קריץ געטון מיט די ציין און געפאַלן אויפן רוקן. איבער אים האָבן אויפן בוים מיט גלאָזיקן קלאַנג יעמערלעך געשאָרכעט די בלעטער, אָפּגעבריטע פון פראָסט. די שוואַרצע קאָנטורן פון די צווייגן האָבן בולט זיך געצייכנט אויפן טונקל-בלויען פאָן פון הימל, צווישן זיי האָבן געלויכטן די שטערן. גריגאָרי האָט געקוקט מיט ברייט-געעפנטע אויגן, נישט מרוגענדיק; אים האָט זיך געדאַכט, אַז נישט קיין שטערן, נאָר קיילעכיקע, בלוילעך-געלע, אומבאַקאַנטע פּירות הענגען אויף די שטראַנגען פון די בלעטער.

באַגרייפנדיק, וואָס מיט אים איז געשען, פילנדיק די אומ-באַזיגבאַרע אָנוואַקסנדיקע שרעק, האָט ער גענומען קריכן אויף אַלע פיר, קריצנדיק מיט די אַנטבלויזטע ציין. די ווייטיק האָט זיך געשפּילט מיט אים, אומגעוואָרפן אים אויפן רוקן... אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער קריכט שוין זייער לאַנג; מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט ער זיך אומגעקוקט, — אַ פּופציק טריט פון אים האָט זיך געשוואַרצט דער בוים, אונטער וועלכן ער האָט גע-פּרירט, אַ באַוואוסטלאָזער. איינמאָל איז ער אַריבערגעקראָכן אי-בערן קערפּער פון אַ דערהרגעטן, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די עלנ-בויגנס אָן זיין איינגעפאַלענעם האַרטן בויך. פון בלוט-פאַרלוסט האָט אים געאיבלט צום ברעכן, און ער האָט געוויינט ווי אַ קינד, געגריזשעט דאָס זיסלעכע, מיט טוי-באַדעקט גראָז, נישט צו פאַרלירן דאָס באַוואוסטזיין. לעבן אַן איבערגעקערטן קאַסטן פון קוילן האָט ער זיך אויפגעהויבן, געשטאַנען, לאַנג געוואַקלט זיך, דערנאָך גע-פּרווט גיין. עס זענען אים צוגעקומען כוחות, ער האָט שוין גע-שפּאַנט זיכערער און אפילו בכוח געווען אונטערצושיידן די ריכ-טונג אויף מזרח: עס האָט אים געפירט דער גרויסער שטערן-וואָגן.

ביים ברעג וואַלד האָט אים פאַרהאַלטן אַ טויבע וואָרענונג:

— נישט צוגיין, כ'וועל דערשיסן!

עס האָט אַ קנאַק געטון דער קוילן-מאַגאַזין פון אַ רעוואָל־ווער. גריגאָרי האָט זיך איינגעקוקט אין דער ריכטונג פון קנאַק: ביי אַ סאָסנע איז האַלב-ליגנדיק געזעסן אַ מענטש.

— ווער ביסטו פאַר איינער? — האָט גריגאָרי געפרעגט, זיך איינהערנדיק אין זיין אייגן קול, ווי אין אַ פרעמדס.

— אַ רוס? גאָט מיינער!... קום אַהער! — דער מענטש ביי דער סאָסנע האָט זיך אַראָפּגעגליטש אויף דער ערד.

גריגאָרי איז צוגעגאַנגען.

— בייג דיך אָן.

— איך קאָן נישט.

— פאַרוואָס?

— איך וועל אומפאַלן און נישט אויפשטיין, איך האָב אַ וואונד אין קאָפּ...

— פון וועלכער אָפּטיילונג ביסטו?

— פון צוועלפטן דאָנער פולק.

— העלף מיר, קאָזאַק...

— איך וועל פאַלן, אייער וואוילגעבוירנהייט. — (גריגאָרי האָט באַמערקט אויף זיין שינעל אָפיצירישע שליפעס)

— דערלאַנג מיר כאָטש די האַנט.

גריגאָרי האָט געהאָלפן דעם אָפיציר זיך אויפהייבן. זיי האָבן זיך געלאָזט גיין. אָבער מיט יעדן טריט איז דער פאַרוואונ־דעטער אָפיציר אַלץ שווערער נאָכגעהאָנגען אויף גריגאָריעס האַנט. אַרויסקומענדיק פון טאָל, האָט ער קראַמפּהאַפּט אָנגעכאַפּט גריגאָריען ביים אַרבל פון דער בלוזע און, קריצנדיק מיט די ציין, אַ זאָג געטון:

— לאָז מיך איבער, קאָזאַק... איך האָב דאָך... אַ דורכשאָס... אין בויך...

הינטער זיינע פענסנע האָבן די אויגן געפינקלט מאַטער,

און הייזעריק האָט אַריינגעאָטעמט די לופט דאָס ברייטע, געעפנטע, לאַנג נישט געגאָלטע מויל. דער אָפיציר האָט פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין. גריגאָרי האָט אים געשלעפּט אויף זיך, פאַלנדיק, אויפשטייענדיק און ווידער פאַלנדיק. צוויי מאָל האָט ער אַוועקגעוואָרפן זיין משא און ביידע מאָל זיך אומגעקערט, אויפגעהויבן און ווידער זיך געשלעפּט, ווי אין אַ קאָשמאַרהאַפטן חלום.

צוועלף אַ זייגער אינדערפרי האָט זיי אויפגענומען אַ קוריערן־אָפּטיילונג און צוגעשטעלט צום סאַניטאַר־פּונקט.

אין אַ טאָג אַרום איז גריגאָרי אין געהיים אַוועקגעגאַנגען פון סאַניטאַר־פּונקט. ער האָט אויפן וועג אַראָפּגעריסן דעם באַנדאַזש פון קאָפּ, און מיט דערלייכטערונג געשפּאַנט, טאָכענדיק מיט דער באַנד מיט די סאַמעט־רויטע פלעקן.

— פונוואַנען קומסטו ? — איז דער סאָטניע־קאָמאַנדיר איבערראַשט געוועזן.

— איך בין צוריקגעקומען אין מיליטער אַריין, אייער וואוילגעבוירנהייט.

אַרויסגייענדיק פון סאָטניק, האָט גריגאָרי דערזען דעם אוריאַדניק פון דער אָפּטיילונג.

— מיין פערד ? מיין קאַשטאַן וואו איז ?

— ער, ברודערקע, איז גאַנץ. מיר האָבן אים געכאַפּט אויפן זעלבן אָרט, ווי נאָר מיר האָבן די עסטרייכער אָפּגעטריבן. און וואָס מאַכסטו ? מיר האָבן דאָך דיר שוין געוואונטשן אַ ליכטיקן גן־עדן.

— איר האָט אַ ביסל זיך צוגעאיילט, — האָט גריגאָרי אַ שמייכל געטון.

אָ פּ ש ר י פ ט פ ו ן ב אַ פ ע ל

פאַרן מציל זיין דאָס לעבן פון קאָמאַנדיר פון 9־טן דראַגונער־פּולק, דעם פּאָדפּולקאָווניק גוסטאַוו גראָזבערג, איז דער קאָזאַק מעליעכאָוו גריגאָרי פון 12־טן

דאָנער קאָזאַקן-פּולק באַשטימט געוואָרן אַלס יעפּרייטער און צוגעשטעלט געוואָרן צו באַקומען אַ געאָרגיי-קרייץ פון דער 4-טער מדרגה.

די סאָטניע איז געשטאַנען אויף אָפּרו אין דער שטאָט קאַ-מיאָנקאַ-סטרומילאָווא צוויי מעת-לעת און אויף ביינאַכט זיך גע-גרייט צום אַרויסמאַרשירן. גריגאָרי האָט אָפּגעזוכט די קאָזאַקן-קוואַרטיר פון זיין אָפּטיילונג און געגאַנגען זען זיין פערד. ער האָט אין זיין רוקזאַק נישט געפונען קיין פּאָר וועש, קיין האַנטוך.

— פאַר די אויגן אַרויסגעגנבעט, גריגאָרי, — האָט מיט אַ טאָן פון אַ שולדיקן זיך מודה געווען מישקאַ קאָשעוואָי, אונטער וועמענס אויפזיכט עס האָט זיך געפונען דאָס פערד. — מען האָט אָנגעטריבן אינפאַנטעריע אין הויף אַריין, און איידער איך האָב מיך אומגעקוקט, האָט די אינפאַנטעריע צוגעגנבעט.

— כאַפּט זיי דער טייוול, זאָלן זיי געניסן. איך וואָלט מיר געדאַרפט דעם קאָפּ אַרומבינדן, דער באַנדאַזש איז דורכגעעצט געוואָרן.

— נעם מיין האַנטוך.

אין שייער, וואו ס'איז פאָרגעקומען דער שמועס, איז אַריינ-געקומען דער באַטשופּרינטער. ער האָט דערלאַנגט גריגאָריען די האַנט, ווי צווישן זיי וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען.

— אַ, מעליעכאָוו! דו לעבסט, בחורעץ?

— אין דער העלפט.

— דער שטערן איז דיר פאַרבלוטיקט, וויש אָפּ.

— כ'וועל אָפּווישן, עס ברענט נישט.

— לאָמיך נאָר זען, ווי אַזוי מ'האָט דיך פאַרבאַנדאַזשירט.

דער באַטשופּרינטער האָט מיט כּוח אַראָפּגעבויגן גריגאָריעס קאָפּ און אַ סמאָרע געטון מיט דער נאָז.

— נאָכוואָס האָסטו דיר געלאָזט די האָר אויסשערן? קוקסט

ווי זיי האָבן אים פאַרשענדט !... די דאָקטוירים וועלן דיך שוין איינמאָל אויסנוצן, לאָז, וועל איך דיר פאַרהיילן.

נישט וואַרטנדיק אויף קיין הסכמה, האָט ער אַרויס־גענומען פון פאַטראָן־טאַש אַ פאַטראָן, אַרויסגעדרייט די קויל, אויסגעשיט דעם שוואַרצן פולווער אויף דער שוואַרצער האַנט.

— שאַף, מיכאַילאַ, שפּינוועבס.

קאָשעוואָי האָט מיט דער שפּיץ שווערד אַראָפּגענומען אַ גע־דיכט שטיק שפּינוועבס פון אונטערן בעליק און עס דער־לאַנגט. מיט דער זעלבער שווערד האָט דער באַטשופּרינטער אויס־געשניטן אַ שטיקל ערד און עס אויסגעמישט מיט דעם שפּינוועבס און פולווער און לאַנג געקייעט. מיט דער געדיכטער קלעביקער מאַסע האָט ער קאָמפּאַקט פאַרשמירט די וואונד אויף גריגאָריעס קאָפּ און אַ שמייכל געטון.

— אין דריי מעת־לעת אַרום וועט עס זיין, ווי מיט דער האַנט אַוועקגענומען. זעסט, ווי איך זאָרג פאַר דיר, און דו... האָסט מיך שיער נישט דערשאָסן.

— פאַר דער זאָרג דאַנק איך דיר, און ווען איך וואָלט דיך דערהרגעט, וואָלט געוועט מיט איין זינד ווינציקער אויף דער נשמה.

— וואָס פאַר אַ פשוטער דו ביסט, בחורעץ.

— אַזעלכער בין איך שוין. וואָס איז דאָרט ביי מיר אויפן קאָפּ ?

— אַ שניט אויף אַ פערטל אַרשין. דאָס וועסטו האָבן אַן אָנדענק.

— איך וועל נישט פאַרגעסן.

— וואָלסט אפילו געוואָלט, וועסטו אויך נישט פאַרגעסן ; די עסטרייכער שאַרפן נישט די שווערדן ; ער האָט דיר דערלאַנגט מיט אַ טעמפּער, אַצינד וועסטו שוין אויפן גאַנצן לעבן האָבן אַן אָנגעשוואָלענעם העפט.

— דיין גליק, גריגאָרי, וואָס די שווערד האָט זיך אַ גליטש געטון, אַזיסטן וואָלט מען דיך שוין געהאַט באַגראָבן אין דער פרעמדער ערד, — האָט קאָשעוואָי געשמייכלט.

— וואו־זשע זאָל איך דאָס היטל אַהינטון ?

גריגאָרי האָט, אַ פאַרלוירענער, געדרייט אין די הענט דאָס היטל מיט דער דורכגעהאַקטער, פאַרבלוטיקטער דענקע.

— וואַרף עס אַוועק, וועלן עס די הינט אויפפרעסן.

— חברה, מען האָט געבערענגט עסן, געגאַנגען זאָל ווערן — האָט מען געשריגן פון דער הויז־טיר.

די קאָזאַקן זענען אַרויסגעגאַנגען פון שייער. שיקלענדיק מיטן בולטן אויג, האָט דער קאַשטאַן נאָכגעהירזשעט גריגאָריען.

— ער האָט געבענקט נאָך דיר, גריגאָרי ! — קאָשעוואָי האָט אָנגעוויזן אויפן פערד. — איך האָב מיך נישט אויפגעהערט צו חידושן, ער האָט דעם האָבער נישט געגעסן און אַזוי שטיל אונ־טערגעהירזשעט.

— איך האָב אים כסדר גערופן, ווען איך בין געקראָכן פון דאָרטן, — האָט גריגאָרי טויב געזאָגט, זיך אַוועקדרייענדיק, — איך האָב געמיינט — ער וועט נישט אַוועקגיין פון מיר, און כאַפּן אים איז שווער, ער לאָזט זיך נישט פון פרעמדע.

— אמת, מיר האָבן אים מיט כוח גענומען. אַן אַרקאַן פאַר־וואָרפן.

— דאָס פערד איז אַ גוטס, דעם ברודערס פערד, פּיאָטערס. — גריגאָרי האָט זיך אַוועקגעדרייט, באַהאַלטן די אויגן פון גערירטקייט.

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין הויז. אין פעדערשטן צימער אויפן דיל, אויף אַ מאַטראַץ מיט פרוזשינעס, וואָס איז אַראָפּגע־נומען געוואָרן פון בעט, האָט געשנאָרכט יעגאָר זשאַרקאָוו. די אומ־באַשרייבלעכע אומאָרדענונג האָט שווייגנדיק דערציילט, אַז די באַלעבאַטים האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז אין איילעניש. שטיקער פון

צעהאַקט געפעס, צעריסענע פּאַפּירן, ביכער, פאַרגאָסענע מיט האָניק, שטיקלעך טוך, קינדער־שפּילעכלעך, אַלטע שיך, צעשיט מעל, — דאָס אַלץ האָט אין שרעקלעכער אומאָרדענונג זיך גע־וואַלגערט אויפן דיל און שרייענדיק דערציילט וועגן חורבן.

נאָכן ריין מאַכן פאַר זיך אַן אָרט, האָבן דאָ געגעסן מי־טאָג גראָשעוו עמעליאַן און פראָכאָר זיקאָוו. ביים דערזען גריגאָריען, האָבן ביי זיקאָוון זיך אַרויסגעקייקלט די קעלבערן־מילדע אויגן.

- גרי־י־ישקאַ! פון וואַנען האָסטו דיך דערנומען?

— פון יענער וועלט.

— לויף אַרויס און ברענג אים אַריין באָרשט. וואָס האָסטו די אויגן אויפן שטערן אַרויסגעקאָלערט? — האָט דער באַטשופּ־רינטער אַ געשריי געטון.

— באַלד. די קיך איז דאָ נישט וויט, אין געסל.

קייענדיק דעם ביסן, איז פראָכאָר אַרויסגעלאָפן.

אויף זיין אָרט האָט אַ מידער זיך אַוועקגעזעצט גריגאָרי.

— איך געדענק שוין נישט ווען איך האָב געגעסן — האָט ער שולדיק אַ שמייכל געטון.

איבער דער שטאָט האָבן זיך באַוועגט די אָפּטיילונגען פון דריטן קאָרפּוס. די שמאָלע גאַסן זענען פאַרשטאָפּט געווען פון דער אינפאַנטעריע, האָבן געשטראָמט מיט אומצייליקע טאַבאָרן, מיט קאַוואַלעריע־אָפּטיילונגען, אין די ראָגן האָבן זיך געשאַפן פאַרהאַלטונגען, דורך די פאַרמאַכטע טירן איז אַריינגעדרונגען דער ליאַרעם פון דער באַוועגונג. באַלד האָט זיך באַוויזן פראָכאָר מיט אַ קעסעלע באָרשטש און אַ טאָרבע גרעטשענע קאַשע.

— וואוהין זאָל איך אויסשיטן די קאַשע?

— אָט איז אַ פענדל מיט אַן אויער, — גראָשעוו האָט צו־גערוקט פון פענסטער אַ נאַכט־כּלי, נישט וויסנדיק אויף וואָס מען באַנוצט דאָס.

— עס שטינקט, דאָס פענדל דיינס. — פּראָכאָר האָט זיך פאַר־קרימט.

— עס שאַדט נישט. שיט אַריין, מיר וועלן שוין דער־נאָך זען.

פּראָכאָר האָט איבערגעקערט די טאָרבע איבער דער כּלי, די געדיכטע קאַשע איז אַרויסגעפאַלן, אַרום איר האָט זיך באַוויזן אַ בורשטינענע זוים פון פעטקייט. זיי האָבן געגעסן, שמועסנדיק. פּעט באַגאַווערנדיק זיין אָפּגעבליאַקעוועטן לאַמפּאַס, האָט פּראָכאָר דערציילט:

— דאָ, לעבן אונזער הויף, שטייט אַ באַטאַרייע פון אַ באַרג־דיוויזיאָן, זיי פּאַשען די פערד. זייער פייערווערקער האָט געלייענט אין אַ צייטונג, אַז פון די דייטשישע פאַרבינדעטע איז, ווי מען זאָגט — קיין שריד ופליט נישט געבליבן.

— דו האָסט פּאַרשפּעקטיקט, מעליעכאָוו, מיר האָבן דאָך אינ־דערפרי באַקומען אַ דאַנק, — האָט דער באַטשופּרינטער געבור־טשעט, באַוועגנדיק מיטן מויל, וואָס איז אָנגעפּאַקט געווען מיט קאַשע.

— פון וועמען?

— דער אָנפירער פון דער דיוויזיע, דער גענעראַל־לייטע־נאַנט פאָן דיוויד, האָט דורכגעפירט ביי אונז אַ רעווי און אונז גע־דאַנקט אין אַ רעדע דערפאַר, וואָס מיר האָבן אויסגעהרגעט די אונגאַרישע הוזאַרן און מציל געווען די באַטאַרייע. זיי האָבן דאָך שיִער נישט די האַרמאַטן אַוועקגעפירט. „בראַווע קאָזאַקן, — האָט ער געזאָגט, — דער קייסער און דאָס פאָטערלאַנד וועלן אייך נישט פאַרגעסן".

— אָט וואָס!

אויף דער גאַס האָט טרוקן אַ קנאַל געטון אַ שאָס, אײנער און אַ צווייטער, עס האָט פויקנדיק אַ שפּריץ געטון אַ דראָבנע שיסעריי פון אַ קוילנוואַרפער.

— אויף דער גאַס אַ־רוי־ס! — האָט מען הילכיק זיך צע־שריגן ביים טויער.

אַוועקוואַרפנדיק די לעפל, זענען די קאָזאַקן אַרויסגעלאָפן אויפן הויף. איבער זיי האָט נידעריק און לייכט זיך געטראָגן אַן אַעראָפּלאַן. זיין מעכטיק זשומען האָט געקלונגען דראָענדיק.

— זיך אויסלייגן ביי די פּלעטער! ער וועט באַלד אָנהייבן באָמבעס וואַרפן, עס איז לעבן אַ באַטאַרייע! — האָט דער באַטשופּטרינטער אויסגעשריגן.

— יעגאָרקען וועקט אויף! עס וועט אויפן וויכן מאַטראַץ אים דערהרגענען!

— די ביקסן דערלאַנגט!

דער באַטשופּרינטער, טיכטיק צילנדיק, האָט געשאָסן גלייך פון גאַנעק.

איבער דער גאַס זענען געלאָפן סאָלדאַטן, צוליב עפּעס זיך אָנבייגנדיק. אין שכנישן הויף האָט זיך געהערט אַ הירזשען פון פערד און שאַרף קאָמאַנדעווען. אויסשיסנדיק דעם גאַנצן קוילן־מאַגאַזין, האָט גריגאָרי אַ קוק געטון איבערן פּלויט אַריבער: דאָרט האָט די באַדינונג פון דער באַטאַרייע זיך געפּאָרעט, אָנ־לאָדנדיק די האַרמאַטן אונטער דער שאָפּע. זשמורענדיק זיך פון דער שאַרפער הימל־בלויקייט, האָט גריגאָרי אַ קוק געטון אויפן ברומענדיקן, זיך אַראָפּלאָזנדיקן פויגל; פון דאָרט האָט אין דעם מאָמענט שנעל זיך עפּעס אָפּגעריסן און שאַרף אַ בלענד געטון אין פּאַס זונען־ליכט. אַ דערשיטערנדיקער זעץ האָט אויפגעטרייסלט דאָס הייזל מיט די צוגעפּאַלענע קאָזאַקן צום גאַנעק; אין שכנות־דיקן הויף האָט אין גסיסה־אויסגעשריי זיך פאַרכליניעט אַ פערד. אַ שאַרפער שוועבלדיקער ריח פון שרפה האָט זיך דער־טראָגן פון יענער זייט פּלויט.

— באַהאַלטן זיך! — האָט דער באַטשופּרינטער אויסגעש־שריגן, אַראָפּלויפנדיק פון גאַנעק.

גריגאָרי איז אים נאָכגעשפּרונגען און אַ פאַל געטון ביים

פאַרקן. אַ פליגל פון אַעראָפּלאַן האָט אַ פינקל געטון מיט עפּעס אַן אַלומיניום־טייל; ער האָט זיך אויסגעדרייט, לייכט פאַרהייבנדיק דעם ווידל. פון דער גאַס האָט מען געשאָסן גרופּעסווייז, געקנאַלט מיט זאַלפּן, געדיכט געזייעט מיט אייַנציקע אָפּגעריסענע שאָסן. גריגאָרי האָט נאַר־וואָס אַרייַנגעזעצט אַ מאַגאַזין קוילן, ווי אַ נאָך מער דערשיטערנדיקער אויפרייס האָט אים אַוועקגעשלײַדערט אויף אַ קלאָפּטער פון פאַרקן. אַ שטיק ערד האָט אים אַ זעץ געטון אין קאָפּ אַריין, פאַרשיטנדיק די אויגן, און שווער צוגעדעקט...

דער באַטשופּרינטער האָט אים אויפגעשטעלט אויף די פיס. אַ שאַרפע ווייטיק אין לינקן אויג האָט געשטערט גריגאָריען צוקוקן; ער האָט מיט אָנשטרענגונג געעפנט דאָס רעכטע, און דערזען: אַ האַלב הויז איז צעשטערט, די ציגל ליגן אין אַ רויטן, אומגעלומפּערט־אָנגעוואָרפענעם באַרג, און איבער זיי רויכערט זיך אַ ראָזער שטויב. פון אונטערן אייַנגעבראָכענעם גאַנעק איז אויף די הענט געקראָכן יעגאָר זשאַרקאָוו. זיין גאַנץ פּנים — איין גרויסער אויסגעשריי, איבער די באַקן פון די אַרויסגעזעצטע אויגן — בלוטיקע טרערן. ער איז געקראָכן, דעם קאָפּ אייַנגעטוליעט צווישן די אַקסלען, און געשריגן, ווי נישט צענעמענדיק די טויטע, שוואַרץ־געוואָרענע ליפּן:

— אַ־ל־ל־ל! אַ־ל־ל־ל! אַ־ל־ל־ל!...

אויף אַ דין שטיקל הויט, אויף אַן אָפּגעברענטן הויז האָט פון הינטן זיך אים קווער נאָכגעשלעפּט אַן אָפּגעריסענער פוס ביים היפּט. דער צווייטער איז נישט געווען. ער איז געקראָכן, פאַמעלעך איבערשטעלנדיק די הענט, אַ דין, כמעט קינדיש־יאָמערלעך שרייען האָט זיך געטראָגן פון זיין מויל. ער האָט איבערגעריסן דאָס שרייען און אַ פאַל געטון אויף אַ זייט, האַרט צודריקנדיק דאָס פּנים צו דער אומפרייַנטלעכער, פייכטער, מיט פערדישער צואה און שטיקלעך ציגל באַשמוצטער ערד. צו אים איז קיינער נישט צוגעגאַנגען.

— נעמט־זשע אים! — האָט גריגאָרי אויסגעשריגן, נישט אָפּ־רײַסנדיק די הענט פון לינקן אויג.

אין הויף זענען אַרײַנגעלאָפן פוסגייער. לעבן טויער האָט זיך פאַרהאַלטן אַ צווײ־רעדערדיקע בריטשקע פון טעלעפאָניסטן.

— פאָרט, וואָס האָט איר זיך געשטעלט! — האָט אַ געשרײ געטון אויף זיי אַ פאַרבײַרײַטנדיקער אָפיציר. עך, וואָס פאַר אַ חיות דאָס זענען, וואָס פאַר אַ כאַמעס!...

פון ערגעץ האָט צוגעשליאַפּעט אַן אַלטיטשקער אין אַ שוואַרצן לאַנגן סורדוט מיט צווײ פּרויען. אַן עולם האָט אַרומגע־רינגלט זשאַרקאָוון. זיך דורכשטופנדיק, האָט גריגאָרי געזען, אַז ער אָטעמט נאָך, כליפּענדיק און שטאַרק ציטערנדיק. אויף זײַן טויטן געל־געוואָרענעם שטערן זענען אַרויסגעטרעטן שווערע טראָפּנס שווייס.

— נעמט אים! וואָס זענט איר... מענטשן, צי טײַוואָלאָנים?

— וואָס האָוקעסטו? — האָט אים בייז אָפּגעענטפערט אַ הויכער פוסגייער. — נעמט, און נעמט. וואו אָבער זאָל מען אים נעמען? דו זעסט דאָך, אַז ער גוססט.

— ביידע פיס אָפּגעריסן.

— וויפיל בלוט!...

— וואו זענען די סאַניטאַרן?

— וואָס וועלן דאָ העלפן סאַניטאַרן...

— אָבער ער איז דאָך נאָך ביים זינען.

דער באַטשופרינטער האָט פון הינטן אָנגערירט גריגאָריען ביים אַקסל. גריגאָרי האָט זיך אומגעקוקט.

— ריר אים נישט, — האָט דער באַטשופרינטער געשעפּ־טשעט, — קום אַריבער אויף יענער זייט, וועסטו זען.

ער איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט, נישט אַרויסלאָזנדיק פון דער האַנט דעם אַרבל פון גריגאָריעס בלוזע, זיך מאַכנדיק אַ וועג צווישן עולם. גריגאָרי האָט אַ קוק געטון און,

אַן אײַנגעהויקערטער, זיך געלאָזט גײן צום טויער. אונטער זשאַר־קאָװס בױך האָבן זיך געדרויכערט מיט אַ צאַרט־ראָזן און בלוילעכן אָפּגלאַנץ די אַרויסגעלאָזטע קישקעס. דער עק פון דערדאָזיקער פאַרפּלאָנטערטער קנויל איז געװען אויסגעשמירט אין זאַמד און מיסט ; ער האָט זיך באַװעגט און געװאָרן אַלץ גרעסער. די האַנט פון שטאַרבנדיקן איז געלעגן זײַטיק, װי זי װאָלט עפּעס צונויפ־געשאַרט.

— פאַרדעקט אים דאָס פּנים, — האָט עמעצער פאָרגע־לייגט.

זשאַרקאָװ האָט פלוצלינג זיך אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, און פאַרװאָרפנדיק דעם קאָפּ אַזוי, אַז די פּאַטילניצע האָט זיך אָנגעקלאַפּט צװישן די צונויפגענומענע אַקסל־ביינער, האָט ער אויס־געשריגן מיט אַ הײזעריק אוממענטשלעך קול :

— ברידער, מאַכט אַ סוף צו מיר !... ברידער! ... ברידער!... װאָס־זשע קו־ו־ו־וקט איר ?... אַכאַ־אַ־אַ !... ברידער, מאַכט אַ סוף צו מיר !...

XXI

דער װאַגאָן שאָקלט לײַכט, דאָס קלאַפּן פון די רעדער װיגט שלעפעריק אײַן, פון דער לאַמטער ביז אין דער העלפט באַנק ציט זיך אַ געלער פּאַס ליכט. עס איז אַזוי גוט זיך אויסצושטרעקן אין דער גאַנצער לענג און ליגן, אַן אויסגעטוענער, לאָזנדיק פרײַ די פיס, װאָס האָבן צװיי װאָכן זיך געפּאַרעט אין די שטיװל, נישט פילן קיין שום פליכטן אויף זיך, װיסן, אַז דײַן לעבן דראָעט נישט קיין סכנה, און דער טויט איז אַזוי װײַט. באַזונדערס אָנגע־נעם איז אײַנצוהערן זיך אין ריטמישן פּלוידערן פון די רעדער : מיט זייער יעדן מאָל איבערדרייען זיך, מיט יעדן שלעפּ פון לאָ־קאָמאָטיװ — װערט דאָך דער פראָנט אַלץ װײַטער. און גריגאָרי איז

געלעגן, זיך איינהערנדיק, באַוועגנדיק מיט די פינגער פון די באָר־וועסע פיס, זיך פרייענדיק מיטן גאַנצן קערפער מיט דער פרישער, ערשט היינט אָנגעטוענער וועש. ער האָט איבערגעלעבט אַזאַ געפיל, ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפן, פון זיך אַ שמוציקן איבערצוג און אַריינגעטרעטן אין אַ נײַ, אומבאַפלעקט לעבן.

די שטילע גליקזעליקע פרייד איז געשטערט געוואָרן דורך דער ווייטיק, וואָס האָט געקלונגען אין לינקן אויג. זי האָט מינוטנווייז זיך איינגעשטילט, און פלוצלינג ווידער זיך אומגעקערט, געבריט דאָס אויג מיט פייער, אַרויסגעדריקט נישט ווילנדיקע טרערן אונטערן באַנדאַזש. אין שפיטאָל, אין קאַמיאָנקאַ־סטרומילאָוואָ, האָט אַ יונגער דאָקטאָר, אַ ייד, באַטראַכט גריגאָריעס אויג, און עפּעס אָנגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר.

— אייך וועט אויסקומען אַוועקצושיקן אין הינטערלאַנד. מיטן אויג איז אַן ערנסטע געשיכטע.

— איך וועל זיין שיקלדיק?!

— נו, וואָס פאַלט אייך איין, — האָט דער דאָקטאָר מילד אַ שמייכל געטון, אויפכאַפּנדיק אַ באַהאַלטענעשרעק אין דער פראַגע. — עס איז נייטיק צו היילן, עס וועט אפשר אויסקומען צו מאַכן אַן אָפּעראַציע. מיר וועלן אייך אַוועקשיקן אין טיפן הינטערלאַנד, למשל, קיין פעטערבורג, אָדער מאָסקווע.

— אַ שיינינקן דאַנק אייך.

— איר שרעקט אייך נישט, דאָס אויג וועט זיין גאַנץ.
דער דאָקטאָר האָט אים אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע און, אַריינרוקנדיק דאָס שטיקל פּאַפּיר אין דער האַנט, לייכט אַרויסגעשטופּט אין קאָרידאָר אַריין. ער האָט זיך פאַרשאַרצט די אַרבל, זיך גרייטנדיק צו אַן אָפּעראַציע.

נאָך לאַנגע פּאָרענישן, האָט גריגאָרי ענדלעך זיך געפונען אין סאַניטאַר־צוג. ער איז געלעגן אַ מעת־לעת, זיך קוויקנדיק מיט דער רויִקייט. דאָס אַלטפרענקישע קליינע לאָקאָמאָטיוול, זיך אָנ־

שטרענגענדיק מיט אַלע כּוחות, האָט געשלעפּט דעם צוג מיט דער לאַנגער רייע וואַגאָנעס. עס האָט זיך דערנענטערט מאָסקווע.

זיי זענען אָנגעקומען ביינאַכט. די שווער־פאַרוואונדעטע האָט מען אַרויסגעטראָגן אויף טראָג־בעטן; די, וואָס האָבן געקאָנט גיין אָן זייטיקער הילף, זענען נאָכן פאַרשריבן ווערן אַרויסגעגאַנגען אויפן פעראָן. דער דאָקטאָר, וואָס האָט באַגלייט דעם צוג, — אויסרופנדיק גריגאָריען ל(ויטן צעטל, האָט אָנגעוויזן דער קראַנקן־שוועסטער אויף אים און געזאָגט:

— אויגן־שפּיטאָל פון דאָקטאָר סניעגירעוו! קאָלפּאַטשנע געסל.

— אייערע זאַכן האָט איר מיט זיך? — האָט די שוועסטער געפרעגט.

— וואָס פאַר אַ זאַכן האָט אַ קאָזאַק? אָט דעם רוקזאַק מיטן שינעל.

— קומט.

זי האָט זיך געלאָזט גיין, זיך גלייך מאַכנדיק די האָר אונטערן טשעפּעק, שאָרכענדיק מיטן קלייד. גריגאָרי איז איר אומזיכער נאָכגעגאַנגען. זיי זענען אויפגעזעסן אויף אַ דראָזשקע. דער טומל פון דער גרויסער איינשלאָפנדיקער שטאָט, דאָס קלינגען פון די טראַמווייען, דאָס בלויע, בלענדנדיקע שימערן פון דער עלעקטריע האָבן אויף גריגאָריען געווירקט דערדריקנדיק. ער איז געזעסן, אויסגעלייגט מיטן רוקן אויפן אָנלען, גיריק באַטראַכטנדיק די גאַסן, איבער וועלכע עס האָבן געשטראָמט אַזוי פיל מענטשן, נישט געקוקט דערויף, וואָס עס איז געווען נאַכט, און אַזוי מאָדנע איז אים געווען צו פילן לעבן זיך די רייצנדע וואַרעמקייט פון דעם פרויען־קערפּער. אין מאָסקווע האָט זיך שוין שאַרף געפילט דער האַרבסט; אויף די ביימער פון די בולוואַרן, אין ליכט פון די לאַמטערן, האָבן די בלעטער זיך געגעלט, שוין אָפּבליאַקירטע, די נאַכט האָט געאָטעמט מיט קילקייט, די טראָטואַרן־פּליטעס האָבן פייכט געגלאַנצט, און די שטערן אויפן אויסגע־

לייטערטן האָריזאָנט זענען געווען העל און האַרבסטיק-קאַלט. פון צענטער זענען זיי אַריינגעפאָרן אין אַ שטיל געסל. עס האָבן גע-צמאָקעט איבער די שטיינער די פערדישע קאָפּיטעס, עס האָט זיך געוויגט אויף די הויכע קאָזלעס דער פורמאַן אין זיין בלויען אַרמיאַק, ענלעך צו אַ פּאָפּ, געפּאָכעט מיט די עקן לייצן אויף דער שקאַפּע מיט די אַראָפּגעהאָנגענע אויערן. ערגעץ אויף די ראַנדן האָבן געפּייפט לאָקאָמאָטיוון. „איינער פון זיי וועט אפשר אַצינד אַוועקפאָרן אין דער געגנט פון דאָן?" — — האָט גריגאָרי אַ טראַכט געטון און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, בשעת די בענקשאַפט האָט אים אַלעמאָל אַ שטאָך געטון אין האַרץ.

— איר דרעמלט נישט? — האָט די שוועסטער געפרעגט.

— ניין.

— עס איז שוין נישט ווייט.

— וואָס זאָגט איר? — דער פורמאַן האָט זיך אויסגע-דרייט.

— פאָר שנעלער!

אויף יענער זייט אייזערנער פאַרצוימונג האָט אַ גלאַנץ גע-טון דאָס וואַסער פון סטאַוו מיטן בריקל מיט די פאָרענטשן און צוגעבונדענעם שיפל. עס האָט אַ ווייע געטון מיט פייכטקייט.

„אפילו דאָס וואַסער האָבן זיי געפאַנגען גענומען אונטער אַן אייזערנער פאַרצוימונג, אָבער דער דאָן..." — האָט גריגאָרי אומ-קלאָר געטראַכט. אונטער די גומענע רעדער פון דער בריטשקע האָבן גענומען שאָרכן בלעטער.

לעבן דריי-גאָרנדיקן הויז האָט דער פורמאַן זיך אָפּגעשטעלט. גלייך מאַכנדיק אויף זיך דעם שינעל, איז גריגאָרי אַראָפּגע-שפרונגען.

— דערלאַנגט מיר די האַנט. — די שוועסטער האָט זיך אָנגעבויגן.

גריגאָרי האָט אַריינגענומען איר ווייך קליין הענטל אין זיין האַנט, איר געהאָלפן אַראָפּגיין.

— מען פילט פון אייך זעלנערישן שווייס, — האָט די אויס־געפוצטע שוועסטער שטיל זיך צעלאַכט און, צוגייענדיק צום אריינגאַנג, אָנגעקלונגען.

— איר, שוועסטער, וואָלט געדאַרפט אַ ביסל זיין דאַרט, וואָלט פון אייך אפשר מיט נאָך עפּעס געשטונקען, — האָט גריגאָרי מיט שטילן כּעס געזאָגט.

די טיר האָט געעפנט אַ שווייצער. איבער פּראַכטפולע טרעפּ מיט געגילדטע פּאַ־ענטשן זענען זיי אַרויפגעגאַנגען אויפן צווייטן שטאָק; די שוועסטער האָט נאָכאַמאָל אָנגעקלונגען. זיי האָט אריינגעלאָזט אַ פרוי אין אַ ווייסן כאַלאַט. גריגאָרי האָט זיך אַוועקגע־זעצט ביי אַ קיילעכיק טישעלע, די שוועסטער האָט מיט אַ האַלב קול עפּעס געזאָגט דער פרוי אין ווייסן, יענע האָט פאַרשריבן.

פון די פּאַלאַטע־טירן, וואָס האָבן זיך געפונען אין ביידע זייטן לאַנגן, נישט ברייטן קאָרידאָר, האָבן אַרויסגעקוקט קעפּ מיט פאַרשידנפאַרביקע ברילן.

— טוט אויס דעם שינעל — האָט פאָרגעלייגט די פרוי אין כאַלאַט.

אַ דינער, אויך אין ווייסן, האָט צוגענומען פון גריגאָריעס הענט דעם שינעל, אים אַריינגעפירט אין אַ וואַנע־צימער.

— טוט זיך אויס אינגאַנצן.

— נאָכוואָס ?

— מען דאַרף זיך אָפּוואַשן.

איבער דער צייט, וואָס גריגאָרי האָט זיך אויסגעטון און, אַן איבערראַשטער, באַטראַכט דאָס וואַנע־צימער מיט די מאַטע שויבן־פענסטער, האָט דערוויל דער דינער אָנגעפילט די וואַנע מיט וואַסער, אָפּגעמאָסטן די טעמפּעראַטור, און אים פאָרגעלייגט זיך אַריינצוזעצן.

— די קאָריטע איז נישט פאַר מיין וואוקס... — האָט גרי־גאָרי זיך פאַרשעמט, אונטערהייבנדיק זיין טונקל־ברוינעם האָ־ריקן פוס.

193

דער דינער האָט אים געהאָלפֿן זיך גוט אָפּוואַשן, דערלאַנגט אַ ליילעך, וועש, שטעק־לאַטשן און אַ גרויען כאַלאַט מיט אַ גאַרטל.

— און מיין אַנטון ? — האָט גריגאָרי זיך געוואונדערט.

— איר וועט גיין אין דעם. אייער אַנטון וועט מען איך אָפּגעבן, ווען איר וועט זיך אויסשרייבן פון שפּיטאָל.

אין קאָרידאָר, פאַרבייגייענדיק דעם גרויסן וואַנט־שפּיגל, האָט גריגאָרי זיך נישט דערקענט : אַ הויכער, מיט אַ שוואַרץ פּנים, מיט שטאַרצנדיקע באַקנביינער, מיט רויט־גליענדיקע פלעמלעך אויף די באַקן, אין אַ כאַלאַט, מיט אַ באַנדאַזש, וואָס האָט זיך איינגע־שניטן אין דער שוואַרצער האָר־קוטשמע, האָט ער קוים דערמאַנט אָן פריערדיקן גריגאָריען. די וואָנסעס זענען אים אָנגעוואַקסן, דאָס בערדל האָט זיך ווייך געקרייזלט.

„איך בין איבער דער צייט ייִנגער געוואָרן", האָט גריגאָרי קרום אַ שמייכל געטון.

— זעקסטע פּאַלאַטע, דריטע טיר רעכטס, — האָט דער די־נער אָנגעוויזן.

אַ גייסטלעכער אין אַ כאַלאַט און בלויע ברילן איז אויפ־געשטאַנען ביי גריגאָריעס אַריינקומען אין גרויסן, ווייסן צימער.

— אַ נייער שכן ? זייער אָנגענעם, וועט נישט זיין אַזוי לאַנגווייליק. איך בין פון זאַרייסק, — האָט ער מיטטיילנדיק גע־מאָלדן, צורוקנדיק גריגאָריען אַ שטול.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז אַריינגעקומען אַ דיקע פעלדשערין מיט אַ גרויס נישט שיין פּנים.

— מעליעכאָוו, קומט, מיר וועלן באַטראַכטן אייער אויג, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שטיל מעלאָדיש קול, און זיך אָפּגערוקט, דורכלאָזנדיק גריגאָריען אין קאָרידאָר אַריין.

XXII

אויפֿן דרום־מערבֿדיקן פראָנט, אין ראַיאָן פֿון שעוועל, האָט די אַרמיי־אָנפֿירונג באַשלאָסן מיט אַ גראַנדיעזער קאַוואַלעריע־אַטאַקע דורכצוברייסן דעם שונאס פראָנט און אַ וואָרף טאָן אין זיין רוקן אַ גרויסע קאַוואַלעריע־אָפּטיילונג, וואָס זאָל דורכפֿירן אַ רעיִד לענגאויס דעם פראָנט, צעשטערנדיק אויפֿן וועג די קאָמוניקאַציע־ליניעס, דעזאָרגאַניזירנדיק דעם שונאס אָפּטיילונגען דורך פּלוצלינגדיקע אָנפֿאַלן. אויף דער געלונגענער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם־דאָזיקן פּלאַן האָט די אָנפֿירונג געלייגט גרויסע האָפֿענונגען; אַן אומגעווייטלעכע צאָל רייטער־מיליטער איז קאָנצענטרירט געוואָרן אין אָנגעוויזענעם ראַיאָן; צווישן די איבעריקע קאַוואַלעריע־פּולקן איז אויך איבערגעוואָרפֿן געוואָרן אויף דעם פּונקט דאָס קאָזאַקן־פּולק, אין וועלכן עס האָט געדינט דער סאָטניק ליסטניצקי. די אַטאַקע האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען דעם 28־סטן אויגוסט, אָבער צוליבן רעגן האָט מען זי אָפּגעלייגט אויפֿן 29־סטן.

פֿון אינדערפֿרי אָן האָט אויפֿן ריזיקן פּלאַצדאַרם* זיך פֿאָרמירט די דיוויזיע, גרייטנדיק זיך צו דער אַטאַקע.

אויף אַ ווייאָרסט אַכט, אויפֿן רעכטן פֿליגל, האָט די אינפֿאַנטעריע געפֿירט אַ דעמאָנסטראַטיוון אָנגריף, ווענדנדיק אויף זיך דאָס פֿייער פֿון שונא; אין דער פֿאַלשער ריכטונג האָבן זיך איבערגערוקט די אָפּטיילונגען פֿון איין קאַוואַלעריע־דיוויזיע.

פֿאָרויס, ווי ווייט דאָס אויג האָט געקאָנט אַרומנעמען, האָט מען נישט געזען דעם שונא. אויף אַ ווייאָרסט ווייט פֿון זיין

* באַפֿעסטיקטער ראַיאָן, פֿון וועלכן דאָס מיליטער קאָן איבערגיין אין אָנגריף.

סאָטניע, האָט ליסטניצקי געזען די שוואַרצע, פאַרלאָזטע היילן פון די שוץ־גרובנס, נאָך זיי האָט זיך געבערגלט דאָס קאָרן־פעלד, און בלוי איז געהאָנגען דער פאַרטאָגיקער נעפל, וואָס איז גע־טריבן געוואָרן פון ווינטל.

עס איז געשען אַזוי, אַז אָדער דעם שונאס אָנפירונג איז געוואויר געוואָרן וועגן דער צוגעגרייטער אַטאַקע, אָדער זי האָט וועגן איר זיך משער געווען, סיי־ווי — אין דער נאַכט אויפן 29־סטן האָט דעם שונאס מיליטער פאַרלאָזט די שוצגראָבנס און אַוועקגע־גאַנגען אויף אַ וויאָרסט זעקס, איבערלאָזנדיק אין פאַרשטעקונג קליינע אָפּטיילונגען מיט קוילוואַרפערס, וואָס האָבן אויפן גאַנצן אָפּשניט באַאומרויִקט אונזער אינפאַנטעריע, וואָס איז געשטאַנען קעגן זיי.

ערגעץ אינדערהייך, הינטער די צונויפגעקנוילטע וואָלקנס, האָט געלויכטן די אויפגייענדיקע זון, און דעם גאַנצן טאָל האָט פאַרגאָסן אַ געל־רויכיקער נעפל. עס איז געגעבן געוואָרן דער באַפעל צו דער אַטאַקע, די פולקן האָבן גערירט. אַ סך טויזנטער פערדישע קאָפּיטעס האָבן אָפּגעקלונגען טויב און דערמאַנט אָן אַן אונטערערדיש גערויש. ליסטניצקי האָט איינגעהאַלטן זיין ראַסאָווע פערד און עס נישט געלאָזט איבערגיין אין גאַלאָפּ. אַ מהלך פון אַן אַנדערהאַלבן וויאָרסט איז געבליבן הינטער זיי. צו דער גליי־כער ליניע פון די אַטאַקירנדיקע האָט זיך דערנעענטערט דער פּאַס פון זאַנגען־פעלד. דאָס הויכע קאָרן, ביז איבערן גאַרטל, געדיכט דורכגעפלאָכטן מיט קלעטער־פלאַנצן און גראָז, האָט שטאַרק גע־שטערט דעם לויפן פון די פערד. פאָרויס האָט נאָך אַלץ זיך אַזוי געכוואַליעט די העלע גריווע פון קאָרן, פון הינטן איז עס געלעגן אומגעלייגט, צעטרעטן פון די קאָפּיטעס. אויף דער פערטער וויאָרסט האָבן די פערד זיך אָנגעהויבן שטרויכלען, שטאַרק פאַר־שוויצט ווערן, — דעם שונא האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען. ליסטניצקי האָט זיך אומגעקוקט אויפן סאָטניע־קאָמאַנדיר: דעם עסאַולס פנים האָט אויסגעדריקט — טויבע פאַרצווייפלונג..

די זעקס־וויאָרסט פון אומגעהייער שווערן גאַלאָפּ האָבן פאַרמאַטערט די פערד, אַ טייל זענען געפאַלן אונטער די רייטערס; די, וואָס זענען געווען צומיינסט אויסהאַלטעוודיק, האָבן זיך געוויגט מיט די לעצטע כּוחות. דעמאָלט טאַקע האָבן אַ שנייד געטון די עסטרייכישע קוילנוואַרפער... ריטמיש געבומען שפּייען מיט זאַלפּן. דאָס טויטברענגענדיקע פייער האָט אַוועקגעלייגט די פעדערשטע רייען. די ערשטע האָבן אַ ציטער געטון און פאַרקירעוועט צוריק די אולאַנער, דאָס קאָזאַקן־פולק איז צעריבן געוואָרן; זיי, וואָס האָבן זיך פאַרכליניעט אין פאַנישן אַנטלויפן, האָט מען באַשפּריצט, ווי פון פולוועריזאַטאָרס, מיט אַ רעגן פון די קוילנוואַרפער, באַשאָסן מיט האַרמאַטן. די אומגעווײנטלעכע, לויט איר פאַרנעם, אַטאַקע האָט זיך פאַרענדיקט, אַ דאַנק דער פאַרברעכערישער נאַכלעסיקייט פון דער העכערער אָנפירונג, מיט אַ פולשטענדיקן חורבן. טייל פולקן האָבן פאַרלוירן אַ העלפט מענטשן און פערד פון זייער צוזאַמענשטעל; די פאַרלוסטן פון ליסטניצקיס פולק האָבן באַטראָפן אַ מאַן פירהונדערט דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע זעלנער און זעכצן אָפיצירן.

אונטער ליסטניצקין האָט מען דערהרגעט דאָס פערד, ער אַליין האָט באַקומען צוויי וואונדן אין קאָפּ און אין אַ פוס. דער וואַכמייסטער טשעבאָטאַרעוו איז אַראָפּגעשפרונגען פון פערד, אַ כאַפּ געטון ליסטניצקין, אַרויפגעוואָרפן אים אויפן זאָטל און אַוועקגאַלאָפּירט.

דער אָנפירער פון דיוויזיע־שטאַב, דער פולקאָווניק פון גענעראַל־שטאַב גאָלאָוואַטשעוו, האָט געמאַכט עטלעכע מאָמענטפאָטאָגראַפיעס בשעת דער אַטאַקע און דערנאָך זיי געוויזן די אָפיצירן. דער פאַרוואונדעטער סאָטניק טשערוויאַקאָוו האָט דער ערשטער אים אַ זעץ געטון מיט דער פויסט איבערן פּנים און זיך צעיאָמערט. די אָנגעלאָפענע קאָזאַקן האָבן גאָלאָוואַטשעוון צעממיתט, לאַנג אָפּגעשפּעט פון זיין טויטן קערפּער און אים אַריינגעוואָרפן אין ראָוו ביים וועג אין אַ שמוציק אָרט. אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די, לויט איר שענדלעכקייט, גלענצנדע אַטאַקע.

פון וואַרשעווער שפּיטאָל האָט ליסטניצקי מיטגעטיילט דעם פאָטער, אַז ער וועט נאָכן געזונט ווערן קומען צו אים קיין יאַגאָדנאָיע פאַרברענגען די צייט פון אורלויב. דערהאַלטנדיק דעם בריוו, האָט דער אַלטער זיך אָפּגעשלאָסן אין זיין קאַבינעט און אַרויסגעקומען פון דאָרט צומאָרגנס, אַן אָנגעכמורעטער, ווי אַ פינסטערער וואָלקן. ער האָט געהייסן ניקיטיטשן איינשפּאַנען דעם ריסאַק אין דער ברישקע, האָט אָפּגעגעסן פרישטיק און אַוועקגעפאָרן קיין וויעשענסק. דעם זון האָט ער איבערגעשיקט טעלעגראַפיש פירהונדערט רובל און אָנגעשריבן אַ קורצן בריוו.

איך קאָן מיך בלויז פרייען, וואָס דו, מיין ליב ייִנגל, ביסט שוין דורכגעגאַנגען די טויפונג פון פייער. עס איז אַן איידל געווינס צו זיין דאָרט און נישט ביים הויף. דו ביסט צו ערלעך און נישט נאַריש צו קאָנען מיט אַ רויִק געוויסן זיך אַרויסדרייען. דעמדאָזיקן שטריך האָט נישט געהאַט קיינער פון אונזער פאַמיליע. פאַר דעם איז נאָך דיין זיידע אַריינגעפאַלן אין אומגינציקייט און געמוזט דאָס גאַנצע לעבן אָפּזיצן אין יאַגאָדנאָיע, נישט ריכטנדיק זיך און נישט וואַרטנדיק אויף קיין גענאָד פון מאָנאַרך. זיי געזונט, זשעניאַ, און הייל דיך שנעל אויס. דו ביסט מיין איינציקער אויף דער וועלט, געדענק דאָס. די מומע גריסט דיך, זי איז איז געזונט, און וועגן מיר האָב איך דיר נישט וואָס צו שרייבן. דו ווייסט דאָך ווי איך לעב. וואָס־זשע קומט דאָרטן פאַר אויפן פראָנט? צי זענען גאָר נישטאָ קיין מענטשן מיט שכל? איך גלייב נישט די צייטונגס־אינפאָרמאַציעס — זיי זענען ליגנט דורך און דורך, איך ווייס דאָס לויט אַמאָל. צי וועלן מיר טאַקע, יעווגעני, פאַרשפּילן די קאַמפּאַניע?

מיט גרויס אומגעדולד וואַרט איך אויף דיין אַהיימקומען!

דער אַלטער ליסטניצקי האָט טאַקע נישט געהאַט וואָס צו שרייבן וועגן זיין לעבן. עס האָט זיך געשלעפּט אויפן אַלטן שטייגער,

איינאַרטיק, אומגעענדערט, בלויז די פּרייז אויף אַרבעטס-הענט איז געשטיגן, און עס האָט זיך געפּילט אַ מאַנגל אין אַלקאָהאָלי-געטראַנקען. דער פריץ האָט געטרונקען אָפטער, איז געוואָרן צע-רייצטער, קאַפּריזער. איינמאָל, אין אַן אויפגערעגטן מאָמענט, האָט ער אַריינגערופן צו זיך אַקסיניען און איר געזאָגט:

— דו פירסט נישט אויס ווי געהעריק דיין דינסט. פאַרוואָס איז נעכטן דאָס פרישטיק דערלאַנגט געוואָרן קאַלט? פאַרוואָס איז דאָס גלאָז פון קאַווע נישט געווען ריין אויסגעוואַשן? אויב דאָס וועט זיך איבערחזרן, וועל איך דיך — דו הערסט? — וועל איך דיך אָפּשאַפן. איך לייד נישט קיין שמאָדערס! — דער פריץ האָט שאַרף אַ פאָכע געטון מיט דער האַנט. — דו הערסט? איך לייד נישט!

אַקסיניאַ האָט פעסט צונויפגעדריקט די ליפּן און זיך צע-וויינט.

— ניקאָלאַי אַלעקסיעוויטש! דאָס מיידעלע איז מיר קראַנק. באַפרייט מיך דערווייל... איך קאָן פון איר נישט אָפּטרעטן.

— וואָס פעלט איר?

— אין העלזעלע שטיקט זי...

— שקאַרלאַטינע? פאַרוואָס האָסטו נישט געזאָגט, שוטה ער, זאָל דיך דער טייוול נעמען! לויף, זאָג ניקיטיטשן, ער זאָל איינשפּאַנען, פאָרן אין דער סטאַניצע אַריין, נאָכן פעלדשער. שנעלער!

אַקסיניאַ איז איילִיק אַרויסגעלאָפן, דער אַלטער האָט׳זי פון הינטן נאָכבאָמבאַרדירט מיט זיין דונערנדיקן באַס:

—. נאַרישע באַבע! נאַרישע באַבע! אייזל-קאָפּ!

אינדערפרי האָט ניקיטיטש געבראַכט דעם פעלדשער. ער האָט באַטראַכט דאָס באַוואוסטלאָזע מיידעלע, וואָס האָט געברענט אין היץ, נישט געענטפערט אויף אַקסיניעס פראַגן און אַריינגע-גאַנגען צום פריץ אין הויז. דער פריץ האָט אים אויפגענומען אין פאָרצימער, שטייענדיק, נישט דערלאַנגט די האַנט.

— וואָס איז מיטן מיידעלע? — האָט ער געפרעגט, ענט־פערנדיק אויף דער באַגריסונג מיט אַ נאַכלעסיקן שאָקל פון קאָפּ.

— שקאַרלאַטינע, אייער עקסעלענץ.

— עס וועט געזונט ווערן? מען קאָן האָפן?

— עס איז אַ גרויסער ספק. דאָס מיידעלע וועט שטאַרבן... איר וועט באַוויליקן אין אַכט צו נעמען די עלטער.

— שוטה! — דער פּריץ איז רויט געוואָרן. — אויף וואָס האָט מען דיך געלערנט? הייל!

צוקלאַפּנדיק די טיר פאַר דער נאָז פון צעשראָקענעם פעלדשער, האָט ער גענומען שפּרייזן איבערן זאַל.

אַקסיניע האָט אָנגעקלאַפּט און אַריינגעקומען.

— דער פעלדשער בעט פאַר זיך פערד צו פאָרן אין דער סטאַניצע אַריין.

דער אַלטער האָט זיך פלינק אויסגעדרייט אויף די אָפּצאַסן.

— זאָג אים, אַז ער איז אַ באָלוואַן! זאָג אים, אַז ער וועט נישט אַוועקפאָרן פון דאַנען אַזוי לאַנג, ביז ער וועט מיר נישט אויסהיילן דאָס מיידעלע! גיב אים אַ צימער אין דער אָפיציגע, קעכל אים! — האָט דער אַלטער זיך צעשריגן, טרייסלענדיק מיט דער קנאָכיקער פויסט. — גיב אים עסן און טרינקען, וויפיל עס וועט אַריין אין אים, אָבער אַוועקפאָרן... וועט ער נישט! — ער האָט אָפּגעהאַקט, צוגעגאַנגען צום פענסטער, געפּויקט אַ ביסל מיט די פינגער, און דערנענטערנדיק זיך צו דער פאַרגרעסער־טער פאָטאָגראַפיע פון זון, וואָס איז אַראָפּגענומען געוואָרן אַלס קינד אויף דער ניאַניעס הענט, האָט ער אָפּגעטרעטן צוויי טריט און לאַנג געקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן, ווי נישט דער־קענענדיק.

באַלד דעם ערשטן טאָג, ווי נאָר דאָס מיידעלע איז קראַנק

געוואָרן, האָט אַקסיניאַ זיך דערמאָנט אָן נאַטאַליעס ביטערע ווער־טער: „עס וועט דיר נאָך געצאָלט ווערן פאַר מיינע טרערן...״ און אַ קלער געטון, אַז דאָס שטראָפט זי גאָט דערפאַר, וואָס זי האָט דעמאָלט אויף אַ גיפטיקן אופן אָפּגעלאַכט פון נאַטאַליען.

דערדריקט פון שרעק פאַרן לעבן פון קינד, האָט זי פאַר־לוירן דעם זינען, זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן, די אַרבעט איז איר געפאַלן פון די הענט.

„צי וועט ער זי טאַקע צונעמען?״ האָט אומאויפהערלעך זיך געצאַפּלט אַ פיבערדיקער געדאַנק. נישט גלייבנדיק, מיטן גאַנצן כוח נישט ווענלדיק גלייבן, האָט אַקסיניאַ ליידנשאַפטלעך מתפלל געווען, געבעטן ביי גאָט דעם לעצטן חסד — צו דער־האַלטן דאָס לעבן פון קינד.

„גאָט, זיי מיר מוחל!... נעם זי נישט צו! האָב רחמנות, גאָט, זיי דיך מרחם!״

די קראַנקהייט האָט געשטיקט דאָס קליינע לעבן. דאָס מיי־דעלע איז געלעגן אויפן רוקן, פון אָנגעשוואָלענעם העלדזל האָט זיך געטראָגן אַ שווער צעריסן כריפּען. דער פעלדשער פון דער סטאַניצע, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דער אַפּיצינע, איז געקומען אַ פיר מאָל אין טאָג, אין די אָוונטן לאַנג געשטאַנען אויפן גאַנעק פון דער דינערשאַפט, געריכערט, געקוקט אויף די אויסגעזייעטע קאַלטע האַרבסט־שטערן.

אַקסיניאַ איז אָפּגעשטאַנען גאַנצע נעכט אויף די קני ביים בעט, דאָס בולבענדיקע כריפּען האָט איר צעשניטן דאָס האַרץ.

— מ־אַ־מאַ... — האָבן געשאָרכט די קליינע פאַרטרוקנטע ליפּעלעך.

— פּיצעלע מיינס, טעכטערל! — האָט די מוטער געשעפּ־טשעט מיט אַ פאַרשטיקט קול, — בלימעלע מיינס, גיי נישט אַוועק, טאַניושקאַ! גיב אַ קוק, מיין שיין קינדעלע, עפן די אייגעלעך. קום צו זיך! אוצרל מיינס, מיט די שוואַרצע אייגעלעך, פאַרוואָס־זשע שטראָפסטו מיך אַזוי, גאָט?...

דאָס מיידעלע האָט אַלעמאָל אונטערגעהויבן די רויטע אויגנלעדלעך, די אייגעלעך, פאַרלאָפענע מיט שלעכט בלוט, האָבן געקוקט בלאָנדזשענדיק, מיט אַן אומבאַגרייפנדיקן בליק. גיריק האָט די מוטער אויפגעכאַפּט דעמדאָזיקן בליק, ער איז, דאַכט זיך, אַוועקגעגאַנגען אין זיך אַריין, אַ פאַרבענקטער, אַן אונטערטעניקער.

עס איז געשטאָרבן אויף די מוטערס הענט. דאָס בלוי־געוואָרענע מיילעכל האָט צום לעצטן מאָל, כליפּענדיק, אַ גענעץ געטון, דאָס קערפּערל האָט קאָנוואולסיוו זיך אויסגעשטרעקט; פאַרוואַרפנדיק זיך אַהינטער, האָט פון אַקסיניעס הענט זיך אַראָפּגעקייקלט דאָס שווייסיקע קעפּל, און פאַרזשמורעט האָט מיטן טויטן אַפּל געקוקט דאָס פאַרוואונדערט־אָנגעכמורעטע אייגל, וואָס האָט דערמאַנט אָן די מעליעכאָווס.

לעבן טייך, אונטער אַן אַלטן צווייגהאַפּטיקן טאָפּאָל, האָט דער זיידע סאַשקאַ אויסגעגראָבן אַ קליין קברל, אונטערן אָרעם אַוועקגעטראָגן אַהין דאָס טרומנעלע, מיט אומגעוויינטלעכער פאַר אים אייליקייט עס באַגראָבן און לאַנג געדולדיק געוואַרט ביז אַקסיניאַ וועט זיך אויפהייבן פון ליימיקן בערגל. ער האָט זיך נישט דערוואַרט, אויסגעשנייצט די נאָז, ווי עמעצער וואָלט מיט אַ ראַפּניק אַ זעץ געטון, — און אַוועקגעגאַנגען צו דער שטאַל. ער האָט פון היי־בוידעם אַראָפּגענומען אַ פלאַקאָן אָדעקאָלאָן, אַ נישט פול קריגעלע דענאַטורירטן שפּירט, דאָס צוזאַמענגעמישט אין אַ פלעשל, אַ שאָקל געטון פאַרן אויג און, קוויקנדיק זיך מיט דער קאָליר, געזאָגט:

— צום גוטן געדאַכט. אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל עס האָבן, דאָס מלאכישע נשמהלע האָט זיך שוין פאַרן כסא־הכּבוד געשטעלט.

ער האָט אויסגעטרונקען, ווילד אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ, פאַרבייסנדיק מיט אַ צעקוועטשטן פּאָמידאָר, און געזאָגט, קוקנדיק מיט גערירטקייט אויפן פלעשל:

— פאַרגעס דו מיך נישט, טייערע, וועל איך דיך אויך נישט פאַרגעסן! — און ער האָט זיך צעוויינט.

אין דריי וואָכן אַרום האָט יעווגעני ליסטניצקי אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַמע, אין וועלכער ער האָט מיטגעטיילט, אַז ער האָט באַקומען אורלויב און איז אַרויסגעפאָרן אַהיים. אויף דער סטאַציע האָט מען אַרויסגעשיקט נאָך אים אַ טראָיקע, די גאַנצע דינערשאַפט איז געשטעלט געוואָרן אויף די פיס: מען האָט געשאָכטן אינדיקעס, גענז, דער זיידע סאַשאַ האָט צורעכט געמאַכט אַ שעפּס, די צוגרייטונגען זענען געמאַכט געוואָרן, ווי פאַר אַ גרויסן צוזאַמענפאָר פון געסט.

פאַרן קומען זענען קיין קאַמיאָנקאַ אַרויסגעשיקט געוואָרן פערד צום טוישן. דער יונגער פריץ איז אָנגעקומען ביינאַכט. עס האָט געטריפט אַ קיל רעגנדל, די לאַמטערן האָבן געוואָרפן מאַטע פאַסן ליכט אויף די קאַלוזשעס. צוקלינגענדיק מיט די גלעקלעך, האָבן די פערד זיך אָפּגעשטעלט פאַרן גאַנעק. פון דער פאַרמאַכטער קאָטש איז אַרויסגעגאַנגען יעווגעני, אַ געברירטער און שמייכלענדיקער. אַ וואָרף טוענדיק אויפן זיידן סאַשעס הענט דעם וואַרעמען פלאַשטש, איז ער, שטאַרק אונטערהינקענדיק, אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּלעך פון גאַנעק. פון זאַל, אומוואַרפנדיק דאָס מעבל, האָט שנעל געשאַרט מיט די פיס דער אַלטער פריץ.

אַקסיניאַ האָט דערלאַנגט אָוונטברויט אין עס-צימער אַריין און געגאַנגען רופן צום טיש. אַריינקוקנדיק דורכן שליסל-לאָך, האָט זי געזען: דער אַלטער האָט אַרומגעכאַפּט דעם זון און קושט אים אין אַקסל אַריין; זיין האַלז, מיט אַ סך זקניש-שלאַבעריקע קנייטשן, טרייסלט זיך לייכט. צוואַרטנדיק עטלעכע מינוט, האָט אַקסיניאַ ווידער אַריינגעקוקט: אין אַ צעקנעפּלטן האַקי-מונדיר, איז יעווגעני געשטאַנען אויף די קניען פאַר אַ גרויסער אויסגעשפּרייטער מאַפּע איבערן דיל.

דער אַלטער פריץ, אַרויסלאָזנדיק פון ליולקעלע צעשויבערטע רינגען רויך, האָט געקלאַפּט מיט די ביינדלעך פון די פינגער אי-

בערן אָנלען פון אַ פּאָטעל און, אַן אויפגערעגטער, געדונערט:

— אַלעקסעיעוו? עס קאָן נישט זיין! איך וועל דאָס קיינ־מאָל נישט גלייבן.

יעווגעני האָט עפּעס שטיל און לאַנג גערעדט, איבערצייגט, אַרומגעפירט מיטן פינגער איבער דער מאַפּע. דער אַלטער האָט אים איינגעהאַלטן געענטפערט מיט זיין הודזשענדיקן באַס:

— דער הויפּט־קאָמאַנדיר איז אין דעם פאַל נישט גערעכט. שמאָלע באַגרענעצטקייט! אָבער וואָס רעדסטו, יעווגעני, אָט האָסטו דיר אַן אַנאַלאָגישן ביישפּיל פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער קאַמפּאַניע... דערלויב!... דערלויב!... דערלויב!...

אַקסיניאַ האָט אַנגעקלאַפּט.

— וואָס, שוין דערלאַנגט? באַלד.

דער אַלטער איז אַרויסגעקומען, אַן אויפגעהייטערטער, אַ פריילעכער, זיינע אויגן האָבן געפינקלט גאָר יוגנטלעך. ער האָט צוזאַמען מיטן זון אויסגעטרונקען אַ פלאַש וויין, וואָס איז ערשט נעכטן אויסגעגראָבן געוואָרן פון דער ערד. אויפן גרין־פאַרשימלטן עטיקעט האָט זיך נאָך אָנגעזען דער אָפּגעבליאַקעוועטער ציפער — *1879*.

באַדינענדיק און קוקנדיק אויף די פריילעכע פּנימער, האָט אַקסיניאַ נאָך שאַרפער דערשפּירט איר איינזאַמקייט. עס האָט זי געפּלאָגט די נישט אויסגעוויינטע בענקשאַפט. די ערשטע טעג נאָכן מיידעלעס טויט האָט זי געוואָלט און נישט געקאָנט וויינען. דער יאָמער איז געוואַקסן אין איר האַלז, נאָר קיין טרערן זענען נישט געווען, און דערפאַר האָט די שטיינערנע ביטערקייט זי טאָפּלט געדריקט. זי איז אַ סך געשלאָפן (האָט געזוכט רו אין דער פאַר־געסנקייט פון שלאָף), אָבער אויך אין שלאָף האָט זי דערגרייכט דאָס געשפּענסטיקע רופן פון קינד. דאָ האָט זיך איר געדאַכט, אַז איר טעכטערל שלאָפט מיט איר און זי האָט געהיטן זיך אָפּגע־רוקט, געזוכט מיט די הענט איבערן געלעגער, — דאָ ווידער האָט זי געהערט אַן אומדייטלעך פליסטערן: „מאַמאַ, טרינקען“.

— פּיצעלע מיינס... — האָט אַקסיניאַ געשעפּטשעט מיט קאַלט־געוואָרענע ליפּן.

אפילו אויף דער פּיינלעכער וואָר האָט זיך איר אָפּטמאָל גע־דאַכט, אַז אָט דריקט זיך דאָס קינד צו אירע קני, און זי האָט זיך געכאַפּט, ווי זי שטרעקט אויס די האַנט אַ גלעט צו טון דער־ביי דאָס געקרייזלטע קעפּל.

אויפן דריטן טאָג נאָכן קומען איז יעווגעני ביז שפּעט אָפּ־געזעסן ביים ויידן סאַשקאַ אין שטאַל, אויסהערנדיק זיינע נישט איבערגעשפּיצטע מעשות וועגן אַמאָליקן פרייען לעבן ביים דאָן, וועגן פּאַרצייטנס. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט אַ זייגער ניין; אויפן הויף האָט געריסן דער ווינט און די בלאָטע האָט פויל געשפּריצט אונטער די פיס. צווישן די וואָלקנס האָט געטאַנצט אַ קאָזאַטשאָק די יונגע, געל־וואָנסיקע לבנה. ביי איר ליכט האָט יעווגעני אַ קוק געטון אויפן זייגער, און זיך געלאָזט גיין צום הויז פון דער די־נערשאַפט. ביים גאַנעק האָט ער פאַררייכערט, אויף אַ ווײַלע שטיין געבליבן אַ פאַרטראַכטער און, אַ דריי טוענדיק מיט די אַקסלען, אַנטשלאָסן אַרויפגעגאַנגען אויפן גאַנעק. ער האָט פאָרזיכטיק אַ דריק געטון די קליאַמקע, די טיר האָט סקריפּענדיק זיך געעפנט. ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַקסיניעס וואוינונג, אַ רייב געטון אַ שוועבעלע.

— ווער איז דאָס? — האָט אַקסיניאַ געפרעגט, אַרויפציענ־דיק די קאָלדרע אויף זיך.

— דאָס בין איך.

— איך טו מיך שוין אָן.

— מען דאַרף נישט. איך בין נאָר אויף אַ מינוט אַריינגע־קומען.

יעווגעני האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם שינעל, זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט.

— דאָס טעכטערל איז דיר געשטאָרבן...

— געשטאָרבן... — האָט אַקסיניאַ ווי אין עכאָ אָפּגע־ענטפערט.

— דו האָסט דיך, זייער געענדערט. אַ קלייניקייט, איך

פאַרשטיי, וואָס עס הייסט פאַרלירן אַ קינד! נאָר איך מיין, אַז דו מאַכסט אומזיסט אַ תּל פון דיר, לעבעדיק וועסטו עס שוין נישט מאַכן, און דו ביסט נאָך גענוג יונג צו האָבן אַנדערע קינ־דער. מען טאָר נישט אַזוי! נעם דיך אין די הענט אַריין, באַרויִק דיך... סוף־כּל־סוף איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן, מיטן קינדס טויט, גיב נאָר אַ טראַכט — דו האָסט נאָך דאָס גאַנצע לעבן פאַר זיך.

דריקנדיק אַקסיניעס האַנט, האָט יעווגעני זי געגלעט מיט באַהערשנדיקער צערטלעכקייט, גערעדט מיט אַ שטילן, האַרציק קול. ער איז איבערגעגאַנגען אויף שעפּטשעריי, און הערנדיק, ווי אַקסיניאַ טרייסלט זיך אינגאַנצן אין פאַרשטיקטן געוויין, און דאָס געוויין גייט איבער אין שלוכצן, האָט ער אָנגעהויבן קושן אי־רע פון די טרערן נאַסע באַקן, אויגן...

גיריק איז דאָס פרויען־האַרץ אויף מיטגעפיל, אויף צערט־לעכקייט. די פון פאַרצווייפלונג דערדריקטע אַקסיניאַ האָט זיך פאַרגעסן און אים אָפּגעגעבן מיט דער גאַנצער שטורמישער, לאַנג־פאַרגעסענער ליידנשאַפט. און ווען די כוואַליע פון אומפאַר־שעמטן תּענוג איז אָפּגעפאַלן, און זי האָט זיך דערפילט וויסט און פינסטער, האָט זי, שאַרף־אויסשרייענדיק, אויפגעוואַכט, און פאַר־לירנדיק דעם שׂכל און די בושה, אַ האַלב־נאַקעטע, אין בלויז, העמד אַרויסגעלאָפן אויפן גאַניק. באַלד נאָך איר, לאָזנדיק די טיר אָפן, איז איילִיק אַרויסגעגאַנגען יעווגעני. ער האָט אויפן וועג אָנגעטון דעם שינעל, געגאַנגען איילִיק, און ווען ער איז, אַ פאַרסאַפּעטער, אַרויפגעקומען אויף דער טעראַסע פון הויז, האָט ער פריידיק און צופרידן זיך צעלאַכט. ער איז אַרומגעגומען גע־וואָרן פון אַ מוטיקער פריילעכקייט. שוין ליגנדיק אין בעט, זיך גלעטנדיק די פּוכיקע ווייכע ברוסט, האָט ער אַ קלער געטון: „פון שטאַנדפונקט פון אַן אָרנטלעכן מענטש — איז דאָס געמיין, נישט מאָראַליש. גריגאָרי... איך האָב באַגנבעט אַ נאָענטן, אָבער דאָרט, אויפן פראָנט, האָב איך דאָך איינגעשטעלט דאָס לעבן. עס האָט דאָך געקאָנט געשען אַזוי, אַז די קויל זאָל נעמען אַ ביסל מער רעכטס און מיר דורכלעכערן דעם קאָפּ? איך וואָלט שוין

אַצינד געפוילט, מיט מיין לייב וואָלטן זיך אָנגעפרעסן די ווערעם...
מען דאַרף גיריק אויסנוצן יעדן מאָמענט. מיר איז אַלץ דער־
לויבט!" ער האָט אַ רגע זיך דערשראָקן פאַר זיינע געדאַנקען,
נאָר די פאַנטאַזיע האָט ווידער בולט אויפגעלעבט פאַר אים די
שרעקלעכע אַטאַקע און יענעם מאָמענט, ווען ער איז אויפגע־
שטאַנען פון דערהרגעטן פערד און געפאַלן, אַן אונטערגעשניטע־
נער דורך די קוילן. שוין איינשלאָפנדיק, האָט ער אַ באַרויִקטער
באַשלאָסן: „מאָרגן וועגן דעם, און אַצינד שלאָפן, שלאָפן..."

צומאָרגנס אינדערפרי, בלייבנדיק אַליין מיט אַקסיניען אין
עסצימער, איז ער צו איר צוגעגאַנגען שולדיק שמייכלענדיק,
אָבער צודריקנדיק זיך צו דער וואַנט, אויסשטרעקנדיק די הענט,
האָט זי אים אָפּגעבריט מיט איר צאָרניק שעפּטשען:

— גיי נישט צו, פאַרשאָלטענער!...

דאָס לעבן דיקטירט די מענטשן זיינע אומגעשריבענע גע־
זעצן. אין דריי טעג אַרום איז יעווגעני ווידער ביינאַכט געקומען
צו אַקסיניען אין צימער אַריין, און אַקסיניאַ האָט אים נישט אָפּ־
געשטויסן.

XXIII

ביים דאָקטאָר סניעגירעווס אויגן־שפּיטאָל האָט זיך געפונען
אַ קליין גערטנדל.

אַזעלכע אומגעמיטלעכע געשוירענע גערטנדלעך געפינען זיך
אַ סך אויף די זייטיקע געסלעך פון מאָסקווע, אין זיי רוט נישט אָפּ
דאָס אויג פון דער שטיינערדיק־שווערער שטאָטישער לאַנגווייל־
קייט, און קוקנדיק אויף זיי, דערמאַנט מען זיך נאָך שאַרפער און
ווייטיקלעכער אָן דער ווילדער פרייקייט פון וואַלד. אין שפּיטאָל־
גערטנדל האָט געבאַלעבאַטעוועט דער האַרבסט: באַדעקט די שטע־
געלעך מיטן בראָנזיקן אָראַנזש פון די בלעטער, פאַרוועלקט די בלו־
מען דורך די פאַרטאָגיקע פרעסטלעך, און מיט געלזוכטיקער גרינ־

קייט אָנגעגאָסן דאָס גראָז אויף די גאַזאָנען*). אין די לינדע טעג האָבן איבער די שטעגעלעך אַרומשפּאַצירט די קראַנקע, זיך איינהערנדיק אין פליסנדיקן געקלאַנג פון די פרומע מאָסקווער צערקווע־גלאָקן. אין שלעכטן וועטער (וואָס האָט דאָס יאָר כּמעט כּסדר אָנגעהאַלטן), האָבן זיי זיך געדרייט פון איין פּאַלאַטע אין דער צווייטער, געלעגן אויף די בעטלעך, געשוויגן, נמאס ווערנדיק אי זיך אַליין, אי איינער דעם אַנדערן.

די קראַנקע אין שפּיטאָל זענען באַשטאַנען צומייַנסט פון ציווילע, די פאַרוואונדעטע האָבן זיך געפונען אין איין פּאַלאַטע; זיי זענען געווען פינף מאַן: יאַן וואַרעיקיס, אַ הויכער בלאָנדער לאַטיש, מיט אַ ברייטער אונטערגעשוירענער באָרד און בלויע אויגן; איוואַן ווראָבלעווסקי, אַן אַכטאונצוואָנציקיעריקער שיינער דראַגונער פון דער וולאַדימירער גובערניע; דער סיבירער שיסער קאָסיך; דאָס רירעוודיקע געלע סאָלדאַטל בורדין און מעליעכאָוו גריגאָרי. סוף סעפּטעמבער האָט מען געברענגט נאָך איינעם. בשעת דער אָוונט־טיי האָט מאַנאָטאָן געבומען קלינגען דאָס גלעקל. גריגאָרי האָט אַרויסגעקוקט אין קאָרידאָר אַריין. אין פּאָרצימער זענען אַריינגעקומען דריי מענטשן: אַ קראַנקן־שוועסטער מיט אַ מענטש אין אַ טשערקעסקע, דעם דריטן האָבן זיי געפירט אונטער די הענט. ער איז זיכער נאָר־וואָס אָנגעקומען פון וואָקזאַל: וועגן דעם האָט עדות געזאָגט זיין שמוציקע זעלבערישע בלוזע מיט די טונקל־ברוינע בלוט־פלעקן אויף דער ברוסט. אים האָט מען דעם זעלבן אָוונט געמאַכט אַן אָפּעראַציע. נאָך קליינע צוגרייטונגען (אין דער פּאַלאַטע אַריין האָט זיך דערטראָגן אַ גערויש, — מען האָט איבערגעקאָכט די אינסטרומענטן) האָט מען אין אָפּעראַציע־זאַל אַריינגעפירט דעם געקומענעם. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך פון דאָרטן דערהערט אַ פאַרשטיקט זינגען: בשעת מען האָט דעם פאַרוואונדעטן באַזייטיקט די רעשט פון אויג, וואָס

* גראָז־פּלעצער.

איז אים אויסגעהאַקט געוואָרן דורך אַ שפּליטער, האָט ג.ר, אַן איינגעשלעפּערטער דורך כלאָראָפאָרם, געזונגען און מיט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער געזידלט. נאָך דער אָפּעראַציע האָט מען אים אַריינגעברענגט אין דער פּאַלאַטע צו די פאַרוואונדעטע. אין אַ מעתלעת אַרום האָט דער שווערער סם פון כלאָראָפאָרם אויסגעוועפּט פון זיין מוח, און ער האָט דערציילט, אַז ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן הינטער ווערבערג, אויפן דייטשישן פראָנט, זיין פאַמיליע איז האַראַנזשאַ, ער האָט געדינט ביי מאַשין-געווער, און איז אַליין אַ געבוירענער פון דער טשערניגאָוער גובערניע. אין משך פון עטלעכע טעג האָט ער באַזונדערס נאָענט זיך באַפריינדעט מיט גריגאָריען: זייערע בעטלעך זענען געשטאַנען צוזאַמען, און זיי פלעגן, נאָכן ביינאַכטיקן וויזיט, שעפּטשענדיק שמועסן צווישן זיך.

— נו, קאָזאַק, ווי גייט עס דיר?

— ווי אויף אַ הינטן אַ געשוויר.

— דאָס אויג האָט מען דיר אַרויסגענומען?

— אויף אימפּונגען גיי איך.

— וויפיל האָט מען דיר געמאַכט?

— אַכצן.

— עס טוט וויי, צי נישט.

— ניין, ס׳איז באַטעמט.

— דו בעט, מען זאָל עס דיר אינגאַנצן אויסשניידן.

— נישט איטלעכער מוז דאָך בלינד זיין.

— אויך אמת.

גריגאָריעס גיפטיק-בייסיקער שכן איז געווען אומצופרידן פון אַלץ: ער האָט געזידלט די מאַכט, די מלחמה, זיין גורל, די שפּיטאָל-קעסט, דעם קוכער, די דאָקטוירים, — אַלץ, וואָס איז נאָר אַרויפגעקומען אויף זיין שאַרפער צונג.

— פאַרוואָס, בחורעץ, האָבן מיר ביידע מלחמה געהאַלטן?

— פאַר דעם, וואָס אַלע האָבן מלחמה געהאַלטן.

— אָבער דו זאָג מיר מיט אַ שכל, מיט אַ שכל זאָג מיר.

— טשעפּע דיך אָפּ!

— האַ! אַ שוטה ביסטו. זאָך מוז מען צעקייען. פאַר די בורזשויען האָבן מיר מלחמה געהאַלטן, פאַרשטייסט? וואָס איז דאָס אַזוינס אַ בורזשוי? אַ פויגל אַזעלכער, וואָס אין די קאַנאָפּיעס זיצט ער.

ער האָט אויסגעטייטשט גריגאָריען די אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, דורכגעוואָרפן זיין רעדן מיט שטאַרק געפּעפּערטן ניבול־פּה.

— קלאַפּ נישט! איך פאַרשטיי נישט דיין כאַכליש לשון, — האָט אים גריגאָרי איבערגעשלאָגן.

— פאַרוואָס־זשע, מאָסקאַל, פאַרשטייסטו נישט?

— רעד פּאַמעלעכער.

— איך, טייערינקער מיינער, רעד אַזוי אויך נישט גיך. דו זאָגסט — פאַרן קייסער, אָבער וואָס איז אַזוינס אַ קייסער? אַ קייסער — איז אַ שיכור, אַ קייסערין — אַ הור, די רייכע ווערן פון דער מלחמה באַגליקט, און מיר... — דערשטיקט. פאַרשטייסט? דער פאַבריקאַנט שיכורט אין זיין רייך הויז, — און דער זעלנער קנאַקט די לויז, איזביידע שלעכט... דער פאַבריקאַנט בלייבט ביים מעות, און דער אַרבעטער ביים נאַקעטן ווי־הייסט־מען־דאָס, אַזוי, אַזוי דרייט זיך דאָס רעדל... דין קאָזאַק, דין! וועסט צו נאָך אַ קרייץ זיך דערדינען, אַ דעמבענעם... — האָט ער גערעדט אויף אוקראַיִניש, בלויז אין זעלטענע מינוטן, ווען ער איז אויפגערעגט געוואָרן, איבערגעגאַנגען אויף רוסיש און, נישט קאַרגנדיק קיין זידל־ווערטער, זיך שוין אויסגעדריקט קלאָר.

ער האָט טאָג־טעגלעך איינגעפלאַנצט אין גריגאָריעס שכל ביז איצט אים אומבאַקאַנטע אמתן, אויפגעדעקט דיווירקלעכע סיבות פון דער אַנטשטאַנענער מלחמה, גיפטיק אויסגעלאַכט די זעלבסהערשערישע מאַכט. גריגאָרי האָט געפּרוווט אָפּווענדן, אָבער האַראַנזשאַ האָט אים צוגעדריקט צו דער וואַנט מיט שלאָגנדיק־פּשוטע פראַגן, און גריגאָרי איז געניייט געווען מסכים צו זיין.

דאָס שרעקלעכסטע דערביי איז געווען דאָס, וואָס ער אַליין

האָט אינערלעך געפילט האַראַנזשעס גערעכטיקייט, הילפסלאָז גע־
ווען אים אַקעגנצושטעלן ווידערשפּרוכן, זיי נישט געהאַט און נישט
ביכולת געווען זיי צו געפינען. מיט שרעק האָט גריגאָרי אָנערקענט,
אַז דער קלוגער און בייזער אוקראַינער גראָבט שטופּנווייז אומ־
פאַרמיידלעך אונטער זיינע אַלע פריערדיקע באַגריפן וועגן קיי־
סער, וועגן פאָטערלאַנד, וועגן זיין קאָזאַקיש־מיליטערישער פליכט.
אין משך פון חודש נאָך האַראַנזשעס קומען האָבן אין
שטויב זיך פאַרוואַנדלט אַלע פונדאַמענטן, אויף וועלכע עס
האָט זיך געשטיצט זיין באַוואוסטזיין. דידאָזיקע פונדאַמענטן
זענען אונטערגעפוילט געוואָרן, די קריפּלהאַפטיקע זינלאָזיקייטן
פון דער מלחמה האָבן ווי זשאַווער זיי צעפרעסן, און ס׳איז ניי־
טיק געווען בלויז אַ שטויס. דער שטויס איז געגעבן געוואָרן,
און דער געדאַנק האָט אויפגעוואַכט, פאַרמאַטערט און דערדריקט
גריגאָריעס פּשוטן, נישט איבערגעשפּיצטן שכל. ער האָט זיך גע־
פּלאָנטערט, געזוכט אַן אויסגאַנג, אַ לעזונג פאַר דערדאָזיקער אויפ־
גאַבע, וואָס איז געווען נישט פאַר זיינע כּוחות, און מ׳ט באַפרידי־
קונג זי געפונען אין האַראַנזשעס ענטפערס.
איינמאָל שפּעט ביינאַכט איז גריגאָרי אויפגעשטאַנען פון
בעט און אויפגעוועקט האַראַנזשען. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט
לעבן אים אויפן בעט. דורכן אַראָפּגעלאָזטן ראָלעט איבערן פענ־
סטער איז אַריינגעדרונגען דאָס גרינע ליכט פון דער סעפּטעמבער־
לבנה. די באַקן פון אויפגעוועקטן האַראַנזשאַ האָבן ליימיק זיך
געטונקלט מיט זייערע קנייטשן, פּייכט האָבן געפינקלט די שוואַרצע
אויגנלעכער. ער האָט געגענעצט, פון קעלט געטוליעט די פיס אין
דער קאָלדרע.
— פאַרוואָס שלאָפסטו נישט ?
— איך קאָן נישט. דער שלאָף איז מיר צוגענומען געוואָרן.
דו האָסט מיר אויפגעקלערט אָט וואָס: די מלחמה איז פאַר אַ טייל
אַ גליק, פאַר אַנדערע אַן אומגליק.
— נו ? אַכּכאַ־אַ־אַ... — האָט האַראַנזשאַ אַ גענעץ געטון.
— וואַרט־צו ! — האָט גריגאָרי גענומען שעפּטשען, אַן אָני־

געצוונדענער פון כעס. — דו זאָגסט, אַז מ׳שיקט אונז אויפן טויט, ווייל די רייכע דאַרפן דאָס, נו, און דאָס פאָלק? צי פאַרשטייט עס נישט? צי זענען נישטאָ אַזעלכע, וואָס וואָלטן דאָס געקאָנט אויפקלערן? איך וואָלט אַרויסגעגאַנגען און געזאָגט: „ברידער, אָט פאַרוואָס איר פאַרגיסט אייער בלוט".

— וואָס הייסט, דו וואָלסט אַרויסגעגאַנגען? וואָס האָסטו געזאָגט? נו-נו, איך וואָלט געזען, ווי אַזוי דו וואָלסט אַרויסגעגאַנגען. מיר שעפּטשען דאָ ביידע, ווי געגנז אין ראָר, אָבער גיב נאָר הויך אַ געגנע — וועסטו באַלד אונטער דער קויל געשטעלט ווערן. אַ שוואַרצע טויבקייט איז אין פאָלק. די מלחמה וועט עס אויפוועקן. פון דער כמאַרע וועט נאָכן דונערן אַ רעגן פאַלן...

— וואָס-זשע דאַרף מען טון? רעד, שלאַנג! דו האָסט אין מיר דאָס האַרץ אויפגעקאָכט.

— און וואָס זאָגט דיר דיין האַרץ?

— איך ווייס נישט, — האָט גריגאָרי זיך מודה געווען.

— ווער עס שטופּט מיך פון באַרג אַראָפּ, דעם מוז איך אַראָפּשטופּן. מען דאַרף אָן שרעק אויסדרייען די ביקסן. מען דאַרף אַריינהאַקן אַ קויל דעם, ווער עס שיקט מענטשן אין גיהנום אַריין. ווייס דאָס, — האַראַנזשאַ האָט זיך אונטערגעהויבן און, אַ קריץ געבנדיק מיט די ציין, אויסגעשטרעקט די הענט, — עס וועט אויסברעכן אַ שטורעם, וואָס וועט אַלץ אַראָפּטראָגן!

— וואָס-זשע... לויט דיר דאַרף מען אַלץ איבערקערן מיט די פיס אַרויף?

— האַ! די מאַכט דאַרף מען ווי שמוציקע הויזן אַראָפּוואַרפן. מען דאַרף פון די פּריצים די הויט שינדן, מען דאַרף זיי די פיסקעס אַרונטערדרייען, ווייל זיי האָבן שוין צופיל דאָס פאָלק געמאַטערט.

— און וואו וועסטו ביי דער נייער מאַכט די מלחמה אַהינטון? מען וועט זיך ווייטער אַזוי שלאָגן, — נישט מיר, איז אונזערע

קינדער. מיט וואָס וועסטו די מלחמה צוימען? ווי אַזוי וועסטו זי פאַרטיליקן, אויב מען שלאָגט זיך פון אייביק אָן?

— אמת, די מלחמה געדויערט פון אייביק אָן, און וועט געדויערן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס וועט זיין אַ פּאַראַזיטישע מאַכט אויף דער וועלט. אָט־וואָס! אָבער ווען עס וואָלט געווען אין יעדער מלוכה אַן אַרבעטער־מאַכט, וואָלט מען נישט מלחמה געהאַלטן. דאַרף מען טאַקע דאָס מאַכן. און דאָס וועט זיין! אין זייערע געפּגרטע מאַמעס אַריין!... עס וועט זיין! אי ביי די דייטשן, אי ביי די פראַנצויזן, — ביי אַלע וועט געשאַפן ווערן אַן אַרבעטער און פּויערים־מאַכט. צוליב וואָס וועט אונז דעמאָלט בלייבן מלחמה צו האַלטן? די גרענעצן — אַוועק! די שוואַרצע שנאה — אַוועק! איין רויט לעבן וועט איבער דער גאַנצער וועלט זיין. עך! — האַראַנזשאַ האָט אַ זיפץ געטון און, בייסנדיק זיך די שפּיצן וואַנסעס, פינקלענדיק מיטן איינציקן אויג, טרוימעריש אַ שמייכל געטון. — עך, גריצקאָ, איך וואָלט מיין בלוט טראָפּנווייז אויסגעזיגן, אַבי דאָס צו דערלעבן... אַ פייער פרעסט מיר דאָס האַרץ אויף.

זיי האָבן געשמועסט ביז פאַרטאָג. אין גרויען בין־השמשות איז גריגאָרי אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַן אומרואיקן שלאָף.

אינדערפרי האָבן אים אויפגעוועקט קולות און אַ געוויין. איוואַן וורובלעווסקי, ליגנדיק אויפן געלעגער מיטן פּנים אַראָפּ, האָט געכליפּעט און זיך געשנייצט די נאָז; אַרום אים זענען געשטאַנען: די פעלדשערין, יאַן וואַרעיקיס און קאָסיך.

— וואָס כליפּעט ער? — האָט בורדין הייזעריק געפרעגט, אָפּעררוקנדיק דעם קאָפּ פון אונטער דער קאָלדרע.

— ער האָט דאָס אויג צעבראָכן. אָנגעהויבן עס אַרויסנעמען פון גלאָז און אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל, — האָט קאָסיך געענטפערט, גיכער מיט שאָדנפרייד, איידער מיט באַדויערונג.

עפּעס אַ רוסיפֿיצירטער דייטש, אַ סוחר פון קינסטלעכע אויגן, געריירט פון פּאַטריאָטישע געפילן, האָט אַרויסגעגעבן די זעלנער זיין סחורה אומזיסט. מיט אַ טאָג צוריק האָט מען וורובלעווסקין צוגעקליבן און אַריינגעזעצט אַ גלעזערן אויג פון זייער אַ פיינער

אַרבעט, פּונקט אַזאַ בלויס און שיינס, ווי אַ נאַטירלעכס. עס איז געווען אַזוי קינסטלעך געמאַכט, אַז אפילו ביי אַן אויפמערקזאַם צוקוקן זיך האָט מען נישט געקאָנט אונטערשיידן דאָס נאַטירלעכע אויג פון קינסטלעכן. וורובלעווסקי האָט זיך געפרייט און געלאַכט ווי אַ קינד.

— איך וועל אַהיימקומען, — האָט ער געזאָגט, רעדנדיק מיטן וולאַדימירער דיאַלעקט און אַקצענטירנדיק די „אָ", — וועל איך דאָס ערשטע בעסטע מיידל אָפּנאַרן. כ'וועל חתונה האָבן און דערנאָך זיך מודה זיין, אַז דאָס אויג איז אַ גלעזערנס.

— ער וועט אָפּנאַרן, די נכפה זאָל אים נעמען! — האָט געלאַכט בורדין, וואָס האָט כסדר אונטערגעזונגען וועגן דוניען און דעם טאַראַקאַן, וואָס האָט איר צעביסן דעם סאַראַפאַן*.

און אָט איז געשען דער אומגליקלעכער פּאַרפאַל — און דער שיינער בחור וועט אַהיימקומען אין דאָרף אַריין אַ בלינדער קריפּל.

— מען וועט דיר געבן אַן אַנדערס, רעווע נישט, — האָט גריגאָרי אים געטרייסט.

וורובלעווסקי האָט אונטערגעהויבן דאָס פון טרערן פאַרשוואָלענע פּנים מיטן רויטן נאַסן לעכל, אַנשטאָט דעם אויג.

— מען וועט נישט געבן. אַזאַ אויג — קאָסט דרייהונדערט רובל. מען וועט נישט געבן.

— דאָס איז שוין איינמאָל געווען אַן אויג. יעדעס אָדערל איז דערויף געווען אָנגעצייכנט, — האָט קאָסיך זיך אַנטציקט.

נאָך דער פרימאָרגן-טיי איז וורובלעווסקי געפאָרן מיט דער פעלדשערין אין מאַגאַזין אַריין צום דייטש, און יענער האָט אים ווידער געשענקט אַן אויג.

— די דייטשן, זיי זענען בעסער פון די רוסן! — איז וורובלעווסקי אַריינגעפאַלן אין ווילדער התפּעלות. — ביי אַ רוסישן

---

* לאַנג קלייד אָן אַרבל — רוסישע פאָלקס-טראַכט.

סוחר — קאָנסטו אויסבעטן אַ שטיקל כריין, און דער האָט אפילו קיין וואָרט נישט געזאָגט.

עס איז אַריבער דער חודש סעפטעמבער. די צייט האָט קאַרג אָפּגעציילט די טעג. זיי האָבן זיך געצויגן אומענדלעך לאַנגע, אָנגעזאַפּטע מיט טויטער לאַנגווייליקייט. אין די פרימאָרגנס ביין אַ זייגער האָט מען געטרונקען טיי, יעדן קראַנקן אויף אַ טעלערל דערלאַנגט צוויי דורכזיכטיקע פעניצלעך פראַנצויזישע זעמל און אַ שטיקל שמאַנט-פּוטער, די גרייס פון קלײנעם פינגער. נאָכן מיטאָג זענען די קראַנקע זיך פונאַנדערגעגאַנגען הונגעריקע. אין אָוונט האָט מען געטרונקען טיי, צוליב פאַרשידנאַרטיקייט זי פּאַרטוריג קענדיק מיט קאַלט וואַסער. דער צונויפשטעל פון די קראַנקע האָט זיך געטוישט. פון דער „מיליטערישער פּאַלאַטע“ (אַזוי האָבן די קראַנקע גערופן די פּאַלאַטע, אין וועלכער עס זענען געלעגן די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן) האָט דער ערשטער זיך אויסגעשריבן דער סיביראַק קאָסיק, נאָך אים איז געגאַנגען דער לאַטיש וואַרעיקיס. אין די לעצטע טעג פון אָקטאָבער האָט זיך אויסגעשריבן גריגאָרי.

דער באַלעבאָס פון שפּיטאָל, דער שיינער דאָקטאָר סניעגי-רעוו, מיטן אונטערגעשווירענעם בערדל, האָט אויף דער אונטער-זוכונג אָנערקענט גריגאָריעס ראיה אַלס באַפרידיקנדיק. אין אַ פינסטער צימער האָט מען גריגאָריען געוויזן אויף אַ געוויסער דערווייטערונג באַלויכטענע גרויסע אותיות און ציפערן. מען האָט אים אויסגעשריבן און איבערגעשיקט אין שפּיטאָל אַריין אויף דער טווערסקער, ווייל זיין פאַרהיילטע וואונד אויפן קאָפּ האָט פּלוצ-לינג זיך געעפנט, און עס האָט זיך געשאַפן אַ לייכטע אייטערונג.

געזעגענענדיק זיך מיט האַראַנזשען, האָט גריגאָרי געפרעגט:

— מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען?

— אַ באַרג מיט אַ באַרג קומט זיך נישט צונויף...

— נו, כאָכאָל, אַ דאַנק דיר, וואָס האָסט מיר די אויגן געעפנט. אַצינד בין איך אַ זעעוודיקער און... בייזער!

— וועסט קומען אין פּולק אַריין — שמועס דיך דורך מיט די קאַזאַקן וועגן דעם ענין.

— גוט.

— אפשר וועט דיר אויסקומען אַמאָל צו זיין אין טשערני־גאָווער קאַנט, אין דאָרף גאָראָכאָווקע, — פרעג דיך נאָך אויפן קאָוואַל אַנדרעי האַראַנזשאַ, עס וועט מיך פרייען דיך צו זען. זיי געזונט, בחורעץ!

זיי האָבן זיך אַרומגענומען. אויף לאַנג איז פאַרבליבן אין גריגאָריעס זכרון דאָס געשטאַלט פון דעם אוקראַינער, מיטן שטרענגן איינציקן אויג, מילדע שטריכן פון מויל און ליים־פאַר־ביקע באַקן.

אין שפּיטאָל האָט גריגאָרי זיך אָפּגעוואַלגערט אַנדערהאַלבן וואָכן. ער האָט אין דער נשמה געטראָגן אומפאָרמירטע באַשלוסן, עס האָט געקרייזלט אין אים דער האַרבער אָפּטויטנדיקער סם פון האַראַנזשעס לערע; זיין גאַליקייט האָט זיך אויך גריגאָריען איבער־געגעבן. מיט זיינע שכנים פון דער פּאַלאַטע האָט ער גערעדט ווייניק, אַ ברויזנדיקע אומרויִקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין יעדער באַוועגונג זיינער. „אַן אומרויִקער" — אַזוי האָט אים כאַ־ראַקטעריזירט ביים אָננעמען דער שפּיטאָל־פאַרוואַלטער, וואָרפנ־דיק כלאחר־יד אַ בליק אויף זיין נישט רוסיש פּנים.

די ערשטע טעג האָט גריגאָרי געפיבערט. ער איז געלעגן אויפן בעטל, זיך איינהערנדיק אין כסדרדיקן קלינגען אין די אויערן.

טאַקע אין דער צייט איז פאָרגעקומען אַזאַ אינצידענט:

דורכפאָרנדיק פון וואָראָניעזש, האָט אַ מיטגליד פון דער קייסערלעכער פאַמיליע אַלערהעכסט באַוויליקט צו באַזוכן דאָס שפּיטאָל. די דאָקטוירים פון שפּיטאָל־פּערסאָנאַל, באַקומענדיק די ידיעה אינדערפרי, האָבן אָנגעהויבן אַרומלויפן, ווי מייז אין אַ ברענענדיקן שייער. מען האָט איבערגעטון די פאַרוואונדעטע, באַ־אומרויִקנדיק זיי, מען האָט געביטן דאָס איבערצוג אויסערן סדר, דער ייִנגערער דאָקטאָר האָט אפילו געפּרוּווט לערנען ווי אַזוי צו ענטפערן און האַלטן זיך מיט דער הויכגעשטעלטער פּערזאָן. די בהלה האָט זיך איבערגעגעבן אויף די פאַרוואונדעטע: טייל האָבן

שוין פריער אָנגעהויבן רעדן שעפּטשענדיק. אינמיטן טאָג האָט
פאַרן טויער אַ שאַל געטון אַ טרומייטל פון אַן אויטאָמאָביל, און
אין דער באַגלייטונג פון אַ געהעריקער סוויטע, האָט אין די ברייט־
אויפגעפּראַלטע טירן פון שפּיטאָל זיך באַוויזן די פּערזאָן. (איינער
פון די פאַרוואונדעטע, אַ וויצלער און ווערטל־זאָגער, האָט שפּע־
טער פאַרזיכערט די חברים, אַז אין מאָמענט, ווען די הויכגע־
שטעלטע באַזוכער זענען צוגעפאָרן, האָט די שפּיטאָל־פאָן מיטן
רויטן קרייץ פלוצלינג אָנגעהויבן שטאַרק פלאַטערן, נישט גע־
קוקט דערויף, וואָס דאָס וועטער איז געווען זעלטן רויִק און אויף
דער קעגנאיבערדיקער זייט, אויף דער שילד פון דער פריזירעריי,
האָט דער עלעגאַנט־פריזירטער הער געמאַכט עפּעס ענלעכס צו אַ
קניקס, אָדער רעווערענס). די פּערזאָן האָט געשטעלט, אַנטשפּרעכנ־
דיקע פאַר איר פאַרהעלטעניש און שטעלונג, אומגעלומפּערטע
פראַגן; די פאַרוואונדעטע האָבן, לויט דער עצה פון יינגערן דאָק־
טאָר, אויסגלאָצנדיק די אויגן נאָך מער, ווי מען האָט זיי געלערנט
אין דער רייע, געענטפערט: „געוויס אַזוי, אייער קייסערלעכע
האָהייט" און „זיכער נישט", מיטן צוגאָב פון זעלבן טיטול. קאָמענ־
טאַרן צו די ענטפערס האָט געגעבן דער שפּיטאָל־פאַרוואַלטער,
דערביי האָט ער זיך געדרייט, ווי אַ שלאַנג, אַרויפגעשטאָכן
אויף אַ היי־גאָפּל, און עס איז געווען אַ רחמנות צו קוקן
אויף אים אפילו פונדערווייטנס. די קייסערלעכע פּערזאָן, איבער־
גייענדיק פון איין בעטל צום צווייטן, האָט געטיילט הייליקע בילד־
לעך. די מענגע גלענצנדע מונדירן און געדיכטע כוואַליע טייערע
פּערפומען האָט זיך אָנגערוקט אויף גריגאָריען. ער איז געשטאַנען
לעבן זיין בעטל, אַ נישט געגאָלטער, אַ דאַרער, מיט רויטע אָנ־
געצונדענע אויגן; דאָס דראָבנע ציטערן אויף זיינע שאַרפע, טונקל־
ברוינע באַקן־ביינער האָט דערציילט וועגן זיין אויפרעגונג.

„אָט זענען זיי, פאַר וועמענס פאַרגעניגן וועגן מען האָט
אונדז אַרויסגעטריבן פון די היימישע כאַטעס און געשיקט אויפן
טויט. אַך, שלאַנגען! פאַרשאָלטענע! פאַראַזיטן! אָט זענען זיי,
די צומיינסט בייסנדיקע לייז אויף אונזער רוקן!... צי נישט צוליב

זיי... האָבן מיר מיט די פערד געטרעטן פרעמדע תבואה און דער־הרגעט פרעמדע מענטשן? און איך בין געקראָכן איבערן אָפּגע־שניטענעם פעלד און געשריגן? און די שרעק? מען האָט אונז אָפּגעריסן פון די פאַמיליעס, געמאַטערט אין די קאַזאַרמעס"... — האָט אין זיין קאָפּ זיך געקנוילט אַ קאָכנדיקער קנויל געדאַנקען. אַ שוימיקער כּעס האָט באַוועגט זיינע ליפּן. — „ווי זאָט זיי זע־נען אַלע, זיי פינקלען אַזש. אַהין וואָלט מען אייך געדאַרפט שיקן, דריי מאָל פאַרשאָלטענע! אויף די פערד, אונטער דער ביקס, מיט לייז אייך פאַרשיטן, מיט פאַרפוילט ברויט, מיט ווערמיק פלייש אייך דערנערן!..."

גריגאָרי האָט דורכגעשטאָכן מיטן בליק די אויסגעפּראַנטע־וועטע אָפיצירן פון דער סוויטע און פאַרהאַלטן זיין טונקל־געוואָ־רענעם בליק אויף די זעקלדיקע באַקן פון דעם מיטגליד פון דער קייסערלעכער פאַמיליע.

— אַ דאָנער קאָזאַק, אַ געאָרגי־קאַוואַלער, — האָט דער־פאַרוואַלטער אָנגעוויזן אויף אים, זיך אויסבייגנדיק, און דאָס איז געזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ טאָן, ווי ער אַליין וואָלט פאַרדינט דעמ־דאָזיקן קרייץ.

— פון וועלכער סטאַניצע? — האָט די פּערזאָן געפרעגט, האַלטנדיק גרייט דאָס בילדל אין דער האַנט.

— פון דער וויעשענסקער, אייער קייסערלעכע האָהייט.

— פאַרוואָס האָסטו באַקומען דעם קרייץ?

אין די העלע פּוסטע אויגן פון דער פּערזאָן האָט געטליעט אַ לאַנגווייליקייט, אַן איבערגעזעטיקטקייט. די געלבלעכע לינקע ברעם האָט אויף אַן אויסגעלערנטן אופן זיך אונטערגעהויבן — דאָס האָט צוגעגעבן דעם פּנים פון דער פּערזאָן מער אויסדריק־לעכקייט. גריגאָרי האָט אויף אַ רגע דערפילט אַ קעלט און שטעכעניש אין דער ברוסט; אַזאַ געפיל פלעגט ער האָבן אין ערשטן מאָמענט פון אַן אַטאַקע. זיינע ליפּן האָבן אומאָפּהאַלטנ־דיק זיך פאַרקרימט, געצוימען שפּרינגען.

— איך דאַרף... איך וואָלט געדאַרפט אַהינטערגיין... איך

דאָרף, אייער קייסערלעכע... צוליב אַ קליייניקייט... — גריגאָרי האָט זיך אַ בייג געטון, ווי אַן איבערגעבראָכענער, אָנווייזנדיק מיט אַברייטן זשעסט אויף עפּעס אונטערן בעט.

די לינקע ברעם פון דער פּערזאָן האָט אַ שפּרונג געטון, די האַנט מיטן בילדל איז פאַרגליווערט געבליבן אין מיטן וועג. די פּערזאָן איז צעטומלט געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט די אָנגעבלאָזענע ליפּ און זיך אויסגעדרייט צום גרויען גענעראַל, וואָס האָט זי באַגלייט, מיט אַ פראַזע אין דער ענגלישער שפּראַך. אַ קוים־באַמערקבאַרע צעררודערונג איז אַריינגעטרעטן צווישן די הערן פון דער סוויטע: דער הויכער אָפיציר מיט די אַקסל־בענדער האָט זיך פאַרשטעלט די אויגן מיט דער האַנט אין דער שניי־ווייסער הענטשקע; דער צווייטער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, דער דריטער האָט מיט אַ פראַגע אַ קוק געטון דעם פערטן אין פּנים אַריין... דער גרויער גענעראַל, חשיבותדיק שמייכלענדיק, האָט אויף ענגליש עפּעס מיטגעטיילט זיין קייסערלעכער האָהייט, און די פּערזאָן האָט באַוויליקט גנעדיק אַריינצוזוקן גריגאָריען דאָס בילדל אין דער האַנט און אפילו באַשענקען אים מיטן העכסטן גענאָד: אָנצורירן מיט דער האַנט זיין אַקסל.

נאָכן אַוועקפאָרן פון די הויכגעשטעלטע געסט איז גריגאָרי אַ פאַל געטון אויף זיין בעטל. איינגראָבנדיק דעם קאָפּ אין קישן און ציטערנדיק מיט די אַקסלען, איז ער אַזוי געלעגן עטלעכע מינוט; עס איז נישט געווען צו דערקענען — צי ער וויינט אָדער לאַכט, — אויפגעשטאַנען איז ער מיט טרוקענע לויטערע אויגן. עס האָט אים באַלד אַרויסגערופן אין קאַבינעט אַריין דער פאַר־וואַלטער פון שפּיטאָל.

— דו קאַנאַליע!... — האָט ער אָנגעהויבן, קנייטשנדיק צווישן די פינגער זיין באָרד, וואָס האָט געהאַט די קאָליר פון אַן אויס־געקראָכן האָזן־פעלעכל.

— איך בין דיר נישט קיין קאַנאַליע, שלאַנג! — האָט גרי־גאָרי געזאָגט, מיט אַ ציטערנדיקן אונטערשטן קין־ביין שפּרייזנ־

דיק צום דאָקטאָר, — אויפן פּראָנט זעט מען אייך נישט! — און, באַהערשנדיק זיך, שוין איינגעהאַלטענער: — שיקט מיך אָפּ אַהיים!

רוקנדיק זיך פון אים הינטערוויילעכטס, איז דער דאָקטאָר אַרונטערגעגאַנגען הינטערן שרייב-טיש און שוין ווייכער גע-זאָגט:

— מיר וועלן דיך אָפּשיקן, גיי צום טייוול!

גריגאָרי איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ ציטערנדיקן שמייכל און צאָרניקע אויגן. פאַר זיין מיאוסער אומפאַרציילעכער אויפפירונג אין דער קעגנוואַרט פון דער הויכגעשטעלטער פּערזאָן, האָט די אַדמיניסטראַציע פון שפּיטאָל אים צוגענומען דאָס עסן אויף דריי מעת-לעת. עס האָבן אים דערנערט די חברים פון דער פּאַלאַטע און דער גוטהאַרציקער קוכער, וואָס האָט געליטן אויף אַ גריזשלע.

XXIV

אין דער נאַכט אויפן פערטן נאָוועמבער איז גריגאָרי מע-ליעכאָוו אָנגעקומען אין ערשטן פון דער סטאַציע ניזשנע-יאַבלאָ-נאָווער קאָזאַקן-כוטאָר פון דער וויעשענסקער סטאַניצע. ביזן גוט יאַגאָדנאָיע איז געבליבן עטלעכע צענטליק וויאָרסט. גריגאָרי האָט, באַאומרויִקנדיק די הינט, געשפּרייזט פאַרביי די שיטערע הויפן; הינטער די ווערבעס פון טייך האָבן יונגע קינדערישע קולות גע-זונגען אַ ליד:

פון הינטערן וואַלד אַפער בליצן שווערדן-קלונגען.
ס'רייט אַ סאָטניע וואָנסיקע קאָזאַקן-יונגען.
פאָרויס דער יונגער אָפיציר אויף זיין פערד געשווינד,
פירט די קאָזאַקן-סאָטניע פלינקער ווי אַ ווינט.

אַ קרעפּטיקער, דורכדרינגלעך־רייַנער טענאָר האָט גע־צויגן:

נאָך מיר, ברידער, דרייסטער, נישט געשראָקן זיך, נייַן!

האַרמאָנישע, איינגעאיבטע שטימען האָבן פלינק אונטערגע־כאַפּט:

ווער העלדיש עס קעמפט, אויף די שאַנצן מוז זייַן!
און ווער עס קומט דער ערשטער אַהין, נישט געקלערט, —
די ערע, דער קרייַץ און די לויב אים געהערט.

מיט עפּעס אומגעהייער היימישס און וואַרעמס האָט אַן אַטעם געטון אויף גריגאָריען פון די באַקאַנטע ווערטער פון דעם אַלטן קאָזאַקישן ליד, וואָס אויך ער פלעגט נישט איינמאָל זינגען. אַ בייסנדיקע קילקייט האָט געשטאָכן אין די אויגן, געפּרעסט אין דער ברוסט. גריגאָרי האָט גיריק איינגעאָטעמט דעם ביטערן רויך פון די קיזעקלעך, וואָס האָט זיך געקרייזלט פון די קוימענדלעך פון די כאַטעס, און דורכגעגאַנגען דעם כוטאָר, באַגלייט פון ליד, וואָס האָט זיך געטראָגן הינטער אים:

אויף די שאַנצן זענען מיר געשטאַנען, די האַרמאַטן זעגן,
קוילן זשוזשען, ווי די בינען, פאַלן ווי אַ רעגן.
אוי, די דאָנער קאָזאַקן שלאָגן זיך ווי ריזן —
האַקן מיט די שווערדן, שטעכן מיט די שפּיזן.

„אַמאָל האָב איך געזונגען אַלס יונג בחורל, און אַצינד איז מיין קול אויסגעטרוקנט געוואָרן און מיינע לידער האָט דאָס לעבן אָפּגעהאַקט. אָט גיי איך צו אַ פרעמד ווייב אין אורלויב, אָן אַן אייגן ווינקל, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, ווי אַ היימלאָזער וואָלף..." — האָט גריגאָרי געטראַכט, שפּרייזנדיק מיט גלייכמעסיקער מידקייט, ביטער אויסלאַכנדיק זיין אייגן לעבן, וואָס האָט זיך אַזוי מאָדנע

איינגעשטעלט. פון כוטאָר האָט ער זיך אויפגעהויבן אויף אַ משופּע־דיק בערגל, זיך אומגעקוקט: אין פענסטער פון דער לעצטער כאַטע האָט געל געלויכטן דאָס פייערל פון הענגל־לאָמפּ, ביים פענ־סטער בײ אַ שפּין־רעדל איז געזעסן אַן אַלטע קאָזאַטשקע.

אַראָפּגייענדיק פון וועג, האָט גריגאָרי זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער פּייכט־שאָרכענדיקער, פון פרעסטל פאַרהאַרטעוועטער סטעזשקע. ער האָט באַשלאָסן איבערצובעכטיקן אין ערשטן כוטאָר ביים טשיר, כדי צומאָרגנס מיטן טאָג־צוגלייך אָנצוקומען קיין יאַ־גאָדנאָיע. נאָך האַלבער נאַכט איז ער שוין געווען אין כוטאָר גראַטשעוו, געבעכטיקט אין לעצטן הויף, און אַרויסגעגאַנגען, ווי נאָר די פרימאָרגנדיקע לילאַ־גרויקייט האָט אָנגעהויבן העלער ווערן.

ביינאַכט איז ער געווען אין יאַגאָדנאָיע.

שטיל אַריבערשפּרינגענדיק איבערן פּאַרקן, איז ער פאַר־בייגעגאַנגען די שטאַל — פון דאָרט האָט זיך געהערט דאָס הויכע הוסטן פון זיידן סאַשקאַ. גריגאָרי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ רוף געטון:

— זיידע סאַשקאַ, שלאָפסט?

— וואַרט־צו, ווער איז דאָס אַזוינס? דאָס קול איז מיר קענטלעך... ווער איז דאָס?

דער זיידע סאַשקאַ האָט געכאַפּט אויף זיך דעם זיפּון און אַרויסגעקומען אין הויף אַריין.

— טאַטעלעך הייליקע! גרישקאַ! פונוואַנען האָט דיך דאָ די כאָלערע געבראַנגט? דאָס הייסט אַ גאַסט!

זיי האָבן זיך אַרומגענומען. דער זיידע סאַשקאַ האָט פון אונטן אַריינגעקוקט גריגאָריען אין די אויגן און געזאָגט:

— קום אַריין, מיר וועלן פאַררייכערן.

— ניין, מאָרגן שוין. איך וועל גיין.

— קום אַריין, זאָגט מען דיר.

גריגאָרי האָט אומגערן זיך אונטערגעגעבן. ער האָט זיך

געזעצט אויפן הילצערנעם טאַפּטשאַן, געוואַרט ביז דער זיידע וועט זיך אויסהוסטן.

— נו, זיידעשי, לעבסט? טרעטסט אויף דער ערד?

— איך טרעט צוביסלעך. איך בין ווי אַן אַלטע ביקס, וואָס וויל נישט קאַליע ווערן.

— אַקסיניאַ?

— נו וואָס, אַקסיניאַ... אַקסיניאַ — גאָט צו דאַנקען.

דער זיידע האָט אָנגעשטרענגט אַ הוסט געטון. גריגאָרי האָט זיך משער געווען, אַז דער הוסט איז אַ געמאַכטער, אַז ער באַהאַלט דורך אים זיין פאַרלעגנהייט.

— וואו האָט מען טאַניושקען קובר געווען?

— אין גאָרטן. אונטערן טאָפּאָל.

— דערציילזשע.

— דער הוסט, גרישאַ, האָט מיך פאַרפּייניקט.

— נו?

— אַלע זענען געזונט. דער פּריץ טרינקט כסדר... ער שיכּורט, דער נארישער מענטש, אָן חשבון.

— און וואָס מאַכט אַקסיניאַ?

— אַקסיניאַ? זי דינט איצינד אַלס שטוב־מיידל.

— איך ווייס.

— דו וואָלסט דיר אַ פּאַפּיראָס פאַרדרייט? האַ? פאַרדריי־ כער, איך האָב טיטון ערשטן סאָרט.

— איך וויל נישט, אָבער דו זאָג מיר... אַז נישט, וועל איך אָוועקגיין. איך פיל, — גריגאָרי האָט זיך האַסטיק אַ דריי־אויס געגעבן, דער הילצערנער טאַפּטשאַן אונטער אים האָט אַ גרילץ געטון, — איך פיל, אַז דו האַלטסט עפּעס אַ וואָרט ווי אַ שטיין אונטערן אָרעם. וואַרף־זשע...

— איך וועל טאַקע וואַרפן!

— וואַרף־זשע.

— איך וועל וואַרפן. איך האָב שוין קיין כּוח נישט צו שווייגן, און עס איז מיר, גרישאַ, אַ חרפּה צו שווייגן.

— דערציי׳ל־זשע, — האָט גריגאָרי געבעטן, ליבלעך אַראָפּ־לאָזנדיק די האַנט אויפן זיידנס אַקסל מיט דער שווערקייט פון אַ שטיין. ער האָט זיך איינגעהויקערט און געוואַרט.

— אַ גיפטיקע שלאַנג האָסטו געוואַרעמט! — האָט דער זיי־דע סאַשקאַ פלוצלינג מיט אַ שאַרפן פאַלצעט אויסגעשריגן, אומ־געלומפּערט צעשפּרייטנדיק די הענט. — אַ מיאוסע שלאַנג האָסטו אויסגעהאָדעוועט! זי האָט מיט יעווגעניען זיך צונויפגעפּאָרט! נו, ווי געפעלט עס דיר?

אויפן זיידנס גאָמבע, איבערן רינעלע פון ראָזן העפּט, איז אַ קלעביק שנירל שפּייעכץ אַראָפּגעפלאָסן. דער זיידע האָט עס אָפּגעווישט, און אָפּגעריבן די האַנט אָן דער האַרטער לייוונט פון די גאַטקעס.

— זאָגסט אמת?

— איך האָב אַליין געזען. יעדע נאַכט קריכט ער צו איר. גיי, ער מוז אַצינד אויך זיין ביי איר.

— נו, מילא... — גריגאָרי האָט אַ קנאַק געטון מיט די ביינדלעך פון זיינע פינגער און לאַנג געזעסן, אָן איינגעהויקער־טער, אויסגלייכנדיק דעם מוסקול אויף זיין באַק, וואָס איז פאַר־קרומט געוואָרן פון קאָנוואולסיוון ציטערן. אין זיינע אויערן האָבן זיך צעקלונגען פרייליכע גלעקעלעך.

— אַ פרוי — איז אַ קאַץ: ווער עס גיט איר אַ גלעט, — צו דעם טוליעט זי זיך. און דו גלייב נישט, לאָז דיך נישט גע־נאַרן! — האָט דער זיידע סאַשקאַ געזאָגט.

ער האָט פאַרדרייט גריגאָריען אַ פּאַפּיראָסל, פאַררייכערט און עס אים אַריינגערוקט אין דער האַנט.

— רייכער.

גריגאָרי האָט צוויי מאָל פאַרצויגן און פאַרלאָשן דעם פּאַ־פּיראָס צווישן די פינגער. ער איז אַרויסגעגאַנגען שווייגנדיק. ביים

פענסטער פון דער דינערשאַפט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, טיף און אָפּט געאָטעמט, עטלעכע מאָל אויפגעהויבן די האַנט אָנצוקלאַפּן, אָבער די האַנט איז אַראָפּגעפאַלן, ווי אַ צעבראָכענע. דאָס ערשטע מאָל האָט ער אָנגעקלאַפּט איינגעהאַלטן, מיט אַ פאַרבויגענעם פינגער; דערנאָך, נישט באַהערשנדיק זיך, צוגעפאַלן צו דער וואַנט, און ווילד און לאַנג געזעצט מיט די פויסטן איבער דער רעם. די רעם האָט געיאָמערט מיטן בראַזגנדיקן געקלאַנג פון די שויבן, זיך געטרייסלט, אָפּגעשיינט די בלויע נאַכט-ליכטיקייט.

עס האָט אַ שימער געטון אַקסיניאַס פּנים, אויסגעצויגן פון שרעק, זי האָט געעפנט די טיר און אויסגעשריגן. גריגאָרי האָט זי אַרומגענומען דאָ באַלד אין הויז, איר אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— דו האָסט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, און איך בין איינגעשלאָפן... זיך נישט געריכט, טייערער מיינער!

— איך בין געפרוירן געוואָרן...

אַקסיניאַ האָט געפילט, ווי קאָנוואולסיוו עס ציטערט גריגאָריעס גאַנצער גרויסער קערפּער, און זיינע הענט זענען פלאַמענדיק הייס. זי האָט זיך צו שטאַרק גענומען פּאָרען, אָנגעצונדן אַ לאָמפּ, אַרומגעלאָפן איבער דער שטוב, אַרויפוואַרפנדיק אויף די געקעכלטע מאַטע אַקסלען אַ פּוכיק טוך, געמאַכט פייער אויפן קוימען.

— איך האָב מיך נישט געריכט... האָסט לאַנג נישט געשריבן... איך האָב געמיינט, דו וועסט נישט קומען... דו האָסט דערהאַלטן מיין לעצטן בריוו? איך האָב דיר געוואָלט עפּעס שיקן, דערנאָך זיך באַטראַכט, איך וועל צוּוואַרטן, אפשר וועל איך דערהאַלטן אַ בריוו פון אים...

זי האָט אַלעמאָל אַ קוק געטון אויף גריגאָריען. אויף אירע ליפּן האָט נישט אויפגעטייעט דער פאַרפרוירענער שמייכל.

גריגאָרי איז געזעסן אויף דער באַנק, נישט אויסטוענדיק

דעם שינעל, זיינע נישט געגאָלטע באַקן האָבן געפלאַמט, אויף די אַראָפּגעלאָזטע אויגן איז געפאַלן אַ געדיכטער שאָטן פון באַשליק. ער האָט שוין אָנגעהויבן אויפבינדן דעם באַשליק, אָבער פּלוצלינג געבומען זיך פאַרען, אַרויסגענומען דעם טיטון־בײַטל, געזוכט אין די קעשענעס פּאַפּיר. מיט אומגעהייערן אומעט האָט ער פלינק באַטראַכט אַקסיניעס פּנים.

זי איז טייוולאָניש שיין געוואָרן איבער דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט.

עפּעס נייעס, הערשערישס האָט זיך באַוויזן אין דער האַלטונג פון איר שיינעם קאָפּ; בלויז די פּוכיקע, געדיכטע לאָקן און די אויגן זענען נעווען די זעלבע... איר באַצווינגענדיקע, פייערדיקע שיינקייט האָט נישט געהערט אים. אַ קלייניקייט, זי איז דאָך די געליבטע פון פּריצס זון.

— דו... ביסט נישט ענלעך צו אַ שטוב־מיידל, גיכער צו אַן עקאָנאָמקע.

זי האָט אַ וואָרף געטון אַ דערשראָקענעם בליק, אומנאַטירלעך זיך צעלאַכט.

מיטשלעפּנדיק מיט זיך זיין רוקזאַק, האָט גריגאָרי זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

— וואוהין גייסטו?

— איך וועל אַרויסגיין פאַררייכערן.

— דאָס געפּרעגלטס איז שוין פאַרטיק, וואַרט צו.

— איך קום באַלד אַריין.

אויפן גאַנעק האָט גריגאָרי אַרויסגענומען פון סאַמע אונטן פון זעלנערישן רוקזאַק אַ געבלימט טוך, וואָס איז פאָרזיכטיק געלעגן איינגעוויקלט אין אַ ניי, נאָך נישט גענוצט העמד. ער האָט עס געקויפט אין זשיטאָמיר ביי אַ יידישן סוחר פאַר צוויי רובל און געהיטן, ווי דאָס אַפּל פון אויג, אָפט אַרויסגענומען אויפן וועג און זיך געקוקט מיט די מיניענדיקע רעגנבויגנדיקע קאָלירן, פאָרפילנדיק די אַנטציקונג, וואָס וועט אַרומכאַפּן אַקסיניען, ווען

ער, אומקערנדיק זיך אַהיים, וועט אויסשפּרייטן פאַר איר דאָס געבלימטע געוועב. נישטיקע מתנה! צי קאָן גריגאָרי קאָנקורירן אין מתנות מיטן זון פון רײַכסטן גוטבאַזיצער אויף די אייבערשטע ברעגן פון דאָן? באַהערשנדיק די שלוכצן, וואָס האָבן אים גענומען שטיקן, האָט גריגאָרי צעריסן דאָס טוך אויף אַ סך פּיצלעך, זיי אַרונטערגערוקט אונטערן גאַנעק. דעם רוקזאַק האָט ער איבערגעלאָזט אויף דער באַנק, און אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב.

— זעץ דיך, איך וועל דיר אויסטון די שטיוול, גרישאַ.

מיט ווייסע, פון אַרבעט־אָפּגעוואָרנטע הענט, האָט אַקסיניאַ אַראָפּגעשלעפּט גרישען די שווערע זעלנערישע שטיוול, און צופאַלנדיק צו זײַנע קניִען, לאַנג און שטיל געשלוכצט. גריגאָרי האָט זי געלאָזט זיך אויסוויינען, און געפרעגט:

— וואָס־זשע יאָמערסטו? ביסט נישט צופרידן, וואָס איך בין געקומען?

ער איז שנעל אײַנגעשלאָפן.

אַקסיניאַ איז אַן אויסגעטועטע אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַנעק און אונטערן קאַלטן שנײַדנדיקן ווינט, אונטערן לוויה־יאָמער פון אַ סאָווע, האַלטנדיק אַרומגענומען דעם נאַסן סלופּ פון גאַנעק און נישט בײַטנדיק די פּאָזע, אַזוי אָפּגעשטאַנען ביז פאַרטאָג.

אינדערפרי האָט גריגאָרי אָנגעטון דעם שינעל און זיך געלאָזט גיין צום הויז פון פּריץ. דער אַלטער פּריץ איז געשטאַנען אויפן גאַנעק, אָנגעטון אין אַ פוטערנער קורטקע און געל־געוואָרענער קאַראַקולענער פּאַפּאַכע.

— אָט איז ער, דער געאָרגי־קאַוואַלער. פונדעסטוועגן ביסטו גע־ע־עלטערט געוואָרן, ברודער!

ער האָט סאַלוטירט גריגאָריען און אים דערלאַנגט די האַנט.

— ביסט אויף לאַנג געקומען?

— אויף צוויי וואָכן, אײַער עקסעלענץ.

— די טאָכטער האָבן מיר קובר געווען. אַ שאָד, אַ שאָד...

גריגאָרי האָט פאַרשוויגן. אויפן גאַנעק, אַרויפציענדיק די הענטשקעס, איז אַרויסגעקומען יעווגעני.

— גריגאָרי ? פונוואַנען קומסטו ?

גריגאָריען איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן, אָבער ער האָט געשמייכלט.

— פון מאָסקווע, אין אורלויב...

— אַך, אַזוי. דו ביסט געווען פאַרוואונדעט אין אַן אויג ?

— יאָ.

— איך האָב געהערט. וואָס פאַר אַ כוואַט ער איז געוואָרן, הא, פאָטער ?

דער סאָטניק האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף גריגאָריען און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער שטאַל.

— ניקיטיטש, די פערד !

דער געזעצטער ניקיטיטש האָט פאַרענדיקט דאָס איינשפאַנען, און וואַרפנדיק זייטיק אומפריינטלעכע בליקן אויף גריגאָריען, צוגעפירט דעם אַלטן גרויען ריסאַק צום גאַנעק. אונטער די רעדער פון דער לייכטער ברישקע האָט מירביק אָפּגעקלונגען די ערד, וואָס איז ערטערווייז לייכט מיט דינעם אייז פאַרצויגן געווען.

— אייער וואוילגעבוירנהייט, דערלויבט מיר לויט אַלטער באַקאַנטשאַפט צו פאָרן אַ ביסל מיט אייך, — האָט גריגאָרי זיך געווענדט צו יעווגעניען, חניפהדיק אונטערשמייכלענדיק.

„ער איז זיך נישט משער, דער אָרימער", — האָט יענער באַפרידיקט געשמייכלט און אַ פינקל געטון מיט די אויגן פון הינטער די פּענסנע אַפער.

— מילא, טו אַ געפעליקייט, לאָמיר פאָרן.

— וואָס איז דאָס מיט דיר, ביסט ערשט געקומען און לאָזסט שוין דאָס יונגע ווייב איבער ?... — האָסט גאָרנישט געבענקט נאָך איר ? — דער אַלטער פריץ האָט גנעדיק אַ שמייכל געטון.

גריגאָרי האָט זיך צעלאַכט.

— אַ ווייב איז נישט קיין בער, זי וועט אין וואַלד אַריין נישט אַנטלויפן.

ער איז אויפגעזעסן אויף די קאָזלעס; אַרונטערגעשטעקט די בייטש אונטערן געזעס, צענומען די לייצן.

— עך, וועל איך דאָס אַ פאָר טון מיט אייך, יעווגעני ניקאָלאַיעוויטש!

— פאָר, וועסט קריגן אויף טיי.

— איך בין אייך אַזוי אויך פאַר אַ סך דאַנקבאַר. נאָך גוט, וואָס איר... האַלט אויס מיין אַקסיניען... גיט איר דעם ביסן... אין מויל אַריין...

גריגאָריעס קול האָט כסדר זיך איבערגעריסן. ביים סאָטניק האָט זיך אַ ריר געטון אַ נישט גוטער פאַרדאַכט. „צי וויינט ער? נו, נאַרישקייטן! פונוואַנען! עס קאָן נישט זיין". ער האָט זיך אויסגעלייגט אויפן אָנלען פון געזעס, פאַרייכערט אַ פאַפּיראָס.

— קומט שנעל צוריק! — האָט דער אַלטער פּריץ זיי נאָכגעשריגן.

פון אונטער די רעדער האָט זיך אַ שנייד געטון אַ שאַרף־פרירנדיקער שטויב. גריגאָרי האָט מיט די לייצן געריסן די ליפּן פון ריסאַק, דערפירט זיין לויפן ביזן שנעלסטן גאַלאָפּ. זיי זענען אין משך פון אַ פערטל שעה שוין געווען אויף דער צווייטער זייט באַרג. באַלד אין ערשטן טאָל איז גריגאָרי אַראָפּגעשפּרונגען פון די קאָזלעס און אַפּערגעכאַפּט די בייטש פון אונטערן געזעס.

— וואָס גייסטו טון?... — דער סאָטניק האָט זיך אָנגעכמורעט.

— אָט... וואָס!

גריגאָרי האָט קורץ זיך פאַרמאָסטן מיט דער בייטש און מיט שרעקלעכער קראַפט אַ זעץ געטון דעם סאָטניק איבערן פּנים. פאָכענדיק מיט דער בייטש, האָט ער געשלאָגן איבערן פּנים, איבער די הענט, נישט לאָזנדיק דעם סאָטניק קומען צו זיך. אַ שטיקל פון די צעהאַקטע פּענסנע האָט זיך איינגעשניטן איבער זיין ברעם. איבערן אויג איז געגאַנגען בלוט. דער סאָטניק

האָט לכתחילה זיך פאַרשטעלט דאָס פנים מיט די הענט, אָבער די קלעפּ זענען געפאַלן אַלץ אָפטער. ער איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ פנים פאַרשענדט פון בלוט-שפּורן און צעקרומט פון צאָרן, געפּרוווט זיך פאַרטיידיקן, נאָר גריגאָרי האָט, אָפּטרעטנדיק, מיט אַ זעץ איבערן געלענק אים פאַראַליזירט די רעכטע האַנט.

— פאַר אַקסיניען! פאַר מיר! פאַר אַקסיניען! נאָכאַמאָל דיר פאַר אַקסיניען! פאַר מיר!

די בייטש האָט געפייפט.

ווייך האָבן אָפּגעקלונגען די שמיץ. דערנאָך האָט ער אים מיט די פויסטן אומגעוואָרפן אויף די האַרטע גרודעס פון וועג און געקייקלט איבער דער ערד, מערדעריש געשלאָגן מיט די געקאָוועטע אָפּצאַסן פון די זעלנערישע שטיוול. בלייבנדיק אָן כוח, האָט ער זיך אַרײַנגעזעצט אין דער בריטשקע, אַ פייף געטון און, נישט שוינענדיק דעם ריסאַק, אים אַ טרייב געטון אין גאַלאָפּ. די בריטשקע האָט ער איבערגעלאָזט פאַרן טויער, דריקנדיק די בייטש אין דער האַנט, און פּלאָנטערנדיק זיך אין די פּאָלעס פון צעקנעפּלטן שינעל, אַרײַנגעזאַלן אין הויז פון דער דינערשאַפט.

אַקסיניאַ האָט אויפן גערויש פון דער אויפגעפּראַלטער טיר זיך אומגעקוקט.

— שלאַנג!... צויג!...

אַ פייף געבנדיק, האָט די בייטש פעסט אַרומגעכאַפּט איר פנים.

שטיקנדיק זיך, איז גריגאָרי אַרויסגעלאָפן אויפן הויף; נישט ענטפערנדיק אויפן זיידן סאַשקעס פראַגן, האָט ער פאַרלאָזט דעם הויף. נאָך אַן אַנדערהאַלבן וויאָרסט האָט אים דעריאָגט אַקסיניאַ.

זי האָט שטאַרק געסאַפּעט און געגאַנגען לעבן אים שווייגנדיק, פון צייט-צו-צייט אַ ריר געבנדיק גריגאָריען ביים אַרבל.

אויפן שייד-וועג, ביים טונקל-ברוינעם צערקווועלע אין סטעפּ, האָט זי אַ זאָג געטון מיט אַ פרעמד ווייט קול:

— גרישאַ, זיי מיר מוחל!

גריגאָרי האָט אַ שטשירע געטון די ציין, אַ געהויקערטער אויפֿגעשטעלט דעם קאָלנער פֿון שינעל.

ערגעץ פֿון הינטן ביים צערקוועלע איז געבליבן אַקסיניאַ. גריגאָרי האָט קיין איינמאָל זיך נישט אומגעקוקט, נישט געזען אַקסיניעס אויסגעשטרעקטע הענט צו אים.

אַראָפּגייענדיק פֿון באַרג צום טאָטערישן כוטאָר, האָט ער מיט שטוינונג דערזען די בייטש אין זיין האַנט, זי אַוועקגעוואָרפֿן און האַסטיק גענומען גיין איבערן געסל. די פֿענסטערלעך זענען באַקלעבט געוואָרן מיט פּנימער, פֿאַרוואונדערטע פֿון זיין באַווייזן זיך. נידעריק האָבן אים באַגריסט די באַגעגנטע באַבעס, וואָס האָבן אים דערקענט.

פֿאַרן טויער פֿון זייער הויף האָט אַ מאָגער שוואַרץ-אויגיק מיידל, אַ שיינהייט, לויפֿנדיק, מיט אַ קוויטש זיך אַ וואָרף געטון אויף זיין האַלדז און געגומען צאַפּלען אויף זיין ברוסט. צונויפֿדריקנדיק מיט די הענט אירע באַקן, האָט גריגאָרי אונטערגעהויבן איר קאָפּ און דערקענט דוניאַשקען.

פֿון גאַנעק האָט געהינקט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, אין דער כאַטע האָט זיך צעוויינט די מוטער אויפֿן קול. גריגאָרי האָט מיט דער לינקער האַנט אַרומגענומען דעם פֿאָטער, די רעכטע האָט געקושט דוניאַשקאַ.

דער ביז ווייטיק באַקאַנטער סקריפּ פֿון די טרעפּלעך — און גריגאָרי איז אויפֿן גאַנעק. די געעלטערטע מוטער איז צוגעלאָפֿן מיט דער פֿלינקייט פֿון אַ מיידעלע, באַנעצט מיט טרערן די לאַצן פֿון זיין שינעל, פֿעסט אַרומנעמענדיק דעם זון, געפּרעפּלט עפּעס אייגנס, אומפֿאַרשטענדלעכס, וואָס קאָן נישט איבערגעגעבן ווערן דורך ווערטער, און אין הויז — קלאַמערנדיק זיך אָן דער טיר, נישט אומצופֿאַלן — איז געשטאַנען די בלייך-געוואָרענע נאַטאַליאַ, פֿיינלעך שמייכלענדיק, און געפֿאַלן, ווי אונטערגעשניטן דורך גריגאָריעס צופֿעליקן, פֿאַרלוירענעם בליק.

• • • • • • • • • •

ביינאַכט האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, שטויסנדיק אילייניטשנען אין דער זייט אַריין, געשעפּטשעט:

– כאַפּ שטילערהייט אַ בליק, צי זיי האָבן זיך געלייגט צוזאַמען, צי נישט?

– איך האָב זיי אויסגעבעט אין בעט.

– כאַפּ אַ בליק, כאַפּ אַ בליק!

איליניטשנאַ האָט אַ קוק געטון אין שטוב אַריין דורך דער שפּאַרע אין דער טיר און זיך אומגעקערט.

– צוזאַמען.

– נו, געלויבט איז גאָט! געלויבט איז גאָט! – האָט דער אַלטער זיך איבערגעצלמט, אונטערהייבנדיק זיך אויפן עלנבויגן, כליפּענדיק.

סוף פון פערטן בוך – ערשטן באַנד.

5.6